STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00490

IN KAMF FAR A NAYER DERTSIUNG

Samuel Niger

Permanent preservation of this book was made possible by
Sara & Zeke Berlin
in memory of
their parents, Anna & Joel Berlin and Esther & Max Krasnow

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ניגער

אין קאמף פאר א נייער דערציאונג

די אַרבעטער-רינג-שולן, זייער אָפּשטאַם, אַנטוויקלונג, וואוקס און איצטיקער צושטאַנד

(1939—1919)

ארויסגעגעבן פון

אַרבעטער-רינג-בילדונגס-קאָמיטעט

ניו-יאָרק, 1940

אַרויסגעגעבן פון בילדונגס־
קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג
לכבוד דעם 40 יאָריקן יובל פון
אַ ר ב ע ט ע ר ־ ר י נ ג

COPYRIGHT
BY
THE EDUCATIONAL DEPARTMENT
OF THE
WORKMEN'S CIRCLE
NEW YORK, 1940

450

אינהאַלט

פון בילדונגס־קאָמיטעט .... VI-IV

פון פּראָפעסער .... VIII-VII

1. וואָרצלען — אין דער אַלטער היים — (אַריינפיר) 1- 22

2. היסטאָרישער הינטערגרונט 23- 40

3. ערשטע טריט 41- 51

4. קאַמף פאַר אָנערקענונג 52- 80

5. וואוקס 81- 106

6. פּראָגראַם 107-139

7. פאָרשול־בילדונג, מיטלשולן און העכערע קורסן 140-160

8. אין און אַרום דער אַרבעטער־רינג־שול (לערערס, עלטערן, טוערס)... 161-183

9. שולביכער, פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן, קינדער־ליטעראַטור 184-191

10. אַלטע קענגער און נייע פריינד 192-208

11. א קורצער סך־הכל 209-212

נאָטיצן 213-218

אַלגעמיינער זובצעטל 219-222

זובצעטל פון נעמען 223-226

פון בילדונגס־קאָמיטעט.

שוין לאַנג, אַז דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט געפּלאַנעוועט אַרויס־צוגעבן די געשיכטע פון די אַ״ר־שולן. מיר האָבן געוואָלט אַרויסברענגען פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט די אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון די אַ״ר־שולן און אַלע שוועריקייטן און שטערונגען, וואָס זיי האָבן באַגעגנט אויף זייער וועג.

די ברייטע יידישע אימיגראַנטן־מאַסן דאָ אין לאַנד האָבן געהאַט דורכצומאַכן גרויסע שוועריקייטן ביז זיי האָבן זיך איינגעבירגערט. אַרויסגעריסן פון די שטעט און שטעטלעך פון דער אַלטער היים, מיט וועלכע זיי זיינען געווען צונויפגעוואַקסן אין משך פון דורות, — איז די גרויסע און פרייע אַמעריקע פאַר זיי געווען אַ פרעמד לאַנד. זיי האָבן געדאַרפט זיך צופּאַסן צו נייע עקאָנאָמישע באַ־דינגונגען, צו אַ נייער שפּראַך און אַ נייער קולטור. אָן אויפגאַבע גאָר ניט קיין גרינגע. ווען די זאָרג פאַר חיונה האָט געפאָדערט אַלע כחות, איז געווען שווער, כמעט אוממיגלעך, צו טראַכטן וועגן קולטור־נויטן און ספּעציעל וועגן אַ יידישער דערציאונג פאַר די קינדער, וואָס זאָל ניט גיין אויף דעם אַלטן וועג פון חדר און דער תלמוד־תורה. מען איז געווען גליקלעך, וואָס פאַר די קינדער זיינען דאָ אין לאַנד געווען אָפן די טירן פון אַלע בילדונגס־און קולטור־אַנשטאַלטן. נאָך דעם פינצטערן גלות־לעבן אין צאַרישן רוסלאַנד, האָבן יידן דאָ אין לאַנד דערפילט, אַז זיי זיינען גלייכע בירגער מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג און אַז זייערע קינדער האָבן אַ צוטריט צו אַלע קולטור־קוואַלן באַגלייך מיט די קינדער פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. דאָס האָט דער ברייטער יידישער אַרבעטער־מאַסע געשטערט צו טראַכטן וועגן אַן אָרגאַניזירט אייגן קולטור־לעבן און וועגן אַ יידישער שול פאַר די קינדער.

יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען דורכגעגאַנגען אין דער אַלטער היים די שול פון „בונד“, האָבן דאָ אין לאַנד געהאַט פאַר זיך אַ גרויסע און וויכטיקע אויפגאַבע: בויען יוניאָנס, כדי זיך צו פאַרגרינגערן דעם יאָך פון דער עקספּלואַטאַציע, כדי צו געווינען מער ברויט און קירצערע אַרבעט־שטונדן פאַר די, וואָס האָבן געפּראַצעוועט אין די סוועט־שעפּער.

זיי האָבן מיטן גאַנצן סאָציאַליסטישן און רעוואָלוציאָנערן ברען זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אויפצובויען די סאָציאַליסטישע און יוניאָן־באַוועגונג דאָ אין לאַנד. זיי האָבן געגרינדעט(?) בויען זייער אייגענע אַרבעטער־און הילף־אָרגאַניזאַציע — דעם אַרבעטער־רינג. אַזוי אַרום, ניט וויל זיי האָבן געוואָלט — אַזוי איז געווען דער גאַנג פון לעבן — האָבן זיי פאַרנאַכלעסיקט די יידישע דערציאונג פון זייערע קינדער.

עס זיינען אָבער צווישן זיי געווען איינצלנע, וואָס האָבן געפילט די וויכטיקייט פון אַ יידישער און סאָציאַליסטישער דערציאונג פאַר די קינדער. אָט די, האָבן אין אַרבעטער-רינג גענומען פאַרשפּרייטן דעם געדאַנק פון אַ יידישער סאָציאַליסטישער שול. זיי האָבן געפילט, אַז ניט יחידים וועלן קאָנען די אַרבעט דורכפירן, נאָר אַז אַ גרויסע פאָלקס-אָרגאַניזאַציע דאַרף זי נעמען אויף זיך. האָבן זיי גענומען אַגיטירן פאַר דעם, אַז דער אַרבעטער-רינג זאָל זיך אָפּגעבן אָט מיט דער וויכ-טיקער היסטאָרישער אַרבעט. עס האָט זיך זיי ענדלעך איינגעגעבן צו באַאיינפלוסן זייער אָרגאַניזאַציע און אַ"ר-שולן האָבן זיך געעפנט. די פּיאָנערן מעגן זיין שטאָלץ מיט זייער גרויסן אויפטו.

*
* *

בעת מיר האָבן באַשלאָסן ארויסצוגעבן די געשיכטע, האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אָן אַ גאַנצער ריי פּראָבלעמען און שוועריקייטן. איין שוועריקייט איז געווען כמעט אוממיגלעך צו באַזייטיקן. מיר האָבן געוואָלט, אַז אין דער געשיכטע זאָלן פאַרצייכנט ווערן די נעמען פון אַלע איבערגעבענע טוערס, מיט וועלכע אונדזערע שול-רייען זיינען אַזוי רייך און וועלכע זיינען אַזוי אידעאַליסטיש טעטיק אין אונדזער באַוועגונג. האָבן מיר זיך אָבער פון דעם געדאַנק געמוזט אָפּזאָגן. דאָס איז געווען אַ צו שווערע אויפ-גאַבע. מיר האָבן אויסגעקליבן אָן אַנדער אופן ווי אַזוי די געשיכטע זאָל געשריבן ווערן. אין דעם פאָרליגנדיקן בוך וועט דער לעזער געפינען מער אָן אַלגעמיינעם געשיכטלעכן איבערבליק, וואָס ברענגט אַרויס די וויכטיקסטע פאַזעס אין דער אַנטוויקלונג פון אונדזער שול און שטעלט זיך אָפּ אויף די וויכטיקסטע מאָמענטן פון אונדזער שוללעבן במשך פון די לעצטע 20 יאָר.

מיר האָבן אויסגעקליבן פריינד ש. ניגערן פאַר דעם שרייבער פון דער געשיכטע. ש. ניגער איז אויף דעם, אָדער אַנדער אופן, פאַרבונדן מיט אונדזער שול פון דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז געקומען קיין אַמע-ריקע. מיר האָבן באַטראַכט, אַז ער איז די פּערזאָן, וואָס איז קאָמפּעטענט אויסצופאָרשן די אַלע כחות, וואָס האָבן באַווירקט דעם אויפקום פון אונדזער שול און איר ווייטערדיקע אַנטוויקלונג.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער איצטיקער געשיכטע פון אונדזער שול האָט ניט געקאָנט אויסגעשעפּט ווערן דער גאַנצער מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אין פאַרלויף פון 25 יאָר אָנגעזאַמלט. כדי אַלץ אויסצו-שעפּן וואָלט מען געדאַרפט אָנשרייבן אַ געשיכטע אין עטלעכע בענד. אָבער מיר קאָנען מיט צופרידנקייט זאָגן, אַז דאָס וויכטיקסטע און דאָס וואָס האָט אָן אַלגעמיינעם ווערט און אינטערעס, איז אין דער איצטיקער געשיכטע אריינגענומען געוואָרן.

אונדזער שול-באַוועגונג איז רייך אין אידעאַליזם, און איז ענג פאַרבונדן מיט דעם גאַנצן יידישן קולטור-לעבן. די יידישע שול-באַוועגונג, ספּעציעל די אַ"ר-שול-באַוועגונג, איז דאָס הייליקע פּייערל, אַרום וועלכן עס וואַרעמען זיך טויזנטער יידישע פאָלקסמענטשן און אינטעליגענטן. הונדערטער לערערס און שולטוערס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַרבעט פאַר אונדזער שול. אַ דאַנק זייער איבערגעבנקייט איז זי געוואַקסן, האָט זי זיך אַנטוויקלט און בייגעקומען אַלע שטערונגען, אַלע שוועריקייטן און אַלע שטרויכלונגען.

היינט קאָנען מיר מיט שטאָלץ זאָגן, אַז די אַ"ר-שול האָט זיך דערוואָרבן אַן אָנגעזען אָרט אין אַלע קרייזן פון יידישן לעבן. עס ריידן וועגן דער שול מיט פרייד און ליבשאַפט אונדזערע פריינד. אַפילו אונדזערע קעגנער באַציען זיך צו איר מיט דרך-ארץ און באַוואונדערן די עקשנות און דעם אויסדויער פון אַלע אונדזערע שולטוערס און לערערס.

דער אַ"ר פּייערט איצט זיין 40-יאָריקן יובל. דער בילדונגס-קאָמיטעט צוזאַמען מיט דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע האָט באַשלאָסן צוטראָגן אונדזער אָרגאַניזאַציע אַ ווירדיקע מתנה צו איר יום-טוב: די געשיכטע פון אונדזער שול. זאָל דאָס בוך באַשיינען דעם יום-טוב פון דעם 40-יאָריקן יובל פון אונדזער אָרגאַניזאַציע, וואָס איר געשיכטע איז דורכגעדרונגען מיט ליבע צו אַלץ, וואָס איז שיין אין יידישן לעבן, צו אַלץ, וואָס איז אידעאַליסטיש קעמפעריש, צו אַלץ וואָס ווערט באַלויכטן מיט דעם הערלעכן אידעאַל פון סאָציאַליזם.

אונדזערע שולן האָבן דעם אַ"ר פאַרשאַפט אַ סך כבוד, אַ סך אַנזען. אָבער דער אַרבעטער-רינג האָט די שולן געבויט ניט צוליב דעם כדי זיי זאָלן אים כבוד פאַרשאַפן, נאָר ווייל אונדזער ברייטע מיטגלידערשאַפט האָט באַגריפן די נייטיקייט פון אַזאַ אינסטיטוציע ווי די אַ"ר-שולן.

דער שרייבער פון דער געשיכטע, פריינד ש. ניגער, האָט זיך ניט באַגרענעצט מיט דער געשיכטע פון אונדזער שול-באַוועגונג. ער האָט געפּרוּווט אַרומנעמען אַלע כחות, וואָס האָבן געווירקט, אַז אַ יידיש-פּראָגרעסיווע שול זאָל אויפקומען דאָ אין לאַנד. ער האָט זיך מיט רעכט אָפּגעשטעלט אויף די שפּראָצונגען פון אַ יידישער פּראָגרעסיווער שול אין אונדזער אַלטער היים. די שפּראָצונגען האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן געבורט און אַנטוויקלונג פון דער אַ"ר-שול-באַוועגונג.

מיר האָפן, אַז די טויזנטער מיטגלידער פון אַרבעטער-רינג וועלן מיט ליבע און אינטערעס אויפנעמען די מתנה וואָס מיר גיבן זיי צו דעם 40-יאָריקן יובל פון זייער אָרגאַניזאַציע: די געשיכטע פון דער אַרבעטער-רינג-שול.

נ. כאַנין, בילדונגס-דירעקטאָר פון אַרבעטער-רינג

פון פאַרפאַסער

עס איז נייטיק אַנצואווייזן אויף די שוועריקייטן, וואָס איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף זיי, ווען איך האָב זיך גענומען פאַר אָט דער אַרבעט.

א. די ערשטע מניעה איז געווען דאָס, וואָס דער מאַטעריאַל, וועל־כער איז נייטיק אויף צו שרייבן די געשיכטע פון די אָ״ר־שולן, איז פון קיינעם קיין מאָל נישט געזאַמלט געוואָרן. עס זיינען נישט אויפגעהיט געוואָרן קיין שום אַרכיוו־דאָקומענטן, כמעט קיין שום געשריבענע פּראָ־טאָקאָלן, באַריכטן אד״גל. אַפילו די דרוקזאַכן, וואָס זיינען שייך צו דער אָ״ר־שול, צו איר געשיכטע און פאַרגעשיכטע, איז נישט לייכט געווען אויפצוזוכן, און אַפילו די זשורנאַלן, אַלמאַנאַכן, אויפרופן, פּלאַקאַטן און ענלעכע זאַכן, וואָס די שולן גופא האָבן אַרויסגעגעבן זיינען אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן נישט געזאַמלט געוואָרן, און ווייט נישט אַלע זיינען אויפגעהיט געוואָרן . . .

ב. די דאַטעס און פאַקטן, וואָס מיר איז געלונגען אויפצוזאַמלען, רירן אָן אַזוי פיל פאַרשיידענע זייטן פון דער אָ״ר־שול־אַרבעט, אַז ווען די אַלע פאַרשיידענע דאַטעס זאָלן געגעבן ווערן, אין אַ כראָנאָלאָגישער אָרדענונג, אַלע אין איינעם, וואָלט געווען שווער צו שאַפן זיך אַ קלאָר בילד פון דעם אַנטוויקלונגס־וועג, וואָס די אָ״ר־שול האָט דורכגעמאַכט אין משך פון איר צוואַנציקיאָריקער עקסיסטענץ. אַזוינע פאַרשיידענע זאַכן, ווי דער קאַמף מיט די קעגנער, די ענדערונגען אין דער פּראָגראַם, די לערנביכער אָדער די פאַרוואַלטונג פון די שולן וואָלטן צונויפגעמישט געוואָרן, און עס וואָלט געווען אַן אמתער מישמאַש. דערפאַר איז דער כראָנאָלאָגישער מעטאָד דאָ קאָמבינירט געוואָרן מיט דעם מעטאָד פון מאָנאָגראַפיעס, און די אַלע פאַקטן, דאַטעס, דאָקומענטן און דערקלע־רונגען זיינען סאָרטירט אָדער גרופּירט געוואָרן לויט זייער שייכות צו דער אָדער יענער באַזונדער זייט פון דער אָ״ר־שול־בויאונג: פאַרגייערס, קאַמף פאַר אָנערקענונג, פּראָגראַם, ליטעראַטור אאַז״וו.

ג. די אָ״ר־שול איז אַ טייל פונעם אינעווייניקסטן לעבן און דער אינעווייניקסטער אַנטוויקלונג פונעם אַרבעטער־אָרדן. זי איז צו גלייכער צייט אָבער אויך אַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער יידישער דערציאונג־און קולטור־באַוועגונג. איז אויפגעקומען אַ פראַגע: פון וואָס פאַר אַ שטאַנדפּונקט זאָלן די 20 יאָר אָ״ר־שול־אַרבעט באַשריבן ווערן — פונעם ספּעציעלן אַרבעטער־רינג־שטאַנדפּונקט אָדער פון אַן

אַלגעמיין־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט? כדי ניט צו דאַרפן זיך אַריינ־לאָזן אין צו פיל טעכנישע און ריין אָרגאַניזאַציאָנעלע איינצלהייטן, וואָס וואָלטן נישט געקאָנט האָבן קיין אַלגעמיינעם אינטערעס, האָב איך זיך געמיט איינצופּאַסן דאָס בילד פון דער אַ״ר־שול־באַוועגונג אין דער ראַם פון דעם אַלגעמיינעם יידישן קולטורלעבן.

מיט מינדלעכער אינפאָרמאַציע, אָנווייזונגען און פאַרשיידענע מאַטעריאַלן זיינען מיר שטאַרק באַהילפיק געווען די פריינד ב. צביון, נ. כאַנין, ז. יעפּרויקין, י. ישורין, יעקב לעווין, נ. פיינערמאַן, מענדל עלקין, ז. שער, — און איך זאָג זיי דאָ אַלעמען: אַ דאַנק!

אַ באַזונדער דאַנק קומט פריינד ז. יעפּרויקינען פאַר זיין העלפן מיר צוגרייטן דעם מאַנוסקריפּט צום דרוק.

* *
*

דער אויסלייג פון דעם בוך איז, מיט קליינע אויסנאַמען, לויט די תקנות פון ייוואָ. אין די ציטאַטעס, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם בוך, האָבן מיר איבערגעלאָזן די אַלטע אויסדרוקן און אָפּט אויך דער אויפן פון אַמאָליקן אויסלייג.

I

װאָרצלען (אין דער אַלטער היים)

אַרײַנפיר

א.

די געשיכטע פון דער אַרבעטער־רינג־שול איז מער ווי די געוויינטלעכע געשיכטע פון אַ דערציאונג־און קולטור־אַנשטאַלט. ס'איז דער וועג פון אַן אידיי. ס'איז די עוואָלוציע פון אַ קולטור־באַוועגונג.

אַ שפּאַר ביסל צייט איז אַריבער ביז די נייע אידיי איז טיף אַרײַנגעדרונגען אין די מוחות פון די פירערס, אין דעם לעבן פון די מאַסן. יאָרן לאַנג האָט אַרום די אַרבעטער־רינג־שולן געברענט און געפלאַקערט אַ מלחמה: יע שול—ניט שול! עס זיינען געווען דריי צדדים: א. הייסע חסידים, ב. פייערדיקע קעגנער, ג. גלייכגילטיקע. און מע דאַרף ניט מיינען, אַז דאָס איז געווען בלויז אַ פאַמיליען־קריג צווישן די מיטגלידער פון דעם אַרבעטער־אָרדן. דאָס איז געווען אַ סך אַ טיפערער און אַ ברייטערער קאָנפליקט. דאָס איז, אין תוך גענומען, געווען אַ צוזאַמענשטויס צווישן פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע ריכ־טונגען. אַ מלחמה צווישן לעבנס־פילאָזאָפיעס, וואָס יעדע פון זיי האָט גע־שטרעבט צו באַהערשן דאָס גאַנצע יידישע אַרבעטער־און פאָלקס־לעבן. פון דער אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכער סביבה האָבן די פאַרשיידענע שיטות זיך אַרײַנגעריסן אינעם סאָציאַליסטישן אָרדן, אַזוי, אַז זייער צוזאַמענשטויסן זיך אינעווייניק אינעם אַרבעטער־רינג איז געווען אַ רעזולטאַט און אַ המשך פונעם אידייען־קאַמף, וואָס האָט פריער נאָך אַרומגעכאַפּט שיר ניט די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט.

ווען האָט זיך דער דאָזיקער אידייען־געראַנגל אָנגעהויבן? פריער, אַ סך פריער, ווי מיט צוויי צענדליק יאָר צוריק, אַ סך פריער, איידער מען האָט נאָך געוואוסט ביי אונדז פון אַזאַ אָרדן, ווי דער א״ר.

אין אַרבעטער־רינג גופא האָט זיך די הייסע דיסקוסיע אַרום דער שול־פראַגע אָנגעהויבן נאָך איידער די „קאָנווענשאָן" פונעם אָרדן האָט אין יאָר 1916 — מיט זייער אַ קליינער מערהייט — צוגעגעבן אין פרינציפּ די נייטיקייט פון יידישע שולן. היינט ווער רעדט נאָך אַרום דעם א״ר, אינעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט זיך דער קאַמף פאַר און קעגן יידיש־וועלטלעכער דערציאונג צעפלאַקערט נאָך אין דער אַלטער היים, אויף יענער זייט ים.

נאָך איידער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז אויפגעקומען ביי די מזרח־אייראָפּעאישע יידן און נאָך איידער אפילו עס האָט זיך אָנגעהויבן די יידישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, איז שוין קענטיק געווען דער קריזיס אין דער טראַדי־ציאָנעלער יידישער דערציאונג.

די פּיאָנערן פון דער השכלה האָבן מיט אָנדערטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק שוין געטייט מיטן פינגער אויף דער אָפּגעלעבטקייט פונעם חדר, און איינע פון זייערע ערשטע און וויכטיקסטע פאָדערונגען איז געווען אַ נייע, אַ מער מאָדערנע און אַ מער וועלטלעכע פּראָגראַם פון יידישער דערציאונג. און כאָטש מיט היינטוועלטיקייט און מיט וועלטלעכקייט שעפּט זיך נאָך ווייט נישט אויס די פּראָגראַם פון דער אַרבעטער־רינג־שול, מוז דאָך די השכלה, דער הויפּטקוואַל פון וועלטלעכקייט אין יידישער דערציאונג, באַטראַכט ווערן פאַר איינעם פון יענע וואָרצלען, פון וועלכע אונדזער שול איז אַרויסגעוואַקסן. זי האָט דער אויפקלערונגס־באַוועגונג צו פאַרדאַנקען זייער אַ סך. אמת טאַקע, די דירעקטע אורזאַך פונעם קאַמף, וואָס איז געפירט געוואָרן אין אַ״ר אַרום דער שולפראַגע, איז געווען נישט דער קאָנפליקט צווישן רעליגיעזער און סעקולערער יידישקייט, נאָר דער אַנטאַגאָניזם צווישן „קאָסמאָפּאָליטישע“ און נאַציאָנאַל־יידישע שטרעמונגען אין דער אַרבעטער־וועלט. והראיה, ווען די דאָזיקע צוויי „איזמען“ האָבן זיך שפּעטער ווי עס איז אויסגעגליכן צווישן זיך, איז דער קאַמף איינגעשטילט געוואָרן. דאָך איז דער היסטאָרישער אָנהייב פון אונדזער שולפּראָבלעם פאַרבונדן ניט מיט יענער צייט, ווען אויף אונדזער געזעלשאַפטלעכער אַרענע האָבן זיך באַוויזן, גרייט צו קעמפן פאַר העגעמאָניע, פון איין זייט, די סאָציאַליסטישע מחנה און פון דער אַנדער זייט, דער לאַגער פון יידישן נאַציאָנאַליזם. ניין, ניט אין יענער צייט, נאָר אין אַ פריערדיקער עפּאָכע, אין דער עפּאָכע פון אויפקלערונג, מוז געזוכט ווערן דאָס קערנדל פון דער מאָדערנער יידישער דערציאונגס־אידיי.

די השכלה האָט אַ סך זאַכן געלערנט יידן. פריער ווי אַלץ און מער ווי אַלץ האָט זי זיי געלערנט צו געבן זייערע קינדער אַ נייעם סאָרט דערציאונג.

פון דער השכלה האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז מע דאַרף זיך נישט פאַר־לאָזן אויף ניסים און אַז מע דאַרף זיך פירן שכלדיק אין אַלע ענינים, נישט נאָר אין פּרנסה־זאַכן. אַ דאַנק די משכילים האָבן מיר זיך באַקענט מיט דער אייראָפּעאישער קולטור און דערנענטערט זיך צו איר וועלטלעכן גייסט.

דער עיקר אָבער איז, וואָס מיט דער הילף פון דעם השכלה־דור איז צעאַקערט געוואָרן דער באָדן, אויף וועלכן עס איז שפּעטער אַ ביסל געפאַלן די זריעה סיי פון דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, סיי פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער רענעסאַנס־באַוועגונג. דיביידע נייע כחות וואָלטן נישט אויסגעוואַקסן און ניט געגעבן קיין פּרוכט אינעם יידישן לעבן, ווען די השכלה וואָלט פריער נישט פריי געמאַכט אונדזער געזעלשאַפטלעכן געדאַנק. אָבער איידער נאָך דער

פראַצעס פון פּראָוועלטלעכן דאָס ייִדישע לעבן און שטרעבן האָט געפירט, פון איין זייט, צום סאָציאַליזם, און פון דער אַנדער זייט, צו דער נאַציאָנאַלער ייִדישער אויפלעבונג — האָט ער באַוויזן אַריינצוברענגען גייע טענדענצן אין דער ייִדישער דערציאונג.

אויף די געביטן פון דער ייִדיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג און דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער אופוואַכונג האָט דער דור פון השכלה געטאָן בלויז אומדירעקטע פּיאָנערן־אַרבעט און געטאָן זי אָפט קעגן זיין ווילן און אָן זיין וויסן; וואָס עס איז אָבער שייך צו דער פּראָוועלטלעכטער ייִדישער דערציאונג, האָט דער משכיל אויף אַ דירעקטן און דורכויס באַוואוסטזיניקן אופן געהאָלפן זי אַריינפירן אין דער ייִדישער וועלט. ער האָט, אמת, נישט אַריינגעלייגט אין דער אידיי פון וועלטלעכקייט דעם קאָנקרעטן אינהאַלט, וואָס מיר לייגן אין איר אַריין. ער האָט אָבער ענלעך צו אונדז געשטרעבט צו אַ ייִדישער שול, וואָס זאָל זיין נישט מיטלעלטערלעך, נאָר מאָדערן. אַזוי ווי מיר ווילן איצט דערציען דעם יונגן דור אינעם גייסט פון אונדזער צייט, אינעם גייסט פון סאָציאַלן יושר און נאַציאָנאַלער קולטור, האָט דער משכיל געזוכט צו פּראָוועלטלעכן און צו מאָדערניזירן די ייִדישע דערציאונג אינעם גייסט פון זיין צייט, אינעם השכלה־גייסט, וואָס דאָס איז געווען דער גייסט פון ליבעראַליזם און אייראָפּעאישקייט.

די דאָזיקע שטרעבונג פון די אויפקלערער האָט זיך אין רוסלאַנד געפילט שוין סוף 18טן יאָרהונדערט. קיין השכלה־באַוועגונג איז נאָך נישט געווען צווישן די רוסישע ייִדן, אָבער עס זיינען געווען שוין יחידים, וואָס זיינען געגאַנגען אין חדר צו משה מענדעלסאָנען, דעם פאָטער פון דער ייִדישער אויפקלערונג — און זיי האָבן אָנגעהויבן דערפון, וואָס זיי האָבן געוואָלט רעפאָרמירן — און דאָס האָט געמיינט מאָדערניזירן און פּראָוועלטלעכן — די דערציאונג פון די ייִדישע קינדער.

אַזוי, צום ביישפּיל, האָט איינער אַ מאָהילעווער משכיל מיטן נאָמען יעקב הירש שוין אין יאָר 1783 צוגעשטעלט דער רוסישער רעגירונג אַ פּראָיעקט „וועגן עפענען אַ ייִדישע שול אין מאָהילעוו און, לויט איר מוסטער, אַנדערע ייִדישע שולן אין גאַנץ וויסרוסלאַנד". איי, וואו וועט מען נעמען לערערס? מע וועט זיי אויסשרייבן, האָט ער פּראָיעקטירט, פון דייטשלאַנד מיט דער הילף פון מאַזעס מענדעלסאָן.[1]

אַן אַנדער משכיל האָט (מיט עטלעכע יאָר שפּעטער) צוגעגרייט אַ מעמאָראַנדום, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן, אַז די ייִדישע רעפאָרם דאַרף זיך אָנהייבן פון עפענען „געזעלשאַפטלעכע שולן, אין וועלכע די ייִדישע יוגנט זאָל זיך לערנען רוסיש, דייטש און העברעאיש."[2]

אַזוי, אַז נאָך פאַר יצחק בער לעווינסאָנען (1788־1860), „דעם רוסישן מענדעלסאָן", האָבן משכילים אין רוסלאַנד שוין געחלומט וועגן אַ פּאַר־

וועלטלעכטער יידישער שול. מיט דער הילף פון יצחק בער לעווינסאָן, זיינע חברים און תלמידים איז דער חלום מקוים געוואָרן. שוין אין דעם ערשטן פונקט פון דער פּראָגראַם פון רעפאָרמען וואָס יצחק בער לעווינסאָן האָט אויסגעאַרבעט, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער נייטיקייט „צו גרינדן גוט איינגע־אָרדנטע שולן", און כאָטש ער האָט נישט געוואָלט אָנרירן דעם רעליגיעזן יסוד פון יידישן חינוך — ער איז געווען איינער פון די משכילים, וואָס איז געשטאַנען נאָך זייער נאָנט צו דער רעליגיעזער טראַדיציע, — האָט ער פון דעסטוועגן געזוכט צו מאָדערניזירן די סיסטעם פון יידישער דערציאונג, און אין דער פּראָגראַם פון די העברעאישע שולן, וואָס ער האָט געפּלאַנעוועט, האָט ער איינגעשלאָסן „אַלערליי וויסנשאַפטן און שפּראַכן".[3]

און נישט נאָר י. ב. לעווינסאָן, אויך איינער פון זיינע פאָרגייערס, מענדל לעפין (1741-1819) האָט די פאַרוועלטלעכונג פון דער יידישער דערציאונג געהאַלטן פאַר דער וויכטיקסטער פון אַלע נייסן, וואָס די השכלה האָט געוואָלט איינפירן אינעם יידישן לעבן. מענדל לעפין האָט פּראָיעקטירט אַ „נאָרמאַלע" יידישע שול נאָך אין די 80ער יאָרן פון 18טן יאָרהונדערט.[4]

יוסף פּערל (1773-1839), מענדל לעפינס פריינד און תלמיד, האָט אין טאַרנאָפּאָל, גאַליציע, געגרינדעט אַ שול, — די ערשטע יידישע שול, וואו תורה איז געווען פאַראייניקט מיט וועלטלעכע לימודים. לויטן מוסטער פון פּערלס שול זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן שולן אין אומאַן, אין בראָד, אין לעמבערג, אין אָדעס.

איינער פון די מיטגרינדער פון דער אָדעסער שול אין יאָר 1826 איז געווען ישראל אַקסענפעלד (1787-1866) דער ערשטער יידישער ראָמאַניסט. צווישן די פּיאָנערן פון דער נייער יידישער דערציאונג אין אומאַן איז געווען דער העברעאיש-יידישער משכיל חיים חייקל הורוויץ, (1750-1822). אין דער טאַרנאָפּאָלער שול האָט מען אַגב געלערנט אויך יידיש, כאָטש די שפּראַך פון די לימודים איז געווען דייטש.[5]

מיר האָבן דערמאָנט די נעמען פון יצחק בער לעווינסאָן, מענדל לעפין, יוסף פּערל, ישראל אַקסענפעלד, חיים חייקל הורוויץ—אַלץ שרייבערס, העברעאישע און יידישע . . . און דאָס איז ניט קיין צופאַל. צווישן דער נייער יידישער דערציאונג און דער נייער יידישער ליטעראַטור איז געווען אַ גרויסע און אַן אינטימע שייכות. אָבער דאָס געהערט ניט צו אונדזער ענין. וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן איז, אַז די ערשטע שריט אויפן וועג פון דער נייער יידישער שול זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך אין די ערשטע יאָרן פון דער אויפקלערונגס-עפּאָכע. און ווען מיר ווילן אויפזוכן די וואָרצלען פון דער אַרבעטער-רינג-שול, איינעם פון די יינגערע צווייגן אויפן אַלטן בוים פון דער יידישער דערציאונג, טאָרן מיר נישט פאַרגעסן די שטרעבונגען און די אויפטואונגען פון דער השכלה.

ב.

די השכלה האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דער וועלטלעכער ייִדישער דערציאונג; זי האָט אָבער נישט געבויט דעם בנין. זי האָט אים נישט געקאָנט בויען. האָט זי אים פאַרלאָזן און איז אַוועק אויף פרעמדע וועגן. זי איז נישט געבליבן ביי דעם סינטעז צווישן ייִדישקייט און וועלטלעכקייט, — ביי דעם סינטעז, וואָס זי האָט אין אָנהייב פון איר אַנטוויקלונג געפּרוּווט מאַכן. אין רוסלאַנד, אַזוי ווי אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך, האָט זיך די השכלה־באַוועגונג דערווייטערט פון אירע ערשטע אידעאָלאָגן, די מענדעלסאָנס, און די לעווינסאָנס — און די דערציאונג, וואָס זייערע תלמידים, די שפּעטערדיקע משכילים, האָבן געפּרעדיקט און פּראַקטיצירט, איז, וואָס ווייטער, אַלץ מער אָפּגעריסן געוואָרן פונעם ייִדישן פאָלקסלעבן. זי איז געוואָרן אַלץ מער „וועלט־לעך" (פאַקטיש: דייטש, אָדער רוסיש) און אַלץ ווינציקער ייִדיש. די שולן וואָס זיינען אין סוף 18טן יאָרהונדערט געווען אונטער דער השגחה פון הערץ האָמבורג אין עסטרייך, ווי אויך די שולן, וואָס זיינען אין מיטן 19טן יאָר־הונדערט געגרינדעט געוואָרן מיט דער הילף פון ד"ר מאַקס ליליענטאַל אין רוסלאַנד — זיינען מיט דער צייט געוואָרן נעסטן פון עקסטרעמער אַסימילאַציע.

פאַר אַ טייל פירערס פון דער השכלה־באַוועגונג איז אפילו די „קאַזיאָנע" (פון דער רעגירונג אויסגעהאַלטענע) שול פאַר ייִדישע קינדער געווען צו פיל. זי האָט לויט זייער מיינונג באַהאַלטן אין זיך די „געפאַר" פון „ייִדישער אָפּגע־זונדערטקייט", און אַ סך פון זיי האָבן נישט איין מאָל אויסגעדריקט אַ וואונטש, אַז די רעגירונג זאָל שליסן די ספּעציעלע ייִדישע שולן און אַריינגעמען די ייִדישע קינדער אין די אַלגעמיינע שולן.[6]

עס זיינען, אמת, געהערט געוואָרן אויך אַנדערע שטימען, שטימען פון אַזוינע ווי ש. י. אַבראַמאָוויטש אָדער א. צעדערבוים, וואָס האָבן נאָך אַלץ געוואָלט פאַראייניקן וועלטלעכקייט מיט ייִדישקייט, נאָך אַלץ געוואָלט האָבן אַזוינע שולן, פון וועלכע די קינדער זאָלן „אַרויסגיין", ווי צעדערבוים האָט זיך אויסגעדריקט, „מיט אַ גוטן באַגריף פון ייִדן און ייִדנטום, זאָלן וויסן אַלץ, וואָס אַ ייִד דאַרף וויסן אין פּראַקטישן און רעליגיעזן לעבן, — און דאָס וועט שטאַרקן זייער גייסט צו ייִדישקייט. דערצו וועלן זיי קענען דאָס נייטיקע צו דעם וועלטלעכן לעבן, וועלן קענען ריידן מיט אַ קריסט אאַז"וו".[7]

אָבער נישט געקוקט אויף די שטרעבונגען פון אַזעלכע קאָנסערוואַטיווע משכילים ווי אַבראַמאָוויטש און צעדערבוים זיינען געווען, איז דער פּאָדעם, וואָס האָט זיך געהאַט אָנגעהויבן שפּינען צווישן דער ייִדישער אויפקלערונגס־באַוועגונג און דער ייִדישער שול, כמעט אין גאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. אָבער נאָר צייטווייליק. נייע אומשטאַנדן האָבן זיך געוויזן, — און דער פּאָדעם איז ווידער אַ מאָל אויפגעכאַפּט געוואָרן. די השכלה איז נישט געבליבן אויף

שטענדיק אַסימילאַטאָריש, אַזוי ווי זי איז ניט תמיד געווען בורזשואַז־אינדי־ווידואַליסטיש. עס איז געקומען אַ צייט, ווען זי האָט פאַרוואָרפן דעם ליבעראַלן אינדיווידואַליזם און זיך געלאָזט אויסנוצן אין די אינטערעסן פון סאָציאַליס־טישער פּראָפּאַגאַנדע. פּונקט אַזוי איז אין איר אַנטוויקלונגס־געשיכטע אָנגע־שטאַנען אַ פּעריאָד, ווען זי האָט אויפגעהערט צו זיין אַסימילאַטאָריש און האָט פאַרקערט גענומען העלפן אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין פון די יידישע מאַסן.

בלויז אין מיטן 19טן יאָרהונדערט האָט זי אין רוסלאַנד געשטרעבט צום בורזשואַזן ליבעראַליזם און צו רוסיפיקאַציע. סוף 19טן יאָרהונדערט האָט די אַסימילאַטאָרישע השכלה אָנגעהויבן פאַרביטן צו ווערן מיט אַ נאַציאָנאַלער השכלה, און דאָס אָרט פון אויפקלערער־ליבעראַלן האָבן אין די פּראָגרעסיווע קרייזן אָנגעהויבן צו פאַרנעמען משכילים־סאָציאַליסטן.

צווישן אַט די נייע נאַציאָנאַל־געשטימטע אָדער סאָציאַליסטיש־אָריענ־טירטע משכילים זיינען שוין אין די 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געווען מענטשן, וואָס האָבן געחלומט וועגן אַ מאָדערנער נאַציאָנאַלער דערציאונג ביי יידן, וועגן אַ יידישער דערציאונג, וואָס זאָל זיין וועלטלעך און וועגן אַ וועלטלעכער דערציאונג, וואָס זאָל זיין יידיש־נאַציאָנאַל.

די שטרעבונג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר דער השכלה־באַוועגונג אין דעם ערשטן פּעריאָד פון איר אַנטוויקלונג, די שטרעבונג צונויפצופּאָסן וועלטלעכקייט מיט רעליגיעזער יידישקייט, איז אינעם צווייטן פּעריאָד פון דער השכלה פאַרביטן געוואָרן מיט אַן אַנדער שטרעבונג, מיט דער שטרעבונג צו שאַפן אַ סינטעז צווישן וועלטלעכקייט און נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר יידישקייט. עס האָט זיך שוין מער ניט גערעדט וועגן בילדונג בלויז פאַרן יחיד, ווי פריער. דער אידעאַל איז געווען פאָלקסבילדונג, נאַציאָנאַלע בילדונג. מען האָט זיך באַפרייט פון דער אַלט־משכילישער איינריידעניש, אַז מע קאָן ראַטעווען דאָס פאָלק דורך דעם, וואָס מע וועט אויפלעבן יחידים; מען האָט שוין, פאַרקערט, געשיקט דעם יחיד צום פאָלק, צו זיינע היסטאָרישע אוצרות. דער איינציקער ייד האָט איצט שוין געזאָלט זוכן אַ תיקון פאַר זיך אינעם תיקון פונעם כלל און ניט פאַרקערט, דער כלל — אין דער עמאַנסיפּירונג פונעם יחיד. „נישט איינצעלנע מענטשן דאַרפן און קאָנען זיין פאַראייניקט, נאָר דאָס פאָלק", — האָט דערקלערט י. ל. פּרץ אין זיין באַוואוסטן פּראָגראַם־אַרטיקל „בילדונג". „דאָס פאָלק", האָט ער אין דעם זעלביקן אַרטיקל געשריבן, „האָט אין זיך אַ מאַסע לעבנסקראַפט, אַן אוצר ענערגיע . . . דאָס פאָלק איז אַן אייביקע בלום". און דער יחיד מוז אָנקומען צום פאָלק. „אַ יחיד", לייענען מיר דאָרט ווייטער, „איז קיין פרייער איינציקער פּונקט אויף דער וועלט; ער איז אַן אויג אין דער נעץ, וואָס פאַרשפּרייט זיך אויף אַ געוויסן פּלאַץ אויף דער ערד; די נעץ איז זיין דור. אַ מענטש איז אין איין וועגס אַ רינגעלע פון

דער אומגעהייריקייט, וואָס ציט זיך פון אַבֿרהם־אָבֿינו עד סוף כּל הדורות".[8] און אויב ער איז אַ רינגעלע אין דער קייט פון פֿאָלק, מוז ער אין דער קייט — אין אָט דער גאָלדענער קייט — זיין איינגעפלאָכטן. ווי קאָן ער אָבער זיין אין איר איינגעפלאָכטן, אויב ער ווערט ניט דערצויגן אינעם גייסט פונעם פֿאָלק און אויף זיין שפּראַך? האָט מען אָנגעהויבן ריידן וועגן יידישער דערציאונג, — און מען האָט אין זינען געהאַט שוין וועלטלעך־נאַציאָנאַלע, נישט בלויז רעליגיעזע דערציאונג. מען האָט שטאַרק נישט געוואָלט ליידן, וואָס די געבילדעטע יוגנט ווערט, אַלץ ווייטער, וואָס מער אָפּגעפרעמדט און אָפּגעריסן פונעם יידישן לעבן. מען האָט געהאַט מוראדיקן פּאַרדרוס, וואָס „יענע", ווי דינעזאָן האָט זיך אויסגעדריקט, „נאַרישע קינדער אין היינטיקע צייטן, וועלכע קומען פון די גימנאַזיעס און אוניווערזיטעטן, וואו זיי האָבן אויף זייערע עלטערנס הוצאות געשטודירט, צוריק צו זייערע עלטערן, די פּשוטע, ניט געקינסטלטע יידן, — און זיי, די קינדער, ווילן מיט זיי מער קיין יידיש וואָרט ניט אויסריידן . . . באַליידיקט ניט אַזאַ באַנעמונג פון געבילדעטע קינדער זעלבסט דעם איש פּשוט וואָס ער זעט עס צו? אָדער קאָן אַזוי אַן ערשיינונג . . . סובל זיין אַיין נפש יפה — צו זען דעם צער פון עלטערן, וועלכע עס קאָנען ניט מיט זייערע קינדער זיך צוזאַמענריידן — און ניט פאַראַכטן און פאַרהאַסן יענע קינדער אין זייער נאַרישן ניט־נייטיקן שטאָלץ?"[9]

די משכּילים פון דינעזאָנס טיפּ, אָט די נ י י ע משכּילים האָבן זיך איינגעשטעלט, ווי מיר זעען, פאַר די עלטערן און זיינען ניט אין גאַנצן צופרידן געווען מיט דעם יונגן דור — פונקט פאַרקערט ווי דער פֿאַל איז געווען מיט די אַ ל ט ע משכּילים: יענע האָבן אין זינען געהאַט נאָר די געבילדעטע קינדער און זיינען געווען גלייכגילטיק צו דעם צער פון די עלטערן . . . די לאַגע האָט זיך אַזוי שטאַרק געענדערט, אַז ביי די „קינדער" גופא האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אַ שטרעבונג צו דערנענטערן זיך צו זייערע עלטערן און בעסער זיך באַקענען מיט זייער לעבן און שטרעבן. „מיר זיינען נישט באַקאַנט מיטן יידישן לעבן, האָט זיך אין יאָר 1888 געקלאָגט אַ פאַרשטייער פון דער נייער, נאַציאָנאַל־געשטימטער יוגנט, — ווייל מיר האָבן נישט געזען דאָס לעבן פונעם המון און פונעם גאַנצן פֿאָלק."[10] און פריער נאָך מיט אַ יאָר, האָט י. ח. ראַבניצקי, אַ יונגער פּרעדיקער פון יידישן נאַציאָנאַליזם און חבת־ציון, געשריבן אין אַ ליד וועגן די געבילדעטע קינדער: „אַז זיי בלייבן נאָך יידן איז נאָר גאָטס וואונדער. יידן! מיט וואָס קערן זיי זיך מיט יידן אָן? זיי ווייסן פון אונדזער פֿאָלק ווי אין „בני אָדם אַ האָן!"[11]

און עס האָט זיך אָנגעהויבן צו קריסטאַליזירן אַ פאַרלאַנג, אַז די געבילדעטע קינדער זאָלן וויסן פון זייער פֿאָלק, אַ פאַרלאַנג צו געבן די יידישע קינדער אַ דערציאונג, וואָס ביי איר גאַנצער וועלטלעכקייט זאָל זי זיי נישט דערווייטערן פון זייער פֿאָלק, נאָר, פאַרקערט, זיי דערנענטערן צו אים.

דער דאָזיקער פאַרלאַנג איז אין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט געקומען צום אויסדרוק אינעם קאַמף פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דעם נאַציאָנאַלן עלעמענט אין די שולן פון דער חברה מפיצי־השכלה, און אין די נאַציאָנאַלע קרייזן, דערהויפּט אין די קרייזן פון די חובבי־ציון און די ציוניסטן האָט דער דערמאָנטער וואונטש פריער נאָך געפירט צו דער גרינדונג פון העברעאישע „בתי־ספר" און „חדרים־מתוקנים". „דער אַזוי גערופענער חדר־מתוקן, לייענען מיר ביי ש. דובנאָוו אין 1902, שטעלט מיט זיך פאַר דעם ערשטן פּרוּוו צו סעקולאַריזירן די יידישע אָנפאַנג־דערציאונג, דער ערשטער פרוּוו צו שאַפן אַ נאַציאָנאַלע שול אָנשטאָט דער רעליגיעזער"[12].

ש. דובנאָוו איז צופרידן געווען, וואָס אַזאַ פרוּוו איז געמאַכט געוואָרן. אָבער נישט נאָר דובנאָוו, דער פאָטער פונעם „גייסטיקן נאַציאָנאַליזם", האָט געשטרעבט צו דער סעקולאַריזירונג פון דער יידישער דערציאונג. אויך אחד־העם, דער גרינדער פונעם „גייסטיקן ציוניזם", איז געווען אַן אָנהענגער פון סעקולאַריזאַציע. אויף אַן אסיפה פון דער אָדעסער אָפּטיילונג פון דער חברה מפיצי־השכלה איז ער אין יאָר 1902, אין איינעם מיט דובנאָוון, אַרויס נישט בלויז קעגן די אַסימילאַטאָרישע עלעמענטן פון דער יידישער בילדונגס־געזעלשאַפט, נאָר אויך פאַר דער נאַציאָנאַלער פאַרוועלטלעכונג פון דער יידישער דערציאונג. אויף יענער פאַרזאַמלונג, ווי אויך אין פאַרשיידענע מעמאָראַנדומס און אַרטיקלען, האָט ער דערקלערט, אַז „דער צוועק פון דער יידישער שול דאַרף זיין צו דערציען אינעם שילער דעם מענטשן מיטן יידן צוזאַמען, ווי אַ גאַנצע זאַך, וואָס מע קאָן ניט צעטיילן"[13].

נאָך קלאָרער איז געווען דעם ענין געשריבן געוואָרן אין אַ לייט־אַרטיקל פון „דעם יוד", אַן אָרגאַן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג: „דאָס יידישע מיט דעם אַלגעמיין מענטשלעכן דאַרף זיין צוזאַמענגעשמאָלצן אין איינעם, אַזוי ווי דאָס איז ביי אַלע געזונטע פעלקער פון דער וועלט. מיר טאָרן ניט דערלאָזן, אַז אין איין מענטשן זאָלן זיין צוויי באַזונדערע מינים"...[14]

און דער אויספיר איז געווען, אַז די נייע יידישע שול דאַרף אַריינ־נעמען אין איר פּראָגראַם סיי „נאַציאָנאַל־יידישע", סיי אַלגעמיינע לימודים.

אָבער דאָס געהערט מער צו דער געשיכטע פון דער העברעאיש־וועלט־לעכער שול. פאַר דעם אויפקום פון דער יידיש־שול זיינען וויכטיקער די ענדערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן צום סוף 19טן יאָרהונדערט אין דער פּסיכאָלאָגיע און אין דער אידעאָלאָגיע פון דער סאָציאַליסטיש־געשטימטער אינטעליגענץ.

דער דאָזיקער טייל פון דער אינטעליגענץ איז אויף יענער זייט ים, אַזוי ווי דאָ אין אַמעריקע, געווען אין אָנהייב, ווי ס'איז באַוואוסט, גאַנץ אַסימילאַטאָריש (אָדער, ווי דאָס האָט געהייסן, „קאָסמאָפּאָליטיש") גע־שטימט. נישט בלויז יידישע דערציאונג האָט געפעלט אין איר פּראָגראַם;

דער עצם ענין יידישע קולטור האט פאר איר נישט עקסיסטירט. יידישקייט איז אין אירע אויגן געווען רעליגיע, — און זי איז געווען אנטי־רעליגיעז. אפילו אזא פארשטייער אירער ווי אהרן ליבערמאן (1848־1880), וועלכער האט ארויסגעגעבן און רעדאגירט דעם ערשטן סאציאליסטישן זשורנאל אויף העברעאיש („האמת") און וועלכער האט געפלאנט אן ענלעכן פראפאגאנדע־ארגאן אויף יידיש, — אפילו ער איז ניט געווען טיף פאראינטערעסירט אין דער יידישער קולטור־ירושה. „אלס סאציאליסטן, האט ער דערקלערט, רייסן מיר איבער די פארבינדונג מיט דער פארגאנגנהייט, און מיר לייקענען אפ יעדע רעליגיעזע, נאציאנאליסטישע אדער אנדערע טראדיציעס, וואס וואלטן געשטערט דער אינטערנאציאנאלער פארבינדונג פון אלע ארבעטער, וועלכע זיינען פאראייניקט צום קאמף קעגן עקספלואטאטארס".[15] און נישט נאר אהרן ליבערמאן, אפילו חיים זשיטלאווסקי, וועלכער איז שפעטער געווארן דער אידעאלאג און דער פאנען־טרעגער פונעם יידיש־סאציאליסטישן נאציאנאליזם, — אפילו ער איז ביזן אנהייב 80ער יארן פון פאריקן יארהונדערט געווען נאך א „קאסמאפאליט": „מיר זיינען ניט געווען פרעמד דער יידישער וועלט, שרייבט ער וועגן זיך און זיין חבר ש. ז. ראפאפארט (אנ—סקי), אבער אונדזערע נשמות האבן געוואוינט אין דער פרעמד, און יענע פרעמד איז, לויט איר גייסטיקן תוך, געווען לחלוטין פיינטלעך צו אלע יסודות פון דעם יידישן לעבן".[16]

„די פרעמד" — מיינט די רוסישע רעוואלוציאנערע באוועגונג . . .

„דאס איז אבער נאך אלעמען, שרייבט אין זיינע זכרונות א. ליעסין, ניט געווען אזוי די שולד פון די רוסישע רעוואלוציאנערן, ווי פון די יידישע רעוואלוציאנערן, וואס האבן פארמאכט די אויגן ניט צו זען זייער אייגן פאלק, — דעם דלות, דעם חושך, דאס מארטירערטום פון זייער אייגן פאלק, די גרויסע באהאלטענע רעוואלוציאנערע כחות פון זייער אייגן פאלק. און נאך מער איז דאס געווען די שולד פון די משכילישע טאטעס, וואס האבן די קינדער אזוי אויסגעהאדעוועט, אז שוין אין צווייטן דור זיינען זיי געווארן פארטריקנטע בלעטלעך אויפן יידישן בוים, — פרעמד שוין אין גאנצן צו דער יידישער סביבה, צום יידישן ווארט, צום יידישן אינטערעסן־קרייז".[17]

חיים זשיטלאווסקי איז אבער לאנג נישט געבליבן פרעמד „די יסודות פונעם יידישן לעבן". שוין אין די יארן 84־1885 טראגט ער זיך ארום מיט פלענער פון א יידישן פארלאג און א יידישן זשורנאל. ער לייגט פאר דער רוסישער רעוואלוציאנערער סאציאליסטישער פארטיי „נאראדנאיא־וואליא" צו גרינדן א ספעציעלע יידישע אפטיילונג מיטן נאמען „תשועת ישראל". זיין פארלאנג און זיין שטרעבונג איז, אז דאס יידישע פאלק זאל אנערקענט ווערן ווי א באזונדער נאציאנאלער קאלעקטיוו, און יידיש, ווי זיין נאציאנאלע שפראך.

אין זיין רוסישער בראָשור „אַ ייד צו יידן" (1892) פאָדערט ער, אַז די יידישע אינטעליגענץ זאָל געהערן דעם יידישן פאָלק און אַז יידן זאָלן אַרויס־געבן פון זיך רעוואָלוציאָנערן, „ניט נאָר צוליב דער באַפרייאונג פון אונדזער אַלעמענס מוטערהיים רוסלאַנד, נאָר אויך צוליב דער ווידערבאַלעבונג פונעם אייגענעם פאָלק".[18]

אַט אַזוי הייבט זיך אָן ענדערן דער געדאַנקען־גאַנג פון איינציקע פאָר־שטייערס פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, און עס דערנענטערט זיך דער מאָמענט, ווען יידישע דערציאונג ווערט איינגעשלאָסן אין דעם קרייז פון אירע אינטערעסן.

כמעט אין דער זעלביקער צייט, ווען זשיטלאָווסקי וועקט דעם נאַציאָ־נאַלן באַוואוסטזיין פונעם יידישן סאָציאַליסט דערהויפּט אין די רוסישע אימיגראַנטן־קאָלאָניעס, טוט דאָס אייגענע אַ. ליעסין־וואָלט אין רוסלאַנד גופא. זיין גאַנצע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע פירט ליעסין־וואָלט אינעם גייסט פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער טראַדיציע. ער האָט דעם מוט צו דערקלערן, אַז אונדזערע סאָציאַליסטישע לערערס זיינען די נביאים, נישט נאָר מאַרקס און לאַסאַל. ער פילט ניט קיין ווידערשפּרוך צווישן זיין יידישקייט און זיין רעוואָלוציאָנערישקייט. פאַרקערט, „דאָס יידישע האָט דורכ־געדרונגען זיין גאַנצן סאָציאַליסטישן וועזן, געבילדעט די חוט־השדרה פון זיין אייגנאַרטיקער סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע".[19]

„מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער באַגייסטערונג פלעגט ער ריידן וועגן דער מאַרטירער־געשיכטע פון יידישן פאָלק און וועגן דעם חוב פון יידישע אינטעליגענטן זייער פאָלק צו דינען. אין זיינע ווערטער איז געווען פאַר־באָרגן די פּראָגראַם פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע, וואָס דער „בונד" האָט שפּעטער אָנגענומען".[20]

און נאָך מער ווי מיט זיינע רייד האָט אַ. ליעסין געווירקט מיט זיינע לידער. זיי זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין מאַנוסקריפּט, און יידישע אַר־בעטער האָבן זיי געזונגען נאָך איידער זיי זיינען געדרוקט געוואָרן. אין אייניקע פון זיי האָט געלויכטן דאָס ליכט און געברענט דאָס פייער פון אונדזער טויזנטיאָריקן קידוש־השם . . .

איך האָב ניט, אַ עלנטע אומה, מיט וואָס דיר צו דינען
אַרום אין דעם אָרעמען, וואַכיקן לעבן.
דעם נפש, דאָס האָב איך, דעם נפש דעם הוילן —
איך קען דיר אים געבן!

אַ, זאָלן זיי קומען, די הענקער, די ווערגער, די קוילער,
וואָס האָבן דיר אַלע היסטאָרישע וועגן

מיט בלוט פּאַרטרונקען — איך שטרעק מיט אַ שמחה
דעם האַלדז זיי אַנטקעגן!

און וואָרעם זאָל פליסן אויך מיין בלוט אַהין אין די ריינע
אַהין אין די הייליקע בלוטיקע ימען
פון דיינע מיליאָנען גבורים און קדושים —
און פליסן צוזאַמען!

אַזוי האָט א. ליעסין געשריבן אין יאָר 1894. אין אַ צייט, ווען בעת פאַר אַנדערע יידן־סאָציאַליסטן איז דאָס עצם וואָרט „אומה" געווען טריף. פאַר ליעסינען איז די „עלנטע אומה" געווען שוין דאַן דער טיפסטער קוואַל פון סאָציאַליסטיש־פּאָעטישער אינספּיראַציע. און פון אָט דעם קוואַל האָבן אין מינסק און אין אַנדערע שטעט פונעם רוסישן „תחום" געטרונקען זיינע צאָל־רייכע חברים און חסידים.

א. ליעסין האָט אין זיין סאָציאַליסטישער אידעאָלאָגיע אריינגעבראַכט יידישקייט. י. ל. פּרץ האָט (אויך אין מיטן די 90ער יאָרן) אַריינגעבראַכט אין זיין יידישקייט — סאָציאַליזם.

און אָט אַזוי איז ביסלעכווייז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר אַ סינטעז צווישן נאַציאָנאַלן און קלאַסן־באַוואוסטזיין, דער באָדן, אויף וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן די מאָדערנע יידישע שול־באַוועגונג.

דעם עצם ענין שול און דערציאונג האָט א. ליעסין, אַזוי ווי י. ל. פּרץ, דאַן נאָך נישט אָנגערירט; צו דער אידיי פון מאָדערנער יידישער דער־ציאונג זיינען זיי געקומען ערשט שפּעטער. אַנדערש איז געווען מיט חיים זשיטלאָווסקין. ער האָט שוין אין מיטן 80ער יאָרן אויסגעפונען, אַז מיר דאַרפן קעמפן נישט פאַר סתם אַזוי גלייכע רעכט, נישט פאַר בלויז בירגער־לעכער גלייכבארעכטיקונג, נאָר פאַר רעכט אויף אַרבעט, רעכט אויף דערציאונג און אויף אייגענער קולטורעלער אַנטוויקלונג".[21]

רעכט אויף דערציאונג האָט געמיינט רעכט אויף נאַציאָנאַלע (נים „קאַזיאָנע") שולן, אויסגעהאַלטן פון דער מלוכה. אַחוץ חיים זשיטלאָווסקין, האָט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק קיינער נישט געחלומט וועגן דעם. ער האָט געחלומט — און מיט חלומען אַליין האָט ער זיך נישט באַנוגנט. ער האָט זיך אויך נישט צופרידנגעשטעלט מיט לערנען אַנדערע חלומען. ער האָט געלערנט — אַנדערע און זיך אַליין — גרייטן זיך צו פאַרווירקלעכן דעם חלום, גרייטן זיך צו יענער צייט, ווען די אידיי פון אַ מאָדערנער שול אין דער יידישער שפּראַך וועט ווערן אַ רעאַליטעט. ער האָט מיט דער אידיי פון אַ יידישער שול זיך אַרומגעטראָגן ווי מיט אַן אוצר, ער האָט זי געהיט, גענערט, געכאָוועט, פאַרטיפט און פאַרשפּרייט. ער האָט אַזוי שטאַרק

געגלייבט אין איר, אַז שוין אין יאָר 1898, אין אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „ציוניזמוס אָדער סאָציאַליזמוס"? האָט ער נביאות געזאָגט אויף דער צייט, ווען מיר יידן וועלן „האָבן אונדזערע שולן און קלוג איינגעפירטע חדרים, אונדזערע גימנאַזיעס און רעאַלשולן, אפילו אונדזערע אייגענע אוניווער־זיטעטן".[22]

ער האָט נביאות געזאָגט אויף „דער פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט". ווער האָט זיך דאַן געקאָנט פאָרשטעלן, אַז דאָס וועט מקוים ווערן נאָך אין אונדזערע צייטן? שפּעטער האָט ער אַליין געהאָלפן דערגענטערן דעם אָנהייב פון „אונדזערע גימנאַזיעס און רעאַלשולן" ער האָט געהאָלפן דערציען די נייע יידישע אינטעליגענץ, — די, וועלכע האָט געבויט די נייע יידישע שול. ער האָט געלערנט די אינטעליגענץ זיך באַפרייען פון אַזוינע היסטאָרישע אידייען־פאַרבינדונגען, ווי „נאַציאָנאַליזם־רעאַקציע", „סאָציאַליזם־אַסימילאַציע". ער האָט זי צוגעוויינט צו אַ נייער אידייען־פאַרבינדונג: „סאָציאַלע באַפרייאונג — נאַציאָנאַלע אויפלעבונג" . . .

ג.

אָבער נישט ד"ר חיים זשיטלאָווסקי, נישט א. ליעסין, נישט י. ל. פּרץ, נישט קיין אַנדער איינפלוסרייכער יחיד וואָלט נישט געקאָנט מיגלעך מאַכן יענע טיפע, אידעאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע ענדערונגען, וועלכע האָבן געפירט צו דער מאָדערניזירונג און, מע קאָן זאָגן, רעוואָלוציאָניזירונג פון דער יידישער דערציאונג.

כדי אַזעלכע גרויסע נייסן זאָלן פאָרקומען, איז נייטיק געווען, אַז צו די פאַרשיידענע אינדיווידועלע איינפלוסן זאָל צוקומען די ווירקונג פון מעכטיקע סאָציאַלע פאַקטאָרן. און זיי זיינען — אין די 90ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט — צוגעקומען. פון איין זייט איז (צוליב אורזאַכן, אויף וועלכע עס איז דאָ ניט דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן) געוואַקסן, ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, די נאַציאָנאַלע שטימונג פון אַ טייל משכילישער אינטעליגענץ; פון דער אַנדער זייט איז די יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין רוסלאַנד געוואָרן אַלץ מער און מער אַ מאַסן־באַוועגונג, — און אַזוי ווי די סאָציאַלע באַדערפעניש און שטרעבונגען פון די יידישע מאַסן זיינען געווען נאַציאָנאַל געפאַרבט, האָט אויך די סאָציאַליסטישע יידישע פירערשאַפט געמוזט זיך אַלץ מער און מער רעכענען מיט דער עק־זיסטענץ פון דער יידישער שפּראַך און מיט דעם גאַנצן נאַציאָנאַלן קאָליר פון דער יידישער קולטור. דער אַלגעמיינער וואוקס פון די נאַציאָנאַלע שטי־מונגען ביי דער יידישער אינטעליגענץ איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דריי פאַרשיידענע פאָרמען: א) אין דער פאָרם פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט פאָרמולירט אירע גרונט־פּרינציפּן אין יאָר 1897, ווען עס איז

פארגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאנגרעס; ב) אין דער פארם פונעם „אויטאנאמיזם" (דובנאוויזם) אדער גלות־נאציאנאליזם, וואס זיין וויכטיקסטער דאקומענט (ש. דובנאווס רוסישע „בריוו וועגן אלטן און נייעם יידנטום") האט זיך גיט־צופעליק אנגעהויבן דרוקן אין דעם זעלביקן יאר 1897, ווען עס איז פארגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאנגרעס אין באזעל; און ג) אין דער פארם פון „בונדיזם" און אנדערע יידישע סאציאליסטישע שטרעמונגען.

פאר אונדז איז וויכטיק דערהויפט די לעצט דערמאנטע פארם, אין וועלכער עס האט זיך אויסגעדריקט דער וואוקס פון די נאציאנאלע שטי־מונגען און אספיראציעס ביי דער יידישער אינטעליגענץ. אבער אזוי ווי צווישן ש. דובנאווס „אויטאנאמיזם" און דעם „בונדס" פאדערונג פון נאציאנאל־קולטורעלער אויטאנאמיע פאר יידן אין רוסלאנד איז געווען א געוויסע אינער־ווייניקסטע שייכות, איז כדאי צו דערמאנען, וואס דער בארימטער פובלי־ציסט־היסטאריקער האט אין זיינע „בריוו וועגן אלטן און נייעם יידנטום" געשריבן וועגן דער נייער יידישער דערציאונג, וועלכע ער האט געפרעדיקט: „מע דארף דערציען, האט ער געשריבן, דעם ייִדן און די יידישע פרוי אזוי, אז דאס יידישע פאלק זאל זיין פאר זיי א נאציע נישט נאר לויט זיין בלוט, נאר אויך לויט זיין קולטור; מע דארף זיי געבן א מיגלעכקייט, אזוי ווי די קינדער פון אנדערע נאציעס, אויפצונעמען דאס מענטשלעכע דורך דאס נאציאנאלע . . . די דערציאונג האט די יוגנט אנט־יידישט; די דערציאונג דארף זי איצט פאר־יידישן. די שול איז אין דער לעצטער צייט געווען פאר אונדז א געוועט פון דענאציאנאליזאציע; זי דארף איצט ווערן פאר אונדז, ווי ווייט מע קען עס דערגרייכן, א געוועט פון נאציאנאליזאציע, אויספירנדיק אין דער זעלבער צייט אירע אלגעמיינע דערציאונגס־אויפגאבעס". און אין אן אנדער ארט: „אונדזער אלטע שול — דער חדר און די ישיבה — האט דערצויגן נאר דעם יידן, ניט דעם מענטשן און דעם יידן האט זי דערצויגן ביז גאר איינזייטיק, ווירקנדיק נאר אויף זיין רעליגיעזן געפיל אדער רעליגיעזן דענקען. די נייע אלגעמיינע שול פארגעסט, פארקערט, אז דעם יידן און דערציט נאר דעם „מענטשן", ד"ה, פאקטיש דעם רוס, דעם פאליאק אדער דעם דייטש . . . דאס איז דער טעזיס און דער אנטי־טעזיס. דער סינטעז איז קלאר פון זיך אליין: גלייכצייטיקע דערציאונג אי פון דעם „מענטשן", אי פון דעם „יידן" . . .

וואס איז שייך צו דער שפראך פון דער נייער דערציאונג, האט דאן דובנאוו געהאלטן, אז דאס דארף זיין, פון איין זייט, העברעאיש און פון דער אנדער זייט די שפראך פון לאנד. שפעטער האט דובנאוו איינגעזען, אז „יידיש פרעטענדירט מיט רעכט אויף דער ראלע פון דער אונטערריכט־שפראך אין דער אנפאנגשול".[23]

ש. דובנאָוום „בריוו" — דער נאָר וואָס ציטירטער הויפּט־דאָקומענט פונעם פּאָלקיסטישן אויטאָנאָמיזם — האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אין יאָר 1897. אין דעם זעלביקן יאָר איז פאָרגעקומען דער גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פונעם אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד, — און דאָס איז געווען אַ רע־זולטאַט פון דעם צווייטן סאָרט נאַציאָנאַליזירנדיקע ווירקונג, וואָס איז פריער דערמאָנט געוואָרן, — פון דער ווירקונג, וואָס די יידישע אַרבעטער־מאַסן האָבן אָנגעהויבן אויסצואיבן אויף דער יידיש־סאָציאַליסטישער פירערשאַפט. אויפן גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון „בונד" זיינען נאָך, אמת, נישט פאָר־מולירט געוואָרן קיין שום נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, אָבער דאָס גופא, וואָס עס איז קאָנסאָלידירט געוואָרן די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, דאָס גופא, וואָס יידישע פאָלקסמאַסן זיינען, פּאַראייניקטע און אָרגאַניזירטע, אַרויס אויף דער אַרענע פון געזעלשאַפטלעכן און פּאָליטישן קאַמף, האָט געפירט און געמוזט פירן דערצו, אַז יידישע פירעדיקער פון סאָציאַליזם זאָלן בים־לעכווייז זיך אָנהייבן רעכענען מיט די נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן פונעם יידישן לעבן . . .

„די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד" איז אויסגעוואַקסן, זאָגט איינער פון זיינע איצטיקע פירערס, ה. ערליך — פּאַמעלעך — פון דער באַוועגונג גופא און צוזאַמען מיט איר . . . דאָס איז געווען אַ סינטעז פון די פאָדע־רונגען, וועלכע דאָס לעבן אַליין האָט אַרויסגערוקט. דאָס איז געווען אַ טעאָרעטישע באַגרינדונג פון דער אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג . . . די ערשטע שריט פון דער באַוועגונג האָבן באַלד באַוויזן, אַז די יידישע אַרבעטער מוזן האָבן זייער באַזונדערע — נישט־אָפּגעזונדערטע — אָרגאַניזאַציע. די נאַאיווע און פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דעם, אַז די יידישע שפּראַך איז נאָר אַ ציטווייליק הילפסמיטל אין דער סאָציאַליסטישער אויפקלערונגס־אַרבעט, איז פאַרשוואונדן געוואָרן באַלד נאָך דעם, ווי די אַרבעטער־באַ־וועגונג איז איבערגעוואַקסן די ענגע ראַמען פון פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרייז־לעך און האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ מאַסן־באַוועגונג . . . די דורות־לאַנגע געשיכטע פון יידישן פאָלק האָט געלאָזן בירושה אַן אייגנ־אַרטיקע קולטור און ספּעציפישע פּסיכישע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אויף אַ באַזונדערן אופן באַפאַרבט די קלאַסן־פאַרהעלטנישן אין דער יידישער געזעלשאַפט".[24]

אָט די „דורות־לאַנגע געשיכטע פונעם יידישן פאָלק" האָט פאַר דער אַסימילירטער יידישער אינטעליגענץ כמעט ווי ניט עקסיסטירט, אָבער דער יידישער פאָלקסמענטש, דער אַרבעטער, האָט זי אַלע מאָל געפילט, און אָפט האָט ער נישט בלויז געפילט, נאָר אויך טאַקע געוווּסט, אַז ער איז דער יורש פון אַ דורות־לאַנגער געשיכטע . . .

אין יאָר 1892 האָט אַ יידישער אַרבעטער אין ווילנע, לכבוד דעם ערשטן מאַי, געהאַלטן אַ פּלאַמפּייערדיקע רעוואָלוציאָנערע רעדע. האָט ער אָט וואָס געזאָגט צום שלוס פון זיינע רייד: „יידן דאַרפן ביי זיך ניט אַראָפּפאַלן און דאַרפן זיך ניט שעמען וואָס מיר געהערן צו דער „שענדלעכער" יידישער ראַסע. די געשיכטע פון די יידן גיט אונדז דערצו רעכט; זי האָט אויך אירע גלאַנצבלעטער: עס איז אויף דער וועלט ניט געווען נאָך אַזאַ נאַציע, וואָס זאָל אַזוי ווי די יידישע קאָנען מיט אַזאַ עקשנות גיין שטאַרבן אויף קידוש־השם. טאַ לאָמיר, דער יונגער דור, — אויך נעמען אַ ביישפּיל פון אונדזערע אָבות און באַווייזן אונדזער עקשנות אינעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט".[25]

אַזאַ רעדע וואָלט אַ פאָרשטייער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אינ־טעליגענץ אין 1892 נישט געקאָנט האַלטן, סיידן ער זאָל האָבן געווען אַ א. וואָלט (ליעסין) אָדער אַ חיים זשיטלאָווסקי ד"ה אַן אויסנאַם. אָבער צווישן יידישע אַרבעטער און יידישע פאָלקס־מענטשן זיינען נאַציאָנאַלע עמאָציעס געווען אַ געוויינטלעכע זאַך, — און זיי האָבן ביסלעכווייז אָנגע־הויבן ווירקן, ווי געזאָגט, אויף דער פירערשאַפט. די בונדיסטישע פירער־שאַפט איז — אין דעם פרט ווינציקסטנס — געפירט געוואָרן פון די מאַסן.

און דער סוף איז געווען, אַז דער „בונד" האָט אין יאָר 1901 אַרויס־געשטעלט די פאָדערונג וואָס ד"ר זשיטלאָווסקי און איינציקע בונדיסטן האָבן זיך נאָך פריער פאַר איר איינגעשטעלט, — די פאָדערונג פון נאַציאָנאַלע רעכט, און דאָס הויפּטאָרט צווישן זיי האָט, פאַרשטייט זיך, פאַרנומען דאָס רעכט צו האָבן אייגענע יידישע וועלטלעכע שולן.

ד.

יידיש־וועלטלעכע דערציאונגס־אַנשטאַלטן זיינען אין אָנהייב אָבער גע־ווען גאָר עפּעס אַ מין „צוקונפט־מוזיק", בלויז אַ פּונקט אין אַ רעוואָלו־ציאָנערער פּאָליטישער פּראָגראַם — אַ פּונקט, וועלכער איז אין גיכן, אַגב, אין אַ ביסל אַן אַנדער פאָרם, אַריינגענומען געוואָרן אויך אין די פּראָגראַמען פון די ציוניסטן־סאָציאַליסטן, די פּועלי־ציון און די „סיימיסטן". אָבער לאַנג איז ער נישט געבליבן הענגען אין די וואָלקנס פון טעאָריע.

נאָך איידער עס איז געקומען די צייט פאַר יידישע שולן, וועלכע זאָלן אויסגעהאַלטן ווערן פון מלוכה, אָדער פון גרויסע יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, האָבן יחידים, ווי אויך קליינע גרופּעס, אָנגעהויבן גרינדן יידיש־וועלטלעכע דערציאונגס־אַנשטאַלטן.

לויט ז. רייזען (אין „שול־פּנקס", ווילנע, 1924) און ה. פּופּקאָ (אין בוך „ווילנע", רעדאַגירט פון יעפים ישורין, ניו־יאָרק, 1935) איז „די ערשטע

און איינציקע שול . . . מיט יידיש אלס אונטעררויכט־שפּראך״ אין רוס־לאנד געווען די דעמיעווקער שול אין קיעוו, די שול, וואס איז, לויט זייער מיטטיילונג, געגרינדעט געוואָרן אין 1911. לויט א. גאלאמבן (אין פילאדעל־פיער שול־אלמאנאך, 1935) איז די דעמיעווקער שול געגרינדעט געוואָרן אין 1908, און בכלל זיינען לויט זיינע ידיעות, די ערשטע שולן מיט יידיש־לימוד אויפגעקומען אין אוקראאינע. דאס איז, ווי עס ווייזט, א טעות. די ערשטע פון דעם דאזיקן מין שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן אין פוילן. וועגן דער ערשטער יידיש־וועלטלעכער שול אין ווארשע דערציילט אונדז אין זיינע דעריגערונגען אברהם רייזען. זי זאל האבן עקסיסטירט שוין אין 1899, ערגעץ וואו אויף נאַוואָ־ליפּיע, ניט ווייט פון סמאָטשע גאס — זייער אן אָרעמע יידישע געגנט. עס האבן געלערנט אין דער שול ביי א 20־30 קינדער, — געלערנט יידיש שרייבן און חשבונען. די לערערין איז געווען איינע א סאציאליסטישע טוערין מיטן נאמען ברוזעל. („אונדזער שול״, אָקטאָבער, 1932)

אין דער מ י ר , מינסקער גובערניע, האט עקסיסטירט א יידישע שול ארום 1899 אָדער 1900. איר גרינדער איז געווען נח מישקאָווסקי, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן א לערער און א שולטוער אין אמעריקע. ער איז געווען א נאציאָנאל־געשטימטער סאציאליסט און בעת זיינע חברים האבן מיט די קינדער, וואס האבן געהערט צו די אָרעמסטע פאמיליעס אין שטעטל, געלערנט רוסיש, האט ער מיט זיי געלערנט יידיש און (אויף יידיש) אריטמעטיק, געשיכטע און געאָגראפּיע . . . „וועגן דעם גייסט פון אונדזער שול, דערציילט ער, — האבן מיר פארשטאנען, אז זי דארף זיין א וועלט־לעכע, א מאָדערנע, — רעליגיע אויסגעשלאָסן . . . מיר זיינען אלע געווען סאציאליסטן, און אין דעם גייסט האבן מיר געוואָלט די יידישע אָרעמקייט דערציען״.[26]

ווי לאנג די דאזיקע שול האט עקסיסטירט, ווייסן מיר ניט, אבער אזוי ווי דאס איז, ווי עס ווייזט, געווען דער ערשטער פּראקטישער פּרוואוו אויפן געביט פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג, איז כדאי צו פארצייכענען, ווי די דאזיקע שול, —די ערשטע יידיש־וועלטלעכע שול אין דער וועלט — האט אויסגעזען: „דאס צימער, אין וועלכן מען האט געקענט לערנען איינ־צייטיק א 15 קינדער, איז שוין גארנישט געווען צוגעפּאסט פאר א שולצימער. עס האט געדינט אי פאר א שלאָפצימער, אי פאר א „סאליע״, אי פאר אן עסצימער, און פאר וואס ניט? דאס גאנצע הויז איז באשטאנען פון דעם צימער מיט א פארהויז. און וואס האבן מיר געקענט קריגן בעסערס פאר צוויי גילדן א וואך? אין צימער איז געשטאנען א טיש, א פּאר לאנגע בענק און א פּאר טאבורעטלעך, אויך א פּאר בעטן. וועגן קריגן שולמעבל האבן מיר אפילו ניט געטראכט. פארשטייט זיך, אז דאס איז ניט געווען גענוג פאר אונדזערע תלמידים און תלמידות. האבן מיר צוגעקראגן קעסטלעך פאר

די קינדער צו זיצן און צו שרייבן, און לייענען פלעגן זיי אָפט ביי די פענצטער אָדער גאָר אָן אַ זייט".[27]

אַן ענלעכע שול איז, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, געגרינדעט געוואָרן אין ניעסוויעזש, אַ שטעטל ניט ווייט פון דער מ י ר . איינער פון די גרינ־דער איז געווען דער זעלביקער נ. מישקאָווסקי, — און ער דאַרף, דעריבער, צוגערעכנט ווערן צו די פּיאָנערן פון דער יידישער שול־באַוועגונג.

אַ שוועריקייט ביים גרינדן די ניעסוויעזשער שול איז געווען די שפּראַך־פראַגע. „אויך דאָ אין ניעסוויעזש, דערציילט אונדז אין זיינע נאָך וואָס ציטירטע זכרונות נ. מישקאָווסקי, — איז די באַלעבאַטישע אינטעליגענץ געווען פאַרקאָכט אין דער העברעאישער ליטעראַטור און איז געווען העברע־איסטיש געשטימט. די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ האָט פאַרגעטערט די רוסישע ליטעראַטור און שטאַלצירט מיט דער רוסישער שפּראַך, און נישט מער ווי אַן אומבאַדייטנדיקער טייל פון דער אינטעליגענץ האָט זיך אינטע־רעסירט מיט דער יידישער. דער סוף איז געווען, אַז זיי זיינען איינגעגאַנגען אויף דעם, אַז אין אונדזער שול זאָל מען לערנען אַלע דריי שפּראַכן — יידיש, רוסיש, העברעאיש". אַזוי ווי מען האָט אָבער אַלץ געלערנט אויף יידיש, איז די שול פּאַקטיש געווען אַן איינשפּראַכיקע — אַ יידישע. מען האָט געלערנט אין איר פון 9 אין דער פרי ביז 3 ביי טאָג. מען האָט אַחוץ יידיש און העברעאיש געלערנט אַלע לימודים פון אַן אַלגעמיינער אָנפאַנגשול.

די צאָל קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין איר, דאָס רוב מיידלעך, איז געווען ניט ווינציקער ווי זעכציק.[28]

מיר און ניעסוויעזש זיינען ניט געווען די איינציקע שטעט, וואו יידיש־וועלטלעכע שולן האָבן פונקציאָנירט שוין אַזוי פרי, ווי אין סאַמע אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. אויך אין באַראַנאָוויטש, אין סטויפּץ און גאָראָדיע און אין אַנדערע שטעטלעך פון מינסקער גובערניע זיינען דאַמאָלט שוין געמאַכט געוואָרן פּרואוון צו עפענען מאָדערנע יידישע שולן. אָבער ניט נאָר אין ווייסרוסלאַנד, אויך אין אוקראַאינע, אין קיעוו, אין באַלטע, אין יעליסאַוועטגראַד זיינען אין דעם ערשטן יאָרצענדליק פון הייניטיקן יאָרהונ־דערט געווען שוין יידישע שולן.[29]

אין יאָר 1904 האָט די טעגלעכע צייטונג „דער פריינד", — די ערשטע יידישע טעגלעכע צייטונג אין רוסלאַנד, — אין דער פאָרם פון אַ בריוו אין רעדאַקציע, אונטערגעשריבן פון ד. בער, — שאַרף פאָרמולירט די פאָ־דערונג פון דער נייער צייט, — די פאָדערונג „צו מאַכן אַ סוף צו די פאַר־עלטערטע און אָפּגעלעבטע פאָרמען פון דער יידישער דערציאונג — דעם חדר און די תלמוד־תורה, צו די פאַרקריפּלטע און ניט לעבנספעאיקע חדרים־מתוקנים פון די ציוניסטן, מיט דער פאַרטעמפּנדיקער באַנקראָטירטער „קאַזיאָ־נער" שול — און פאַרבייטן זיי מיט אַ שול אויף יידיש".[30]

ארום יענער צייט, ערב דער רעוואָלוציע 1905, האָבן אין ווילנע און שפּעטער אויך אין אַנדערע שטעט פון „תחום" אָנגעהויבן אויפצוקומען קורסן פאַר דערוואַקסענע, — און אויך זיי האָבן געהאָלפן צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער וועלטלעכער שול אויף יידיש. זיי זיינען געווען, ווי ג. פּלודערמאַכער דריקט זיך אויס, „איר פונדאַמענט, דער לעבעדיקער קוואַל, פון וועלכן ס'האָט זיך שפּעטער ווי אַ מעכטיקער שטראָם פונאַנדערגעוואַקסן אונדזער שול-באַוועגונג, אַרומכאַפּנדיק אַלע ברייטערע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג".[31]

די אָוונטקורסן האָבן געוויזן דער יידישער אינטעליגענץ, אַז מע קאָן לערנען אויף יידיש וועלטלעכע לימודים. און נישט נאָר אויף יידיש — יידיש גופא און יידישע ליטעראַטור האָט מען געלערנט אויף די אָוונטקורסן זינט דעם יאָר 1905.

צוליב די דאָזיקע לימודים אין די אָוונטשולן הייבט מען אָגב אָן אַרויס-צוגעבן יידישע לערנביכער, יידישע כרעסטאָמאַטיעס (בירנבוימס כרעסטאָ-מאַטיע פאַר דערוואַקסענע, „וואַרשע, 1907; אברהם רייזענס „יידישע כרעס-טאָמאַטיע", וואַרשע 1908, א. און ז. רייזענס „די מוטערשפּראַך", מ. אָלגינס „דאָס יידישע וואָרט", שפּעטער אַ ביסל י. לעווינס און ש. הורוויצעס „אונדזער נייע שול") און מע וואָרט אויף אַ געלעגנהייט, ווען מע וועט קאָנען בייקומען אָדער אויסמיידן די פּאָליציייאישע שוועריקייטן פון צאַרישן רוסלאַנד איינצו-אָרדענען מאָדערנע יידישע שולן פאַר קינדער, נישט נאָר פאַר דערוואַקסענע, — און איינצואָרדענען זיי אויף אַ מער זיכערן און דויערהאַפטיקן אופן, ווי מען האָט עס געטאָן אין די דערמאָנטע שטעט און שטעטלעך פון ווייס-רוסלאַנד אָדער אוקראַאינע.

אין 1908, אויף דער טשערנאָוויצער יידישער שפּראַך-קאָנפערענץ, האָט י. ל. פּרץ צווישן די אויפגאַבעס, וואָס זיינען געשטעלט געוואָרן דער אָרגאַ-ניזיר-ביוראָ, גערעכנט אויך די אויפגאַבע פון „גרינדן און שטיצן יידישע מוסטערשולן". אָבער דער באַשלוס פון דער טשערנאָוויצער קאָנפערענץ איז געבליבן אויפן פּאַפּיר. מען האָט דאַן געקאָנט קעמפן נאָר פאַר די פּרינציפּן פון וועלטלעכקייט און מאַמע-לשון — און מען האָט געקעמפט פאַר זיי דער-הויפּט אין דער חברה מפיצי-השכלה.

די אינטעליגענץ פון אחד-העמס און ש. דובנאָווס חדר האָט פאַרלאַנגט פון דער בילדונגס-געזעלשאַפט, אַז זי זאָל אַריינפירן אין אירע שולן מער העברעאיש און העברעאישע ליטעראַטור; די עלעמענטן, וועלכע האָבן זיך גרופּירט אַרום די אָוונטקורסן פאַר דערוואַקסענע און ענלעכע בילדונגס-אַנשטאַלטן — און דאָס זיינען ס'רוב געווען סאָציאַליסטן — האָבן געפאָ-דערט, אַז זי זאָל אָנערקענען יידיש ווי אַ לימוד און ווי אַ שפּראַך פון די לימודים. די פירערס פון דער מפיצי-השכלה זיינען צום גרעסטן טייל געווען

העברעאיסטן אדער רוסיפיקאטארן, און זיי האבן די פאדערונג נישט נאכ־געגעבן. עס האט אויסגעבראכן א מחלוקה, א פייערדיקע מחלוקה, וואס האט געדויערט יארן. ביידע צדדים זיינען געווען איינגעשפארט. אבער די אידיי פון מאמע־לשון, ווי די פאסיקסטע שפראך פון לימודים אין יידישע שולן, ווערט אלץ מער און מער פאפולער; אין דער זעלביקער צייט ווערט פארשטארקט אויך די טענדענץ פון וועלטלעכקייט אין יידישן לעבן, די טענ־דענץ פון א נייער — ניט קיין אסימילאטארישער, נאר א נאציאנאלער — וועלטלעכקייט. און די ארבעט לטובת דער נייער יידישער דערציאונג הערט אויף צו זיין אן ענין פון יחידים און ווערט א גרויסע געזעלשאפטלעכע באוועגונג . . .

עס הייבט זיך ביסלעכווייז אן וויזן א ליטעראטור וועגן די אויפגאבעס און די צילן פון דער — געפלאנטער — נייער יידישער שול. דערהויפט ווערט פיל געשריבן וועגן דעם אין דער פרעסע פון „בונד", וואו עס ווערט בכלל געפירט אן אינטענסיווע, שריפטלעכע און מינדלעכע פראפאגאנדע לטובת דער נייער דערציאונג־פראגראם.

אין 1907 קומט פאר (אין ווילנע) אן אומלעגאלע קאנפערענץ פון פראָ־גרעסיווע, דאס רוב סאציאליסטישע, יידישע לערערס און פאלקס־בילדונגס־טוערס. די קאנפערענץ ווערט אויפגעדעקט פון דער פאליציי, און אלע אירע אנטיילנעמערס ווערן ארעסטירט, אבער אזוי ווי מען האט זיי ארייננגעזעצט אלעמען אין איין תפיסה, האבן זיי ווייטער געפירט די בארעטונגען, און זיי האבן אנגענומען א רעזאלוציע, וועלכע האט פראקלאמירט יידיש פאר דער שפראך פון די לימודים אין דער יידישער שול. עס איז אויך אויסגע־קליבן געווארן א צענטראלע ביורא אויף ווייטער צו פירן די אויפקלערונגס־ארבעט. אין א צירקולאר, וואס די ביורא האט אין גיכן ארויסגעגעבן, האט זי געשריבן: „דער שוליאר, וועלכער ענדיקט זיך איצט, האט אונדז בא־וויזן, אז די אידייען וועגן א נייער יידישער שול געפינען נישט נאר טעארע־טישע סימפאטיע־אנהענגער, נאר הייבן אן, ווען אפילו מיט קליינע שריט, פראקטיש פארווירקלעכט צו ווערן אין לעבן. אין א ריי שטעט איז איינגע־פירט געווארן דער אונטערריכט פון דער יידישער שפראך אין אוונטשולן פאר דערוואקסענע, אפילו שוין אין איניקע טאגשולן פאר קינדער."[32] ארום 1910 האט דער פארשטארבענער דוד הערמאן, וועלכער איז שפעטער באריסט געווארן ווי א טעאטער־רעזשיסער און וועלכער איז דאן געווען א לערער אין דער פריוואטער פרויען־גימנאזיע פון סאפיע קאלעצקי אין ווארשע, — איינגעפירט אין יענער מיטלשול דעם לימוד פון יידיש און יידישער ליטע־ראטור. „דער לימוד איז געווארן אדורכגעשמוגלט אונטערן מענטעלע פון . . . רעליגיע".[33] (נאך פריער, ארום 1908, האט דער זעלביקער דוד הערמאן,

אין איינעם מיט י. ל. פּרצן, איינגעפירט יידיש אין געוויסע וואַרשעווער קינ־דערהיימען.)

אין יאָר, 1910, איז אין בונדישן פאַרלאַג „די וועלט", אַרויס אסתרס בוך: „צו דער פראַגע וועגן דער יידישער פאָלקשול" . . . אסתרס אַרבעט האָט די פראַגע וועגן דער נייער יידישער שול ענדגילטיק אַוועקגעשטעלט אויף דער טאָג־אָרדענונג פון דעם יידיש־סאָציאַליסטישן געדאַנק און דער יידיש־סאָציאַליסטישער פּאָליטיק: „אין נאָמען פון זייערע בלוטיקע אינ־טערעסן, האָט אסתר געשריבן, אין נאָמען פון זייערע ליידנדע קינדער, וואָס פאַרלירן אויף גאָרנישט זייערע יונגע יאָרן, דאַרפן די יידישע עלטערן פאָדערן אַ פאָלקשול אין דער מוטערשפּראַך . . . אין נאָמען פון זיין קלאַסנקאַמף דאַרף דער יידישער פּראָלעטאַריאַט מיט דער גאַנצער ענערגיע פאָדערן אַ פאָלקשול, וואָס זאָל געבן דעם יונגן דור אַ צוטריט צו בילדונג און קולטור — אַ פאָלקשול אין דער מוטערשפּראַך".

אסתר איז, אַזוי ווי אַנדערע פירערס פון „בונד", געשטאַנען אויפן שטרענגן קלאַסן־שטאַנדפּונקט, און זי האָט דורכויס געשטרעבט דערצו, אַז די צוקונפטיקע יידישע שול זאָל דינען די אינטערעסן און די אידעאַלן פון דעם אַרבעטער־קלאַס: „די יידישע פאָלקשול, האָט זי געשריבן, וועט זיין אַן אַרבעט פון דער נאַציאָן; דער פּראָלעטאַריאַט קאָן אָבער פון אָנהייב אָן זיין שטעמפּל אויף איר אַרויפלייגן. דער פּראָלעטאַריאַט מוז זען, זיין לאָזונג זאָל נישט ווערן אין די הענט פון אַנדערע געפעלשט און פאַראומריייניקט; ער זאָל נישט ווערן קיין מיטל אין די הענט פון אַ נייעם מין רעאַקציאָנערן שאָוויניזם. דער פּראָלעטאַריאַט קאָן ניט אַליין דעם בנין פון דער יידישער פאָלקשול שאַפן; ער איז אָבער געגוג שטאַרק צו ווירקן, דאָס זאָל זיין אַ בנין פון דער נייער לעבעדיקער אַלוועלטלעכער קולטור, — דער בנין זאָל דינען ניט דעם אַלטן חלום פון אַ טויטער פאַרגאַנגענהייט, אָבער דעם ליכטיקן געדאַנק פון דער לעבעדיקער צוקונפט".

מען האָט אָבער נישט נאָר טעאָרעטיזירט וועגן דער נייער יידישער שול, מען האָט געפּרואווט פאַרוואַנדלען די טעאָריע אין פּראַקטיק. עטלעכע אַזוינע פּראַקטישע פּרוואוון זיינען שוין פריער דערמאָנט געוואָרן. עס זיינען געמאַכט געוואָרן אָבער נאָך פּרוואוון, אַחוץ די אויבן דערמאָנטע. לויט דער איני־ציאַטיוו פון דער בילדונגס־טוערין וויערא קופּערשטיין איז אין ווילנע, אין 1912, געגרינדעט געוואָרן אַ פירקלאַסיקע מידלשול, אַ שול, וואָס דער גייסט און די שפּראַך פון די לימודים איז געווען דער גייסט און די שפּראַך פון דער נייער יידישער שול. אויך אַ יידישער קינדער־גאָרטן — איז אין 1912 אָרגאַניזירט געוואָרן אין ווילנע. אין 1913 האָבן יידישע לערערס אין וואַרשע — ש. גילינסקי, מ. בירנבוים און יעקב לעווין, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן אַ לערער און אַ שולטוער אין אַמעריקע, — איינגעפירט

יידיש, ווי די שפּראַך פון אַלגעמיינע לימודים און ווי אַ לימוד, אין דער שול וואָס האָט געהייסן „חינוך־ילדים". אויך אין אַנדערע וואַרשעווער שולן איז יידיש איינגעפירט געוואָרן ווי אַ לימוד. איינער פון די ערשטע, אויב נים דער ערשטער, יידיש־לערער אין וואַרשע איז געווען דער פריער דער־מאָנטער דוד הערמאַן. דער לערער בירנבוים האָט געגרינדעט אַ פאַרלאַג „מעשהלעך". דאָס איז געווען דער ערשטער פאַרלאַג פאַר יידישער קינדער־ליטעראַטור. ענלעכע פאַרלאַגן זיינען אויפגעקומען אין קישיניעוו, אין קיעוו. אין 1913 האָט די חברה מפיצי־השכלה אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלע באַראַ־טונג וועגן קינדער־ליטעראַטור אויף יידיש און געפּלאַנעוועט אַ מוסטער־פאַרלאַג פאַר יידישער קינדער־ליטעראַטור. דער ווילנער־פאַרלאַג פון ב. קלעצקין האָט אויך אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן ליטעראַטור פאַר קינדער און שפּעטער אַ ביסל — „די גרינינקע ביימעלעך", דעם ערשטן יידישן קינדער־זשורנאַל.[34]

אין 1913 איז אין אָדעס פאָרגעקומען אַ באַראַטונג פון די נאַציאָנאַל־געשטימטע לערערס, וועלכע האָבן אָנטייל גענומען אין די לערער־קורסן פון דער חבר מפיצי־השכלה. אויף דער באַראַטונג האָט זיך גערעדט „וועגן דער אַרבעט, וואָס ווערט געפירט פאַר יידיש אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך, וועגן דעם וואוקס פון די אָנהענגער פון אַ יידישער שול, וועגן דער נייטווענדיקייט צו שאַפן יידישע לערנביכער און אַ קינדער־ליטע־ראַטור אין יידיש".[35]

די צאָל לערער־יידישיסטן איז געווען נאָך גאַנץ קליין, אָבער די פּאָזי־ציע פון יידיש, ווי פון דער פּאַסיקסטער שפּראַך פון די לימודים אין דער יידישער שול, איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער און אין 1913 איז נאָך אַ לאַנגן פאַרביטערטן קאַמף, אויפן צוזאַמענפאָר פון מפיצי־השכלה אין פּעטערבורג אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז יידיש מוז זיין די לימודים־שפּראַך פון דער יידישער שול. און יידיש ווערט טאַקע ביס־לעכווייז די שפּראַך פון דער נייער יידישער שול.

אַ דאַנק די נייע כללים וועגן די שולן פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, די כללים, וואָס די רוסישע רעגירונג האָט איינגעפירט אין יאָר 1914, ערב דעם וועלטקריג, איז מיגלעך געוואָרן צו האָבן ל ע ג א ל ע יידישע שולן אין רוסלאַנד. אָבער די מיגלעכקייט איז זייער שוואַך אויסגעניצט געוואָרן. די אָרטיקע רוסישע אַדמיניסטראַציע האָט געמאַכט אַלערליי שוועריקייטן. זי האָט געוואוסט פונעם נייעם געזעץ — און געטון דאָס איריקע, לויט אינער־ציע. דער כח פון אינערציע האָט געווירקט אויך אינעם יידישן לעבן. מען איז צו דעם נייעם טיפּ שול נאָך נישט צוגעוויינט געווען. ערשט אין די מלחמה־יאָרן האָט מען אָנגעהויבן זיך צוצוגעוויינען צו אים. ערשט דאַן האָט די נייע יידישע שול זיך אָנגעהויבן צו פאַרפעסטיקן אינעם יידישן

פאָלקסלעבן. איבער גאַנץ רוסלאַנד, ווי אויך איבער ליטע און פוילן, זיינען צעזייט און צעשפרייט געוועזן פאַרטריבענע יידן, קרבנות פון קריגס־געזעצן, גזרות, בילבולים. זייערע קינדער האָבן זיך ניט געהאַט וואו אהין צו טאָן. אַ סך פון זיי זיינען געבליבן אָן טאַטע־מאַמע, נישט נאָר אָן אַ היים, און אויב אפילו עס זיינען געוועזן ביי זיי עלטערן, זיינען די עלטערן אליין געווען אומבאַהאָלפן. די יידישע געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָבן געמוזט קומען צו הילף אי זיי אליין, אי זייערע קינדער. און עס האָט זיך אין אַ סך שטעט פון רוסלאַנד, ווי אויך אין די אָקופּירטע געגנטן, אָנגעהויבן אַ פיבערהאַפטע בויאונג פון קינדערהיימען, אויך פון שולן. די אויפזעערס, ווי אויך די לערערס זיינען געוועזן ס׳רוב פאַרשטייערס פון דער ראַדיקאַלער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ. האָבן זיי אין דעם גרעסטן טייל קינדער־גאָרטנס און שולן איינגעפירט דעם גייסט און די שפּראַך פון דער נייער יידישער הערציאונג, — דעם פריהייטלעכן גייסט און די מוטערשפּראַך, פאַר וועלכער עס האָבן זיך אָפּנים, איינגעשטעלט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון אַלע אונטערדריקטע פעלקער אין רוסלאַנד, נישט נאָר יידן אליין . . .

עס וואָלט געפאָדערט מער אָרט, וויפל מיר האָבן, צו דערציילן די ווייטער־דיקע געשיכטע פון דער נייער יידישער שול אין דער אַלטער היים, דערהויפּט דאָס קאַפּיטל געשיכטע, וואָס וואַקסט זיך פונאַנדער נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע און דער עטאַבלירונג פון די זעלבשטענדיקע רעפּובליקן פון פוילן, ליטע, לעטלאַנד, עסטאָניע. פאַר אונדזער צוועק זיינען אָבער וויכטיק געווען דערהויפּט די פאַקטן און די טענדענצן פון דער יידישער דערציאונגס־געשיכטע, וועלכע שטאַמען פון פאַר דער מלחמה־צייט, ווייל אויב זיי האָבן געווירקט — און זיי האָבן זיכער געווירקט — אויף דעם אויפקום פון דער נייער יידישער שול אין אַמעריקע בכלל און פון דער אַרבעטער־רינג־שול בפרט, האָט זיך די דאָזיקע ווירקונג אָנגעהויבן פאַרן וועלטקריג. און אַזוי ווי די וועגן, אויף וועלכע די נייע יידישע דערציאונג איז געגאַנגען אין דער אַלטער היים פאַר דער קאַטאַסטראָפע פון 1914, זיינען אונדז שוין, מער אָדער ווינציקער, באַקאַנט, קאָנען מיר איצט איבערגיין צו דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע.

2

היסטאָרישער הינטערגרונט

א.

אין מזרח־אייראָפּע זיינען משכּילים געווען די פּיאָנערן פון וועלטלעכ־קייט אין יידישער דערציאונג. אין אַמעריקע זיינען עס אויך זייער שטייגער געווען די ספּרדיש־פּאָרטוגאַלישע און דייטשע יאַהודים. די מזרח־אייראָ־פּעאישע משכּילים, די, וועלכע האָבן געשפּילט אַ ראָלע אינעם אַמערי־קאַנער יידישן לעבן, זיינען צום גרעסטן טייל געווען סאָציאַליסטן אָדער אַנאַרכיסטן, און זיי איז אין אָנהייב גאָרניט איינגעפאַלן אַפילו צו טראַכטן וועגן אַזאַ זאַך, ווי יידישע שולן. וועלטלעך־יידישע דערציאונג איז זיי געווען פּונקט אַזוי פרעמד, ווי רעליגיעזער יידישער חינוך. איז כּל זמן זיי זיינען געווען ראַדיקאַל־משכּילים, האָבן זיי נישט געקאָנט ווערן קיין איניציאַטאָרן אויפן געביט פון וועלטלעכער יידישער דערציאונג, און אויב מיר ווילן זיך דערגראָבן צום קערנדל וועלטלעכקייט אין יידישער דערצי־אונג דאָ אין לאַנד, דאַרפן מיר זיך ווענדן צו די ספּרדישע און דייטשע יאַהודים.

זיי האָבן שוין אין 18טן יאָרהונדערט געהאַט אין ניו־יאָרק אַ שול, וואָס אין אַ סך פּרטים איז זי געווען ענלעך צו די ערשטע השׂכּלה־שולן אין עסטרייך און אין רוסלאַנד. דאָס איז געווען אַ שול, וואו מען האָט געלערנט אי יידישע, אי אַלגעמיין־וועלטלעכע לימודים. די לעצטע זיינען באַשטאַנען פון שפּאַניש (ביז 1762) ענגליש און חשבונען. די שול האָט אָרגאַניזירט די קאָנגרעגאַציע „שארית־ישׂראל". אין די יאָרן 1811־1840 האָט די שול געהאַט רעכט פון אַ מלוכה־אַנשטאַלט.[1]

אויך די דייטשע יאַהודים האָבן אין דעם ערשטן פּעריאָד פון זייער געשיכטע אויפן באָדן פון אַמעריקע געהאַט שולן, וואו די לימודים זיינען געווען צום טייל רעליגיעזע און צום טייל וועלטלעכע. די ערשטע „גאַנצע" שול פון דייטשע יידן אין ניו־יאָרק — „די ניו־יאָרקער תּלמוד־תּורה און היברו־אינסטיטוט — איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1842.[2]

ענלעכע, גאַנצע אָדער „פּאַראָקיעל" סקולס, האָבן אין די פּערציקער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט פונקציאָנירט אין פילאַדעלפיע, אין באַלטימאָר, און סינסינע־טי, אין אַלבאַני.[3] אחוץ העברעאיש און רעליגיע, האָט מען אין די שולן געלערנט דייטש, ענגליש, אַריטמעטיק, געשיכטע און געאָגראַפיע. מען האָט געלערנט פון 9 אין דער פרי ביז 4 פאַר נאַכט מיט אַן איבעררייס פון 12 ביז 1.

אין איינער פון די ניו־יאָרקער שולן איז דער לערער און פאַרוואַלטער געווען ד"ר מאַקס ליליענטאַל, — דער זעלביקער ד"ר ליליענטאַל, וועלכער האָט אין די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט געהאָלפן דער רוסישער רעגירונג איינצופירן השכלה־שולן אין רוסלאַנד. די שפּראַך פון די לימודים איז אין ניו־יאָרק (און מסתמא אויך אין אַנדערע שטעט) געווען דייטש, — די מוטערשפּראַך פון די דייטשע יאַהודים.[4]

די אינטעליגענטערע צווישן זיי האָבן געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן קענען די שפּראַך פון זייערע עלטערן און פון זייער אַלטער היים. און נישט נאָר אין די 40ער יאָרן, ווען זיי זיינען געווען נאָך „גרין" דאָ אין לאַנד, אויך אין מיטן 60ער יאָרן, ווען צווישן די מער אַמעריקאַניזירטע דייטשע יאַהודים זיינען געווען שוין אַ היפּש ביסל אַזוינע, וואָס האָבן מורא געהאַט „אויפצושטעלן אַ מחיצה צווישן די יידישע און די ניט־יידישע קינדער", — אַפילו דאַן האָט אַזאַ אָנגעזעענער פאַרשטייער פון דייטשן יידנטום אין אַמעריקע, ווי דער שיקאַגאָר ראַבינער ב. פעלזענטאַל זיך איינגעשטעלט פאַר יידישע שולן, וואו מע זאָל לערנען אי יידישע, אי אַלגעמיינע לימודים. אין אַ פאָרטראַג וואָס ער האָט געהאַלטן דעם 13טן דעצעמבער, 1865, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער מחלה פון עם־הארצות און איגנאָראַנץ, וואָס פאַרשפּרייט זיך צווישן די אַמעריקאַנער יידן. אומוויסנהייט און פאַרגרעבטקייט איז דאַן שוין געווען די גרעסטע געפאַר פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע. „רעספּעקט פאַר גייסטיקער און מאָראַלישער סופּעריאָריטעט איז אַן אומבאַקאַנטע און אומקולטיווירטע מידה. עס הערשט די חוצפּה. און מענטשן, וואָס אין אייראָפּע וואָלטן זיי געווען גאַנץ באַשיידן, האָבן דאָ די העזה צו שטופּן זיך אויבן־אָן און צו זאָגן דעות אין זאַכן, וואָס זיי הייבן ניט אָן צו פאַרשטיין".[5]

צוליב דער דאָזיקער געפערלעכער טענדענץ, ווי אויך צוליב אַנדערע אורזאַכן האָט ד"ר פעלזנטאַל געהאַלטן, אַז „די שולפראַגע איז אין דעם אַמעריקאַנער יידישן קיבוץ געוואָרן אַ ברענענדיקע פראַגע"; און ער האָט געראָטן איינצופירן גאַנצע יידישע שולן, ניט קיין שבת־אָדער זונטיק־שולן, וואו מע לערנט אויפן שפּיץ מעסער רעליגיע. „די גרעסטע מערהייט פון די היגע איזראַעליטן, האָט ער געזאָגט, זיינען פון דייטשער אָפּשטאַמונג, און בעמט יעדער איזראַעליטישער פאָטער ווינטשט און פאַרלאַנגט, — און דאָס מיט פולן רעכט, — אַז די קינדער זאָלן אין דער שול זיך אויסלערנען נישט בלויז ענגליש, נאָר אויך גרינטלעך דייטש („ניט פּענסילוואַניש־דאָטש און ניט יידיש־דייטש", טייטשט ער אויס — ש. נ.) און אַ ביסל העברעאיש".[6] און ער האָט אויסגעאַרבעט אַ פּראָיעקט פון אַ יידישער הויכשול וואו, אחוץ ענגליש, זאָל מען לערנען „גרינטלעך דייטש", יידישע געשיכטע ביז צו דער קעגנוואַרט און העברעאיש.

פון העם דאָזיקן פּראָיעקט איז, ווי מיר דוכט, גאָרנישט ניט געוואָרן. דאָך האָבן אַ לאַנגע צייט פונקציאָנירט שולן, וואו מען האָט אויף דייטש — אויף דער מוטערשפּראַך פון די עלטערן — געלערנט סיי יידישע, סיי אַלגעמיינע לימודים. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מען אין דער ערשטער שול פון די דייטשע יאַהודים אין שיקאַגאָ, אין דער שול, וואָס האָט עקסיסטירט פון 1851 ביז 1873, אַחוץ יידישער רעליגיע און געשיכטע (אַרום צוויי שעה וועכנטלעך), סידור און חומש (אַרום פינף שעה), — געלערנט דייטש (צען שעה אַ וואָך), ענגליש (בלויז אַכט שעה) און דאַן אַריטמעטיק, געאָמעטריע, צייכענען, זינגען אַד"גל.[7]

אָבער די דאָזיקע האַלב-וועלטלעכע טענדענץ אין דער יידישער שול פון די דייטשע יאַהודים האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אין לעצטן פערטל 19טן יאָרהונדערט איז זייער דאָמינירנדיקע דערציאונגס-אַנשטאַלט געווען שוין די ריין רעליגיעזע שבת-אָדער זונטיק-שול.

ביי די מזרח-אייראָפּעאישע יידן, וואָס זייער צאָל האָט זיך אין דער צווייטער העלפט 19טן יאָרהונדערט געהאַלטן אין איין מערן, — איז די שפּראַך פון די לימודים אין די תלמוד-תורהס געווען יידיש, אָבער געלערנט האָט מען בלויז רעליגיע.

ב.

די איינפירונג פון וועלטלעכע לימודים און אַ וועלטלעכן גייסט אין אַ שול, וואָס איז יידיש און וואָס איר שפּראַך איז יידיש—דאָס איז ביי די מזרח-אייראָפּעאישע יידן אין אַמעריקע, אַזוי ווי אין דער אַלטער היים, פאַרבונדן געווען מיט די טיפע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אינעם דענקען און אינעם פילן פון די יידישע ראַדיקאַלן. די ענדערונגען, וואָס מיר האָבן אין זינען, זיינען דאָ אין לאַנד אָבער פאָרגעקומען שפּעטער, ווי אויף יענער זייט ים. די היגע ראַדיקאַלן זיינען מער און לענגער פאַרכאַפּט געוואָרן פון משכיליזם און אַסימילאַטאָרישקייט.

אין די 90ער (און אַפילו שוין אין די 80ער) יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן זיך אין רוסלאַנד געלאָזט הערן, ווי מיר ווייסן, שטימען, ווען אַפילו שטימען פון יחידים, לטובת אַ וועלטלעך-פּראָגרעסיווער דערציאונג, וואָס זאָל זיין יידיש; דאָ אין לאַנד ווייזן זיך צייכנס פון אַזאַ מין טענדענץ ערשט אין אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. און דאָס איז נישט נאָר דערפאַר, וואָס דאָ האָט זיך לענגער געהאַלטן די פעסטונג פונעם ניט-נאַציאָנאַלן אָדער אַנטי-נאַציאָנאַלן ראַדיקאַליזם און משכיליזם. דאָס גופא, וואָס זי האָט זיך אַזוי לאַנג נישט אונטערגעגעבן, איז געווען אַ רעזולטאַט פון היגע לעבנס-אומשטאַנדן.

דאָס היגע יידישע לעבן, אַ לעבן פון אימיגראַנטן, איז נישט געווען אַזוי איינגעשטעלט, אַזוי איינגעפונדעוועט, און אַזוי טיף איינגעוואָרצלט אין די טראַדיציעס פון דער יידישער קולטור, ווי דאָס איז געווען דאָס יידישע מאַסן־לעבן אין דער היים. די איינגעוואַנדערטע יידן זיינען, אחוץ דעם, געווען שטאַרק פאַרנומען מיט צופּאַסן זיך צו דער נייער סביבה; זיי זיינען געווען פאַרכאַפּט פון די נייע פּערספּעקטיוון, וואָס האָבן זיך געעפנט פאַר זיי; און אָט דער פּראָצעס פון צופּאַסן זיך צו די געענדערטע לעבנס־תנאים, דאָס שטרעבן אויסצונוצן די נייע, עקאָנאָמישע און סאָציאַלע מיגלעכקייטן, ווי אויך דאָס עצם בויען דעם בנין פונעם נייעם לעבן, — דאָס אָרגאַניזירן יוניאָנס, לאַנדסמאַנשאַפטן, אָרדנס, דאָס שאַפן אַ פּרעסע, אַ טעאַטער, פּאָליטעש באַוועגונגען און אָרגאַניזאַציעס, — דאָס אַלץ האָט איינגעשלונגען אַלע כחות, די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער פירערשאַפט, און שוין דער־פאַר אַליין האָט געמוזט דויערן, ביז מען האָט געקאָנט אָפּשפּאָרן ענערגיע און אינטערעס פאַר אַזאַ זאַך, ווי די יידישע דערציאונג פונעם יונגן דור.

עס איז אויך נייטיק געווען, כדי מע זאָל אָנהייבן בויען יידישע שולן, אַז מע זאָל זיך באַפרייען פון דעם געפיל פון אַראָפּפאַל, וואָס דער אימיגראַנט האָט געוויינטלעך פאַר דער קולטור און דער שפּראַך פון דער נייער היים. דאָס דאָזיקע געפיל פון אַראָפּפאַל פירט דערצו, אַז מע זאָל האָבן אַן איבערגע־טריבענעם רעספּעקט פאַר דער שפּראַך און דעם לעבנס־שטייגער פון די הי־געבוירענע און הי־דערצויגענע קינדער און אַז מע זאָל זיך, דעריבער נישט דערוועגן צו וועלן באַאיינפלוסן זייער גייסטיק לעבן און צו שיקן זיי אין „אייגענע” שולן. כדי עס צו טאָן, דאַרף מען האָבן אַ ביסל מער צוטרוי צו זיך אַליין, און מער דרך־ארץ פאַר דער שפּראַך און דער קולטור, וואָס מען האָט מיט זיך געבראַכט פון דער אַלטער היים. דאָס קאָן מען האָבן נאָר דאַן, ווען מע דערפילט זיך זיכערער, היימישער, איינגעפונדעוועטער אויפן נייעם באָדן. דאָס אַלץ איז נאָך אויך נישט גענוג. עס מוז צוקומען דערצו נאָך די אָנערקענונג פון דעם ווערט, וואָס עס האָט די נאַציאָנאַלע אייגנ־אַרטיקייט פונעם אייגענעם פאָלקסלעבן. אין אונדזער פאַל מיינט עס די אָנערקענונג פון יידיש־נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן און קולטור־פאָרמען. עס מוז אויך צוקומען די זיכערקייט, אַז צווישן דעם נאַציאָנאַלן און דעם סאָציאַלן באַוואוסטזיין, צווישן דעם אידעאַל פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור־צוקונפט און דעם אידעאַל פון סאָציאַליזם (אָדער אַנאַרכיזם) איז ניטאָ קיין סתירה.

דאָס אַלץ איז נייטיק געווען, און דאָס האָט געפאָדערט צייט. איז ניט קיין חידוש, וואָס סימנים פון ענדערונג אין דער פּסיכאָלאָגיע און אין דער אידעאָ־לאָגיע פונעם יידישן ראַדיקאַליזם האָבן זיך גענומען ווייזן ערשט מיט אַ צוויי צענדליק יאָר נאָך דעם ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע מאַסן־איינוואַנ־דערונג פון די מזרח־אייראָפּעאישע יידן אין די 80ער יאָרן פון פאַריקן יאָר־

הונדערט. עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס אפילו דאַן האָבן זיך די נייע קולטור־און דערציאונגס־אידייען אָנגעשטויסן אָן אַ ווידערשטאַנד און וואָס דער ווידערשטאַנד פון דעם דור, וועלכער האָט זיך געהאַלטן ביי די פריערדיקע מיינונגען, האָט אַזוי לאַנג געדויערט. עס איז גאָר קיין חידוש ניט, וואָס מען האָט געדאַרפט פירן אַ שווערן און אַן איינגעעקשנטן קאַמף פאַר דעם נייעם געדאַנקען־גאַנג.

ג.

אומדירעקט האָט דעם דאָזיקן קאַמף אָנגעהויבן, ווי עס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, א. ליעסין מיט זיין פּאָעזיע, וואָס איז געווען אַ סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנער, אַ נאַציאָנאַל. אומדירעקט האָבן אויך אַנדערע יידישע שרייבערס אין אַמעריקע — כאָטש אָפט אָן זייער וויסן — געווירקט אין אָט דער נאַציאָנאַליזירנדיקער ריכטונג. אויף אַ מער דירעקטן אופן האָט דעם קאַמף פאַרן יידיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין אין די ראַדיקאַלע קרייזן געפירט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן צו פירן דעם קאַמף נאָך איידער ער איז געקומען קיין אַמעריקע. שוין אין יאָר 1900 האָט ער, (אונטער דעם פּסעוודאָנים „בן אָהוד״) פאַרעפנטלעכט אָן אַרטיקל אין „פאָרוועררטס״: „פאַר וואָס דוקא יידיש?״ — און אין אָט דעם אַרטיקל זיינען פאָרזייט געוואָרן די ערשטע קערנדלעך פון דער יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור־באַוועגונג אין אַמעריקע. עס האָט זיך גערעדט אין דעם אַרטיקל וועגן דער ניי־יידישער ליטעראַטור ווי וועגן „אַ רינגעלע אין דער קייט פון יידישע ליטעראַטורן״, וואָס דאַרף ווייטער געשמידט ווערן — אין די אינטערעסן פון סאָציאַליזם און אין די אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק. „זינט מען האָט גענומען שרייבן סאָציאַליסטישע זאַכן פאַר יידן אויף יידיש, איז געשטאַנען אין ד״ר זשיטלאָווסקיס אַרטיקל, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניי בלעטל אין דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק״ . . . און ווייטער: „דער סאָציאַליזם איז אַ שטאַרקער באַנד, וואָס וועט צונויפבינדן דעם המון מיט דעם יונגן דור, און ער, דער יונגער דור, וועט שוין ניט דאַרפן אַנטלויפן פון דעם פאָלק אהין — משם לא ישובו״.[8]

די דאָזיקע רייד האָבן געמוזט קלינגען ניי און מאָדנע אין די אויערן פון אַמעריקאַנער יידישע ראַדיקאַלן. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צוצוגעוווינען צו אַזעלכע רייד. און ווען ד״ר זשיטלאָווסקי איז אין 1904 געקומען אַהער, האָט ער אָנגעהויבן אַ נייע און אַ פּילזייטיקערע אידעאָלאָגישע קאַמפּאַניע פאַרן פּראָגרעסיוון, ד״ה, סאָציאַליסטישן נאַציאָנאַליזם.

ווער ווייסט ווי לאַנג נאָך ס'וואָלט געהערשט די מורא פאַר יידישער נאַציאָנאַלער קולטור, — די מורא טאָמער איז ניטאָ אויף איר קיין כשר־

שטעמפל פונעם „פראגרעס" בכלל און פונעם ראדיקאלן געדאנק בפרט, ווען ניט ד"ר זשיטלאווסקי. ער האט א טייל פון אונדזערע ראדיקאלן געגעבן א הכשר אויף יידישער קולטור. סיי די פירערס, סיי די מאסן האט ער געהיילט און אויסגעהיילט פון דער מורא פאר „נאציאנאליסטישער רעאקציע". ער האט געפירט זיין הייליקארבעט אי שריפטלעך, אי מינדלעך, דערהויפט האט געווירקט זיין לעקטארישע אקטיוויטעט.

דער וויכטיקסטער מאמענט אין זיין מינדלעכער פראפאגאנדע אין די יארן 1904־1906 זיינען געווען די פארלעזונגען „וועגן ייד און מענטש" און די „צוקונפט פון די פעלקער אין אמעריקע" (געליינט צום ערשטן מאל אין שיקאגא, אויף ענגליש) ווי אויך די עפנטלעכע דעבאטעס מיט יעקב גארדינען וועגן נאציאנאליזם און אינטערנאציאנאליזם און — מיט ד"ר מעריסאנען וועגן טעריטאריאליזם. אין זיינע לעקציעס און דעבאטעס האט ד"ר זשיטלאווסקי ארויסגעזאגט געדאנקען, וואס זיינען איצט שוין זייער פאפולער, אבער דאן איז דאס געווען א נייס — דערהויפט פאר דעם דורכ־שניטלעכן ראדיקאל.

פאר אים איז געווען א נייס, אז נישט נאר איז נישטא קיין סתירה צווישן „ייד" און „מענטש", נאר אז, פארקערט, „וואס מער מענטש, אלץ מער ייד". צום ערשטן מאל האבן יידישע פריידענקערס אין אמעריקע געהערט, אז דער פראגרעס פון דער מענטשהייט, — דער פראגרעס און נישט די רעאקציע, — פארלאנגט די פרייע אנטוויקלונג פון אלע נאציאנאלע קולטורן און אויך פון דער יידישער קולטור.

די ראדיקאלן האבן עס געהערט — און עס איז אפגעשוואכט געווארן די „היסטארישע אידייען־פארבינדונג" צווישן יידישער נאציע און יידישער רעליגיע. צום ערשטן מאל איז אויסגעדריקט געווארן די מיינונג, די באמת דרייסטע מיינונג, אז דער אידעאל פון דער אמעריקאנער דעמאקראטיע דארף זיין נישט דער „שמעלצטאפ", נאר — „די פאראייניקטע פעלקער פון די פאראייניקטע שטאטן".

דאס האט אנגערירט די אלגעמיינע נאציאנאלע קולטור־פראבלעם, ניט די ספעציעלע פראגע פון יידישער דערציאונג. כדי צו האבן אזא קוק אויף יידישער דערציאונג, ווי עס האט אונדזער שול, איז גייטיק געווען צו רעווידירן דעם גאנצן סכום פראגעס, וואס איז פארבונדן מיט דער פראבלעם „ייד־מענטש", מיט דער פראבלעם פון אמעריקאניזם און דער צוקונפט פון די פעלקער אין אמעריקע, — און די דאזיקע רעוויזיע האט קיינער נישט דורכגעפירט מיט אזא קלארקייט און אזא גלאנץ, ווי ד"ר חיים זשיטלאווסקי.

א סך אומשטאנדן — עקאנאמישע, געזעלשאפטלעכע, אידעאלאגישע — האבן געפירט צו דער דערמאנטער רעוויזיע; א סך פערזאנען האבן אין איר אנטייל גענומען; דאס ערשטע ארט צווישן זיי אבער פארנעמט אן קיין שום

ספק דער אידעאָלאָג פונעם יידישיזם. אים איז געלונגען צו האָבן אַ ווירקונג אויף דעם געדאַנקען־גאַנג פון אַ באַדייטנדיקער גרופּע יידישע ראַדיקאַלן. אים איז באַשערט געווען צו באַאיינפלוסן זיי אינעם נאַציאָנאַלן זין, דערהויפּט אינעם זין פון גלות־נאַציאָנאַליזם, — און דערמיט האָט ער צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער יידישער שול אין אַמעריקע. נישט נאָר האָט ער אָראָפּגע־נומען דעם חרם, וואָס דער עלטערער דור פּירערס האָט געהאַט אַרויפגעלייגט אויף יעדער זאַך, וועלכע האָט געהאַט צו טאָן מיט דער קולטיווירונג פון פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע יידישע ווערטן. ער האָט די ווערטן באַליבט געמאַכט, ער האָט געמאַכט, אַז מע זאָל זיי טייער האַלטן. און ווען ראַדיקאַלן האָבן שפּעטער אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דער דערציאונג פון זייערע קינדער אין אַמעריקע, איז זיי די ענדערונג, וואָס איז, אַ דאַנק ד״ר זשיטלאָווסקין, פאָר־געקומען אין זייער אַלגעמיינעם געדאַנקען־גאַנג, שטאַרק צו ניץ געקומען: זיי האָבן שוין גאַרנישט געדאַרפט האָבן דערצו ד״ר זשיטלאָווסקיס דירעקטע אָנווייזונגען אָדער פאָרשלאָגן. עס איז געווען גענוג, וואָס זיי האָבן זיך אָנגע־הערט מיט זיינע פאָרלעזונגען, אָנגעלייענט זיך מיט זיינע אַרטיקלען. פון יעדן אַרטיקל, פון יעדער לעקציע זיינער, איז קלאָר געווען, אַז ס׳איז ניט גענוג, וואָס מע רעדט און מע לייענט יידיש, אַז ס׳איז ניט גענוג וואָס מע שעצט די יידישע ליטעראַטור, די יידישע קונסט, און אַלץ, וואָס האָט אַ ווערט אין דער יידיש־נאַציאָנאַלער קולטור־ירושה: מע מוז דאָס אַלץ איבערגעבן די קינדער, די קומעדיקע דורות. מע מוז זען, אַז אויך ביי זיי זאָל ניט זיין קיין סתירה, נאָר, פאַרקערט, אַ האַרמאָניע צווישן „ייד און מענטש". מע מוז זען, אַז אויך ביי זיי זאָל פריִע נאַציאָנאַלע אַנטוויקלונג און סאָציאַלע גערעכ־טיקייט זיין איינס . . . דאָס איז געווען דער לאָגישער פועל־יוצא פון אַלץ, וואָס ד״ר זשיטלאָווסקי האָט גערעדט און געפּרעדיקט. אָבער ער האָט נישט פאַרלאָזן זיך אויף דער לאָגיק, אַז זי וועט אַליין שוין פירן צו אַ יידישער שול. ער האָט דירעקט און אַקטיוו מיטגעהאָלפן דער בויאונג פון דער יידישער שול. ער איז געווען איינער פון אירע בויער פּראַקטיש, נישט נאָר טעאָרעטיש.[9]

אין אַן „אָפענעם בריוו צו די פּועלי־ציון" אין אַמעריקע, וואָס ד״ר זשיט־לאָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט אין „דאָס נייע לעבן" יאָר, 1909, האָט ער, צווישן אַנדערע טענות, אַרויסגעשטעלט די פאָלגנדיקע טענה צו די אַמעריקאַ־נער פּועלי־ציון: „וואָס האָט איר געטאָן צו פאַרשטאַרקן דעם אומבאַוואוסטן נאַציאָנאַלן וועב־אינסטינקט פון דעם יידישן פאָלק, כדי צו מאַכן אים דינען פאַר אייער ציל? וואו זיינען די יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וואָס איר האָט אויפגעבויט — און זיינען דורך דעם גלות פונאַנדערגעפאַלן?"[10]

כדי צו פאַרשטיין דעם זין פון דער דאָזיקער פראַגע, דאַרף מען זיך דערמאָנען אָן דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך דאַן פונאַנדערגעברענט ביי די „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע" עלעמענטן פון דער יידישער פאָלקס־אינטעליגענץ

אין אמעריקע. די דאָזיקע עלעמענטן, די מער קאָנסערוואַטיווע פּועלי־ציון און די מער ראַדיקאַלע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך די פּיאָנערן פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין אַמעריקע. אָבער נישט מיט אַ מאָל זיינען זיי געוואָרן אירע בויערס — און נישט אַלע. עס זיינען געווען צווישן זיי — דערהויפּט אין אָנהייב, און דערהויפּט צווישן די פּועלי־ציון — אַ היפּש ביסל אַזוינע, וועלכע האָבן נישט געגלייבט אין דער מיגלעכקייט פון אַ מאָדערנעם יידישן קולטור־לעבן און ממילא אויך פון אַ מאָדערנער דערציאונג — אין גלות. און זיי זיינען, פּונקט אַזוי ווי דער גרעסטער טייל געגנאָסן פונעם סאָציאַליסטישן און אַנאַרכיסטישן לאַגער, געווען גלייכגילטיק, אויב ניט קעגנעריש צו דער אידיי פון אַ יידיש־וועלטלעכער דערציאונגס־אַרבעט אין אַמעריקע. עס איז געווען אָבער אַן אונטערשייד צווישן די סאָציאַליסטישע אָדער אַנאַרכיסטישע געגנאָסן, פון איין זייט, און דעם דערמאָנטן טייל ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישע חברים, פון דער אַנדער זייט. די ערשטע האָבן די יידיש־וועלטלעכע דערציאונגס־אַרבעט געהאַלטן פאַר ניט געוואונטשן; די צווייטע האָבן גערעכנט, אַז זי איז נישט מיגלעך. יענע זיינען אַרויס קעגן איר מיט פּרינציפּיעלע טענות, די האָבן געהאַט ריין פּראַקטישע אויסזעצונגען: „קיינע קולטורעל־נאַציאָנאַלע שטרעבונגען וועלן בשום אופן ניט זיין בכוח אָפּצוהאַלטן דעם יידישן אַרבעטער פון דער אַסימילאַציאָן" האָט אַ פירער פון די פּועלי־ציון געענטפערט ד"ר זשיטלאָווסקין אויף זיין דערמאָנטן „אָפענעם בריוו".

אָבער דאָס איז געווען די מיינונג פון בלויז אַ טייל, נישט פון אַלע פּועלי־ציון און אודאי נישט פון אַלע סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, פּונקט אַזוי ווי נישט אַלע ראַדיקאַלן פון סאָציאַליסטישן און אַנאַרכיסטישן לאַגער זיינען געווען פּרינציפּיעלע קעגנער פון דער יידישער קולטור־באַוועגונג.

ד.

יחידים און קליינע גרופּעס, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די נייע דערציאונגס־אידייען האָבן זיך געפונען אין אַלע פּראָגרעסיווע יידישע לאַגערן.

וואָס איז שייך אָט די יחידים, איז איינער פון זיי געגאַנגען אַזוי וויט, אַז ער האָט נאָך אין יאָר 1908 געמאַכט אַ פּרואוו צו גרינדן אַ יידיש־וועלט־לעכע שול אין ניו־יאָרק, דאָס איז באמת געווען אַ דרייסטער שריט, און אַזוי ווי דאָס איז געווען דער ערשטער פּרואוו פון דעם מין, איז כדאי אים צו פאַרצייכענען מיט אַלע איינצלהייטן. ער איז געמאַכט געוואָרן פון דעם פאַרשטאָרבענעם ח. גאָלדבלום (קישיניעווסקי), דעם שפּעטערדיקן לערער און טוער פון די שלום־עליכם־שולן און פאַרפאַסער פון קינדער־מעשיות. ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין יאָר 1906. אין צוויי יאָר אַרום איז אים איינגעפאַלן צו גרינדן אין בראָנזוויל אַ וועלטלעכע יידישע שול. זי האָט ניט געהאַט קיין אריכת־ימים, אָבער דאָס איז, ווי געזאָגט, געווען די ערשטע

יידיש־וועלטלעכע שול אויפן אמעריקאנער קאנטינענט און איינע פון די ערשטע אין דער גאנצער וועלט. וועל איך דערפאר לאזן דעם פיאנער אליין דערציילן, ווי דער אויפקום און דער אונטערגאנג פון דער דאזיקער שול איז פארגעקומען: „ארום סעפטעמבער 1908 האב איך מיט נאך צוויי לערערס: שבתי לערנער און א. שלענער (געזאנג־לערער) באשלאסן פריוואט אויפצו־עפענען א מאדערנע וועלטלעכע יידישע שול, וואו מיר זאלן לערנען מיט די קינדער די יידישע שפראך, יידישע געשיכטע, אויך העברעאיש ווי א שפראך, אבער ניט קיין רעליגיע. מיר האבן אויסגעארבעט א פראגראם אין דער פארם פון א ביכעלע אין 12 זייטלעך, וואו מיר האבן דערקלערט אונדזער שטע־לונג צו די היגע חדרים און תלמוד־תורהס, מיר האבן אנגעוויזן זייער שעדלעכן איינפלוס אויפן קינד. מיר האבן אנגעגעבן די צילן פון אונדזער מאדערנער שול און מיר האבן אויסגעדריקט די האפענונג, אז דאס וועט זיין דאס ערשטע שוועלבעלע וואס וועט אנזאגן דעם אנקום פון א נייער עפאכע מיט א נייעם מאדערנעם יידנטום. מיר האבן אפגעדרוקט א 100 עקזעמפליארן און טאקע אליין זיי צעטיילט אין א היפשער צאל היימען. מיר האבן געדונגען א דירה אין בראנזוויל, בלייק עוועניו און וויליאמס גאס, פאר 15 דאלאר א חודש, געקראגן עטלעכע אלטע שול־בענקלעך און די איבעריקע מכשירים, אריינגענומען א פיאנא און צו מזל אנגעהויבן רעגיסטרירן קינדער, רעכענענדיק 2 דאלאר א חודש. און קינדער זיינען געקומען. אין משך פון צוויי וואכן זיינען אריינגעקומען 22 קינדער. עס איז אוועק א גאנ־צער חודש. מיר האבן שוין אנגעהויבן טראכטן פון א נייער דירה, א מער באקוועמער . . . איין מאל אין א דינסטיק קומען פלוצלינג אריין זעקס מאמעס מיט א מאל. זיי ווילן זען, ווי מיר לערנען (שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי זיינען אונטערגעשיקט געווארן פון דער שכנישער תלמוד־תורה.) מיר זיינען אזוי פארטיפט אין לערנען: איך אין איין קלאס, שבתי אין צווייטן, ווען פלוצלינג גיט איין פרוי א קרעכץ: „אי ווי איז צו מיינע יאר, איר לערנט דא אן א היטל! אזא יאר אויף אייך מיט אייער חדר! קום שוין אהיים, לעא!" געכאפט איר קינד און שנעל ארויס. מיר זיינען געבליבן זיצן ווי אפגעשמיסענע. מיר האבן נאך ניט באוויזן צו קומען צו זיך, ווי אן אנדער פרוי גיט א קוויטש: „וואס איז דא ביי אייך? א מיסיאנערן־הויז? איר ווילט אפשמדן מיין סאלן? נישט דערלעבן זאלט איר עס! קום אהיים, סאל!" בקיצור: אלע זעקס מאמעס זיינען ארויס מיט זייערע לעאס, סאלים און דזשעראמס ווי פון א פייער".

דאס איז געווען דער אנהייב פונעם סוף:

„מיר האבן ווי עס איז פארענדיקט, דערציילט גאלדבלום, דאס לערנען און די קינדער זיינען שטיל אוועק אהיים. צו מארגנס האבן אכט קינדער געפעלט, אויפן דריטן טאג האבן שוין גאנצע עלף קינדער געפעלט. אבער דאס

איז נאָך ניט אַלץ. מיר שטייען אַזוי אין די קלאַסן און לערנען מיט אונדזערע עלף קינדער, ווען פּלוצלינג — קראַך! אַ גרויסע שויב האָט זיך אויף פּיצלעך צעבראָכן, און אַ שטיין האָט געטראָפן מיין שבתין אין דער רעכטער פּלייצע, אָבער גוט געטראָפן: ער האָט געמוזט גיין צו אַ דאָקטער. ס'איז נאָך אַ נס וואָס עס האָט אים ניט געטראָפן אין קאָפּ, ער וואָלט געווים געפאַלן טויט. ס'איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע, די קינדער זיינען זיך צעלאָפן און מיר זיינען געבליבן מיט די פיר ווענט און מיט די בענקלעך".[11]

דאָס איז געווען דער סוף פון דער ערשטער יידיש-וועלטלעכער שול אין אַמעריקע. דער עולם איז נאָך ניט גרייט געווען פאַר אַזאַ מין שול. מען האָט אים שוין אָבער אָנגעהויבן גרייטן דערצו.

דעם 18טן אַפּריל, 1909, איז אין דער „וואָרהייט" פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל אונטערן קעפּל: „ווי זאָלן מיר דערציען אונדזערע קינדער דאָ אין לאַנד?" דאָס איז געווען דער ערשטער אַרטיקל פון דעם מין אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּרעסע. זיין פאַרפאַסער איז געווען יואל ענטין, אַ זשורנאַליסט און אַ ליטעראַטור- און טעאַטער-קריטיקער, וואָס האָט זיך שוין פריער ניט איין מאָל איינגעשטעלט פאַר דעם ווערט און די רעכט פון יידיש און יידישער קולטור דאָ אין לאַנד. דער תמצית פונעם דערמאָנטן אַרטיקל, ווי יואל ענטין אַליין גיט אים איבער, איז געווען אַזאַ: די פּאַבליק-סקול גיט דעם קינד אַ סתם דערציאונג, אָבער נישט קיין יידישע. די תלמוד-תורהס זיינען פאַר קינדער פון רעליגיעזע יידן, די אינסטיטוציעס פון דעם מין חדר-מתוקן זיינען פאַר קינדער פון ציוניסטן-נאַציאָנאַליסטן, וואָס איז אָבער מכח אַזוינע יידן, וואָס גלייבן אין אַ קולטורעלער יידישער ווידערגעבורט, אָבער זיי זיינען צוגעבונדן צו דער יידישער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט און הערן זיך אַפילו צו צו יידישע צוקונפט-טרוימען? . . . אויך די דאָזיקע עלטערן ווילן אויסבויען אַ בריק צווישן זיך און זייערע קינדער, בכדי זייער יידישער דור זאָל ניט אָפּשטאַרבן . . . און ער האָט פאָרגעשלאָגן, אַז דער סאָרט יידן זאָלן גרינדן שולן אָן רעליגיע און אַפילו אָן נאַציאָנאַלע אידייען, אויב די עלטערן ווילן זיי ניט, אָבער — מע זאָל לערנען אין די שולן יידישע געשיכטע, העברע-איש, אויך יידיש און יידישע ליטעראַטור.[12] דעם דאָזיקן טיפּ יידישע דערציאונג האָט יואל ענטין געפּרעדיקט אין דער „וואָרהייט" אויך אין 1910 און שפּעטער האָט ער אויפגעפאָדערט די פּועלי-ציון און די צווייגן פון אַרבעטער-רינג צו גרינדן יידישע שולן פון דעם טיפּ. ער האָט געפילט, אַז עס זיינען שוין דאָ יידן, וואָס ווילן אַזוינע שולן.

און ער איז ניט געווען דער איינציקער, וואָס האָט אַזוי געפילט. אין דער זעלביקער „וואָרהייט", וואו ער האָט געדרוקט די נאָר וואָס דערמאָנטע אַרטיק-לען, איז אין 1909 פאַרעפנטלעכט געוואָרן לעאָן קאָברינס ראָמאַן „די אימי-גראַנטן", אַ ראָמאַן, וואָס איז אין דעם איינגענעם יאָר אַרויס אויך אין בוכפאָרם,

— און אין אַט דער דערציילונג פונעם אימיגראַנטן לעבן זיינען געקומען צום אויסדרוק די נייע, מער נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און שטרעמונגען, וואָס זינט נאָך דעם קישיניעווער פּאָגראָם האָבן זיי אָנגעהויבן אַריינצודרינגען אין די מער סענסיטיווע שיכטן פון דער יידישער אינטעליגענציע אין אַמעריקע. איינער פון לעאָן קאָברינס העלדן, ד״ר רייכמאַן, אַ טעריטאָריאַליסט, קלאָגט זיך אויף זיינע קינדער, וואָס זיינען פאַרפרעמדט געוואָרן פון אים. ענטפערט זיין פריינד מאָיסעי, אַ געוועזענער רוסישער רעוואָלוציאָנער, אַז ער, רייכמאַן, איז אַליין שולדיק אין דעם, וואָס זיינע קינדער זיינען ניט אַזעלכע, ווי ער וואָלט וועלן, אַז זיי זאָלן זיין . . . „וואָס פאַר אַ דערציאונג האָבן זיי ביי אייך געקראָגן? אין וואָס פאַר אַן אַטמאָספערע זיינען זיי ביי אייך געוואַקסן? . . . אין דער היים ביי רעליגיעזע עלטערן ווערן די קינדער דערצויגן אין אַן אַט־מאָספערע פון טראַדיציעס און מנהגים, אין אַ הייליקער און פּאָעטישער שטימונג פון שבתים־און יום־טובים . . . ביי די ניט־רעליגיעזע עלטערן — אין אַן אַנדער אַטמאָספערע, — פון ליטעראַטור און אידעאַלן, וועלכע ווערט נאָך פאַרשטאַרקט פון די שולן, פון חברים — וואַקסן טאַקע דאָרט אויס די קינדער מיט אַ נשמה יתירה . . . דאָ אָבער? . . . די עלטערן אימיגראַנטן, אָוועק־געריסן פון דעם אייגענעם באָדן, לעבן אַליין אויסער אַ וועלכער ניט איז אַטמאָספערע . . . בלייבן די קינדער איבערגעלאָזן צו דער דערציאונג פון דער שולע, פון די חברים אין גאַס . . . דער רעזולטאַט איז: קינדער הערן אויף צו פאַרשטיין עלטערן, די עלטערן — די קינדער . . . די עלטערן זיינען „גרינהאָרנס״, די קינדער אַמעריקאַנער, וואָס פיל פון זיי, ווי איך האָב שוין דאָ באַמערקט ביי אייך, שעמען זיך גאָר אין גאַנצן מיט זייערע עלטערן. קורץ, מיכאַאיל, קיין אַנדערע קינדער האָבן נישט געקאָנט אַרויסוואַקסן ביי אונדזערע אימיגראַנטן. די שול דערציט זיי פאַר אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן און הויפּטזעכלעך פאַר אַזעלכע . . . און די חברים און די גאַס מאַכן פון זיי פּראַקטישע מענטשן און גאַסן־יונגען. אַט אַזוי איז ביי אייך באַשאַפן געוואָרן צווישן די קינדער פון די יידישע אימיגראַנטן דער אומסימפּאַטישער טיפּ, וועלכער איז אַ געמיש פון אַמעריקאַנער פּאַטריאָט, פּראַקטישן מענטשן און גאַסן־יונג . . .״

— „יאָ מאָיסעי — האָט זיך רייכמאַן אָנגערופן — דער דיאַגנאָז פון דער מכה איז טאַקע אַ ריכטיקער, אָבער די רפואה פאַר דער דאָזיקער מכה, די רפואה? זי טוט דאָך אַזוי וויי, מאָיסעי״! . . . „עס איז דאָ אַ רפואה מיכאַאיל, עס איז דאָ! — האָט מאָיסעי אויסגעשריען מיט היץ — די צרה איז, וואָס דו ווילסט מיך ניט פאַרשטיין . . .״ — „ די יידישע קולטור״? . . . „יאָ! פאַרשטייט דאָך מיך מיכאַאיל — האָט מאָיסעי אויסגעשריען מיט נאָך מער היץ — אַ יידישע טעריטאָריע איז אפשר טאַקע דער בעסטער ענטפער אויף דער יידישער פראַגע; אָבער ביז דער טעריטאָריע? וואָס וועט ביז

דאמאלט ווערן פון אונדזערע קינדער, ווען מע זאל זיי ניט דערציען אלס ייִדן? ! . . . מיר מוזן לערנען מיט אונדזערע קינדער יידישע געשיכטע, יידישע ליטעראטור, דאן וועלן מיר האבן פארפלאנצט אין זייערע יונגע נשמות עפעס פון אונדזער אייגענער נשמה, דאן וועלן זיי בלייבן יידן, וועלן פילן אלס יידן און וועלן אפילו זיך אינטערעסירן מיט א יידישער טעריטאריע אויך" ! . . . —
„איך גלייב נישט אין דער מיגלעכקייט פון א יידישער קולטור אין גלות־לענדער — האט רייכמאן זיך אנגערופן. — „און איך בין איבערצייגט, אז עס איז יא מיגלעך" — האט מאיסעי זיך געהיצט — און ניט נאר מיגלעך, זי איז אפילו שוין דא אויך! די אלע יידישע צייטונגען מיט זייער גוואלדיקער צאל לעזער . . . די יידישע טעאטערס — דאס אלעס איז יידישע קולטור! מיר מעגן זיין ניט איינפארשטאנדן מיט זייער אינהאלט, זיי קאנען דאך אבער שפעטער ווערן בעסער און איידעלער און זייער אינהאלט וועט אויך ווערן בעסער און איידעלער, וועט מוזן ווערן, ווען מיר וועלן האבן אן אמת־יידישע אינטעליגענץ, וואס וועט זיך מיט דעם אינטערעסירן . . . פאלגט מיך, מיכאאיל, נעמט אן מיין פארשלאג, וואס איך האב אייך לעצטע וואך געמאכט: לאמיר גרינדן נאציאנאלע אוונטשולן פאר יידישע קינדער, וואו מיר זאלן מיט זיי לערנען יידישע געשיכטע און ליטעראטור. אין אמעריקע איז דאך אזוי לייכט צו גרינדן אזעלכע שולן!" — „יא גרינדן איז שוין לייכט, אבער . . . האט רייכמאן א שמייכל געטאן. — „זייט נאר ניט אזא פעסימיסט, מיכאאיל! — האט מאיסעי אויסגעשריען — נו, לאמיר פרואוון . . . אום גאטעס ווילן, לאמיר עפעס טאן! . . . דער יידישער טעריטאריע וועט עס דאך ניט שאטן? . . . — רייכמאן האט א ווײַלע נאכגעטראכט. — „מילא, מיר וועלן פרואוון — האט ער ארויסגערעדט — א גוטע זאך וועט עס סיי ווי סיי זיין!"
און מען האט טאקע באלד אנגעהויבן „פרואוון".[13]

ה.

איידער מען איז צוגעטראטן צו דער פראקטישער ארבעט, האט מען גע־פירט וועגן דעם טעארעטישע וכוחים, — ענלעכע צו די, וואס לעאן קאברין האט איבערגעגעבן אין זיין ראמאן „פונעם לעבן פון רוסישע יידן אין אמע־ריקע". און אט די דיסקוסיעס זיינען געווען זייער וויכטיק. זיי האבן צוגעגרייט דעם באדן און די לופט פאר דער נייער ארבעט, און ס'איז כדאי צו וויסן, אז זיי זיינען געפירט געווארן נישט נאר צווישן פועלי־ציון און סאציאליסטן־טעריטאריאליסטן. די לעצטע האבן זיך טאקע מער ווי אלע אנדערע אינטע־רעסירט מיט פראבלעמען פון יידישער דערציאונג און יידישער קולטור בכלל, אבער אויך די סאציאליסטן, דערהויפט די בונדיסטן, וואס זיינען דאן שוין געווען דא אין א גרעסערער צאל, האבן היפשלעך אנטייל גענומען אין די וכוחים

וועגן דערציאונג. און נישט נאָר פּריוואַט, אויך עפנטלעך איז דער ענין יידישע דערציאונג היים דיסקוטירט געוואָרן.

ווי פריינד ב. צבֿיון דערציילט אין זיינע דערינערונגען,[14] האָט ער שוין אין יאָר 1910, אויף דער 10טער קאָנווענשאָן פון א"ר אויפגעהויבן די פראַגע פון יידישע אַרבעטער־רינג־שולן. און ווי מיר ווייסן, האָט ער שוין דאַן געשריבן וועגן דעם אינעם זאַמלבוך צום 10 יאָריקן יובילײ פון א"ר.

לויט צבֿיונס מיינונג, איז דאַן נאָך געווען צו פרי צו ריידן וועגן דעם, פשוט דערפאַר, ווייל די אָרדן־מיטגלידער זיינען נאָך געווען צו יונג און האָבן נאָך נישט געהאַט קיין קינדער. נון, קינדער אין שולעלטער האָבן אַ סך פון זיי שוין אפשר יע געהאַט, אָבער זיי זיינען ניט גרייט געווען נאָך צו שיקן זיי אין אַ יידישער שול. זיי האָבן געדאַרפט ערשט צוגעגרייט ווערן דערצו, — צוגעגרייט ווערן אידעאָלאָגיש און פּסיכאָלאָגיש.

איינער פון די וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין אָט דער צוגרייטונגס־אַרבעט איז, ווי עס איז שוין פריער דערמאָנט געוואָרן, געווען א. ליעסין. נישט נאָר מיט זיין פּאָעזיע האָט ער געווירקט. דאָס איז געווען אַן אינדירעקטע ווירקונג. אין יאָר 1910 האָט ער דירעקט געשטעלט די פּראַגע וועגן יידישער דערציאונג — און דוקא אין „פאָרווערטס". דעם 10טן יולי, 1910, האָט ער אין „פאָרווערטס" פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „אונדזערע קינדער". אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט ער גערעדט וועגן דעם, וואָס „איבעראַל אין די סקולס און אין די קאַלעדזשעס איז זייער גרויס דער פּראָצענט פון די יידישע שילערס, וואָס צייכענען זיך אויס אין זייערע לימודים. די פליייסיקסטע שילערס זיינען די יידישע שילערס, די פעאיקסטע שילערס זיינען די יידישע שילערס. און אין די וואָכן, ווען די שילערס שניידן די פרוכט פון זייער פליים און זייער פעאיקייט, ציינט זיך דאָס אַרויס; די ליסטן פון די פרייזן ציינן דאָס אַרויס. די מערסטע פרייזן נעמען צו די יידישע שילערס. דאָס זיינען מערסטן טייל קינדער פון רוסישע, גאַליציאַנישע און רומענישע יידן; דאָס זיינען מערסטן טייל קינדער פון פאַרפאָלגטע, פון פאַרטריבענע, פון פאַר־וואָגלטע. אין דער אַלטער וועלט וואָלטן פאַר די אַלע קינדער די טירן פון בילדונג צוגעקלאַפּט געווען; אין דער אַלטער וועלט וואָלטן טויזנטער פון די קינדער אַפילו מיטן לעבן ניט זיכער געווען, און מיט ליכטיקע פריידן זעען מיר, ווי דאָ אין אַמעריקע נעמען זיי צו די ערשטע פרייזן; זיי ווערן דאָ דער שטאָלץ פון דעם יונגן דור. די בעסטע האָפענונג פון דער צוקונפט".

„די פראַגע איז אָבער, וואָס האָט אונדזער קוואַרטאַל פון די אַלע יונגע אינטע־ליגענטע קרעפטן? שוין צענדליקע יאָרן, אַז די אָרעמע אימיגראַנטן־קינדער פילן אָן די קאַלעדזשעס און נעמען צו די אויסצייכענונגען. וואו זיינען אָבער די אויסגעצייכנטע קאַלעדזש־מתנות אויף דער יידישער גאַס? פאַר וואָס זעט מען זיי ניט און מען פילט זיי ניט? וואו קומען זיי אַהין? מיר האָבן

געהאט די לעצטע צייט גרויסע סטרייקס, וואס האבן אויפגערודערט דעם גאנצן קווארטאל, וואס האבן געצוויגן זאגאר די אויפמערקזאמקייט פון גאנצן לאנד. זיינען עפעס פיל פון דער אינטעליגענטער היגער יידישער יוגנט פאראינטערע־סירט געווארן אין דעם? גלחים, לידים פון דער פינפטער עוועניו זיינען יע פאראינטערעסירט געווען, אבער ניט אונדזערע אינטעליגענטע יונגע־לייט. און דאס זיינען דאך גרעסטן טייל קינדער פון די ארעמע קלאסן, קינדער פון ארבעטער, קינדער פון לייט, וואס לעבן ארום די ארבעטער. מען האט אזוי פיל באשריבן און זאגאר באזונגען דעם יידישן יונגן־מאן, וואס איז זיך ממית, כדי צו קריגן בילדונג, נאך וואונדערלעכער זיינען אבער די יידישע פאטערס און מוטערס, וואס זיינען זיך ממית, כדי זייערע קינדער זאלן קריגן בילדונג, און ווי פיל אזוינע פאטערס און אזוינע מוטערס זיינען דא אין אונדזער קווארטאל!" טא פאר וואס פילן ניט די אינטעליגענטע קינדער זייער גרויסן חוב פאר די ארעמע קלאסן! פאר וואס פארגעסן זיי אזוי לייכט די גרויסע לײדן און די גרויסע זעלבסט־אויפאפפערונג פון זייערע עלטערן און ווערן פארדעטער צו דעם קלאס, פון וועלכן זיי קומען ארויס? אונדז איז ניט לאנג אויסגעקומען צו זען דעם גרויסן קלאוק־מאכער מיטינג אין מעדיסאן־סקווער־גארדן. דאס האט פארגעשטעלט אזא הערלעך בילד, וואס מע קען א לעבן לאנג ניט פארגעסן. א שוידער פון אנטציקונג האט דורכגענומען צו זען די גוואלדיק גרויסע מענטשן מענגע, פאר וועלכער דער גרעסטער האל אין אמעריקע איז צו קליין געווען. דאס איז געווען א ריכטיקער ברויזנדער מענטש־לעכער ים. 20 טויזנט מענטשן, פארשוויצטע, פארמאטערטע, פארפינצטערטע האבן זיך געשטיקט אין א טויטלעכער היץ, אום צו כאפן אווארט פון ראט און זייער גרויסן עלנט — א ווארט פון אויפקלערונג, וואס זיי האבן קוים געקענט דערהערן. און ווי באגייסטערט מען האט יעדעס ווארט אויפגענומען. ווי דורשטיק מען האט עס איינגעזאפט." „און דעם שרייבער פון דיזע צײלן האט די גאנצע צייט געמאטערט א שמערצלעכער געדאנק: גראדע אין דעם זעלבן טאג זיינען די צייטונגען פול געווען מיט די נייס פון די גרעדויאיישאנס און די קאמענסמענטס אין די סקולס און אין די קאלעדזשעס. די ליסטן פון די פרייזן האבן דורכויס געפינקלט מיט יידישע נעמען — מיט נעמען פון יידישע יידן, פון טענעמענט־יידן. עס איז זייער מיגלעך, אז פיל פון די פאר־זאמלטע אין דעם האל האבן דארט אין די ליסטן ברידער, קרובים. עס איז זייער מיגלעך, אז פיל פון די פארזאמלטע האבן דארט קינדער, און מיט עטלעכע שטונדן פריער האבן זיי זיך געשפארט מיט דער זעלבער באגייסטערונג ארום די טירן פון די פארשיידענע בילדונגס־אנשטאלטן".

„און אזוי איז אויך געווען פאר־א־יארן און פאר־צען־יארן, טא וואו זיינען זיי, די אלע גראדואירטע מיט די אלע אויסצייכענונגען, וועלכע האבן אויפן חשבון פון זייערע עלטערנס שוויים און בלוט געהאט די מיגלעכקייט ארויס־

צורייסן זיך פון אונטער דער מאַשין און פון אונטער דעם פּושקאַרט און אַריינצוגיין אין אַ גליקלעכערן, ליכטיקערן לעבן? וואָרום שטייען זיי דאָ פון דער ווייטנס, ווען די יידישע מאַסע נייטיקט זיך אַזוי אין אינטעליגענטע הילף? וואָרום קומען זיי ניט און ברענגען ניט אַהער זייער בילדונג און זייערע כחות אַרויסצוהעלפן די עלטערן, די ברידער, די קרובים, אין דעם שווערן וויסטן קאַמף זייערן? וואָרום איז אין אַלגעמיין די היגע אינטעליגענטע יידישע יוגנט אַזוי פרעמד צו זייער קלאַס, צו זייער פאָלק, — צו די בלוטיקסטע אינטערעסן פון זייער קלאַס, און זייער פאָלק?"

„אורזאַכן זיינען דאָ פאַרשיידענע, די הויפּטאורזאַך איז אָבער, וואָס נאָך אין די סקולס ווערן שוין די קינדער פאַרפרעמדט פון אונדז, וואָס פון זייער פריסטער יוגנט לערנען זיי זיך שוין צו פאַראַכטן אונדזער שפּראַך, אונדזער ליטעראַטור, אונדזערע אינטערעסן, און עס מאַכט ניט אויס, וואָס זיי וואוינען מיט אונדז אונטער איין דאַך, וואָס זיי זיצן מיט אונדז אפילו ביי איין טיש, עס טיילט אונדז אָפּ אַן אָפּגרונט — אַ נשמה־אָפּגרונט".

„און ווי זאָנדערבאַר דאָס זאָל ניט קלינגען — עס איז אָבער אַזוי! ווען אונדזערע קינדער וואָלטן באַקומען אַ גוטע יידישע דערציאונג, דאַן וואָלט אויך די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג, אַפילו די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג ניט געפילט אַזאַ ברענענדן הונגער אין אינטעליגענטע קרעפטן!"

אַזוי האָט א. ליעסין געשריבן אין 1910. אין 1912 געפינען מיר אַן אַרטיקל וועגן דער נייטיקייט פון יידישער דערציאונג אינעם אָרגאַן פונעם אַרבעטער־רינג גופא — אין „דעם פריינד". דער אַרטיקל איז געשריבן געוואָרן פון ד"ר נ. סירקינען. ער איז געווען אַ ציוניסט־סאָציאַליסט און ער האָט מער אויסגעדריקט די שטימונגען פון זיינע חברים, ווי פון א"ר. אָבער דער פאַקט, וואָס דער אָפיציעלער אָרגאַן פון א"ר האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרעפנטלעכן סירקינס אַרטיקל, ווייזט, אַז דער ענין יידישע דערציאונג איז — ווינציקסטנס — ביי אַ טייל אָרדן־מיטגלידער געשטאַנען שוין אויף דער טאָג־אָרדענונג . . . ד"ר סירקין האָט געשריבן: „יעדער יידישער אַרבעטער, און דער ראַדיקאַלער אפשר נאָך מער איידער דער פּראָסטער חי־וקים, וואָלט וועלן, אַז זיין קינד זאָל האָבן עפּעס אַ ידיעה אין יידישער געשיכטע, אין לעזן און שרייבן יידיש, אָדער אפילו גאָר אין העברעאיש און יידישער ליטעראַטור. דיזע בעדירפנים לעבט און ווערט באַפרידיקט אויף פאַרשיידענע אופנים. דער אַמאַליקער חדר און דער רבי און דער טייטל, דער חדר־מתוקן, דער עברית בעברית, די תלמוד־תורה, די סאָנדעי־סקול מיט דעם ראַביי, ציען צו זיך קינדער פון אַרבעטער־קלאַס נאָך מער אפשר ווי פון אַנדערע קלאַסן. אויב פיל אַרבעטער האָבן זיך פון אַלע די סקולס אָפּגעווענדעט, איז עס דערפאַר, ווייל זיי באַפרידיקן זיי מער ניט דורך זייער גייסט. דער אַרבעטער־רינג דאַרף זיך אָפּרופן אויף דער בעדירפנים און פאַרענטפערן זי אויף דעם

פראַגרעסיוון אופן. דער אַרבעטער־רינג דאַרף איבער הויפּט ניט שטיין פון וויטן פון אַלע דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וועלכע „שטאַט” באַגרינדעט און האַלט אויס. וואָרעם די אַלע תלמוד־תורהס, חדרים, סקולס זיינען באַרעכנט אויף אַרבעטער־קינדער. וואו עס איז אוממיגלעך צו גרינדן אַן אייגענע יידישע סאָציאַליסטישע סקול, דאַרפן די אַרבעטער ניט בלייבן גלייכגילטיק צו די עקסיסטירנדע יידישע שולן, נאָר אויסנוצן זיי און קעמפן קעגן דעם דאָרטיקן רעליגיעזן גייסט”.[15] ד"ר סירקין איז שוין געגאַנגען צו ווייט. ער האָט געוואָלט, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל זיך בכלל אריינמישן אין דעם ענין יידישע דערציאונג. דער אָרדן, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, איז נאָך נישט גרייט געווען אַפילו פאַר אַן אייגענער יידישער דערציאונגס־אַנשטאַלט.

אין א"ר האָט נאָך עקסיסטירט אַ ריכטונג (דאָס איז געווען די ריכטונג פון די אַזוי אָנגערופענע „אַלטע”), אַז דער אַרבעטער־אָרדן דאַרף זיך בכלל באַנוגענען מיט געבן מאַטעריעלע הילף די מיטגלידער און איבערלאָזן די בילדונג־און קולטור־אַרבעט פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און די יוניאָנס. די דאָזיקע גרופּע איז געווען אַפילו קעגן דעם, אַז דער א"ר זאָל האָבן אַן אייגענעם זשורנאַל, און עס איז געווען אַ צייט, ווען זי האָט זיך אַנטקעגנגע־שטעלט דער שאַפונג פון אַן אַלגעמיינעם בילדונגס־קאָמיטעט ביים א"ר. אָבער געזיגט האָבן די „יונגע”, וועלכע האָבן זיך איינגעשטעלט פאַר דעם אָרדנס בילדונג־און קולטור־טעטיקייט. איז בילדונג פאַר דערוואַקסענע לאַנג שוין איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער פּראָגראַם פון אָרדן. אָבער נאָר בילדונג פאַר דערוואַקסענע, ניט דערציאונג פונעם יונגן דור און דערהויפּט ניט יידישע דערציאונג. וועגן יידישער דערציאונג האָט מען נאָך לאַנג און לײדנשאַפטלעך געדאַרפט דיסקוטירן ביז מען איז געקומען צו אַ פּאָזיטיוון באַשלוס . . .

ו.

אַפילו אין די רייען פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער־באַוועגונג זיינען נאָך ווייט נישט אַלע באַגייסטערט געווען פאַר דער יידישער דערציאונג־אידיי. ווי עס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן, האָבן נישט אַלע געגלייבט, אַז עס קאָן פון איר עפּעס ארויסקומען. עס זיינען געווען שוין אָבער דאַן צווישן די ציוניסטן־סאָציאַליסטן (דערהויפּט צווישן די טעריטאָריאַליסטן) אַ היפּש ביסל אַזוינע, וואָס זיינען טיף באַאיינפלוסט געוואָרן פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקין, יואל ענטינען, און אַנדערע, — און זיי זיינען געוואָרן די פּאָקטישע פּיאָנערן פון דער יידיש־וועלטלעכער אָדער, ווי זי האָט אין אָנהייב געהייסן, „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול”. אַ דאַנק זייער ווירקונג האָט פריער די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד אין ראָטשעסטער, נ. י. און דערנאָך דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע, — דער צוזאַמענפאָר, וואָס

האָט זיך געעפנט דעם 20סטן אָקטאָבער, 1910, — אָנגענומען אַ באַ־
שלום צו גרינדן נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. און דעם 10טן דעצעמ־
בער, 1910 איז אין ניו־יאָרק, 104 מעדיסאָן עוועניו, געעפנט געוואָרן
די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול. דאָס איז געווען אַ שבת־ און זונטיק־שול
מיט אַרום 200 קינדער. צווישן אירע אַקטיווע טוערס זיינען געווען ברוך
צוקערמאַן, ה. עהרנרייך, ד״ר זשיטלאָווסקי, ד״ר גלאַבוס און דער פאַרשטאָר־
בענער ד״ר ש. עלסבערג. איר דירעקטאָר איז געווען פריער ד״ר גלאַבוס און
דערנאָך יואל ענטין, וועלכער האָט צוזאַמען מיט דעם פאַרשטאָרבענעם
לעאָן עלבע (לייבע באַסין) אַרויסגעגעבן די ערשטע יידישע כרעסטאָמאַטיע
אין אַמעריקע „פון יידישן קוואַל״ ניו־יאָרק, 1916.[16] (לעאָן עלבע האָט, אַגב,
פאַרפאַסט דאָס ערשטע לערנבוך פאַר יידיש אין אַמעריקע: „די יידישע
שפּראַך״, 1914, און איז געווען דער ערשטער און פּאָפּולערסטער יידישער
קינדער־שרייבער אין אַמעריקע.) צווישן די לערערס פון דער ערשטער
נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול איז געווען חיים ליבערמאַן, וועלכער האָט פאַר־
פאַסט די ערשטע אַגיטאַציע־בראָשור פאַר דער מאָדערנער יידישער דערציאונג
אין אַמעריקע: „דאָס פּראָבלעם פון יידישער דערציאונג״, ניו־יאָרק, 1913,
אַרויסגעגעבן פון די פּועלי־ציון און דעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד.

אין 1911 איז, לויט דער איניציאַטיוו פון ה. נאַוואַקן און אַנדערע,
געגרינדעט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול אין קאַנאַדאַ, — די
מײַלענדער שול פון מאָנטרעאָל.[17] (לויט ל. מעלצערן איז די שול אין מאָנטרעאָל
געעפנט געוואָרן דעם 20סטן דעצעמבער, 1910, ד״ה, גלייך נאָך דער דערעפענונג
פון דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול אין ניו־יאָרק — זע „אונדזער שול״,
פעברואַר, 1934, ז. 43).

אין דעם זעלביקן יאָר 1911 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע נאַציאָנאַל־
ראַדיקאַלע שול אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע. איר אויפגאַבע איז אַזוי פאָרמולירט
געוואָרן: . . . צו געבן די יידישע קינדער אַן אמתע יידישע און ראַדיקאַלע
דערציאונג, צו דערנענטערן זיי צו זייערע עלטערן און זייער פאָלק, איינצו־
פלאַנצן אין זיי אַ טיפע ליבע צום יידישן פאָלק און צו די יידישע אידעאַלן
און האָפענונגען, צו דער גאַנצער מענטשהייט און צו די אַלמענטשלעכע
אידעאַלן פון שלום און פרייהייט, פעלקער־ליבע און ברידערלעכקייט״ („שול־
בוך״, טאָראָנטאָ, 1936, ז. 103).

אין גיכן זיינען ענלעכע יידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן אויפגעקומען אין
אַנדערע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. אין די אַלע שולן
זיינען יידיש און העברעאיש געווען אין אָנהייב גלייכבאַרעכטיקט, אָבער אין
עטלעכע יאָר אַרום, ווען די מער יידישיסטיש־געשטימטע סאָציאַליסטן־טעריי־
טאָריאַליסטן זיינען צוגעשטאַנען צו דעם שולפאַראיין פון די פּועלי־ציון,
איז אָנגענומען געוואָרן אַ קאָמפּראָמיס־רעזאָלוציע וועגן העברעאיש: עס

זאל געלערנט ווערן, אבער נישט גלייך אין אנהייב. וואס איז שייך צו רעליגיע, איז זי נישט אריינגענומען געווארן אין דער פראגראם פון די שולן, אבער זי איז באלויכטן געווארן פון א פאזיטיוון קולטור־היסטארישן און נאציאנאלן שטאנדפונקט. דאס מיינט צו זאגן, אז כאטש מען האט נישט געלערנט קיין רעליגיע, האט מען געזוכט צו באקענען די קינדער מיט רעליגיעזע מנהגים און יום־טובים צוליב זייער נאציאנאלער באדייטונג. דער לאזונג פון דער נאציאנאל־ראדיקאלער שול איז געווען: „דאס יידישע קינד דעם יידישן פאלק".

ארום 1914-1913 האבן זיך אנגעהויבן גרינדן יענע „אומפארטייאישע" און ריין יידישיסטישע פאלקשולן, וועלכע זיינען זינט דעם יאר 1916 באקאנט געווארן אונטערן נאמען שלום־עליכם־פאלקשולן: צווישן די ערשטע לערערס פון די דאזיקע שולן זיינען געווען די פריער שוין דערמאנטע לעאן עלבע און חיים ליבערמאן.

די דאזיקע אלע שולן זיינען אין אנהייב געווען שבת־ און זונטיק־שולן, ערשט שפעטער האט מען אנגעהויבן צו לערנען אין זיי דריי מאל א וואך אדער יעדן טאג.

אבער . . . מיר שרייבן דא ניט די געשיכטע פון די נאציאנאל־ראדיקאלע אדער שלום־עליכם־שולן. מיר האבן זיי דערמאנט דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען די פארלויפערינס פון דער א"ר־שול. אין א געוויסן זין האבן זיי צוגעגרייט פאר איר דעם באדן. זיי האבן געווירקט, ווי מיר וועלן שפעטער זען, אי נעגאטיוו, אי פאזיטיוו. נעגאטיוו האבן זיי געווירקט דערמיט, וואס א סך שטרענגע ראדיקאלן פון א"ר האבן זיך געשראקן פאר דעם „צו־נאציאנאליסטישן" איינפלוס, וואס די נאציאנאל־ראדיקאלע שולן קאנען האבן אויף די קינדער פון א"ר־מיטגלידער, — און זיי האבן געוואלט שוין האבן בעסער א"ר־שולן. דער פאזיטיווער רעזולטאט פון דער נאציאנאל־ראדיקאלער שול איז געווען, וואס זי האט דאך צוגעוווינט דעם עולם צו א יידישער דערציאונג, וואס איז ניט רעליגיעז. זי האט געשפילט א פיאנערן־ראלע אויך אין דעם זין פון צוגרייטן לערערס, לערנביכער און קינדער־ליטעראטור. דער עיקר אבער איז געווען, וואס א טייל מיטגלידער און טוערס פון א"ר האבן בילעכווייז אנגעהויבן איינצוזען די נייטיקייט פון א יידיש־סאציאליסטישער שול.

זיי האבן אבער נישט געוואלט קיין נאציאנאל־ראדיקאלע שול. זיי האבן געוואלט א שול, וואס זאל זיין צוגעפאסט צום גייסט און גוסט פון ארבעטער־רינג. און זיי האבן אנגעהויבן ערנסט צו טראכטן וועגן אזא מין שול. זיי זיינען נאך געווען אבער צו קליין אין צאל. די מערהייט טוערס און פירערס פון א"ר זיינען נאך אלץ געווען גלייכגילטיק אדער קעגנעריש צו דער אידיי פון א יידיש־סאציאליסטישער שול. פאר זיי זיינען גענוג געווען די סאציאליסטישע „סאנדעי־סקולס" (זונטיקשולן).

3

ערשטע טריט

א.

די סאָציאַליסטישע „סאָנדעי־סקול" איז געווען דער ערשטער אַרויסטריט פון די אַ"ר־טוערס אויפן געביט פון דערציאונג.

בויענדיק די סאָנדעי־סקולס זיינען זיי פּאַראינטערעסירט און באַקאַנט געוואָרן מיט דער פּראָבלעם פון סאָציאַליסטישער דערציאונג. ניט פּאָר איינעם פון די שפּעטערדיקע שולטוערס פון אַ"ר איז די סאָנדעי־סקול געווען אַ מין פּאָרשול. ניט איינעם פון זיי האָט זי צוגעוויינט צום געדאַנק, אַז די גייסטיקע אַטמאָספער, אין וועלכער דער יונגער דור ווערט דערצויגן, איז זייער וויכטיק. דער דאָזיקער געדאַנק איז פון דער סאָנדעי־סקול־שפּראַך ביסלעכווייז איבער־געזעצט געוואָרן אויף דער שפּראַך פון דער יידיש־וועלטלעכער שול. אַזוי, אַז דער אויפגעוועקטער אינטערעס צו דער סאָציאַליסטישער דערציאונג פון די הי־געבוירענע קינדער קאָן באַטראַכט ווערן ווי די ערשטע פּאַזע אין דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער גאַנצער אַרבעטער־רינג־שול־טעטיקייט. און ס'איז כדאי זיך נענטער צו באַקענען מיט אָט דער אַנטוויקלונגס־פּאַזע.

די ערשטע סאָציאַליסטישע „סאָנדעי־סקול" אין אַמעריקע איז אָרגאַני־זירט געוואָרן אינעם יאָר 1906. זי איז געגרינדעט געוואָרן פון האַרלעמער אַרבעטער־רינג־ברענטש 2 ערגעץ וואו אויף איסט־בראָדוויי, ניו־יאָרק. די סקול האָט גלייך אין אָנהייב געהאַט 82 תלמידים מיט 4 לערערס. אין 1907 איז זי צונויפגעשמאָלצן געוואָרן מיט דער סאָנדעי־סקול פון 185 מעדיסאָן סטריט, און אין 1911 האָט זי געהאַט שוין אַן ערך 300 שילערס. אין דעם זעל־ביקן יאָר 1911 האָבן זיך דריי ברוקלינער אַרבעטער־רינג־ברענטשעס (3, 4 און 6) פאַראייניקט מיטן ציל אויסצוהאַלטן די סאָציאַליסטישע „סאָנדעי־סקול" אין וויליאַמסבורג. אין 1908 האָט זיך געעפנט די איסט־ניו־יאָרק־שול, געגרינדעט פון ברענטש 1 און 39. אין דעם זעלביקן יאָר האָבן זיך 5 ניו־יאָרקער ברענטשעס (8, 75, 43, 101, 20) פאַראייניקט אויסצוהאַלטן די מעדיסאָן־סטריט־שול. אין 1908־1909 האָט די ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג געעפנט דריי סאָנדעי־סקולס: אין גרינפּוינט, גרענד סטריט און עוועניו „איי". ברענטש 24 האָט אויף זיין אייגענעם חשבון געגרינדעט די שול פון ווענדאָווער עוועניו. אין 1910 זיינען געעפנט געוואָרן נאָך פיר שולן: אין דער 2טער סטריט, 4טער סטריט, פאַרסייד סטריט און אַלאַבאַמאַ עוועניו.

אין יאָר 1911-1910 האָבן זיך אין די ניו־יאָרקער סאָנדעי־סקולס געלערנט אַן ערך 1,500 קינדער. ענלעכע סקולס זיינען געווען אויך אין פילאַדעלפיע און אין אַנדערע שטעט.

וואָס האָט מען געלערנט אין אָט די זונטיקשולן ? אין די עלטערע קלאַסן : קולטור־געשיכטע, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן. אין די נידעריקערע קלאַסן האָט מען די קינדער אַמוזירט מיט מוזיק, געזאַנג, טענץ אאז״וו.

די ניו־יאָרקער סטייט־קאָמיטע פון אַרבעטער־רינג האָט זייער פיל געטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג פון די „סאָנדעי־סקולס". שוין אין יאָר 1908 איז די פראַגע פון די „סאָנדעי־סקולס" געשטעלט געוואָרן אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער סטייט־קאָמיטע, און עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ ספּעציעלער קאָמיטעט אַכטונג צו געבן אויף די סקולס. די אַרבעט פון דעם קאָמיטעט איז באַשטאַנען אין צונויפנעמען געלט פון די בראַנטשעס, באַזוכן די שולן, אאז״וו.

אין 1911 האָט זיך געגרינדעט אַ פאַראיין פון די „סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקול־לערערס", כדי אויסצואַרבעטן אַן איינהייטלעכע פּראָגראַם פאַר די סקולס. די עלטערע קינדער האָבן אין יענער צייט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל אונטערן נאָמען : „יונגע סאָציאַליסטן" (אין ענגליש).[1] פון די, וואָס האָבן זיך געלערנט אין די סאָנדעי־סקולס, זיינען אַרויסגעקומען אַזעלכע, ווי דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט יודזשין לייאָנס. צווישן די לערערס איז געווען קאָנראַד בערקאָוויטשי . . .

קיין שום יידישע לימודים זיינען אין די „סאָנדעי־סקולס" נישט געווען, אַזוי ווי די „סקולס" זאָלן נישט האָבן גאָר קיין שום שייכות צו יידן. די סאָנדעי־סקולס זיינען באמת טאַקע געגרינדעט געוואָרן ניט צוליב יידיש־נאַציאָנאַלע, נאָר צוליב סאָציאַליסטישע מאָטיוון. זיי זיינען אויפגעהאַלטן געוואָרן דערפאַר, ווייל — „די אויפגאַבע פון עלטערן מיט ראַדיקאַלע איבער־צייגונגען דאַרף זיין צו געבן זייערע קינדער אַזאַ דערציאונג, וואָס זאָל ניט שטיין אין ווידערשפּרוך מיט זייערע מיינונגען, זיי דאַרפן זען, אַז זייערע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן אין ז י י ע ר גייסט, אַז די קינדער זאָלן זיך פון קינדוויז אָן געוויינען צו ראַדיקאַלע געדאַנקען".[2] און ווען אַלע מיטגלידער פון אַ״ר וואָלטן געווען „עלטערן מיט ראַדיקאַלע איבערצייגונגען", וואָלטן זיי זיך אפשר באַנוגנט מיט „צוגעוויינען זייערע קינדער פון קינדוויז אָן צו ראַדיקאַלע געדאַנקען".

ב.

אָבער די מיטגלידערשאַפט פון אַ״ר איז — אין געזעלשאַפטלעך־אידעאָ־לאָגישן זינען — געווען אַ געמישטע.

אַ סך מיטגלידער און דערהויפּט טוערס פון אָרדן זיינען געווען טאַקע קאָסמאָפּאָליטיש געשטימט. זיי האָבן אָדער אין גאַנצן איגנאָרירט דעם פאַקט, וואָס זיי זיינען יידן, אָדער זיי האָבן געפירט גאָר אַ קאַמף קעגן יידישקייט אין אַלע אירע פאָרמען, ווי קעגן עפּעס, וואָס איז שטאַרק אָפּגעשטאַנען און רעאַקציאָנער.

עס זיינען — דערהויפּט צווישן די „רענק־ענד־פאַיל" — געווען אָבער אויך אַזוינע, וואָס האָבן — גאָר אויפן אַלטן שטייגער — געשיקט זייערע קינדער אין תלמוד־תורה.

צווישן אָט די צוויי עקסטרעמען זיינען געווען נאָך אַלערליי אַנדערע סאָרטן מענטשן. עס זיינען געווען אַ"ר־מיטגלידער, וואָס האָבן זיך נאָך בכלל נישט פאַרטראַכט איבער דעם ענין דערציאונג; זיי זיינען געווען גלייכגילטיק צו דער גאַנצער זאַך, און מען האָט געקאָנט אויף זיי ווירקן אין די פאַרשיידנסטע ריכטונגען.

עס זיינען געווען איינציקע מיטגלידער און גאַנצע צווייגן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון די פּועלי־ציון, פון די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, אָדער די „סיימיסטן".

עס זיינען געווען בונדיסטן — און צווישן זיי זיינען געווען אַ היפּש ביסל אַזוינע — וואָס האָבן נישט געמאַכט קיין גרויסן אונטערשייד צווישן דער אַלטער היים און דער נייער. אויב אין רוסלאַנד, פון וואַנען זיי זיינען געקומען, איז יידיש און יידישע קולטור אַן ענין, וואָס דער „בונד" האָט אריינגענומען אין זיין פּראָגראַם, אַן ענין, פאַר וועלכן ער קעמפט, קאָן עס נישט זיין קיין פּוסטער קלאַנג, האָבן זיי געטראַכט, אויך דאָ אין אַמעריקע . . .

אָט דאָס געמיש פון ריכטונגען, אידייען און סימפּאַטיעס איז געווען די אורזאַך, פאַר וואָס עס האָט זיך געמוזט אָנהייבן אַ דיסקוסיע — פריער אַ שטילע און דערנאָך אַ גאַנץ טומלדיקע דיסקוסיע — אַרום דער סאָציאַליסטישער סאָנדעי־סקול פון אַ"ר.

דער פאַקט, וואָס עס זיינען געווען אַ"ר־מיטגלידער, וועלכע האָבן געשיקט זייערע קינדער אין תלמוד־תורהס אָדער אין נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, האָט אפילו דעם ראַדיקאַלסטן ראַדיקאַל, אויב נאָר ער איז געווען אַ ביסל וויטזיכטיק, געמוזט אינטערעסירן און באַאומרואיקן. ער האָט געמוזט אָנהייבן איינצוזען, אַז „יידישקייט" איז סוף־כל־סוף, אַן ענין, וואָס מע קאָן אים נישט אוועקמאַכן אין גאַנצן אונטערן האַנט. ס'איז אמת טאַקע, אַ „נאַרישע" און אַ „רעאַקציאָנערע" איינריידעניש, אָבער טאַקע דערפאַר טאָר מען זי נישט איגנאָרירן. די סאָנדעי־סקול פון אַרבעטער־רינג האָט א י ג נ א ָ ר י ר ט דעם פאַקט, וואָס אירע שילערס און שילערינס זיינען יידישע קינדער און וואָס זייערע עלטערן זיינען יידישע עלטערן. און אָט דאָס האָט טאַקע געפירט דערצו, אַז אַ סך מיטגלידער פון אַ"ר זאָלן שיקן זייערע קינדער ניט אין סאָנדעי־סקול,

נאָר אין תלמוד־תורה אָדער אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול. האָבן אַפילו די, וואָס זיינען געווען הייסע אָנהענגערס פון דער סאָנדעי־סקול, געמוזט דערפילן, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַט. זיי זיינען דאָך אָבער געבליבן אירע פריינד און אָנהענגערס. אַנדערש איז געווען מיט די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע, „סיימיסטישע" און בונדיסטישע עלעמענטן. יענע האָבן אָנגעהויבן אַרויסצו־ווייזן אַן אָפענע אומצופרידנקייט מיט דער „סאָנדעי־סקול". מיט זייערע געפילן האָט מען זיך, סוף־כל־סוף, געמוזט אָנהייבן רעכנען. זייער צאָל און זייער איינפלוס אין דער פירערשאַפט פון א"ר איז געווען נאָך גאַנץ קליין, אָבער סיי זייער צאָל, סיי זייער ווירקונג האָט געהאַלטן אין וואַקסן. זיי האָבן געהאַט צווישן זיך איבערגעגעבענע, אַקטיווע און אַפילו אַגרעסיווע טוערס, און דער עיקר איז, וואָס זיי האָבן זיך געשטיצט אויף די מער באַוואוסטזיניקע עלעמענטן פון דעם נייעם איינוואַנדערונג־שטראָם, פון דעם שטראָם, וואָס האָט אָנגעהויבן צו פליסן אהער זינט נאָכן קישיניעווער פּאָגראָם און נאָך דעם דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין די יאָרן 1905־1906. יענער אימיגראַנטן־שטראָם האָט געבראַכט אהער אַ סך אָנהענגערס, פּאַסיווע און אַקטיווע אָנהענגערס, פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג, פונעם גלות־נאַציאָנאַליזם און דערהויפּט פון „בונד". מע זעט עס פון דעם פאַקט, וואָס די פּועלי־ציון האָבן שוין געהאַט דאָ זייערע אייגענע אָרגאַניזאַציעס. דער פּראָגרעסיווער (סאָציאַליסטישער) נאַציאָנאַליזם האָט שוין געהאַט דאָ זיין ליטעראַרישן אָרגאַן („דאָס נייע לעבן") און דער „בונד" — אַ מאַסע אונ־טערשטיצערס . . . אַט ווי ר. אַבראַמאָוויטש, דער פירער פון „בונד", וואָס אין נאָוועמבער, 1907, איז ער געקומען אהער זאַמלען געלט פאַר זיין פּאַרטיי, — גיט איבער דעם איינדרוק, וואָס אויף אים האָבן געמאַכט זיינע חברים אין אַמעריקע: „כ'האָב דאָרטן . . . שרייבט ער, אין יעדער שטאָט געפונען אַ מאַסע אַלטע באַקאַנטע. די גרעסטע איבערראַשונג האָט אויף מיר געמאַכט באַלטימאָר. בשעת איך בין דאָרטן אַרויסגעטראָטן אין אַ גרויסן האָל, האָט מען מיר אַרויפגעטראָגן אויף דער טריבונע אַן אומגעהויערן בוקעט רויטע בלומען, און צוזאַמען מיט די בלומען האָט זיך צו מיר אַריינגעלאָזן אַ גאַנצע גרופּע אַרבעטער פון מיין ערשטער ריגער „סכאָדקע" (קרייזל); כמעט אַלע זיינען דאָ געווען אין אַמעריקע . . . די דאָזיקע באַגעגעניש איז געווען סימבאָליש, וואָרעם אין די שפּעטערדיקע צייטן איז מיר געווען באַשערט צו טרעפן זיך אין אַמעריקע מיט גאַנצע דורות רוסישע בונדיסטן, טויזנטער און טויזנטער, וואָס אויפגעהאָדעוועט פּאָליטיש זיינען זיי געוואָרן אין „בונד" אין רוסלאַנד, פּוילן און ליטע, אָבער אויסלעבן זיך אין פּאָליטישן קאַמף און פּריוואַטן לעבן זיינען זיי געקומען קיין אַמעריקע".[8]

אַט דער יונגער דור אימיגראַנטן האָט געליפערט די אומצופרידענע עלעמענטן, די, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פריער מורמלען און דערנאָך הויך

פּראָטעסטירן קעגן דער „סאָנדעי־סקול" פון אַרבעטער־רינג און קעגן איר מאַכן דעם אָנשטעל, אַז דער אַ"ר איז סתּם אַזוי אַ סאָציאַליסטישער און ניט קיין יידיש־סאָציאַליסטישער אָרדן.

פריינד צביון (ד"ר ב. האָפמאַן) האָט די שטימונגען פון אָט דער גרופּע אַ"ר־טוערס קלאָר און שאַרף אויסגעדריקט אין אַן אַרטיקל „דער אַרבעטער־רינג און זיינע קולטור־אויפגאַבן", וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אינעם זאַמלבוך „דער אַרבעטער־רינג". (סואַוועניר, דער צענטער יערלעכער קאָנווענשאָן געווידמעט, ניו־יאָרק, 1910). אין דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט צביון קריטיקירט די סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס. ער האָט זיי באַטראַכט אי פון אַלגעמיין פּעדאַגאָגישן און סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט, אי פון יידיש־קולטורעלן שטאַנדפּונקט. „פון פּעדאַגאָגישן שטאַנדפּונקט האַלט איך — אַזוי האָט צביון געשריבן — דאָס פרעדיקן סאָציאַליזם פאַר קליינע קינדער פאַר שעדלעך, און פון סאָציאַליסטישן שטאַנדפּונקט האַלט איך דיזן „קינדער־סאָציאַליזם" פאַר אַ וואולגאַריטעט און פאַר אַ פאַרשוועכונג פונעם סאָציאַליזם אין אַלגעמיין" (ז. 177). אויב יע סאָציאַליסטישע שולן פאַר קינדער, איז „ניט צו לערנען זיי דאָרט דירעקט דעם סאָציאַליזם און זיי ערציען אַלס רעוואָלוציאָנערן פון יוגנט אָן", נאָר „צו העלפן זיי זיך אַנטוויקלען אַלס פרייע מענטשן, אַלס פרייע בירגער פון לאַנד און הויפטזעכלעך העלפן זיי זיך געוויינען זעלבשטענדיק דענקען און אורטיילן". דאָס איז די ענדערונג, וואָס צביון וואָלט וועלן זען אין די „סאָנדעי־סקולס" פון אַן אַלגעמיינעם פּעדאַגאָגיש־סאָציאַליסטישן שטאַנד־פּונקט. פון אַ יידיש־קולטורעלן שטאַנדפּונקט האָט צביון געפאָדערט, אַז מע זאָל אין די סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס, „אַחוץ אַנדערעס, אויך לערנען יידישע געשיכטע און יידיש", (און אַ ביסל העברעאיש, האָט ער צוגעגעבן, וואָלט אפשר אויך „ניט געשאַדט"). די דאָזיקע פאָדערונג זיינע האָט ער אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון אַ געשפּרעך צווישן אים און אַ גענאָסע פונעם אַלטן שניט. „איך בין איבערציינגט, האָט צביון געשריבן, אַז דיזער גענאָסע איז ניט דער איינציקער, וואָס האַלט, אַז לערנען יידיש און יידישע געשיכטע, שוין אָפּגערעדט פון העברעאיש, אין די זונטיקשולן, פאַר אַ ווילדן משוגעת. — — — איך בין אָבער זיכער, אַז דיזער ווילדער משוגעת „וועט, ענדלעך, געשטעלט ווערן אויף דער טאָגעס־אָרדענונג און וועט אויפהערן זיין אַ משוגעת, נאָר אַ גאַנץ נאָרמאַלע און ניצלעכע פאָדערונג". זיין מיינונג האָט צביון אַזוי מאָטיווירט: „יידישע קינדער דאַרפן קענען יידישע געשיכטע און יידישע ליטעראַטור, אַזוי ווי רוסישע קינדער דאַרפן קענען רוסישע געשיכטע און רוסישע ליטעראַטור און אַזוי ווי דייטשע קינדער דאַרפן קענען דייטשע געשיכטע און דייטשע ליטעראַטור, אאַז"וו, אאַז"וו, און אַזוי ווי דיזע קענטשטענדע, דאָס הייסט, יידישע געשיכטע און יידישע ליטעראַטור ווערן אין די אַלגעמיינע פּאָלקשולן ניט געלערנט, און אַזוי ווי אַרבעטער האָבן ניט די מיגלעכקייט צו נעמען ספּעציעלע לערערס

פאַר זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן דאָס לערנען אויסער דער שול, וואָלט עס זייער רעכט געווען, אַז די זונטיקשולן זאָלן קומען אין דעם פּרט צו הילף. אום צו פאַרשטאַרקן מיין אַרגומענט וואָלט איך נאָך זאָגן, אַז אַזוי ווי איך וואָלט וועלן, אַז די יונגע אַרבעטער־קינדער, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, זאָלן זיין ניט סתם סאָציאַליסטן, נאָר יידישע סאָציאַליסטן, דאָס הייסט, אַזעלכע סאָציאַליסטן, וואָס פאַרעדיקן דעם סאָציאַליזם ניט סתם אין דער לופט אַריין, נאָר זוכן צו פאַרבינדן אים מיטן לעבן און אים צופּאַסן צו די לעבנס־פאַר־העלטניסע פון יענעם קרייז, וואו ער ווערט געפּרעדיקט, אין אונדזער פאַל אין דעם קרייז פון יידן, איז פאַר מיר אַ וויכטיקע פראַגע, אַז דער יידישער סאָציאַליסט זאָל זיין באַקאַנט מיט דער יידישער געשיכטע און מיט דער יידישער ליטעראַטור, ווייל דאָס וועט אים זייער פיל העלפן אין זיין סאָציאַליסטישער טעטיקייט". דאָס איז געווען צביונס צוגאַנג צו דער פראַגע פון יידיש און יידישער געשיכטע אין „סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס". אַנדערע גענאָסן זיינען געווען אָבער זייער ווייט פון אַזאַ מין נאַציאָנאַלן אָדער, רופט עס, אויב איר ווילט, בונדיסטישן צוגאַנג צום ענין. האָט צביון באַנוצט אַן אַנדער מאָטיוו, — אַ מאָטיוו, וואָס האָט שפּעטער געשפּילט זייער אַ גרויסע ראָלע, — דעם מאָטיוו פון פאַרהיטן די אַרבעטער פון שיקן זייערע קינדער אין תלמוד־תורהס און חדרים. אַזוינע עלטערן, האָט צביון דערקלערט, זיינען געווען אויך צווישן „ראַדיקאַל־געזאָנענע", איז — „וואָס זאָל מען מיט דיזע עלטערן טאָן? זאָלן מיר זיך האַלטן פּעסט פאַר אונדזער מיינונג, אַז מיר, ראַדיקאַלן, האָבן מיט יידישקייט גאָרניט צו טאָן און איבערלאָזן דעם מאָנאָפּאָל אין די הענט פון די „באַלעבאַטים", אָדער מיר זאָלן מאַכן — רופט עס פון מיינעטוועגן אַ קאָמפּראָמיס — און איבערנעמען די יידישקייט אין אונדזערע הענט? אַנשטאָט דאַוונען און רעליגיאָן וועלן מיר לערנען די קינדער מאָדערנע יידישקייט, יידישע געשיכטע און ליטעראַטור".

אַזוי האָט געטענהט צביון. און ער איז ניט געווען דער איינציקער אין דעם יינגערן דור סאָציאַליסטן און אַ"ר־טוערס, וואָס האָט ניט געהאַלטן פון דער מיינונג, אַז „מיר ראַדיקאַלן האָבן מיט יידישקייט גאָרניט צו טאָן". עס זיינען געווען נאָך אַנדערע, וואָס האָבן איבערגעוואָקסן אָט די מיינונג און זיי האָבן אויסגעדריקט זייער אומצופרידנקייט מיט דעם פאַקט, וואָס די סאָציאַליס־טישע סאָנדעי־סקולס האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פון יידישקייט. אַזוי, צום ביישפּיל, דערציילט אין זיינע דערינערונגען ז. שער (שערעשעווסקי), אַז אין די יאָרן 1911־1912 האָט ער אין ניו־יאָרקער „סטייט־קאָמיטעט" פון אַ"ר אויפגעהויבן די פראַגע וועגן לערנען יידיש אין די סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס. „די סטייט־קאָמיטע, דערציילט ער, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער טעטי־קייט פון סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס. האָט דער שרייבער פון די שורות, וועלכער איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער סטייט־קאָמיטע, איין מאָל געמאַכט אַ

פאָרשלאָג, אַז אין די סאַנדעי־סקולס זאָל מען אויך מיט די קינדער לערנען יידיש ווי אַ לימוד. א. ראַפּאַלאָווסקי און ג. פּיינערמאַן, דאַן די וויכטיקסטע פירערס פון סטייט־קאָמיטע, האָבן מיין פאָרשלאָג געשטיצט, און מיר האָבן פאַר איניקע יאָרן צייט אָנגעפירט אַ שטאַרקע פראָפּאַגאַנדע פאַר אָט דעם גע־דאַנק".[4] און ענלעכע פּראָפּאַגאַנדע איז געפירט געוואָרן אויך פון אַנדערע, און זי האָט, סוף־כל־סוף, אָנגעהויבן ווירקן. די צאָל אַ"ר־מיטגלידער, וואָס האָבן פון דער סאַנדעי־סקול געוואָלט מאַכן אַ יידישע סאָציאַליסטישע שול, איז געוואַקסן. „פון טאָג צו טאָג, דערציילט אונדז פריינד ג. חייט, האָבן מיר געוואונען אויף אונדזער צד טויזנטער אַ"ר־מיטגלידער. אויף די קאָנפערענצן און אויף די זיצונגען פון דעם ניו־יאָרקער שטאַט־קאָמיטעט האָבן זיך אָנגעהויבן הערן גאַנץ נייע טענער" . . .[5]

עס האָט זיך אָנגעהויבן ענדערן די לופט אינעווייניק אינעם אַרבעטער־רינג גופא. עס האָט זיך אַריינגעריסן אהין אַ שטראָם נייע כחות, יונגע ענטוזיאַסטן, פריש בלוט, פריש פון דער „באַוועגונג" אין רוסלאַנד, פול מיט גלויבן אין דער אויפלעבונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן און דער יידישער פאָלקסקולטור. יונגע, שטאָלצע, רעוואָלוציאָנערע יידן, — האָבן זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם ביטול, וואָס אייניקע אַלטע געגנאָסן האָבן אַרויסגעוויזן צום יידישן פאָלקס־לעבן. זיי האָבן רעוואָלטירט קעגן דער פאַראַכטלעכער באַציאונג צו דער יידישער פאָלקשפּראַך. און זיי זיינען געווען גרייט צו קעמפן פאַר זייערע אידייען.

זיי האָבן געזוכט צו באַאיינפלוסן דעם אַ"ר פון דרויסן, נישט נאָר פון אינעווייניק. עס זיינען געווען אַ היפּש ביסל אַזוינע, וואָס האָבן געהערט צו דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע. האָבן זיי געשטעלט די פראַגע וועגן יידיש־וועלטלעכער דערציאונג אויף די מיטינגען פון דער פעדעראַציע (אָט דער פאַראייניקונג פון בונדיסטן אין אמעריקע). אין דער פעדעראַציע האָבן זיך געפונען קעגנער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול: דאָס זיינען געווען די, וועלכע האָבן געטענהט, אַז „אמעריקע איז ניט רוסלאַנד". אָבער עס זיינען געווען אויך פריינד. עס איז, יעדנפאַלס, לייכטער געווען איינצונעמען די בונדיסטישע פעסטונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, ווי די גענאָסישע פעסטונג פון אַ"ר. האָט דער אַוואַנגאַרד פון דער אַ"ר־שול־באַוועגונג אין אמעריקע זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער פעדעראַציע. ערב דעם צווייטן (פילאַדעלפיער) צוזאַמענפאָר פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע האָבן די אָנהענגערס פון יידישע שולן אָנגעהויבן צו אַגיטירן דערפאַר, אַז זי זאָל זיי איינשליסן אין איר פראָגראַם. זיי האָבן אַזוי לאַנג אַגיטירט, ביז איר דאָמאָלטיקער אָרגאַן, „דער יידישער סאָציאַליסט", האָט געפונען פאַר נייטיק צו עפענען אַ דיסקוסיע וועגן דער פראַגע. אין דער דיסקוסיע האָבן אָנטייל גענומען שכנא עפשטיין, ב. וולאַדעק, ל. וויקטאָר און אַנדערע. שכנא עפשטיין,

וועלכער איז דאן נאך געווען א בונדיסט, האט געפאדערט, אז דער צוזאמענ־פאר זאל פארפליכטן די יידישע סאציאליסטישע פעדעראציע צו גרינדן יידישע שולן. עפשטיין האט, אזוי ווי פריער צביון, אנגעוויזן אויף אזוינע מאטיוון, וואס וואלטן געקאנט ווירקן אויך אויף יענע חברים זיינע, וואס זיינען ניט געווען נאציאנאל געשטימט. ער האט, ערשטנס, אנגעוויזן אויף דעם פאקט, וואס די קינדער ווערן אפגעפרעמדט פון די עלטערן און פון זייערע אידעאלן, ווען מע גיט זיי ניט קיין יידישע דערציאונג; צווייטנס, האט ער געסטראשעט מיט דער „געפאר" פון די נאציאנאל־ראדיקאלע שולן: די קינדער ווערן דארט אנגעשטעקט מיט ציוניזם. מיט די צוויי מאטיוון אליין האט זיך עפשטיין אבער נישט באנוגנט. ער האט, אזוי ווי צביון, אנגעגעבן אויך א ריין נאציאנאלן טעם: „מיר יידן, האט ער געזאגט, זיינען גיט ערגער ווי אנדערע פעלקער, און עס איז זייער וויכטיק, אז אונדזערע קינדער זאלן באקאנט זיין מיט דער יידישער געשיכטע און דער יידישער ליטעראטור — אפזאגן זיך פון אונדזער קולטור צוליב דער הערשנדער קולטור טארן מיר בשום אופן ניט, דאס איז שעדלעך".[6] עפשטיין האט פארלאנגט, אז די פעדעראציע זאל אריינגעמען אין איר פראגראם א פונקט וועגן יידישע שולן. ער האט אגב, אנגעוויזן אויף דעם, וואס „פילע פון אונדזערע ברענטשעס האבן שוין אזעלכע שולן געגרינדעט" . . .

דאס איז געווען אן אמת. איינע פון אט די יידישע סאציאליסטישע שולן האט אין 1915 פונקציאנירט אין הארלעם, אויף דער 104 גאס. זי איז געבויט געווארן פון פעדעראציע־מיטגלידער אין איינעם מיט יידישיסטיש־געשטימטע סאציאליסטן־טעריטאריאליסטן און אנדערע ראדיקאלן, וועלכע זיינען נישט געווען צופרידן ניט מיט די סאנדעי־סקולס, ניט מיט די נאציאנאל־ראדיקאלע שולן. די דאזיקע — גאנץ פארשיידענע — עלעמענטן האבן, לויט דער איניציאטיוו פון נ. כאנין, יעקב לעווין, מ. שעלובסקי, חייקע קאהן און אנדערע, געגרינדעט א ספעציעלן שול־פאראיין. דער פאראיין האט אין די קלובצימערן פון דעם הארלעמער צווייג פון דער יידישער סאציאליסטישער פעדעראציע געגרינדעט די ערשטע יידישע סאציאליסטישע (ניט נאציאנאל־ראדיקאלע) שול אין אמעריקע. פאר א לערער איז איינגעלאדן געווארן פריינד י. קאמאי, פון דעטראיט . . .

א צווייטע יידיש־סאציאליסטישע שול, א זונטיקשול, איז פון מיטגלידער פון דער יידישער סאציאליסטישער פעדעראציע, געגרינדעט געווארן (דעם 21סטן מאי, 1916), אין שיקאגא, — אויף דער „וועסט סאיד", אין דעם לאקאל פון „שוחרי שפת עבר". די איניציאטארן פון דער שיקאגער שול זיינען געווען דזשעני קרעמער, משה באקאל, ביבער און ל. שפיטאלניק, דער שפעטערדיקער לערער און טוער פון די שלום־עליכם־שולן. ל. שפיטאלניק איז געווען דער לערער פון אט דער ערשטער יידיש־סאציאליסטישער שול אין שיקאגא, און אט ווי ער האט, לויט זיין איינענער מינדלעכער מיטטיילונג, געלערנט: „יעדן

זונטיק אין דער פרי, פלעגן זיך צונויפקומען די קינדער אלע אויף א מאל. איך בין ארויף אויף א מין פלאטפארמע מיט א סטענדער און גערעדט צו זיי, זיי דערציילט מעשיות, זיי פארגעלייענט, געשמועסט וועגן טאגפראגעס און אויך געזונגען מיט זיי. קיין טעקסטביכער האבן מיר ניט געהאט".

שפעטער, אין יאר 1919, ווען עס האבן זיך געעפנט די א"ר־שולן, איז די שול אריבער צום א"ר.

דאס זיינען די צוויי יידיש־סאציאליסטישע שולן, וואס מיר ווייסן אז זיי זיינען געשטיצט געווארן פון דער יידיש־סאציאליסטישער פעדעראציע און וואס מיר האבן געוויסע ידיעות וועגן זייערע גרינדערס. עס זיינען געווען מסתמא נאך אזוינע שולן. דער עיקר אבער איז, וואס די מיטגלידער פון דער „סאציאליסטישער" פעדעראציע, וועלכע האבן סימפאטיזירט מיט דער יידישער שול־באוועגונג, האבן זיך נישט באנוגנט מיט זייער אייגענער שולארבעט. זיי האבן געזוכט צו פארשפרייטן די שולאידיי צווישן זייערע חברים, און ווען מען האט געדארפט שיקן דעלעגאטן פון ניו־יארק צום צוויייטן צוזאמענפאר פון דער יידישער סאציאליסטישער פעדעראציע, האבן די מיטגלידער אירע, וואס זיינען געווען אקטיוו אין דעם דערמאנטן הארלעמער שולפאראיין, געמיט זיך, ווי נ. כאנין דערציילט אין זיינע דערינערונגען, „אז דער ברענטש זאל אינסטרואירן די דעלעגאטן אויפצונעמען די פראגע אויף דער קאנווענשאן פון דער פעדעראציע אין פילאדעלפיע. דער ברענטש האט זיך אנטזאגט אזוינע אינסטרוקציעס צו געבן, אבער „זייענדיק איינער פון די דעלעגאטן, וועלכע זיינען צו דער קאנווענשאן געפארן, האט מיר דער ברענטש, דערציילט נ. כאנין, געגעבן דאס רעכט צו זען, אז די פראגע זאל אויפן טאג־ארדענונג אוועקגעשטעלט ווערן. ווען איך בין געקומען אין פילאדעלפיע האב איך זיך דערוואוסט, אז מיט ספעציעלע אינסטרוקציעס אוועקצושטעלן די פראגע אויפן טאג־ארדענונג זיינען געקומען דעלעגאטן פון שיקאגא און ניו־הייווען. אונדז האט זיך דארט איינגעגעבן די פראגע צו ברענגען פאר אן עפנטלעכער דיסקוסיע. די קאנווענשאן פון דער יידישער סאציאליסטישער פעדעראציע האט זייער ווארעם די פראגע דיסקוטירט. י. ב. סאלוצקי, צו יענער צייט דער סעקרעטאר און דער באגייסטערטער פירער פון דער פעדעראציע, האט שטארק באקעמפט דעם געדאנק, אז די יידישע סאציאליסטישע פעדעראציע דארף גרינדן יידישע סאציאליסטישע קינדערשולן. אבער די קאנווענשאן האט געפונען א קאמפראמיס פאר דער פראגע. זי האט אנגענומען א באשלוס צו דערמוטיקן די ברענטשעס איבערן לאנד צו עפענען סאציאליסטישע שולן. אויף וואס פאר א שפראך די שול זאל געפירט ווערן, אויף ענגליש אדער אויף יידיש, זאל יעדער ברענטש פאר זיך אליין באשליסן".⁷

מען האט, ענדלעך, מתיר געמאכט צו עפענען שולן אויף יידיש, און כאטש דאס איז געווען נאך דערוויילע א באשלוס ניט פון א"ר, נאר פון דער

יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, האָט עס געהאַט אַ באַדייטונג אויך פאַרן א"ר, ווייל אַ סך מיטגלידער און טוערס פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע זיינען צו גלייכער צייט געווען מיטגלידער און טוערס פון א"ר. זיי זיינען, יעדנפאַלס, געווען מער אַנגענומען ביי דער פירערשאַפט פון א"ר — און האָבן געקאָנט האָבן אויף איר אַ גרעסערע ווירקונג, — ווי די טוערס פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און די שלום־עליכם־שולן. דערפאַר איז זייער וויכטיק געווען דער פאַקט, וואָס די פעדעראַציע האָט אין 1915 אָנגענומען אַ באַשלוס צו דערמוטיקן אירע צווייגן צו גרינדן סאָציאַליסטישע שולן און צו לאָזן יעדן פון זיי אויסקלייבן די שפּראַך און באַשטימען דעם כאַראַקטער פון דער שול. דאָס האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַן ענלעכן באַשלוס, וואָס איז שפּעטער אַ ביסל אָנגענומען געוואָרן פון א"ר. און עס קאָן קיין שום ספק ניט זיין, אַז צו די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע זיינען געווען די פאַר־גייערינס פון א"ר אויפן געביט פון יידיש־וועלטלעכער דערציאונג, דאַרף מען צורעכענען, נישט נאָר, ווי מע טוט געוויינטלעך, דעם יידישן נאַציאָ־נאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און די שלום־עליכם־שולן, נאָר אויך די יידישע סאָציאַליסטישע פעדעראַציע.

אירע אַרטיקע צווייגן (און דערנאָך אויך איר צענטער) האָבן אויפן שולגעביט געטאָן וויכטיקע פּיאָנערן־אַרבעט. און זיי האָבן זיכער געהאָלפן אַקערן און זייען דאָס פעלד, אויף וועלכן עס איז אויסגעוואַקסן די א"ר־שול.

ג.

איינציקע ברענטשעס און טוערס פון א"ר, אַזוי ווי איינציקע צווייגן און טוערס פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פעדעראַציע, האָבן זיך פאַראינ־טערעסירט מיט יידישע שולן נאָך איידער דער אָרדן, ווי אַן אָרדן, האָט גענומען אַ שטעלונג צו דער פראַגע. די אַרטיקע צווייגן פון דער יידישער סאָציאַליס־טישער פעדעראַציע האָבן מיט זייער יידישער שול־טעטיקייט און זייערע יידישע שול־סימפּאַטיעס געווירקט אויף דער רעזאָלוציע, וואָס עס האָט אָנגענומען לטובת די שולן דער פעדעראַציע־צוזאַמענפאָר אין 1915. פּונקט אַזוי זיינען די ברענטשעס פון א"ר, וועלכע האָבן סימפּאַטיזירט מיט דער אידיי פון יידישער דערציאונג, געווען איינע פון די אורזאַכן, וועלכע האָבן געפירט צו דער שול־רעזאָלוציע פון דער א"ר־קאָנווענשאָן אין 1916.

עס איז, דעריבער, וויכטיק צו פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז נאָך פאַר דער קאָנווענשאָן פון 1916 האָבן פאַרשיידענע ברענטשעס פון א"ר שוין געהאַט געגרינדעט יידיש־וועלטלעכע שולן אָדער געשטיצט נאַציאָנאַל־ראַדי־קאַלע און אַזוי אָנגערופענע פרייע שולן.

אזוי, צום ביישפּיל, האָט דער אַ"ר־ברענטש 293 אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדאַ, אַ ברענטש, וואָס איז באַשטאַנען פון סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן, געגרינדעט איינע פון די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן און די ערשטע ריין ייִדישיש־טישע שול אין קאַנאַדאַ. צווישן די גרינדערס זיינען געווען א. ריינוויין, א. בראָמבערג, א. גאָלדמאַן, ל. קאָלדאָווסקי, י. מאַטענקאָ, וועלכער איז געווען דער פּרינציפּאַל און אַנדערע.[8] אַ"ר־ברענטש 18 האָט אין 1914 געגרינדעט אַ שול אין גלאָווערסוויל, נ. י. דער גרינדער איז געווען יואל ענטין, דער לערער ב. אָסטראָווסקי.[9] אין 1914 האָט דער אַ"ר ברענטש אין וויניפּעג, קאַנאַדאַ, געשטיצט די י. ל. פּרץ־שול, וועלכע האָט זיך דאָרט געגרינדעט אין יענעם יאָר: „דער אַ"ר־ברענטש — זיינע מיטגלידער פון פאַרשיידענע פּאָליטישע קאַליבּרן — וואַרפן זיך אריין מיט לייב און לעבן אין דעם פונאַנדער־בלי פון דער שול".[10] אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדאַ, האָבן אַ"ר־ברענטשעס געשטיצט די שול פון די סאָציאַליסטן־ טעריטאָריאַליסטן אָנגעהויבן פון 1913. אין דעטרויט, מיש., — פון 1916.

מיר ווייסן עס פון אַ שול־אַנקעטע, וואָס די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן האָבן דורכגעפירט אין יאָר 1917.[11] לויט דער מיטטיילונג פון י. ב. ביילינען האָבן אין די יאָרן 1913-1918 זיך געעפנט אַ"ר־שולן אין ראַק־איילאַנד, אָלבאַני, ראָטשעסטער און פּעטערסאָן.[12]

הייסט עס, פּראַקטיש האָבן איינציקע טוערס פון אַ"ר זיך אָפּגעגעבן מיט ייִדישער שול־טעטיקייט נאָך איידער זי איז אָקצעפּטירט געוואָרן פונעם אָרדן, ווי אַן אָרדן און אַט די פּאַקטישע אויפטואונגען האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם לאַנגן און שווערן קאַמף, וואָס די אַ"ר־שולן האָבן געפירט פאַר זייער פּרינציפּיעלער און פּאַקטישער אָנערקענונג.

די געשיכטע פון אַט דעם קאַמף פאָדערט אַ באַזונדער קאַפּיטל.

4

קאַמף פאַר אָנערקענונג

א.

אַזוי פּרי ווי אין יאָר 1910, אויף דער צענטער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג, האָט פריינד צביון געפּראָוואָוט שוין, ווי מיר ווייסן, שטעלן די פראַגע וועגן יידישע שולן. עס איז אָבער נאָך געווען צו פרי. צווישן די טוערס פון אַרבעטער־רינג זיינען געווען נאָך, ערשטנס, אַזוינע, וואָס האָבן בכלל נישט געוואָלט, אַז דער אַרבעטער־אָרדן זאָל זיך אָפּגעבן מיט קולטור־אַרבעט; פאַר זיי איז דער א״ר געווען דער „רויטער קרייץ" אָדער דער הילפסאָרגאַן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, און ניט זיין זאַך איז געווען אָפּצוגעבן זיך מיט פאַרשפּרייטן בילדונג צווישן דערוואַקסענע אָדער מיט דערציען דעם יונגן דור. צווייטנס, זיינען געווען אַ סך אַזוינע, וואָס — „אין אַלץ, וואָס האָט געשמעקט מיט יידיש, האָבן זיי געוואָלט זען אַ פאַרניינונג פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם. צו לערנען די יידישע שפּראַך האָט געהייסן ביי זיי — שאָוויניזם; באַקאַנט ווערן מיט יידישער געשיכטע — האָט געמיינט טראָגן אַ טלית־קטן אָדער אָנקלאַפּן אַ מזוזה ביי דער טיר".[1] די עצם אידיי פון יידישע שולן האָט געוואָרפן אויף זיי אַן אימה. זיי האָבן געשטרעבט צו אַ מ ע ר י ק אַ נ י ז י ר ן די אימיגראַנטישע עלטערן, ניט צו געבן אַ י י ד י ש ע דערציאונג די הי־געבוירענע קינדער . . . אַ קליינע אילוסטראַציע: די שלוסרעדע אויף דער דערמאָנטער יובילײ־קאָנווענשאָן האָט געהאַלטן דער פאַרשטאַרבענער מאיר לאָנדאָן, און כאָטש ער האָט געזאָגט אין זיין רעדע, אַז ער „האַסט דעם יידן, וועלכער שעמט זיך מיט דעם, וואָס ער איז אַ ייד", האָט ער צו גלייכער צייט דערקלערט, אַז „אויף דעם אַרבעטער־רינג פאַלט דער חוב צו אַמעריקאַניזירן די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע".[2]

אָבער ניט אַלע טוערס פון אַרבעטער־רינג האָבן געהאַלטן פאַר זייער וויכטיקסטער אויפגאַבע די אַ מ ע ר י ק אַ נ י ז י ר ו נ ג פון יידישע אַרבעטער, עס האָבן זיך שוין געפונען אַ היפּש ביסל טוערס, וואָס האָבן געפילט, אַז זייער חוב איז צו געבן די קינדער אַ געוויסן סאָרט יידישע דערציאונג.

אין 1911־1912 האָבן ז. שער, נ. פיינערמאַן און אַנדערע געפּאָדערט די איינפירונג פון יידישע לימודים אין די סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס. זיי האָבן עס געפּאָדערט אויף די זיצונגען פון דעם ניו־יאָרקער שטאַט־קאָמיטעט. אין 1913 האָט שיר ניט געהאַלטן דערביי, אַז דער ענין יידישע שולן זאָל

ארויפשווימען אויף דער קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג. „דער שרייבער פון די צײַלן, דערציילט נ. חיוט, האָט געפּירט מיט זיך אַ רעזאָלוציע צו דעם 13טן אַרבעטער־רינג־צוזאַמענפאָר, צו וועלכן ער איז געווען אַ דעלעגאַט פון דעם ס״ט ברענטש 274, — אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט געפאָדערט, אַז דער אַרבעטער־רינג זאָל עפענען יידישע ראַדיקאַלע שולן פאַר די קינדער פון די אַרבעטער־רינג־מיטגלידער, וואו זיי זאָלן זיך באַקענען מיט דער יידישער שפּראַך, יידישער געשיכטע און יידישער ליטעראַטור".[3] די רעזאָלוציע איז, ווי עס ווייזט, נישט באַטראַכט געוואָרן. אפילו ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, דער באַריכט־אָפּגעבער פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט אויף דעם 13טן צוזאַמענפאָר, האָט גערעדט אין זיין באַריכט וועגן יידישע שולן נאָר פאַר דערוואַקסענע מיטגלידער פון אַ״ר, ניט פאַר זייערע קינדער. קומען צו דער נאַציאָנאַלער קאָנווענשאָן פון אַ״ר מיט אַ רעקאָמענדאַציע צו גרינדן יידישע קינדערשולן, — איז געווען נאָך פּריצייטיק אפילו אין 1913. אָבער איינציקע צווייגן, שוין ניט גערעדט וועגן איינציקע טוערס, האָבן צו דעם ענין יידישע שולן געהאַט שוין לאַנג, ווי מיר וויסן, אַ גוטע באַציאונג, און אויך אין דעם בילדונגס־קאָמיטעט פון אַ״ר האָט מען אָנגעהויבן ערנסט צו באַטראַכטן די יידישע שולפראַגע.

דער פאָרזיצער פונעם בילדונגס־קאָמיטעט איז נאָך דער 13טער קאָנווענשאָן געווען דער דערמאָנטער ז. שערעשעווסקי (שער), און, ווי ער אַליין דערציילט, האָט ער אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן די קינדערשולן אין יידיש אויפן טאָג־אָרדענונג".[4] ער האָט אויך — אין נאָמען פון אַ״ר בילדונגס־קאָמיטעט — באַגריסט אַ צוזאַמענפאָר פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. אויף דער קאָנווענשאָן פון 1914 האָט ער צום בילדונגס־קאָמיטעט פון דער קאָנווענשאָן געבראַכט אַ רעזאָלוציע לטובת יידישע שולן. זי האָט אָבער געקראָגן בלויז איין שטים — זיין אייגענע.[5]

דאָך האָבן די קערנדלעך, וואָס זיינען פאַרזייט געוואָרן, אָנגעהויבן אויפצוגיין. צו דער 15טער קאָנווענשאָן איז אין בילדונגס־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון וו. קאַהאַן, פאָרזיצער, ז. שערעשעווסקי, סעקרעטאַר, א. ראַפּאַלאָווסקי, אב. עפּשטיין, י. וויינבערג, ד. אייבראַמס, ס. דראַפּקין, ד״ר ס. סילווערבערג און ר. זאַלצמאַן, געווען אַ מערהייט, וואָס האָט סימפּאַטיזירט מיט דער אידיי פון יידישע שולן, און צו אַט דעם 15טן צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1915, אין שיקאַגאָ, איז פון בילדונגס־קאָמיטעט צוגע־גרייט געוואָרן די פאָלגנדיקע רעקאָמענדאַציע:

„באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט דאַרף די עדיוקיישאַנעל־קאָמיטע שענקען דער דערציאונג פון יונגן דור, די קינדער פון אונדזערע מיטגלידער. מיר רעקאָמענדירן דערום, אַז די עדיוקיישאַנעל־קאָמיטע זאָל זיך טעטיק אָפּגעבן מיט דער גרינדונג, אָדער העלפן צו גרינדן שבת־ און זונטיק־שולן, וואו ס׳איז

מיגלעך. וואָס אַנבאַלאַנגט וועלכע שולן, איז נאָך אַ גרינטלעכן שטודיום פון די 4 טיפּן שולן, וועלכע עקסיסטירן: די סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס, פראַנציסקאָ־פערער שולן, נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן און יידישע פרייע שולן זיינען מיר געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די יידישע פרייע שול איז די בעסטע פאַר אַרבעטער־רינג־בראַנטשעס און מעמבערס. אַזוינע שולן עקסיסטירן אין ניו־יאָרק (האַרלעם), שיקאַגאָ, מאָנטרעאַל, טאָראָנטאָ און אין נאָך איניקע שטעט".*

די „יידישע פרייע שולן" — דאָס זיינען געווען די שולן, וואָס זיינען געגרינדעט געוואָרן לויט דער איניציאַטיוו פון סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן מיט אַ צומיש פון בונדיסטן. זיי זיינען געווען אַנדערש פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן און זיי זיינען מער מסוגל געווען צו ווירקן אויף מיט־גלידער פון אַ"ר. די פרייע שולן האָבן זיך ווינציקער אָפּגעגעבן מיטן לימוד פון העברעאיש; אחוץ דעם, האָט מען זיי ניט געקאָנט חושד זיין אין פּועלי־ציוניסטישער פּאַרטייאישקייט.

די רעקאָמענדאַציע, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן פון אַ"ר־בילדונגס־קאָמי־טעט, איז אויף דער קאָנווענשאַן, ווי עס ווייזט, געענדערט געוואָרן, און צו דער אָפּשטימונג איז געשטעלט געוואָרן די פאָלגנדיקע פּאַרקירצטע רעזאָלוציע: „די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע זאָל שענקען אויפמערקזאַמקייט צו דער דערציאונג פונעם יונגן דור דורך פרייע סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס פאַר קינדער, יידישע און ענגלישע." דאָס איז געווען דער מאַיאָריטעט־באַריכט פון דער בילדונגס־קאָמיסיע פון דער קאָנווענשאַן. עס איז געווען אויך אַ מינאָריטעט־באַריכט. די מינאָריטעט האָט פאַרלאַנגט, אַז די ווערטער „יידישע און ענגלישע" זאָלן אין דער רעזאָלוציע ניט דערמאָנט ווערן. די דאָזיקע גרופּע האָט נישט געוואָלט געבן קיין הכשר אויף סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס אין יידיש . . .

וואָס זיינען געווען די מאָטיוון פון דעם מינאָריטעט־באַריכט, וועלכער איז, צום סוף, אָנגענומען געוואָרן פון דער קאָנווענשאַן? און ווי האָבן באַגרינדעט זייער מיינונג די אָנהענגערס פון דער מאַיאָריטעט־רעזאָלוציע, וועלכע האָט געפאָדערט אויפמערקזאַמקייט סיי פאַר ענגלישע, סיי פאַר יידישע סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס? אַ גענויעם ענטפער אויף דער פראַגע געפינען מיר אין דעם באַריכט פון דער 15טער קאָנווענשאַן, אין דעם באַריכט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פריינד", יוני, 1915. גראָד איז דאָ אין די פּראָטאָקאָלן אַן עקסטראַקט פון די דעבאַטעס, וואָס זיינען געפירט געוואָרן, איידער די רעזאָלוציע איז גענומען געוואָרן צו אַ נאָמענטלעכער אָפּשטימונג, און אַזוי ווי אין דער דיסקוסיע איז אָפּגעשפּיגלט געוואָרן די גאַנצע פאַר־שיידנהייט פון מיינונגען און מאָטיוון, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש געווען פאַר דער דאַמאָלטיקער מיטגלידערשאַפט פון אַ"ר, וועלן מיר ברענגען דעם תמצית פון די דאָזיקע דעבאַטעס, ווי ער איז פאַרצייכנט געוואָרן אין „פריינד":

„פ׳ וו. קאהאן, פון דער מינאריטעט, באגרינדעט זייער (איר) מיינונג. ער ערקלערט דאס דער א״ר איז ניט קיין אויסגעשפראכענע יידישע ארגאניזאציאן. ווען עס ווערן ניט דערמאנט קיין שפראכן פון אנדערע פעלקער, דארף יידיש אויך ניט דערמאנט ווערן. פ׳ וויינבערג פארטיידיקט די מאיאריטעט. ער באהויפטעט דאס ווען עס וואלט געווען א פאדערונג פון שפראכן פון אנדערע פעלקער אין די רייען פון א״ר, וואלט מען עס זיי זיכער באוויליקט. פ׳ סאוועצקי איז שטארק דאקעגן דער רעקאמענדאציאן פון דער מאיאריטעט. ער זאגט דאס עס שיינט, אז די מייסטע מעמבערס פון עדיוקיישאנעל־קאמיטעט האבן זיך געשטעלט אויף דעם גליטשיקן וועג פון נאציאנאליזם. פ׳ זאלצמאן איז פאר דער רעקאמענדאציאן, ערקלערנדיק דאס מיר טארן ניט דערווייטערן אונזערע קינדער פון אונדז. אין זעלבן זין רעדט פ׳ שערעשעווסקי. ד״ר סילווערבערג ערקלערט דאס מיר מוזן איין מאל פאר אלע מאל פעסטשטעלן דאס דער ארבעטער־רינג איז ניט קיין יידישע אינסטיטוציאן. פ׳ מאי דענקט אויך אזוי. פ׳ קאהן פון קאליפארניע דענקט, אז אבוואל ער איז ניט קיין קעגנער פון יידישער קולטור, דארף מען דאך אונדזערע קינדער ערציען אויף דער שפראך וועלכע זיי קענען אם בעסטן (ד״ה, אויף ענגליש). פ׳ דראפקין באהויפטעט דאס ער איז דורכויס קעגן דעם נאציאנאליזם פון ד״ר זשיטלאווסקי. דאך, דענקט ער, אז די יידישע שפראך דארף אונדז זיין טייער, און מיר דארפן זען דאס אונדזערע קינדער זאלן אונדז פארשטיין אויף דער שפראך אויף וועלכער מיר ריידן. פ׳ ישורין זאגט: מיר דארפן זען דאס אונדזערע קינדער זאלן אויסוואקסן אמתע געבילדעטע סאציאליסטן און ניט קיין שטרויענע און דעריבער מוזן זיי לערנען אויף דער שפראך וועלכע זיי שטודירן. ווען זיי וועלן אליין וועלן לערנען יידיש, וועט עס זיי ניט שווער זיין ווי דאס איז געווען דער פאל מיט אים פערזענלעך. ד״ר זשיטלאווסקי פארמולירט זיין באגריף איבער נאציאנאליזם פאר וועלכן מע שרעקט זיך אזוי: 1) מענטשן זיינען צעטיילט אין פעלקער, און יידן זיינען אויך א פאלק. 2) די פארפליכטונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ איז צו זיין יידיש און ניט טאטעריש. 3) אינטערנאציאנאליזם איז ניט דאס זעלבע וואס קאסמאפאליטיזם. דער א״ר איז א יידישע ארגאניציע מיט אן אינטערנאציאנאלן כאראקטער, אבער ניט קיין קאסמאפאליטישע. פ׳ פיינערמאן באטאנט דאס די מורא צו דערמאנען יידישע שולן שטאמט פון אונדזער אלטער מה־יפית־פאליטיק. מיר טארן זיך מיט יידיש ניט שעמען. די פ׳ גוזמאן און סאשינסקיריידן קעגן דיזער רעקאמענדאציאן. פ׳ גינזבורג איז קעגן דעם מאיאריטעט־רעפארט, טראץ דעם, וואס ער איז ניט קעגן יידיש. אונדזערע קינדער מוזן זיך לערנען אין ענגליש און אין דעם דארפן מיר זיך צופאסן צו זיי. אינעם זעלבן זין רעדט פ׳ סאשינסקי. פ׳ א. עפשטיין באטאנט שטארק, דאס ער איז קעגן דעם נאציאנאליזם פון ד״ר זשיטלאווסקיס חדר. ער איז אבער

דורכוים פאַר יידישע שולן. אונדזערע קינדער זאָלן פּרעדיקן אונדזערע סאָציאַ־ליסטישע אידעאַלן צווישן די יידישע אַרבעטער־מאַסן. זיי מוזן זיין באַקאַנט מיט אונדזער פּסיכאָלאָגיע און דאַרפן לערנען אונדזער קולטור.״

פון אַט דעם פּאַרקירצטן באַריכט איז צו זען, אַז אויף דעם 15טן צוזאַ־מענפאַר זיינען אין דער דיסקוסיע וועגן יידישע שולן געקומען צום אויסדרוק, ווינציקסטנס, פ י ר פאַרשיידענע מיינונגען, צוויי עקסטרעמע און צוויי מעסיקע.

די צוויי עקסטרעמע מיינונגען זיינען געווען:

א) דער אַרבעטער־רינג איז ניט קיין יידישע, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע „אינסטיטוציאָן״ (וו. קאַהאַן, ד״ר סילווערבערג, סאָוועצקי). אינטערנאַציאָ־נאַליזם שליסט אויס, לויט דער דאָזיקער מיינונג, נאַציאָנאַליזם, ממילא, אויך — יעדע שייכות צו דער יידישער נאַציאָנאַלער קולטור אָדער שפּראַך.

ב) דער א״ר איז אַ „יידישע אינסטיטוציאָן מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער״. אינטערנאַציאָנאַליזם איז לויט דער דאָזיקער מיינונג ניט קאָסמאָ־פּאָליטיזם. דאַרף דער א״ר זיך יע זאָרגן פאַר דער יידישער דערציאונג פון די קינדער (ד״ר ח. זשיטלאָווסקי, אויך זאַלצמאַן, שערעשעווסקי און פיינערמאַן.)

דאָס זיינען די צוויי עקסטרעמע פּאָזיציעס.

און אַט דאָס זיינען די צוויי מעסיקע מיינונגען:

ג) פון נאַציאָנאַליזם דאַרף מען זיך טאַקע אָפּגרענעצן, אָבער סאָציאַליס־טישע שולן אויף יידיש מעג מען רעקאָמענדירן, ווייל עס איז נייטיק, אַז די קינדער זאָלן אונדז פאַרשטיין (דראַפּקין, עפּשטיין) אָדער פּשוט, דערפאַר, ווייל עס זיינען דאָ מיטגלידער, וואָס ווילן האָבן אַזוינע שולן (י. וויינבערג).

ד) מע דאַרף נישט רעקאָמענדירן קיין יידישע שולן, אָבער ניט אויס קעגנערשאַפט צו יידיש און צו יידישער קולטור, נאָר ווייל די שפּראַך פון די קינדער איז ענגליש, ניט יידיש. (קאָהן פון קאַליפאָרניע, ישורין, גינזבורג).

געזיגט האָבן די דעלעגאַטן, וועלכע האָבן געהאַלטן פון דער מיינונג א׳ אָדער ד׳: מיט 52 שטימען קעגן 35 איז, נאָכן „ראַל־קאָל״, אָנגענומען געוואָרן אויסצושליסן פון דער רעזאָלוציע די ווערטער „יידישע און ענגלישע״ און איבערצולאָזן נאָר די רעקאָמענדאַציע פון „פרייע סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס פאַר קינדער.״

דאָס האָט געקאָנט מיינען איינס פון דאָס ביידע: אָדער, אַז די קאָנ־ווענשאָן זאָגט זיך אָרויס קעגן י י ד י ש ע זונטיקשולן, אָדער, אַז זי לאָזט די פראַגע וועגן יידישע שולן אָפן, זי מאַכט וועגן איר ניט קיין שום רעקאָמענדאַציע.

אַזוי צו אַזוי, קיין אָפיציעלע אָנערקענונג פון א״ר האָבן יידישע שולן נאָך אַלץ נישט געקראָגן, כאָטש איינציקע א״ר־ברענטשעס האָבן זיי שוין לאַנג געשטיצט. אָבער ביי אַ פּערציק פּראָצענט שטימען האָבן דאָך די אָנהענ־

נערם פון די שולן באַקומען אויף דער 15טער קאַנוועגשאַן, און עס האָט זיך בכלל געפילט אַ היפשע ענדערונג אין דער גײַסטיק־אידעאָלאָגישער אַטמאָספער פון אַ"ר. די ענדערונג קאָן אילוסטרירט ווערן דורך די פאָלגנדיקע קליינע פּרטים: א. די 15טע קאַנוועגשאַן איז באַגריסט געוואָרן פון אַ קינדער־דעלעגאַציע פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, און עס איז אַפילו באַשטימט געוואָרן פאַר זיי אַ קליינע געלט־אונטערשטיצונג; ב. מיט גרויס אינטערעס איז אויסגעהערט געוואָרן ד"ר זשיטלאָווסקים סאָציאַליסטישע באַגרינדונג פונעם פּראָגרעסיוון נאַציאָנאַליזם . . ." דאָס האָט דערמוטיקט די גרופּע מיט־גלידער און טוערם פון אַ"ר, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער אָנערקענונג פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, און אַט די גרופּע האָט איר קאַמף פון דאַן אָן געפירט נאָך מיט מער גלויבן און מיט מער ענערגיע, ווי פריער.

איינער פון דער דאָזיקער גרופּע, א. ליטווין, האָט אין „פריינד" פון פעברואַר, 1916, פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל, אין וועלכן די אידיי פון דער יידישער שול האָט געפונען איר פולסטן אויסדרוק און פולסטע מאָטיווירונג. זעלטן ווער אין „פריינד" האָט געשריבן וועגן יידישער דערציאונג אין אַזאַ אָפן נאַציאָנאַלן גייסט, און קיינער, אַחוץ א. ליטווינען, האָט די פראַגע נישט באַהאַנדלט אַזוי פּילזייטיק און ניט געשטעלט זי אַזוי ברייט. עס איז דערפאַר וויכטיק צו באַקענען זיך מיט די מיינונגען, וועלכע ער האָט אינעם אָרגאַן פון אַ"ר אַזוי קלאָר אויסגעדריקט. ער האָט געשריבן: „די וויכטיקסטע אויפגאַבע, וואָס דאַרף שטיין אין צענטער פון עדיוקיישאָן אין „אַרבעטער־רינג" איז, נאָך מיין מיינונג, די קינדער ערציאונג. די ערציאונג אין יידישן קוואַרטאַל איז די סאַמע אָנגעווייטיקסטע וואונד פונעם יידישן לעבן אין אַמעריקע. מיר זיינען געוויינט צו זינגען שירים ושבחים דער אַמעריקאַנער סקול. איבער הויפּט פאַר אַ יידן. סטייטש! זאָגט מען, — אין רוסלאַנד האָט מען דאָס יידישע קינד ניט צוגעלאָזן צו דער שולע, און ווען יידישע עלטערן איז, ווי עס איז, מיט יסורים, געלונגען אריינצושפּאַרן זייער קינד אין אַ שולע, האָט מען עס דאָרט באַהאַנדלט ווי אַ שטיפקינד. דאָ, אין אַמעריקע, אָבער, איז די שולע ניט בלויז פּראַנק און פריי, נאָר מ'בעט זיך ביי דיר, מ'צווינגט דאָס קינד אין שולע, און די שולע איז אומזיסט, קאָסט ניט אַ פּעני. ס'איז ניטאָ וואָס צו לייקענען, אַז דאָס איז אַלץ אמת. אין פּרינציפּ איז די אַמעריקאַנער ערציאונג־סיסטעם אַ גרויסע טובה פאַר דעם איינוואַנדערער. און דאָס איז טאַקע דער עיקר, וואָס דעם יידן ציט פון דער אַלטער אייגנגעזעסענער היים אין דער נייער וועלט. צווישן אַנדערע צרות, וואָס לאַסטן אויף אים אין רוסלאַנד, וויל ער פּטור ווערן פון „צער גדול בנים".

„די טאַטעס און מאַמעס וואָס זיינען ניט פּעאיק אריינצוטראַכטן זיך טיפער אין דער פראַגע פון ערציאונג, זיינען צופרידן און שעצן זיך גליקלעך פון דער אַמעריקאַנער סקול. די אינטעליגענטערע אָבער, צו וועלכע עס באַלאַנגען

אַ סך פון די מיטגלידער פון „ארבעטער־רינג", קומען באַלד צו דער איבער־צייגונג, אַז מיט דער אַמעריקאַנער סקול איז ניט גלאַט, אַז די סקול טראָגט אַריין אַ גוואַלדיקן ריס אין דער יידישער נשמה; אַז זי רירט אָן, זי צעשטערט כמעט די יסודות פון דאָס שענסטע, דאָס הייליקסטע, וואָס איז פאַראַן אין דעם יסורים־פולן יידישן לעבן — די יידישע פאַמיליע. — — די אַנטוויקלונג פון אַ פאָלק מוז זיך אַרויסוויקלען פון אים אַליין, מוז זיך אויסבילדן דער עיקר פון זיינע איידעלערע טראַדיציעס, מוז זיין געבויט אויף זיין אייגענעם קאַמף. אין קאַמף פאַרן לעבן האָט יעדעס פאָלק באַשאַפן וועגווייזער, גרויסע פאָלקס־פריינד, אידעאַליסטן. די ערציאונג פון דער יוגנט ביי יעדן פאָלק מוז פריער פון אַלץ זיין געבויט אויף ליבע און אַכטונג צו זיינע אייגענע פאָלקס־קעמפער און וועגווייזער, וואָס האָבן מיט זייער קעמפן און ליידן גלאַטער געמאַכט דעם וועג פאַר די שפּעטערדיקע דורות און זייער לעבנסקאַמף. דאָס פאָלק וואָס אַכט ניט זיין אייגענע היסטאָריע, קען ניט פאַרשטיין צו שעצן די היסטאָריע פון אַנדערע פעלקער. און די יוגנט, וואָס איר זיינען פרעמד די העלדן פון איר אייגן פאָלק, קען זיך ניט באַגייסטערן מיט אַן אמת פאַר די העלדן פון אַנדערע פעלקער. וואָרעם זי איז אַטראָפירט (אָפּגעשטאָרבן) אין אירע גרונטגעפילן; עס פעלט דער עלעמענט פון ליבע און אַכטונג אין איר נשמה. וואָרעם מ'קען ניט אָנהייבן ליבע און אַכטונג צו פ ר ע מ ד ע, בשעת צו א י י ג ע נ ע איז מען גלייכגילטיק, אָדער מ'באַציט זיך זאָגאַר מיט האַס און פאַראַכטונג." און ווייטער: „יעדע יידישע פאַמיליע איז דאָ צעריסן, לעבט איבער אַ שטילע און טיפע טראַגעדיע. פאַר דעם שטיקל ברויט מוז דער אימיגראַנט אָפּגעבן די נשמה, מוז צערייסן דעם בונד מיט זיין אייגן בלוט און פלייש, מוז צוזען, ווי ער, וואָס האָט אַזוי פיל צרות געליטן, אַזוי פיל מקריב געווען צוליב די קינדער, ווערט דאָ אין גאַנצן אַן אָפּגעקלאַפּטע פסולע הושענא. ער מוז אויס־שטאַרבן ווי דער דור המדבר, און מיסטיקן דאָס פעלד פאַר אַ דור, וואָס באַשטייט פון גראָבע קאַריעריסטן. און מיט וואָס האָט דער אויסגעגרינטער מער רעכט אויף לעבן און פרייהייט אין אַמעריקע, ווי דער גרינער? דערפאַר, אפשר, וואָס ער, דער גרינער, אַרבעט שווערער, גייט אום זיין גאַנץ לעבן מיט אַ צעריסענער נשמה וואָס הערט ניט אויף צו קלעמען און צו ווי טאָן? די אַמעריקאַנער שולע וואָס שטרעבט צו פאַרוואַנדלען די קינדער פון אַלע איינ־געוואַנדערטע נאַציאָנאַליטעטן אין איין פאַרמלאָזער קאַשע, האָט באַנקראָטירט".

א. ליטווין איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געוואָלט איבערפלאַנצן אויפן באָדן פון אַמעריקע די בונדיסטישע אידיי פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע און ממילא אויך פון באַזונדערע שולן פאַר יעדער עטנישער גרופּע. ער האָט געשריבן: „אין אַזעלכע לענדער, וואו די באַפעלקערונג באַשטייט פון גרויסע גרופּן מענטשן, וואָס באַלאַנגען צו פאַרשיידענע נאַציאָנען, מוז יעדע נאַציאָן האָבן איר שולע. דאָס מוז באַזאָרגט ווערן פון שטאַט. אין דער

שולע, וואו עס לערנען איטאַליענישע קינדער ,מוז דער לערער זיין אַן איטאַליע־נער; אין אַ יידישער שולע, — אַ יידישער לערער; אין אַ דייטשער שולע — אַ דייטשער לערער, און אין אַ כינעזישער שולע — אַ כינעזישער לערער. דער אונטערריכט דאַרף זיין אויף דער מוטערשפּראַך. ליטעראַטור, געשיכטע (פון דעם אייגענעם פאָלק) דאַרף געלערנט ווערן גרינטלעך. די עטישע ערצי־אונג (רעליגיאָן איז אויסגעשלאָסן פון דער שולע) מוז זיין פריער פון אַלץ געבויט אויף די אידעלערע און דערהאַבענע טראַדיציעס פונעם פאָלק, צו וועלכן דאָס קינד באַלאַנגט." — — — „און וואָס וועט זיין מיט דער ענגלישער שפּראַך? מיט דעם ענגלישן אַקצענט? מיט אַמעריקאַנער בירגער־טום? — וועט פרעגן אַ פּאַטענטירטער פּאַטריאָט, ווען די שולע וועט זיין אַ יידישע, אַ דייטשע, אַ איטאַליענישע, אַ פּוילישע. וועט די שולע ניט זיין אין געפאַר צו ווערן אַ נעסט פון נאַציאָנאַליסטישן האַס, פון נאַציאָנאַלער פיינט־שאַפט און רייסעניש? וועט זי ניט פאַרדאַרבן די ענגלישע שפּראַך, דעם ענגלישן אַקצענט? וועט זי ניט שאַפן אַ מין דור־הפלגה, אַנשטאָט אויסצו־בילדן אַן אַמעריקאַנער נאַציאָן? אָט די אַלע טענות, וואָס די שמאַלזיכטיקע פּאַטענטירטע פּאַטריאָטן, מיט רוזוועלטן בראָש, שרעקן דערמיט די אַמערי־קאַנער, האָבן קיין שום זין ניט. גאַנץ פאַרקערט. איך האָב שוין אויבן געוויזן, אַז ווייל די אַמעריקאַנער סקול באַמיט זיך צו דענאַציאָנאַליזירן די קינדער פון די איינוואַנדערער, מאַכט זי פון זיי ניט פּאַטריאָטן, נאָר גייסטיקע אַנדרוגינוסן. אין דער געשיכטע זיינען געווען פאַלן, ווען פון פאַרשיידענע שטאַמען האָט זיך, אונטער דער ווירקונג פון דער קולטור, אַ שטאַרקערער, אויסגעבילדעט מיט דער צייט אַ נייע נאַציאָן, אין וועלכער עס האָבן זיך צוזאַמענגעשמאָלצן די פאַרשיידענע עלעמענטן. דאָס איז אמת. אָבער דאָס איז געווען אַ מאָל, ווען די אַסימילירטע שטאַמען זיינען געשטאַנען אַלע אויף אַ נידעריקער שטופע פון אַנטוויקלונג, ווען זיי האָבן נאָך ניט געהאַט זייער שאַרף אויסגעפּרעגטע קולטורעלע פיזיאָנאָמיע. גאַנץ אַנדערש איז אָבער איצט. אין אַמעריקע האָבן איינגעוואַנדערט פעלקער, וואָס האָבן שוין געהאַט אַ גרויסן, ניט בלויז קולטור־היסטאָרישן, נאָר אויך היסטאָרישן עבר. זיי האָבן איינגעוואַנדערט אין אַזאַ צושטאַנד, ווען אַ פאָלק קען זיך אָדער אַנטוויקלען ווייטער אָדער אויף אַ צייט זיך אָפּשטעלן אין זיין אַנטוויקלונג. איז אָבער אויף קיין פאַל ניט אין שטאַנד אַריינגעפּרעסט צו ווערן, ווי אַ שטיק טייג, אין יעדער פורעם און אָננעמען יעדע געשטאַלט, וואָס דער בעקער וויל" אאז"וו. „הייסט דאָס אָבער, אַז דער אימיגראַנט, וואָס וויל דערהאַלטן זיין נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, קען ניט זיין קיין פּאַטריאָט? גראַד פאַרקערט: וואָס פרייער אַ בירגער פילט זיך אין לאַנד, אַלץ מער ליבט ער דאָס לאַנד, אַלץ מער איז ער צו איר צוגעבונדן. מיליאָנען מענטשן האָבן פאַרלאָזן זייערע אַלטע היימען, דערפאַר וואָס זייער פריערדיקע היים (מ'דאַרף ניט פאַרמישן היים מיט

קולטור, מיט נאַציאָנאַלן געפיל) איז פאַר זיי אַ שטיפמוטער געווען. זיי זיינען געקומען מאַכן דאָ זייער נעסט, בויען דאָ זייער נייע היים; זיי זיינען געקומען זוכן ניט בלויז ברויט, נאָר — דער עיקר — רעכט און פרייהייט. אום צו זיין גוטע אַמעריקאַנער פּאַטריאָטן, איז ווייניק צו קענען די ענגלישע שפּראַך, האָבן אַ גוטן ענגלישן אַקצענט. ס'איז פאַראַן אַ סך פּאָליטישענס, פּאַראַזיטן, פאַרברעכער, אויסוואורפן פון אַלע מינים, וואָס האָבן אַ גלענצנדן אַקצענט און זיינען דאָך אַבסאָלוט אַ שעדלעכער עלעמענט אין לאַנד. פון דער אַנדער זייט זיינען דאָ מיליאָנען גרינע איטאַליענער, פּוילן, רוסן, סלאָוואַקן, יידן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן, וואָס קענען גאָרניט די לאַנדשפּראַך, אָדער רעדן אַ געבראָכן ענגליש, און דאָך זיינען זיי די בעסטע פּאַטריאָטן, ווייל זיי באַשעפטיקן זיך אין די מאַינס, אין אַלע שווערסטע, שמוציקסטע און שעדלעכסטע אַרבעטן, מאַכן רייך דאָס לאַנד און אַליין באַקומען זיי אַ הונגער־לוין. אָט די מענטשן זיינען פּאַקטיש די בעסטע בירגער פון זייער נייער היים, ווייל זיי זיינען די ניצלעכסטע עלעמענטן אין לאַנד. ווען די אַמעריקאַנער שולע וויל אַלזאָ ערציען גוטע אַמעריקאַנער בירגער אין דעם ריכטיקן און ניט אין דעם פּאָליטיקאַנישן און בלאָפערישן זין, מוז זי זען מאַכן פון די קינדער, פריער פון אַלץ, אויפריכטיקע, ערלעכע מענטשן, וואָס זאָלן ליב האָבן אַרבעט און דעם מ א ן ו ו אָ ס ש אַ פ ט; וואָס זאָלן האָבן מיטלייד און ליבע צו דעם אָרעמאַן, דעם שוצלאָזן און עלנדן, פריער פאַר אַלץ צו דעם גר, דעם אימיגראַנט. דאָס קען דערגרייכט ווערן נאָר דאַן, ווען אין דער שולע ווערט ניט אויסגעמעקט די אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע אייגנטימלעכ־קייט פון דעם קינדס היימישער אַטמאָספערע, נאָר, פאַרקערט, ווען די ערצי־אונג רופט צו הילף אָט די אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן, לאָזט פריי זיך אַנטוויקלען זייערע פּאָזיטיווע זייטן, וואָס האָבן אומבאַדינגט אַ גרויסן קולטורעלן ווערט. די שולע מוז פריער פון אַלץ ערציען מענטשן אין דעם בעסטן, און דעם איידעלסטן זין פונעם וואָרט. אַ קינד, וואָס איז ערצויגן געוואָרן צו אַ פיזיש, גייסטיק און מאָראַליש געזונטן מענטשן קען נ י ט זיין קיין פּאַטריאָט פון דעם לאַנד, וואָס האָט אים אָט די ערצי־אונג געגעבן."

און א. ליטווין איז געקומען צום פּאָלגנדיקן שלום: „טיילווייז", האָט ער פּאַרענדיקט זיין אַרטיקל, „ווערט זי (די פראַגע פון דערציאונג) געלייזט, דורך שבת־ און זונטיק־שולן, אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב אָבער וועט זי קענען געלייזט ווערן שפּעטער דורך דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער פּאָבליק־סקול, דורך דער באַשאַפונג פון אַן אמתער פּאָלקשול. אין דעם זיינען פאַראינטערע־סירט מער פון אַלעמען די אַרבעטער, און אין דער יידישער פּאָלקשול מער פון אַלעמען דער אַרבעטער־רינג, אַלס גרעסטע יידישע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע."

מיט דער אויסנאַם פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקין (אין זיינע לעקציעס „די

צוקונפט פון די פעלקער אין אמעריקע") האט עפנטלעך אין אמעריקע קיינער ניט געשטעלט דאן די פראגע פון דער קולטור און דער קינדער־דערציאונג פון די נאציאנאלע מינאריטעטן אזוי דרייסט, ווי דאס האט געטאן א. ליטווין. (שפעטער האט י. לעווין און אנדערע ס"ט געשריבן וועגן יידישע „פאבליק־סקולס" אין אמעריקע) און פארעפנטלעכט האט עס א. ליטווין — דאס איז כדאי צו פארצייכענען — אין דעם אפיציעלן ארגאן פון דעם ארבעטער־רינג, פון דער ארגאניזאציע, וואס ווינציקער ווי מיט א יאר פריער האט איר קאנווענשאן אפגעווארפן אפילו סאציאליסטישע סאנדעי־סקולס אויף יידיש, שוין ניט גערעדט וועגן סעפאראטע יידיש־נאציאנאלע שולן! די טאלעראנץ פון דעם ארבעטער־רינגס אפיציאז איז באמת געווען צו באוואונדערן. (א שטיקל ראלע האט דא געשפילט, וואס „דער פריינד" איז דאן געווען אין רשות פון די „יונגע", און צווישן זיי זיינען געווען א סך אזוינע, וואס האבן געוואלט, אז אין א"ר זאל די בילדונג־און דערציאונגס־טעטיקייט פארנעמען א וואס גרעסער ארט.)

מיט א דריי יאר שפעטער האט „דער פריינד" ווידער געלאזט א. ליטווינען דערקלערן, אז „די גאנצע ערציאונג פון דער יוגנט מוז ווערן נאציאנאליזירט, ד"ה, זי מוז איבערגעגעבן ווערן דעם פאלק, צו ווענמען די יוגנט באלאנגט, זי מוז זיין אין דעם גייסט פון דער נאציאן, וועמעס קינדער די תלמידים זיינען, אויף וויפל דער גייסט ווידערשפערכט ניט דעם אידעאל פון פארברידערונג פון אלע נאציאנען אין איין פאמיליע, וואו יעדער מיטגליד האט זיין פולע זעלבשטענדיקייט און פרייהייט צו לעבן אויף זיין אייגענעם שטייגער. פון אט דעם פרינציפ גייט ארויס, אלס זעלבפארשטענדלעכער, א צווייטער פרינציפ: די נאציאנאלע ערציאונג נעמט ארום אלע שולן, וואס זיינען נייטיק צוצוגרייטן די יוגנט צום לעבן, אין זייערע דריי שטאפלען: די נידעריקערע פאלקשולע (פאבליק־סקול), די מיטעלע שולע (הייי־סקול), די העכסטע שולע, דעם אוניווערזיטעט (קאלעדזש) און מיט אלע זייערע צווייגן, ווי די קאמערץ־שולע (ביזנעס סקול), טעכנישע שולע אאז"וו" (יאנואר. 1919). איז, מילא, אין יאר 1919 האט דער ארבעטער־רינג שוין געהאט יידישע שולן, אבער אין אנהייב 1916, ווען דער פריער ציטירטער ארטיקל פון א. ליטווינען איז פארעפנטלעכט געווארן, איז דער ארדן אפיציעל געווען נאך קעגן יידישע שולן, און אויב זיין ארגאן האט דערלויבט א. ליטווינען צו שרייבן אזוי, ווי ער האט געשריבן, איז עס געווען טאקע דערפאר, וואס ער איז געווען טריי דעם פרינציפ פון פרייער פרעסע, ווי אויך אפשר דערפאר, וואס די רעדאקציע פון „פריינד" האט זיך דאן גראד געפונען אין די הענט פון די, וואס האבן סימפאטיזירט מיט די יידישע שולן, כאטש זיי זיינען זיכער נישט געגאנגען אזוי ווייט, ווי א. ליטווין.

„דער פריינד" האט א. ליטווינען געלאזט פרעדיקן זיינע אויסגעהאלטן־נאציאנאלע אידייען, אבער ער האט, זעלבפארשטענדלעך, געגעבן ארט אויך די קעגנער פון די דאזיקע אידייען. אין אפריל, 1916, איז אין „דעם פריינד" פארעפנטלעכט געווארן אן ענטפער א. ליטווינען. דער ענטפער איז געשריבן געווארן ניט פון אן אנגעזעענעם שרייבער אדער פירער פון א"ר, נאר פון א געוויינטלעכן מיטגליד, — א. שיפפער פון פארטוואוירט, טעקסעס. אבער עס מאכט נישט אויס, ווער עס האט דעם ענטפער געשריבן, — די מיינונג, וואס איז אין אים אויסגעדריקט געווארן, איז געווען די מיינונג פון א סך ארבעטער־רינג־מיטגלידער און ארבעטער־רינג־פירערס. איז, דעריבער כדאי זיך צו באקענען מיט איר: „איך דענק", האט פריינד א. שיפפער דערקלערט, „אז די עצה טובה פון א. ליטווין, אימפארטירט פון בונדס פראגראם אין רוסלאנד, האט אין אמעריקע קיין באדן ניט. אויב אין רוסלאנד, אדער בעסער געזאגט אין ליטע און פוילן, האט מען אין דער טעאריע גערעכטפערטיקט די פאדערונגען פון נאציאנאלער קולטור און געהאפט אויף דער פראקטישער דורכפירונג פון אזא פלאן, איז עס נאר, ווייל די מאסן פון יידישן פאלק זיינען געווען געצוואונגען צו לעבן אפגעזונדערט, זייענדיק גראב ארויסגעשטויסן פון די אלגעמיינע פאלקשולן א דאנק דער רעגירונגס אנטיסעמיטישער און נאציאנאלער פאליטיק. מען האט זיך ארומגעטראגן מיט דער האפענונג, אז אין א פרייער רוסלאנד וועט מען קענען פארוואנדלען דעם חדר אין א וועלטלעכער פאלקשולע. אבער עס איז נאך א פראגע, צי די יידישע קינדער וואלטן דאן געלאפן אין אונדזערע נאציאנאלע שולן . . . יעדנפאלס, דאס וואס וואלט אפשר נייטיק געווען אין רוסלאנד, צוליב דער דארטיקער פאליטישער לאגע, איז גאנץ שעדלעך צו פרובירן דא אין די פאראייניקטע שטאטן. די פארבינדונגשפראך אין פאליטישן און געזעלשאפטלעכן לעבן איז דא גאר ענגליש, און אויף וויפל מיר ווילן זיך רעכנען אלס בירגער פון אונדזער רעפובליק ניט נאר מיט סיטיזען־פייפערס אין פאקעט, נאר טאקע פילן זיך אלס א טייל פון דאס גאנצע, אויף דעם איז די אלגעמיינע פאלקשול מיט איין שפראך דאס בעסטע, וואס מיר קענען ווינטשן פאר די דערוואקסענע בירגער פון אמעריקע."

. . . „ווי פעלערהאפט די אמעריקאנער שול זאל ניט זיין, איז עס גארניט אין פארגלייך מיט די געפארן, וואס מיר קענען ערווארטן, ווען די ערציאונג פון אונדזערע קומענדע בירגער זאל איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון באזונדערע נאציאנאלע גרופן, צעטיילט לויט שפראך און געשיכטע. אונדזער פאלקשולע וואלט געווארן א באדן פאר נאציאנאלע רייבונגען ביי דער פראגע פון אויפהאלטן די שולן. די נאציאנאלע פאטריאטן וואלטן געווארן די ווארטפירער. די „גאטעס־דינער" וואלטן געקראגן מער געלעגנהייט איינצופירן רעליגיאן אין די שולן. אונדזער בילדונג וואלט געווארן אפהענגיק פון אויסלאנד, ווארעם עס איז דאך גאנץ פארשטענדלעך, אז למשל די רעגירונגען פון

פראַנקרייך, דייטשלאַנד וואָלטן געקענט בעסער פאַרזאָרגן אונדזערע שולן מיט לערער און פּראָפעסאָרן ווי דאָס וואָלטן געקענט טון די אימיגראַנטן. אונדזער גייסטיק לעבן וואָלט אַזוי געלעגן אין די הענט פון אויסלענדישע הערשער. נאָר, נאָך אַלעמען, וואָלט די פאָדערונג פון באַזונדערע נאַציאָנאַלע שולן געקענט האָבן עפּעס אַ גרונד פאַר אַזעלכע פעלקער, וועלכע האָבן איבער־געלאָזט אין זייער היים אַ גוטע און אַנטוויקלטע שולסיסטעם; אָבער וואָס האָבן מיר יידן אַרויסצושטעלן קעגן דער אַלגעמיינער שולע אין יונייטעד־סטייטס? וואו האָבן מיר אָנצואווייזן אויף אַ ריכטיקער יידישער פאָלקשול, אַז די גאַנצע אונטערדריקט־שפּראַך זאָל זיין בלויז יידיש? וואו זיינען די צווייגן פון העכערער בילדונג, אין וועלכער די פּעדאַגאָגיק פון אונדזערע קינדער זאָלן זיך קענען פאַרפאָלקאָמענען, באַנוצנדיק יידיש? וואו זיינען אונדזערע אינסטי־טוציעס אויף וועלכע מיר זאָלן קענען אָנווייזן אַלס שטיצע פאַר יידיש? אפילו אין אונדזער אַרבעטער־רינג, וואו יידיש איז די הערשנדע שפּראַך, קען דאָך אַ „גרינער" ניט אָננעמען דעם אַמט פון פינאַנס־סעקרעטאַר, ווייל די אָפיציעלע ביכער זיינען געדרוקט אין ענגליש. און אויב יידיש איז ניט קיין פאַקטאָר אין אונדזער קולטורעלן און מאַטעריעלן לעבן, פרעגט זיך: צו וואָס זאָלן דאָס אונדזערע קינדער קריגן אַן ערציאונג וועלכע וועט זיי ניט מאַכן נענטער ניט צו גאָט און ניט צו לייט?"

אַזוי האָט געשריבן איינער, וואָס איז געווען „איינער פון אַ סך", און עס מאַכט ניט אויס, צי איז עס טאַקע ריכטיק, אַז יידיש איז „נישט קיין פאַקטאָר אין אונדזער קולטורעלן און מאַטעריעלן לעבן" — דער עיקר איז געווען דער פאַקט, וואָס „די אַלגעמיינע שולע מיט ענגליש אַלס אונטערריכט־שפּראַך" „עפנט", ווי דער שרייבער האָט באַהויפּט, „אַ גרויס פעלד פאַר גייסטיקער און מאַטעריעלער אַנטוויקלונג".

דאָס פעלד פון גייסטיקער און דערהויפּט טאַקע מאַטעריעלער אַנטוויקלונג, וואָס איז אָפן געוואָרן פאַר אונדז אין אַמעריקע, האָט אַ סך פון אונדז נישט געלאָזט זען דאָס פעלד פונעם יידישן לעבן און דער יידישער קולטור. עס זיינען געווען אַ היפּש ביסל אַזעלכע, וואָס זיינען בלינד געווען פאַר דער יידישער ווירקלעכקייט, אָבער נישט אַלע, ווייט נישט אַלע זיינען געווען אַזוי פאַר־בלענדעט פון די „גייסטיקע און מאַטעריעלע" צוקער־לעקעכלעך, וואָס די אַסי־מילאַציע האָט זיי צוגעזאָגט, — און דער קאַמף פאַר אַ יידישער שול, ניט פאַר אַ גאַנצער יידישער שול, וועגן וועלכער א. ליטווין האָט געחלומט, נאָר פאַר אַ יידישער צוגאָבשול, איז געפירט געוואָרן ווייטער, און וואָס ס'איז נאָך וואונדער־לעכער — גאָר אין גיכן האָט ער געהאַט צו פאַרצייכענען אַ נצחון, — דעם ערשטן נצחון.

ב.

אויף דער 16טער קאָנווענשאָן, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין 1916 (אין בראָנזוויל) איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער ערשטער פֿאָרמעלער זיג פֿון דער שול־באַוועגונג אין ארבעטער־רינג.

אויף דעם דאָזיקן צוזאַמענפֿאָר איז צום ערשטן מאָל באַשלאָסן געוואָרן „אויפֿצופֿאָדערן אונדזערע ברענטשעס און אונדזערע מעמבערס זיך אָנצושליסן אָן די סאָציאַליסטישע יידישע שולן אין די ערטער, וואו אַזעלכע עקסיסטירן שוין און העלפֿן בויען אַזעלכע דאָרט, וואו זיי זיינען נאָך פֿאָרלויפֿיק ניטאָ" („פֿריינד", יוני־יולי, 1916, ז' 40). דער דאָזיקער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן נאָך אַ זייער קורצער דיסקוסיע וועגן דער זייער לאַנגער און ברייט מאָטיווירטער רעקאָמענדאַציע פֿון דעם בילדונגס־קאָמיטעט (זיינע מיטגלידער זיינען אין דעם יאָר 1915־1916 געווען: א. ש. זאַקס, פֿאַרזיצער, מ. מונוויז, מ. ראַטשיין, א. סמיט, א. ראַפּאַלאָווסקי). אין דער רעקאָמענדאַציע פֿון דעם בילדונגס־קאָמיטעט זיינען אָנגעגעבן געוואָרן די וויכטיקסטע אַרגומענטן, וואָס די דאַמאָלטיקע אָנהענגערס פֿון אַ יידישער אַרבעטער־רינג־שול האָבן אַרויס־געשטעלט קעגן אירע קעגנער. עס איז, דעריבער, כדאַי זיך צו באַקענען מיט איר פֿולן טעקסט. אָט דאָס איז ער:

„אונדזערע קינדער באַקומען איצט זייער איינציקע ערציאונג אין דער פּאַבליק־סקול. קיינע ספּעציעל־יידישע ידיעות באַקומען זיי דאָרטן ניט. און זיי וואַקסן אויס פֿרעמד דער יידישער גאַס. קוים וואָס זיי רעדן יידיש, און פֿיל פֿון זיי פֿאַרשטייען גאָר קיין יידיש ניט. זיי פֿאַרשטייען דעריבער ניט די ברייטע יידישע מאַסע, קאָנען זיך מיט איר ניט צוזאַמענריידן, זיינען פֿרעמד אירע מינהגים און אידעאַלן. זיי קוקן דעריבער אויף איר פֿון אויבן אַראָפּ, ווי אויף מענטשן פֿון אַ נידעריקער קולטור, אָפֿט אַפֿילו מיט פֿאַראַכטונג. און ניט זעלטן ווערט די דאָזיקע באַציאונג אַריבערגעטראָגן ביי די קינדער אויף די אייגענע עלטערן. עס איז אַ טרויריקער פֿאַקט אַז די יידישע קינדער שעמען זיך זייער אָפֿט מיט זייערע עלטערן, וועלכע ריידן ניט אַזוי פֿריי ענגליש. ניט זייענדיק באַקאַנט מיט דער יידישער ליטעראַטור, ניט האָבנדיק קיין באַגריף וועגן די רייכע יידישע קולטורעלע אוצרות, וואַקסן די דאָזיקע קינדער אויס פֿרעמד און אָפֿט אַפֿילו פֿיינטלעך צום יידישן פֿאָלק און צו אַלץ, וואָס איז יידיש. ניט געבנדיק אונדזערע קינדער קיין יידישע ערציאונג, פֿאַרלירן מיר זיי אויף אַזאַ אופֿן ביסלעכווייז פֿאַר זיך און פֿאַר די ברייטע יידישע מאַסן."

„פֿאַרהעלטניסמעסיק אַ קליינע צאָל קינדער באַקומט אַפֿילו יאָ אַ געוויסע יידישע ערציאונג. אָבער די דאָזיקע ערציאונג קאָן אונדז בשום אופֿן ניט צופֿרידנשטעלן. געוויינטלעך, באַקומען זיי, די קינדער, וועלכע ניט איז ערצי־אונג אין די תלמוד־תורהס און חדרים אָדער אין די אַזוי גערופֿענע „נאַציאָנאַל־

ראַדיקאַלע שולן". אָבער די תּלמוד־תּורהס און חדרים קולטיווירן נאָר רעליגיאָן און אָפּט מאָל פֿאַנאַטיזם פֿון וועלכע מיר וואָלטן וועלן — אונדזערע קינדער זאָלן זיין פֿריי. און אין די „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן" איז די ערציאונג אַן אולטראַ־נאַציאָנאַליסטישע און מערסטן טייל אַפֿילו אַן אָפּן ציוניסטישע."

„מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן באַקומען ניט קיין רעליגיעזע און ניט קיין ציוניסטישע ערציאונג, נאָר אַ פֿרייע יידישע ערציאונג".

„מיר ווילן פֿריער פֿאַר אַלץ, אַז אונדזערע קינדער זאָלן קאָנען ריכטיק ריידן, לעזן און שרייבן יידיש — די שפּראַך פֿון די יידישע מאַסן, אַז זיי זאָלן זיין באַקאַנט מיט פֿאַרשיידענע זייטן פֿון דעם יידישן לעבן. — סיי פֿון דעם נאָענטן אַרומיקן אַמעריקאַנער לעבן, סיי פֿון דעם לעבן פֿון די יידן אין אַנדערע לענדער; אַז זיי זאָלן פֿאַרשטיין און צוזאַמען מיט אַנדערע איבערלעבן די פֿריידן פֿון די יידישע מאַסן און נעמען אַן אָנטייל אין זייער לעבן. מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן זיין באַקאַנט מיט די רייכע יידישע קולטורעלע אוצרות; מיט דער יידישער ליטעראַטור — נייער און אַלטער — כּדי צו קענען פֿאָרזעצן צו שאַפֿן די יידישע קולטור. מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן זיין באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון די יידן אין פֿאַרשיידענע לענדער — און אַמעריקע אויך בכלל — און ביז דער לעצטער צייט".

„די יידישע ליטעראַטור — די נייע ווי די אַלטע — דאָס דאַרף זיין דער קוואַל פֿון וואַנען מע דאַרף הויפּטזעכלעך שעפּן דעם מאַטעריאַל פֿאַר דער ערציאונג פֿון די יידישע קינדער. מיר ווילן אָבער, אַז די ערציאונג זעלבסט זאָל זיין פֿריי פֿון דעם אתּה־בחרתּנו־גייסט און פֿון יעדן שאָוויניזם. מיר ווילן, אַז איבער דער גאַנצער יידישער ערציאונג זאָל תּמיד שוועבן דער גייסט פֿון פֿרייהייט".

„מיר ווילן, אַז די קינדער זאָלן זיך אויסלערנען אין דער יידישער שול צו פֿאַרשטיין און פֿילן די שיינקייט — סיי פֿון אַ בילד, סיי פֿון אַ געשריבן ווערק, סיי פֿון אַ שיינער טאַט; אַז זיי זאָלן זיך דאָרט אויך אויסלערנען צו סימפּאַטיזירן מיט די אונטערדריקטע, די פֿאַרפֿאָלגטע, די באַרויבטע פֿון זייער רעכט; מיט מיטפֿילן די וואָס קעמפֿן פֿאַר רעכט, פֿאַר פֿרייהייט, פֿאַר אַ בעסערער צוקונפֿט; אַז ביי זיי זאָל זיך אַנטוויקלען דאָס געפֿיל פֿון יושר און גערעכטיקייט".

„די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע גלייבט, אַז עס וואָלט געווען ראַטזאַם צו רעקאָמענדירן צו אונדזערע ברענטשעס צו גרינדן אָדער העלפֿן גרינדן יידישע ראַדיקאַלע שולן אויף די יסודות". („פֿריינד", מאַי 1916, ז' 179)

ווי מיר זעען האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט פֿון 1916 געהאַט אַ גאַנץ ברייטן קוק אויף די צילן און די אויפֿגאַבעס פֿון אַ פֿ ר י י ע ר יידישער שול. ער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט דעם מאָטיוו פֿון דערנענטערן די אַמעריקאַנער יידישע קינדער צו זייערע אימיגראַנטישע עלטערן; פֿאַר אים איז אויך

נישט געווען געגוג די שטרעבונג צו באקענען דעם יונגן דור מיט די יידישע ארבעטער־מאסן און מיט זייערע סאציאל־ראדיקאלע אידייען און אידעאלן; ער האט געוואלט, אז די יידישע קינדער זאלן נישט בלייבן פרעמד „צום יידישן פאלק און צו אלץ וואס איז יידיש". ער האט אפן גערעדט וועגן דעם יידישן פאלק, דער יידישער שפראך, דער יידישער ליטעראטור, די רייכע יידישע קולטור־אוצרות . . .

אבער נאר די פארשטייערס פונעם בילדונגס־קאמיטעט האבן אזוי געקוקט אויף דער יידישער שול. אנדערע טוערס און פירערס פון א"ר זיינען געווען נאך זייער ווייט פון אזא מין ברייטן נאציאנאל־קולטורעלן קוק, און די רעקאמענ־דאציע, וואס איז פון דער רעוואלוציע־קאמיסיע אריינגעבראכט געווארן אויף דער 16טער קאנווענשאן, האט געטראגן גאר אן אנדער כאראקטער, ווי די דער־קלערונג פון דעם בילדונגס־קאמיטעט: די רעזאלוציע פון דער קאמיסיע האט, אמת טאקע, אויפגעפאדערט די צווייגן און די איינציקע מיטגלידער פון א"ר צו שטיצן אדער אפילו צו גרינדן „ראדיקאלע יידישע פאלקשולן", אבער די מאטיווירונג איז געווען גאר אן אנדערע, ניט די, וועלכע איז אזוי קלאר און דרייסט פארמולירט געווארן אין דער רעקאמענדאציע פון בילדונגס־קאמיטעט. די מאטיוון פון דער רעזאלוציע־קאמיסיע זיינען געווען ריין פראקטישע. און — מע מוז צוגעבן מער נעגאטיווע, ווי פאזיטיווע. לויט דער מיינונג פון דער רעזאלוציע־קאמיסיע, דארף מען האבן די שולן ניט דערפאר, ווייל דער א"ר האלט יידישע דערציאונג פאר וויכטיק פון נאציאנאלן אדער סאציאלן שטאנד־פונקט, נאר דערפאר, ווייל — וואס זאל מען טאן? — „פילע פון אונדזערע מעמבערס זיינען פאראינטערעסירט" אין אזעלכע שולן — און מען קאן זיך נישט העלפן, — מע מוז נאכגעבן די „קליענטן", מע מוז איינגיין אויף א הנחה. מע מוז גיין אויף א קאמפראמיס מיט זיי ניט ווייל זיי זיינען גערעכט, נאר ווייל אויב מע וועט זיך מיט זיי ניט רעכענען, וועט זיין נאך ערגער: זיי וועלן זיין „געצוואונגען זייערע קינדער אוועקצוגעבן צו ארטאדאקסישע מלמדים" . . .

צי איז דאס טאקע געווען דער אמתער טעם, פאר וואס די רעזאלוציע־קאמיסיע האט זיך ארויסגעזאגט לטובת די שולן אדער דאס איז געווען נאר א דיפלאמאטישע מאטיווירונג, — איז שווער צו זאגן. אין דער קאמיסיע גופא זיינען געווען מסתמא פארשטייערס פון פארשיידענע ריכטונגען. און מע דארף רעכענען, אז אייניקע מיטגלידער פון דער קאמיסיע האבן מסכים געווען אויף די שולן טאקע נאר צוליב ריין פראקטישע מאטיוון—איידער די „ארטאדאקסישע מלמדים", איז שוין בעסער מאדערנע שולן, בעת, פארקערט, אנדערע זיינען געווען באגייסטערט פאר דער עצם אידיי פון יידישער דערציאונג. איי, פאר וואס האבן זיי זיך באנוגנט מיט א דיפלאמאטישער דערקלערונג? צוליב . . . דיפלא־מאטישע מאטיוון, ד"ה, כדי ווייכער צו מאכן די הערצער פון זייערע קעגנער. האבן דאך יענע ערשט מיט א יאר צוריק דורכגעווארפן די רעזאלוציע, וועלכע

האָט רעקאָמענדירט „סאַנדעי־סקולס, ענגלישע און יידישע". היינט ווי האָט מען געקאָנט זיין זיכער, אַז עס וועט דורכגיין אַ רעקאָמענדאַציע, אין וועלכער עס האָט זיך גערעדט נאָר וועגן יידישע שולן אַליין? האָט מען זיך געפלייסט אָנצוואוויזן אויף מאָטיוון, וועלכע האָבן געזאָלט אָנרירן דעם ראַדיקאַלס פריידענקערישע סטרונעס, און מען האָט די רעקאָמענדאַציע אַזוי פאָרמולירט:

„אָנערקענענדיק דעם פאַקט, אַז פילע פון אונדזערע מעמבערס, זיינען פאַראינטערעסירט, אַז זייערע קינדער זאָלן פיל ווייניק האָבן אַ באַגריף איבער דער יידישער היסטאָריע, קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור, און זיי זיינען דאַדורך אָפּט געצוואונגען אַוועקצוגעבן זייערע קינדער צו אָרטאָדאָקסישע מלמדים אוים מאַנגל אין פרייע יידישע ראַדיקאַלע פאָלקשולן; אַזוי ווי די לעצטע צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ באַוועגונג צו גרינדן ראַדיקאַלע יידישע פאָלקשולן, אין וועלכע די קינדער זאָלן זיך לערנען אָן דעם איינפלוס פון וועלכן ניט איז פאַנאַטיזם אָדער רעליגיאָן; זיי עס דאַרום באַשלאָסן, אויפצור־פאָדערן אונדזערע ברענטשעס, אונדזערע מעמבערס זיך אָנצושליסן אָן די סאָציאַליסטישע יידישע שולן, אין די ערטער, וואו אַזעלכע עקסיסטירן שוין און העלפן אויפבויען אַזעלכע דאָרט, וואו זיי זיינען נאָך פאַרלויפיק ניטאָ".[8]

אָבער אפילו אָט די איינגעהאַלטענע און קאַלטע אויפפאָדערונג — אַן אויפפאָדערונג ניט אין דעם אייגענעם נאָמען, נאָר „אָנערקענענדיק דעם פאַקט, אַז פילע פון אונדזערע מעמבערס" אאַז"וו, — איז ניט אָנגענומען געוואָרן אָן דעבאַטעס. די פאַרביסענע קעגנער פון יידישער דערציאונג האָבן זיך ניט דערשראָקן אפילו פאַר „די אָרטאָדאָקסישע מלמדים", מיט וועלכע מען האָט זיי געסטראַשעט. זיי האָבן פאַר די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן נאָך מער, ווי עס ווייזט, מורא געהאַט, ווי פאַר די תלמוד־תורהס. „דערמיט", האָט איינער פון די דאָזיקע ביטערע קעגנער געטענהט, — „דערמיט, וואָס די קאָנ־ווענשאָן וועט אָננעמען דיזע רעזאָלוציאָן, וועט מען אינדירעקט אינדאָרסירן די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, וועלכע ווערן אויפגעהאַלטן פון דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד" . . . דאָס האָט געזאָלט מאַכן אַ רושם. דער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז אין די אויגן פון אָרטאָדאָקסישע ראַדיקאַלן געווען צוויי מאָל טריף: ערשטנס, האָט ער געהאַט אַ נאַציאָנאַל־יידישע אידעאָלאָגיע און צווייטנס, האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו קאָנקורירן מיטן אַ"ר. דאָך איז דאָס מאָל די קעגנער פון דער שול־רעזאָלוציע נישט געלונגען זי דורכצוואַרפן. זי איז פאַרטיידיקט געוואָרן פון נ. פיינערמאַנען, וועלכער האָט דערקלערט, „דאָס דער „בונד" און די פאַרשיידענע אַנדערע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַ־ציאָנען אין פאַרשיידענע לענדער האָבן אינדאָרסירט און שטיצן אַזעלכע שולן, און וואָרום זאָלן מיר זיין אַן אויסנאַם? גראַדע פאַרקערט, ווען מיר וועלן אָננעמען דיזע רעזאָלוציאָן, וועלן מיר דאַדורך פאַרמיידן צו שיקן אונדזערע קינדער אין די שאָוויניסטישע שולן." כדי צו פאַרהיטן זיך פון דער געפאַר

צו שיקן אונדזערע קינדער אין די שאָוויניסטישע שולן, איז מען גרייט געווען צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן, און דער רעזולטאַט פון דער נאָמענטלעכער אָפּשטימונג איז געווען: 55 פאַר דער רעזאָלוציע, 43 — קעגן, ביי 2 אָפּווּזנדיקע און 2, וואָס האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען („פריינד", יוני, 1916).

ג.

די יידישע שול איז, ענדלעך, אָנערקענט געוואָרן, אָנערקענט געוואָרן אָפי־ציעל. אָבער דערווייל נאָר אויפן פּאַפּיר: קיין געלט אויף צו שטיצן אָדער גרינדן יידישע שולן איז ניט אַסיגנירט געוואָרן.

עס איז אויך ניט אָפּגעשטעלט געוואָרן די אַגיטאַציע פון די קעגנער. אַפילו אין „פריינד", דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון א"ר, איז נאָך אַלץ געפירט געוואָרן דער וכוח, צי דאַרף מען טאַקע האָבן יידישע שולן אָדער דאָס איז נישט מער ווי „אַ שאָוויניסטישע אויסטראַכטעניש." אַביישפּיל פון אַט דער דיסקוסיע ניט אונדז „דער פריינד" פון 1917. אין אַפּריל, 1917, איז אין דעם אָרגאַן פון א"ר פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַרטיקל לטובת די שולן פון א. גלאַנצן (א. לעיעלעס). ער איז דאַמאָלט געווען אַ טוער צווישן די סאָציאַליסטן־טעריטאָריאַליסטן און צו גלייכער צייט אויך אַ פּיאָנער פון דער יידישער שול־באַוועגונג. אין זיין אַרטיקל האָט ער, צווישן פאַרשיידענע אַנדערע זאַכן, געשריבן: „...איז ניט בעסער, אַז אונדזערע קינדער זאָלן טאַקע קענען די יידישע שפּראַך און דורך דעם זיך פילן אַלס אַ טייל פון דעם גאַנצן, פון דעם איין יידישן פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט? איז ניט בעסער, אַז זיי זאָלן איינזאַפּן אין זיך די יידישע ליטעראַטור, פאַרשטיין דורך דעם דעם גייסט פון זייער פאָלק און בעסער פאַרשטיין אויך זיך אַליין? איז ניט בעסער, אַז זיי זאָלן קענען זיך צונויפריידן מיט זייערע עלטערן, פאַרשטיין זייער טאַטע־מאַמע, באַגרייפן זייערע אידעאַלן, אידייען און בליקן, און אָנשטאָט אַוועקצוגיין אויף פרעמדע וועגן, — פאָרזעצן דעם וועג פון די עלטערן — דעם קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, פאַר פרייהייט, פאַר אַ בעסער לעבן?" און ווייטער: „די נאַציאָנאַלע קולטור איז די נאַטירלעכע אַטמאָספער אין וועלכער דער אַרבעטער פון יעדן פאָלק לעבט, אין וועלכער ער פילט זיך פולשטענדיק היימיש, וואָס אַפעלירט אי צו זיין קאָפּ אי צו זיין האַרץ. דאָס איז די יידישע קולטור פאַר דעם יידישן אַרבעטער. די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור רעדט צום האַרצן פון אַ יידישן אַרבעטער מיט טויזנט צונגען, בעת אַ פרעמדע שפּראַך און אַ פרעמדע ליטעראַטור רעדט צו אים העכסטנס מיט אַ צעבראָכענער צונג. און קען עס מיגלעך זיין, אַז דאָס, וואָס איז דעם יידישן אַרבעטער אַליין אַזוי וויכטיק, זאָל ער ניט וועלן איבערגעבן זיינע קינדער? קען עס מיגלעך זיין, אַז אים איז אַלץ איינס, צי דאָס וועט אויך פאַר זיינע קינדער זיין אַ קוואַל

פון באַגייסטערונג און דערהייבונג, אָדער ניט מער, ווי אַ טויטע, אומנייטיקע, זאַך? „דאָס קען ניט זיין". אַזוי האָט א. גלאַנץ געשריבן און „דער פריינד" האָט עס געדרוקט, אָבער — מיט דער פאָלגנדיקער אָנמערקונג פון דעם רעדאַק־טאָר (פיליפ קראַנץ): „עס איז אָבער פּאָרט אַזוי. דער פאַקט בלייבט דאָך, אַז די קינדער פון אַלע איינגעוואַנדערטע אין דיזן לאַנד ווילן ניט לערנען די שפּראַך פון זייערע עלטערן. מיט אונדז איז עס דאָך בכלל „ווי עס קריסטלט זיך, אַזוי יידלט זיך". מאַלע וואָס מען ווינטשט — דאָס לעבן גייט זיך זיין וועג, און דיזער וועג איז אין אַמעריקע אַ גאַנץ אַנדערער, ווי די יידישיסטישע נאַציאָ־נאַליסטן אויף דער יידישער גאַס פּלאַנעווען עס. דאָס איז דער וועג פון גראַדע אַ זייער שנעלער אַסימילאַציע."

ובכן, שוין נאָך דער רעזאָלוציע פון דער 16טער קאָנווענשאָן, נאָך דער אָפיציעלער אָנערקענונג פון דער יידישער שול, האָט דער רעדאַקטאָר פון „פריינד" נאָך אַלץ געטענהט, אַז דער וועג, אויף וועלכן מיר גייען דאָ אין לאַנד, איז ניט דער וועג פון יידישן לעבן און יידישער דערציאונג, נאָר, פּונקט פאַרקערט, „דער וועג פון גראַדע אַ זייער שנעלער אַסימילאַציע".

און מע דאַרף נישט מיינען, אַז נאָר אין 1917 האָט די קעגנערשאַפט צו די אַרבעטער־רינג־שולן געפונען אַן אויסדרוק פאַר זיך — אינעם אָרדן גופא. דאָס איז פאָרגעקומען אויך שפּעטער, — און ניט איין מאָל, אַ סך מאָל. די שולן האָבן אַ לאַנגע צייט נאָך געמוזט קעמפן פאַר זייער עקסיסטענץ. זיי האָבן געמוזט קעמפן פאַר זייער פּאַקטישער אָנערקענונג אַ צייט נאָך דעם, ווי זיי זיינען אָנערקענט געוואָרן פּרינציפּיעל. זייערע קעגנער האָבן זיך נישט געוואַלט אונטערגעבן. זיי האָבן ווייטער געפירט זייער אַנטי־שול־אַגיטאַציע. און אינטערעסאַנט איז, אַז דאָס איז פון קיינעם נישט באַטראַכט געוואָרן ווי עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט לאָיאַל. דער אַ"ר איז באמת אַן אייגנאַרטיקע אָרגאַניזאַציע אין דעם פּרט. ער לאָזט דער מינאָריטעט זיך איינשטעלן פאַר אירע איבערצייגונגען אויך נאָך דעם, ווי זיי זיינען פאָרמעל און פּאַקטיש אָפּגעוואָרפן געוואָרן. דאָס, וואָס איז געשען מיט די שולן, איז, אגב, געשען מיט דער גאַנצער בילדונגס־פּראָגראַם פון אַ"ר. אויך זי איז אַ געוויסע צייט באַקעמפט געוואָרן פון אינעווייניק, כאָטש דאָס איז געווען די אָנגענומענע פּראָגראַם פון דעם אָרדן. „אין דער עקזעקוטיווע, לייענען מיר אין א. ש. זאַקס געשיכטע פון אַרבעטער־רינג (11, ז' 487), איז די מאַיאָריטעט (אין 1910־1911 באַשטאַנען פון די, וועלכע האָבן געקוקט זייער קרום אויף די עדיוקיישאָנעל־אַרבעט, אָנגעפירט פון אַ צענטראַלער עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע. זיי האָבן געמאַכט פּלענער צו רעדוצירן די עדיוקיישאָנעל־אַרבעט און באַ־שרענקען דעם כח פון דער קאָמיטע דערמיט, וואָס זיי האָבן פאָרגעשלאָגן צו דער 12טער קאָנווענשאָן צו פאַרקלענערן דעם בודזשעט ביז אויף 300 דאָלאַר." אַזוי איז אַ געוויסע צייט געווען מיט דער אַלגעמיינער בילדונגס־אַרבעט, אַזוי

איז עס — אַ סך אַ לענגערע צייט — געווען מיט דער ספּעציעלער שולאַרבעט. די מערהייט האָט אָנגענומען באַשלוסן, — און די מינאָריטעט איז דערפון ניט נתפּעל געוואָרן. ביי דער ערשטער געלעגנהייט איז זי ווידער אַרויס מיט אירע טענות. אַזוי צום ביישפּיל, האָט זיך ווידער אָנגעצונדן אַ מחלוקה וועגן די שולן אויף דער קאָנווענשאָן פון 1919. עס האָבן שוין דאַן עקסיסטירט היפּשע עטלעכע שולן, און זייער צאָל האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. האָבן זייערע קעגנער עס נישט געקאָנט צוזען, און ווי נאָר עס איז געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן העכערן דעם שולאָפּצאָל, איז גלייך געוואָרן אַ טומל, און די שולטוערס זיינען באַשולדיקט געוואָרן שיר ניט אין אָפּנאַרן דעם אַרבעטער־רינג: זיי האָבן געהאַט אָנגעהויבן פון סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס אויף ענגליש און אויף יידיש — און עס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט שולן, וואו מע לערנט עטלעכע מאָל אַ וואָך אָדער גאָר טעגלעך — און דורכוים נאָר אויף יידיש! דערצו רעדט מען נאָך וועגן לערערקורסן און וועגן פּראַווען יידישע יום־טובים . . . ווי קאָן מען עס דולדן? און דאָס איז נישט געווען דער איינציקער רעציִדיוו פון קעגנערשאַפט צו די שולן. יעדעס מאָל, ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן פאַרגרעסערן דעם בודזשעט פון די שולן, יעדעס מאָל, ווען מען האָט געוואָלט איינפירן עפּעס אַ פאַרבעסערונג אינעם לעבן פון די שולן, יעדעס מאָל, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי זיינען „געקומען צו בלייבן," איז פון דאָס ניי געשטעלט געוואָרן די פראַגע, אויף וואָס דאַרף מען זיי אין גאַנצן האָבן און צי זיינען זיי נישט קיין שעדלעכער באַלאַסט. אַזוי, אַז אונדז וועט שפּעטער נאָך אויסקומען צו ריידן וועגן אומצופרידנקייט מיט די שולן און וועגן קעגנערשאַפט צו זיי אין די רייען פון אַ"ר גופא. דאָס איצטיקע קאַפּיטל, דאָס קאַפּיטל פונעם קאַמף, וואָס די שולן האָבן געפירט פאַר זייער אָפיציעלער און פּאַקטישער אָנערקענונג, ווילן מיר שליסן מיט אַ פּרואוו צו מאַכן אַ סך־הכל פון די מאָטיוון, וואָס זיינען אין דעם דאָזיקן קאַמף באַנוצט געוואָרן לטובת די שולן.

ד.

עס איז פאַרשפּרייט אַ מיינונג, אַז די מאָטיוון האָבן דורכוים געהאַט נישט קיין נאַציאָנאַל־קולטורעלן, נאָר אַ סאָציאַל־ראַדיקאַלן כאַראַקטער.[9] און דער אמת איז, אַז אין די אָפיציעלע דערקלערונגען זיינען די נאַציאָנאַל־קולטורעלע מאָמענטן אין אָנהייב טאַקע כמעט אין גאַנצן אויסגעמיטן געוואָרן: אין דער רעזאָלוציע פון 1916, אין אַט דעם ערשטן דאָקומענט, דורך וועלכן די שולן זיינען אָפיציעל אָנערקענט געוואָרן, האָט זיך דערהויפּט גערעדט וועגן דעם, וואָס יענע מיטגלידער, וועלכע „זיינען פאַראינטערעסירט, אַז זייערע קינדער זאָלן פיל וויניק האָבן אַ באַגריף איבער דער יידישער היסטאָריע, קולטור, שפּראַך און ליטעראַטור", — „זיינען אָפּט געצוואונגען אַוועקצוגעבן

זייערע קינדער צו אָרטאָדאָקסישע מלמדים אוים מאַנגל אין פרייע יידישע ראַדיקאַלע פאָלקשולן." די 17טע קאָנוועגשאָן (אין 1917) האָט אויפגע־פאָדערט די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע „ענערגיש אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן נייע און העלפן די שוין עקסיסטירנדע שולן, וואו מע זאָל געבן די קינדער פון אַרבעטער־רינג אַ ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע ערציאונג אין יידיש אָדער ענגליש." („דער פריינד", יוני, 1917) בכן ווידער — „אַ ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע ערציאונג אין יידיש אָדער ענגליש", ניט קיין יידישע דערציאונג. און אָט איז ווי די אַרבעטער־רינג קאָנוועגשאָן פון 1920 האָט פאָרמולירט די צילן פון די שולן פון אַרבעטער־רינג:

1. „צובינדן דאָס יידישע אַרבעטער־קינד צום יידישן אַרבעטער־קלאַס, און צוגרייטן אים פאַרצוזעצן דעם קאַמף פון זיינע עלטערן פאַר אַ בעסערער צוקונפט.

2. אַנטוויקלען ביים קינד די געפילן פון יושר, פון ליבע צו אונטער־דריקטע, פון ליבע צו פרייהייט און פון אַכטונג צו די קעמפער פאַר פרייהייט;

3. אַנטוויקלען ביים קינד דאָס געפיל פון שיינקייט;

4. אַנטוויקלען ביים קינד דעם הויכן אידעאַליזם און די שטרעבונג צו גרויסע מעשים, וועלכע זיינען נייטיק פאַר יעדן קינד, פונעם אונטערדריקטן קלאַס, אויף זיין וויטערדיקן לעבנסוועג צו אַ בעסערער אָרדענונג." („דער פריינד", יוני־יולי, 1920)

אין די אַלע 4 פונקטן איז קיין איין וואָרט ניטאָ וועגן צובינדן דאָס קינד צום יידישן פאָלק און צו דער יידישער קולטור.

מע קאָן, דעריבער, מיינען, אַז די אַלגעמיין פעדאַגאָגישע און דערהויפט די אַלגעמיין סאָציאַליסטישע צילן, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער נאָר וואָס ציטירטער דערקלערונג פון דעם 20סטן צוזאַמענפאָר פון א"ר, — זיינען געווען די איינציקע צילן, וואָס די בויערס פון דער אַר"ש האָבן אין זינען געהאַט... דאָס איז אָבער ריכטיק נאָר פאַר אַ טייל טוערס פון א"ר. אַ טייל טוערס האָט טאַקע געקוקט אויף דער שול פון אַרבעטער־רינג נאָר ווי אויף אַן אינסטרו־מענט פון סאָציאַליסטישער דערציאונג. אַזוי, צום ביישפיל, לייענען מיר אין „פריינד" פון סעפטעמבער, 1919, אין אַן אַרטיקל, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „די אַרבעטער־רינג־שול — אַ קלאַסנשול (פון ל. אַבראַמאָוויטש) — אַזאַ מין שטעל:

„אויב די אַרומיקע סקול איז דער הויפט־אינסטרומענט פון דעם הערשנדן קלאַס צו רעגולירן די גייסטיקע שפייז פון דעם גאַנצן אונטערוואַקסנדיקן דור און צו פאַרסמען אים מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אַנשויאונג אויף זאַכן און מיט שנאה צו די אַרבעטער, וואָס קעמפן קעגן דעם קאַפּיטאַליזם, איז די אַרבעטער־רינג־שול פאַר דעם יידישן אַרבעטער דער קעגנגיפט קעגן דער וויר־קונג פון אָט דער סקול אויף זיינע קינדער. זי איז פאַר דעם יידישן אַרבעטער

דער אינסטרומענט אויף צוצובינדן זיינע קינדער צו זיך, צום יידישן ארבעטער־קלאַס און צו זיינע אידעאַלן." דאָס איז געווען די מיינונג פון די טוערס פון ארבעטער־רינג, וועלכע זיינען נישט צו ווייט אוועק פון דער אידעאָלאָגיע פון די סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס. אַנדערע האָבן באַגרינדעט די נייטיקייט פון די אַרבעטער־רינג־שולן אויף אַן אַנדער אופן. מע וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף, ווינציקסטנס, דריי גרונט־מאָטיווירונגען:

א.) די סאָציאַליסטיש־דערציערישע מאָטיווירונג, וואָס איז שוין דערמאָנט געוואָרן.

ב.) דער מאָטיוו פון דער דערנענטערונג צווישן די עלטערן און די קינדער, און

ג.) דער ריין נאַציאָנאַלער מאָטיוו.

די נייטיקייט צו דערנענטערן די הי־געבוירענע קינדער מיט די אימיגראַנטישע עלטערן אָדער, ווי מיר וואָלטן עס אָנגערופן, דער פאַמיליע־מאָטיוו אין דער שול־פּראָפּאַגאַנדע האָט אין זיך געהאַט צוויי מאָמענטן, וואָס האָבן אים פּאַקטיש געמאַכט פאַר אַ וואַריאַנט אָדער אַ מער פּאָפּולערן אויסדרוק פון דעם סאָציאַלן מאָטיוו, פון איין זייט, און פון דעם נאַציאָנאַלן מאָטיוו פון דער אַנדער זייט. די צוויי מאָמענטן זיינען: א) דער פאַרלאַנג צו דערנענטערן די קינדער צו דער סאָציאַלער סביבה און די סאָציאַלע שטרעבונגען און אידעאַלן פון די עלטערן; ב) דער וואונטש, אַז די אַמעריקאַנער קינדער זאָלן ניט אָפּגעפרעמדט ווערן פון די עלטערנס שפּראַך און קולטור. דער ערשטער מאָמענט פירט אונז צוריק צום סאָציאַל־דערציערישן, דער צווייטער — צום נאַציאָנאַל־דערציערישן מאָטיוו. פון דעסטוועגן דעקט זיך נישט דער פאַמיליע־מאָטיוו נישט מיט דער סאָציאַלער און נישט מיט דער נאַציאָנאַלער באַגרינדונג פון דער אַרבעטער־רינג־שול. דער פאַמיליע־מאָטיוו פיגורירט זעלבשטענדיק און פאַרנעמט אין דער פּראָפּאַגאַנדע־ליטעראַטור פון די שולן פון א"ר אַ גאַנץ חשובן אָרט. אַט ווי עס הייבט זיך אָן אַ שטייגער, די אויפקלערונגס־בראָשור, וואָס דער נאַציאָנאַלער בילדונגס־קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אין 1921:

„ווען די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג זיינען געוואָרן עלטער, איז ביי זיי אַנטשטאַנען די פראַגע פון דערציען זייערע קינדער. יעדע משפחה קען נאָר דאַן פאַררעכנט ווערן פאַר אַ געזונטע, ווען צווישן די עלטערן און די קינדער איז פאַראַן נישט בלויז אַ פיזישע, נאָר אויך אַ גייסטיקע פאַרבינדונג. ווען די קינדער פאַרשטייען זייערע עלטערן, נעמען זיי איבער פון זיי זייערע מידות, אידייען און אידעאַלן, זייערע לידער, מעשיות און מינהגים, בכלל, זייער קולטור, און נעמען די קינדער איבער די קולטור פון זייערע עלטערן, פילן זיי, אַז יענע זיינען ווירדיקע, גייסטיק־רייכע מענטשן און אַכטן זיי: און אַ כ ט ו נ ג איז די מוטער פון שטענדיקער און טיפער ליבע. ווען די קינדער פאַרשטייען אָבער ניט זייערע עלטערן, קענען יענע זיי ניט איבערגעבן די

גייסטיקע אוצרות, וואָס זיי פאַרמאָגן. זיי בלייבן דאַמאָלט פאַר די קינדער פּוסטע מענטשן, גייסטיקע אָרעמעלייט, ווי אינטעליגענט זיי זאָלן אין דער אמתן ניט זיין. און וואו עס איז נישטאָ קיין אכטונג, קומט זייער לייכט די פאַראַכטונג; און פאַראַכטונג גרענעצט מיט שנאה. זייער אַ סך פון די אַרבעטער־רינג־מיטגלידער האָבן אַזאַ סאָרט פאַראַכטונג און שנאה מצד זייערע קינדער דערפילט אויף זייערע אייגענע לייבער. זייערע קינדער האָבן אָנגעהויבן צו קוקן אויף זייערע עלטערן פון אויבן אַראָפּ, ווי אויף נידעריקערע באַשעפענישן, ווי אויף גרינהאָרנס, פול מיט מיאוסע (פון דעם שטאַנדפּונקט פון די קינדער) מידות און אָן די געוויינהייטן פון דעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער. די קינדער האָבן אויפגעהערט צו פאָלגן זייערע עלטערן און אָנגעהויבן פאַרשווינדן פון שטוב אויף אַ גאַנצן טאָג און קומען אַהיים נאָר צו עסן און צו שלאָפן. די פּעדעס, וואָס האָבן צונויפגעבונדן די קינדער מיט די עלטערן, האָבן זיך אָנגעהויבן צערייסן. די עלטערן און די קינדער האָבן פאַקטיש אָנגעהויבן צו רײדן אויף צוויי באַזונדערע שפּראַכן, נישט בלויז דערפאַר, וואָס די עלטערן רײדן יידיש און די קינדער ענגליש, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך אונטערשיידט אין גאַנצן — לויט זייערע באַגריפן און אָנשויאונגען. אַאַז"וו, אַאַז"וו? "פון וואַנען, פרעגט דער פאַרפאַסער פון דער בראָשור (יעקב לעווין), האָט זיך גענומען אָט דער ברוך צווישן די עלטערן און די קינדער? און ער ענטפערט: פון דער פּאָבליק־סקול. דאָס האָט זי אָפּגעריסן די קינדער פון די טאַטעס און די מאַמעס. איז געקומען די אַרבעטער־רינג־שול מיטן צוועק „צו דערגאַנצן די פּאָבליק־סקול און צו זיין אַ קעגנגיפט צו איר".[10]

אָט די אַרגומענטירונג איז דערהויפּט באַנוצט געוואָרן דאַן, ווען מען האָט זיך געדאַרפט אַנטקעגנשטעלן די פּרעדיקער פון אַמעריקאַניזאַציע. זייער הויפּטפירער, דער פאַרשטאָרבענער סאָציאַליסטישער קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, האָט אַזוי שפּעט ווי אין 1925 נאָך געטענהט אויף אַ קאָנווענשאָן פון אַרבעטער־רינג, אַז „מיר מוזן זיך אַליין אַמעריקאַניזירן — און ניט מאַכן אונדזערע קינדער פאַר גרינהאָרנס". האָט אים נ. כאַנין גלייך אויפן אָרט געענטפערט: „. . . צווישן די ראַדיקאַלע עלטערן און זייערע קינדער איז דאָ אַ גרויסער אָפּגרונט, פיל גרעסער ווי ביי די אָרטאָדאָקסישע קלאַסן, און אום דעם אָפּגרונט אָפּצושוואַכן זיינען נייטיק די שולן. מיר זיינען ניט קעגן ענגליש, אָבער מיר ווילן, אַז אויך אונדזער יידישע קולטור זאָל געאַכטעט ווערן פון אונדזערע קינדער." („דער פריינד", יוני־יולי, 1925.)

כדי צו פאַרשטאָפּן די מיילער פון אַזוינע קעגנער, ווי מאיר לאָנדאָן איז געווען, האָט מען גערעדט ניט אין נאָמען פון דעם יידישן פאָלק און זיין קולטור, נאָר אין נאָמען פון די עלטערן, אין נאָמען פון דער פאַמיליע־גאַנצקייט; אויסן געווען אָבער איז מען נישט אַזוי די טאַטעס מיט די מאַמעס, ווי זייערע סאָציאַליסטישע אידעאַלן, פון איין זייט, און זייער יידישע קולטור און שפּראַך,

פון דער אנדער זייט. א מאָל האָט מען געשטעלט די טראָפּ אויפן סאָציאַליזם, אַן אַנדער מאָל — אויף דער נאַציאָנאַלער קולטור, אָבער וואָס מע זאָל נישט האָבן אָקצענטירט מיטן ציל בייצוקומען די קעגנער און כדי צו ווירקן אויף די גלייכגילטיקע, — אין הארצן, ווי דאָס ווייזט ריכטיק אָן ז. יעפּרויקין, האָט מען שטענדיק געוואָלט דערנענטערן די קינדער נישט נאָר צו די עלטערן, נאָר אויך צום גאַנצן יידישן לעבן און שטרעבן.[11]

דאָס זעט מען, ווען מע לייענט די פריער געבראַכטע דעקלאַראַציע פון בילדונגס־קאָמיטעט אין 1916, אָדער די אַרטיקלען פון ד"ר נ. סירקין, א. ליטווין און אַנדערע, וואָס זיינען ציטירט געוואָרן אין א פריערדיקן קאַפּיטל. דאָס זעט מען, ווען מע באַקענט זיך מיט דעם בריוו פון נייטען חייט, מיטגליד פון ברענטש 99, אין „פריינד" פון אַפּריל, 1918: „פאַר דער לעצטער צייט, לייענען מיר אין פ' חייטס בריוו, האָבן זיך אויף דער יידישער גאַס אַנגעהויבן צו הערן נייע טענער און גאַנץ נייע לידער. דאָס יידישע פאָלק האָט דערוואַכט צו א גאַנץ ניי און זעלבשטענדיק לעבן און פירט אָן א קאַמף פאַר זיין עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג און פאַר דער אַנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך, ווי דאָס האָבן געטאָן די יידישע סאָציאַליסטן אין רוסלאַנד. דער אַרבעטער־רינג פון אַמעריקע, אַלס א גרויסער טייל, און פּיליכט דער גרעסטער טייל פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג דאָ אין לאַנד, דאַרף אויך אָנפירן א קאַמף פאַר דער אַנערקענונג פון דער יידישער שפּראַך אין די אַמעריקאַנער פּאַבליק־סקולס, ווי עס האָבן געטאָן די פּאָליאַקן אין שיקאַגאָ און די דייטשן אין מילוואָקי. דער אַלטער געדאַנק פון די גרינדערס פון אַרבעטער־רינג און פון דער יידישער אינטעליגענץ פון יענער צייט, אַז וואָס שנעלער די יידן וועלן אָננעמען די הערשנדע שפּראַך פון יעדן לאַנד וואו די יידן געפינען זיך, וואָס שנעלער זיי וועלן זיך אַסימילירן, אַלץ שנעלער וועט קומען די „גאולה", — אַז אָט דער געדאַנק איז פאַלש, איז איבעריק צו רײדן. עס איז גאַנץ איבעריק צו דערקלערן איצט, אַז מיר קענען זיין גאַנץ גוטע סאָציאַליסטן און צו דער זעלבער צייט יידן."

אין דעם אייגענעם גייסט איז געשריבן דער בריוו פון מ. בעזינען, אַן אַרבעטער־רינג־מיטגליד פון בעיאָן, נ. דזש. צו דער רעדאַקציע פון „פריינד" און איר ענטפער (יאַנואַר, 1919)": „עטוואָס, האָט מ. בעזין געשריבן, מוז דאָך געטאָן ווערן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן ניט ווערן אַזוי פאַרפרעמדט פון אונדז און פון דעם אַלטן היסטאָרישן פאָלק. און אין אונדזערע שולן מוז דאָך אַריינדרינגען אויך דער נייער גייסט פון יידישקייט, אויף וויפל מיר פאַסן דאָס אויף ביי דער איצטיקער נייער צייט פון דער יידישער אויפלעבונגס־באַוועגונג." און אָט איז „די רעדאַקציאָנס־באַמערקונג": „מיר זיינען כמעט אין גאַנצן איינשטימיק מיט פ' בעזין און קענען צוגעבן, אַז אונדזערע אַרבעטער־רינג־שולן, וואָס מיר האָבן איצט געגרינדעט אין ניו־יאָרק, האָבן טאַקע איבער־

גענומען פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן אַ היפּשן טייל פון זייער פּראָגראַם, הגם אין אַנדערע הינזיכטן מעגן זיך די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן לערנען ביי אונדז.״

נישט אַלע האָבן געוואָלט אויסזאָגן, — אַז מיט די שולן איז מען אויסן, אַז „אונדזערע קינדער זאָלן נישט ווערן אַזוי פאַרפרעמדט פון אונדז און פון דעם אַלטן היסטאָרישן פאָלק,״ אָבער ד אָ ס איז מען אין תוך, אויסן געווען, און עס קאָן זיין, אַז דער פאַרשטאָרבענער א. ליעסין האָט אויס־געדריקט נישט בלויז זיין אייגענע מיינונג, נאָר אויך די מיינונג (אָדער די פאַרבאָרגענע שטימונג) פון אַ סך שולטוערס פון א״ר, ווען ער האָט אויף דעם 22סטן צוזאַמענפאָר פון א״ר אין 1922, אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדאַ, געזאָגט צווישן אַנדערע זאַכן, אין נאָמען פון בילדונגס־קאָמיטעט :—

— „און לאָמיר זיך ניט שרעקן, אויב עס פאַלט אַ מאָל אויף אונדז די באַשולדיקונג אין שאָוויניזם, וואָס האָט אייגנטלעך קיין שום זין ניט. מיר האַלטן זיך אַלע אין איין פאַרענטפערן. מיר פאַרענטפערן זיך שוין צו פיל און כאַפּן איבער די מאָס. עס איז טאַקע ריכטיק, אַז מיר זוכן צו דערציען אונדזערע קינדער סאָציאַליסטיש, ווי ווייט מע קען דערציען קינדער סאָציאַליס־טיש, דאָס הייסט, ניט צו געבן דעם קינד פאַרטיקע סאָציאַליסטישע מיינונגען, וואָס איז פון שטאַנדפּונקט פון דערציאונג שעדלעך און נוצלאָז, נאָר סאָצי־אַליסטישע שטימונגען, אַרומרינגלען דאָס קינד ניט מיט סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע, נאָר מיט אַ סאָציאַליסטישער אַטמאָספער. מיר ווילן דאָך אָבער דערביי אויך, אַז דאָס קינד זאָל פילן זיין פאַרבינדונג מיט זיינע עלטערן און זייער קולטור. די פאַרבינדונג מיט זיין פאָלק און מיט דער קולטור פון זיין פאָלק, מיט דער ליטעראַטור און מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון זיין פאָלק, אַז דאָס קינד זאָל ניט מיינען, אַז ששת ימי בראשית הייבט זיך אָן נאָר מיט אים, זייט ער האָט דערזען זיין פּאַבליק־סקול־ביכל, און וויטער איז אַלץ עפּעס אַ ווּיסטע ווילדע מעשה פון „גרינהאָרנס״. „און איך וויל דאָ נאָך אויסזאָגן אַ סוד, אַז דער גאַנצער ענין פון יידישע שולן נעמט זיך פיליכט טאַקע פון דעם, וואָס מיר, יידן, אפילו די סאָציאַליסטישע יידן, ווילן ניט פאַרשווינדן. שאָוויניסטן זיינען מיר טאַקע ניט, פאַרשלינגען אַנדערע ווילן מיר טאַקע ניט, אָבער אַליין פאַרשווינדן ווילן מיר אויך ניט. ווי אַלץ וואָס לעבט, ווילן מיר, יידן, אויך לעבן. דער גלות, צום ביישפּיל, צווינגט אונדז אַלץ צו פאַרשפּרייטן זיך, צו צעברעקלען זיך צו צעשטויבן זיך. און מיר אין דער פאַרשפּרייטונג גופא קאָנצענטרירן זיך אַליין. אָט האָבן מיר געמוזט לויפן מעבר־לים, אין אַמעריקע, און געשאַפן דאָ אַ קהלה פון אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן אין איין שטאָט. און אין דער אַרבעטער־רינג־שול איז אויך פאַרמאַסקירט דער געהיימער, אָבער דער אַלטער, אַלטער ווילן אונדזערער צו בלייבן לעבן און צו לעבן, בשום אופן ניט צו פאַרשווינדן. דער רייכער רעפאָרם־יאַהודי מאַסקירט אים

אויף זיין אופן און גענאַסע מעדעם מאַסקירט אים אויף זיין אופן. ניט לאַנג צוריק האָב איך גערעדט אַט וועגן די שולן מיט אַ יידישן קאָמוניסט, טאַקע אַ ריכטיקער קאָמוניסט, ניט קיין בלאָף־קאָמוניסט, אַ קאָמוניסט נאָך פון פּאַלמערס צייטן, און איך האָב דערזען אין זיינע אויגן אַ פּייערל, דאָס האָט אין אים געברענט דער ווילן, ניט אין זיין באוואוסטזיין, פּיליכט, נאָר אין זיין אונטער־באוואוסטזיין, בשום אופן אַלס ייד ניט צו פאַרשווינדן, אויף צו להכעיס אַלע אונדזערע צוררים ניט צו פאַרשווינדן. פאַרשטייט זיך, אַפּי־ציעל האָבן מיר דאָך גמרא־קעפּ און מיר קענען פּשטלען גאַנצע ק"ן טעמים. דאָס איז אָבער מערניט ווי אָפיציעל, אין געהיימנים פון אונדזער געמיט נאָגט אונדז דער פאַרלאַנג ניט צו פאַרשווינדן. מיר ווילן שולן, ווייל מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן בלייבן יידן. אַזוי איז דאָס אין אַל תגידו בגת."

א. ליעסין האָט גערעדט, ווי זיין שטייגער איז געווען צו ריידן, — קלאָרע און שאַרפע דיבורים. אַנדערע וואָלטן נישט גענוצט אַזאַ שפּראַך, ווען אַפילו זיי זאָלן זיין אַזוי טיף נאַציאָנאַל געשטימט, ווי ער איז געווען. אָבער נישט וועגן דער טערמינאָלאָגיע רעדט זיך דאָ, נאָר וועגן דעם תוך פון דער זאַך. און ווען עס קומט צום תוך, טאָר מען נישט פאַרגעסן, וואָס עס איז שוין פריער געזאָגט געוואָרן. מע טאָר נישט פאַרגעסן, אַז די קאַלטע, טרוקענע, אַפּט „דיפּלאָמאַטישע", מאָטיווירונג, וואָס באַגעגנט זיך אַזוי אָפּט אין די אָפיציעלע דערקלערונגען פון דער ערשטער צייט, דריקט אויס נאָר אַ טייל פון די אידייען און שטרעבונגען, וועלכע האָבן געפירט צו דער גרינדונג און דער באַפעסטיקונג פון דער אַרבעטער־רינג־שול. דער גאַנצער סכום שול־אידייען און שול־טענדענצן איז געווען פּונקט אַזוי פילפאַרביק און פאַרשיידנ־אַרטיק ווי עס איז געווען די מיטגלידערשאַפט פון א"ר. אַזוי, אַז יאָרן נאָך דעם ווי די אַרבעטער־רינג־שול איז געווען שוין אַן איינגעשטעלטע און איינגע־פונדעוועטע אינסטיטוציע זיינען אין אָרדן געווען נאָך, ווינציקסטנס, פּירערליי באַציאונגען צום ענין דערציאונג:

א) עס זיינען געווען אַזוינע, וואָס האָבן נאָך אַלץ געוואָלט האָבן ענגלישע שולן, ניט קיין יידישע, און דער בילדונגס־קאָמיטעט פון 1918־1919 האָט געהאַט באַשלאָסן צו שטיצן אויך אַרבעטער־רינג־שולן אין ענגליש, אויב נאָר זייער פּראָגראַם וועט זיין אין איינקלאַנג מיט אונדזערע פּרינציפּן".[12] אַן ענלע־כער באַשלוס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער 20סטער קאָנווענשאָן פון א"ר אין 1920 („דער פריינד", יוני־יולי, 1920), און אין דענווער, קאָלאָראַדאָ, איז טאַקע געווען נאָך אַן אַרבעטער־רינג־שול (מיט 60 קינדער) אין ענגליש, און דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט באַוויליקט פאַר איר 50$ אַ סובסידיע. אָבער דאָס איז געווען שוין די לעצטע שול פון דעם טיפּ. אויב זי האָט נאָך עקסיסטירט, איז עס געווען נאָר דערפאַר, ווייל „זיי קריגן דאָרט ניט, ווי עס ווערט דערציילט אין „פריינד" (יאַנואַר, 1920), קיין יידישן לערער". אין

א באריכט פון בילדונגס־קאָמיטעט פון 1922 לייענען מיר, אַז די קאָמיטע האָט אויפגענומען די פראַגע וועגן גרינדן ענגלישן שולן. עס ציינט זיך אַרויס אָבער, אַז ס'איז בכלל ניט געווען קיין אָנפראַגע פאַר אַזעלכע שולן („פריינד", יאַנואַר, 1922).

קיין נייע ענגלישע אַרבעטער־רינג־שולן זיינען ניט געגרינדעט געוואָרן, און די אַלטע זיינען אונטערגעגאַנגען, אָבער צווישן די מיטגלידער פון א"ר זיינען לאַנג נאָך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געבענקט נאָך די ענגלישע „סאַנדעי־סקולס", און וואו נאָר זיי האָבן געקאָנט, האָבן זיי דעם גייסט פון די אַלטע ענגלישע סקולס אַריינגעטראָגן אין די נייע יידישע שולן. עס זיינען „נאָך פאַראַן שולן", לייענען מיר אין יעקב לעווינס אַ באַריכט, אין „פריינד" פון יוני־יולי, 1920, — „עס זיינען נאָך פאַראַן שולן, וועלכע זיינען נאָך אַלץ ניט מער, ווי „סאָציאַליסטישע סאַנדעי־סקולס" אויף יידיש, וואו אויסער אויס־לערנען לייענען און שרייבן יידיש באַשטייט די תורה פון פרעדיקן מישטיינס־געזאָגט סאָציאַליזם אין דער פאָרם מערסטן טייל פון אַגיטאַציע, און וואו יעדע זאַך, וואָס טראָגט אויף זיך אַ שאָטן פון יידישער שאַפונג, אַפילו פון געזונטער יידישער שאַפונג, איז טריף."

און פונקט אַזוי ווי די אַסימילאַטאָריש־געשטימטע גענאָסן האָבן געוואָלט האָבן סאָציאַליסטישע סקולס, האָבן די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, דער־הויפּט די פּועלי־ציון, וואָס האָבן געהערט צום א"ר, געמיט זיך, פאַרקערט, צו שאַפן:

ב) נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן אונטער דעם שילד פון אַרבעטער־רינג־שולן „אין אייניקע ערטער, דערציילט יעקב לעווין אין 1920, — אין אייניקע ערטער איז זי (די אר"ש) נאָך אַלץ אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול, וואָס האָט בלויז דעם נאָמען „א"ר־שול". עס איז נאָך אין איר פאַרבליבן די אַלטע האַלב־ראָמאַנ־טישע באַציאונג צו דער יידישער פאַרגאַנגענהייט — סיי צו דער ווייטער, סיי צו דער נאָענטער, — און צו אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נאָמען יידיש, און זאָל דאָס אַפילו זיין אינהאַלטלאָז, אָדער אַפילו נאַריש. מע לייגט אין אַט אַזאַ שול צו אַ ביסל ראַדיקאַלערע ראַדיקאַלעכץ אין דער פאָרם פון אַ געשפּרעך וועגן אַ סטרייק אָדער גאָר פון אַ רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע מצד דעם לערער און דאָס דאַרף שוין באַרעכטיקן איר אַרבעטער־רינג־נאָמען. אין אייניקע שולן ווערט דאָס אויך ניט געטאָן." („פריינד", יוני־יולי, 1920)

אין איינעם מיט די עקסטרעם „אַסימילאַטאָרישע" שולן, פון איין זייט, און די עקסטרעם „נאַציאָנאַליסטישע", — פון דער אַנדער זייט, זיינען געווען:

ג) שולן, וואו עס איז מער באַטאָנט געוואָרן דער נאַציאָנאַלער מאָמענט, כאָטש זיי האָבן שוין נישט געהאַט דעם גייסט פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן און

ד) שולן, וואו דער ס אָ צ י אַ ל ע ר מאָמענט האָט געקראָגן מער אויפמערקזאַמקייט.

עס איז ניט געווען קיין איינהייטלעכקייט אין דער אידעאָלאָגיע פון דער מיטגלידערשאַפט פון א"ר: האָט אויך אין די שולן, וואָס אירע פאַרשיידענע עלעמענטן האָבן געגרינדעט, נישט געקאָנט זיין קיין פולע איינהייטלעכקייט.

אָבער ווי פאַרשיידן עס זאָלן נישט האָבן געווען די כונות און די טענ־דענצן פון איינציקע אַרבעטער־רינג־שולן, האָט מען זיך וואָס ווייטער, אַלץ מער צוגעווינט צו זיי און אַלץ מער און מער באַטראַכט פאַר אַן אָרגאַנישן טייל פונעם אַרבעטער־רינג. און דאָס איז געשען נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן אויפגעהערט צו זיין אַן אַבסטראַקטע אידיי און זיינען געוואָרן אַ שטיק ווירקלעכקייט, און נישט נאָר דערפאַר, וואָס דער אָרדן ווי אַן אָרדן האָט זיי אָפיציעל אָנערקענט נאָך דעם ווי פאַרשיידענע אָרטיקע צווייגן האָבן זיי פריער נאָך איינגעשלאָסן אין דער פּראָגראַם פון זייער פּראַקטישער טעטיקייט, נאָר אויך צוליב אַ דרויסנדיקער אורזאַך, וואָס עס איז כדאי אויף איר אָנצואווייזן, איידער מיר גייען איבער צו דעם וואוקס און דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די שולן פון א"ר. די דאָזיקע אורזאַך איז — וואָס אויך אַנדערע אימי־גראַנטישע גרופּעס, אחוץ יידן, האָבן — יעדע אויף איר שפּראַך — אייגענע סאָציאַליסטישע און מער נאָך ניט־סאָציאַליסטישע, שולן. אזוי, צום ביישפּיל, זיינען אין קליוולאַנד, אָ., אין 1916, געווען 21 דייטשע שולן, 6 פּוילישע, 5 טשעכישע, 3 סלאָוואַקישע, 2 אונגאַרישע, 1 קראָאַטישע שול און איינע אַ ליטווישע. דאָס זיינען געווען אָדער גאַנצע שולן (פּאַראָקעיל סקולס), אָדער צוגאָבשולן.[13] און די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון דער אַמעריקאַנער וועלט האָבן עס באַטראַכט און באַטראַכטן עס פאַר אַ נאָרמאַלע זאַך. זיי האָבן, — פּונקט פאַרקערט ווי אונדזערע מאיר לאָנדאָנס, — ניט געזען אין די פרעמד־שפּראַכיקע שולן קיין שום סתירה צו דעם אימיגראַנטס אַמעריקאַניזירן זיך. זיי האָבן געהאַלטן, אַז ס'איז אין די אינטערעסן פון אַמעריקע, אַז די איינגע־וואַנדערטע גרופּעס זאָלן נישט פאַרלירן די קולטור־ירושה, וואָס זיי האָבן פון דער אַלטער היים, און זיי האָבן געקוקט אויף די שולן פון די שפּראַך־מינאָרי־טעטן, ווי אויף אַ ניצלעכן צוגאָב צו דער פּאָבליק־סקול: „להיפּוך צו דער פּאָבליק־סקול, וועלכע האָט מיטגעהאָלפן דער דעזאָרגאַניזירונג פון דער פאַמיליע, אַריינפירנדיק אַ נייע קולטור און אַ נייע שפּראַך, האָט די פּאַראָקיעל־סקול ניט דערלאָזן די דאָזיקע פאַרפרעמדונג, באַקענענדיק די קינדער מיט דער שפּראַך פון די עלטערן, מיט זייער רעליגיע און נאַציאָנאַלער געשיכטע און איינפלאַנצנ־דיק אין זיי דרך־ארץ צו די טראַדיציאָנעלע ווערטן פון דעם לאַנד אין וועלכן זיי זיינען געבוירן. די פּאַראָקיעל־סקול איז געווען אַ נייטיקער אויסדרוק פון דער טענדענץ פון דער אימיגראַנטן־געמיינשאַפט צו זעלבסט־פּרעזערווירונג און זעלבסט־אַנטוויקלונג".[14] אָט די טענדענץ פון „זעלבסט־פּרעזערווירונג" און

„זעלבסט־אנטוויקלונג‟, וואָס אַנדערע עטנישע גרופּעס האָבן אַרויסגעוויזן און וויזן אַרויס דאָ אין לאַנד, האָט דירעקט אָדער אומדירעקט געווירקט אויף יידן, און אויך זיי האָבן, סוף־כל־סוף, אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר אייגענע שולן. נאָך אין 1917 האָט מ. באַקאַל, פאַרגלייכנדיק די יידישע שולן מיט די ענגלישע סאַנדעי־סקולס, וועלכע האָבן נאָך דאַן עקסיסטירט, געשריבן:

„דער אמת איז, אַז יידיש שטייגט אַריבער די ענגלישע שפּראַך אין די סאָציאַליסטישע קינדערשולן באַזונדערס אין די לעצטנס געגרינדעטע. ווייל וואו עס ווערט אויף יידיש געלערנט, זיינען די שולן אינטערעסאַנטער, לעבעדי־קער. זיי האָבן דערום מער קינדער און ציען מער צו די אויפמערקזאַמקייט פון די טאַטע־מאַמע, פון די דערוואַקסענע. אַזוי איז עס ניט נאָר צווישן אונדז, יידישע געגאָסן. די פינישע סאָציאַליסטן האָבן שולן איבערן לאַנד אויף דער פינישער שפּראַך, מיט פינישע לערביכער. די דייטשע ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישע קינדערשולן זיינען מייסטנס אויף דער דייטשער שפּראַך. די פּוילישע, בעהמי־שע — אויף זייערע שפּראַכן. דער איינציקער יוצא מן הכלל זיינען די סקאַנדי־נאַווער סאָציאַליסטן און באַזונדערס די שוועדן. זיי פירן אָן זייערע קינדער־שולן אויף דער ענגלישער שפּראַך. עס באַווייזט, אַז דאָס איז ניט נאָר אַזוי ביי יידן, נאָר די סאָציאַליסטן פון אַנדערע פעלקערשאַפטן לערנען אויך זייערע קינדער זייערע שפּראַכן, און דאָס שאַדט ניט דער סאָציאַליסטישער דערציאונג.‟ („דער פריינד‟, דעצעמבער, 1917) אין 1931 האָט פ. גליבטער, דער פּרי־ציפּיטיק־פאַרשטאָרבענער בילדונגס־דירעקטאָר פון אַ״ר ווידער אַ מאָל אָנגעוויזן אויף אָט דעם פּאַראַלעל, ניצנדיק נייערע דאַטעס. אויפן צוזאַמענפאַר פון די אַרבעטער־רינג־שולן אין 1931 האָט ער געזאָגט:

„די ביוראָ אָוו פאָרעין לענגווידזש אינפאָרמיישאָן סוירוויס האָט אָנגעגעבן, אַז פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע גרופּעס אין אַמעריקע האַלטן אויף שולן, וואו מ׳לערנט די קינדער די שפּראַך פון זייערע עלטערן.

די פּוילישע אָרגאַניזאַציע, „פּאָליש נעשאָנעל עליייענס, האָט 168 שולן. אַ צווייטע פּוילישע אָרגאַניזאַציע, „די פּאָליש פאַלקאָנס‟, האָט 35 שולן און 4 זומער־קעמפּס. די רוסישע אָרגאַניזאַציע „ראָשיען קאָנסאָלידייטעד מיו־טשועל עיד סאָסייעטי‟, האָט 31 שולן. די טשעכישע אָרגאַניזאַציע, „די אַמע־ריקען סאָקאָל־יוניאָן‟, האָט אין 1929 באַריכט, אַז 6,000 קינדער פון זייערע מיטגלידער לערנען זיך אין דער טשעכישער שפּראַך. אַ צווייטע טשעכישע אָרגאַניזאַציע, „די באָהימיען קאַטאָליק סענטראַל יוניאָן‟ האָט באַריכט, אַז 1,500 קינדער פון זייערע מיטגלידער לערנען זיך די טשעכישע שפּראַך. דער טשעכישער קאָלעדזש, „סעינט פּראָקאָפּיוס קאָלעדזש‟, אין ליזל, איל., האָט 8 קורסן אין דער טשעכישער שפּראַך און ליטעראַטור. פאָלגנדע אָרגאַניזאַציעס האַלטן אויף שולן צו לערנען די קינדער פון זייערע מיטגלידער די שפּראַך, געשיכטע און געאָגראַפיע פון זייערע באַטרעפנדע לענדער „סלאָוואַק עוואַנגע־

לישע יוניאָן", סלאָווין נעשאָנעל בענעפיט סאָסייעטי", „קראָושיען פראַטוירנעל יוניאָן", „סערב־נעשאָנעל פעדערײשאָן", „פּאָליש נעשאָנעל עלייענס אָוו ברוקלין". די ביוראָ פון „פאָרעין לענגווידזש אינפאָרמיישאָן סוירוויס" דערציילט, אַז פאַרשידענע נאַציאָנאַלע גרופעס אין אַמעריקע איבן אויס אַן איינפלוס אויף די לאָקאַלע פּאָבליק־סקולס, אַז מ'זאָל דאָרט לערנען מיט זייערע קינדער זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך. אַזוי, למשל האָט „די באָהימיען עלייענס" אין שיקאַגאָ געפועלט, אַז מ'זאָל אין געוויסע פּאָבליק־סקולס לערנען מיט זייערע קינדער די טשעכישע שפּראַך; די דייטשע „בענעפישעל־יוניאָן" אין פּיטסבורג האָט געקראָגן אַן ענלעכע דערלויבניש צו לערנען מיט די קינדער די דייטשע שפּראַך אין עטלעכע פּאָבליק־סקולס. דאָס זעלבע האָבן אויך דורכגעפירט דער „פּוילישער עלייענס" אין קליוולאַנד, דער „פּוילישער נעשאָנעל עלייענס" אין שיקאַגאָ, אד"גל." און פּ. געליבטער האָט געענדיקט: „ווען מיר זעען, אַז אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן גייען אויף דעם זעלבן וועג, אַז מיר זיינען ניט די איינציקע אין אַמעריקע, וואָס ווילן, אַז די קינדער זאָלן קענען די שפּראַך און קולטור פון זייער פאָלק, פילן מיר זיך היימלעכער און זיכערער אין אונדזער אַרבעט". („פריינד", יוני־יולי, 1931)

און נישט נאָר אין 1931, אויך פריער האָט די עקסיסטענץ פון ניט־יידישע מינאָריטעט־שולן געווירקט אויף אַ סך פון אונדזערע שולטוערס, און זיי האָבן זיך געפילט אַ דאַנק דעם „היימלעכער און זיכערער אין זייער אַרבעט". און זיי האָבן זייער שנעל דערגרייכט אַזוינע רעזולטאַטן, אויף וועלכע זיי האָבן זיך אַליין נישט געריכט. אָבער דאָס געהערט שוין צו דעם וואוקס און דער אַנטוויקלונג פון די אַרבעטער־רינג־שולן, — און עס וועט דערציילט ווערן אין אַ באַזונדער קאַפּיטל.



פ. געליבטער
געשט. 14טן דעצ., 1935

5

וואוקס

א.

די פּרינציפּיעלע אָנערקענונג פון די יידישע שולן אויף דער אַרבעטער־רינג־קאָנווענשאָן פון 1916 האָט פּראַקטישע רעזולטאַטן געבראַכט ערשט אין 1918. אין משך פון 1916־1917 איז פונעם נאַציאָנאַלן בילדונגס־קאָמיטעט גאָרנישט ניט געטאָן געוואָרן אויף צו „העלפן אויסבויען אַזעלכע (סאָציאַליס־טישע יידישע שולן) דאָרט וואו זיי זיינען נאָך ניטאָ", — ווי דאָס האָט געפאָ־דערט די רעזאָלוציע פון דעם אַ"ר־צוזאַמענפאָר אין 1916. די אורזאַך איז געווען אַן איינפאַכע: עס איז פון דער 16טער קאָנווענשאָן קיין געלט אויף שולאַרבעט נישט אַסיגנירט געוואָרן.

(דערביי איז כדאי צו געדענקען, אַז אויך דער בילדונגס־קאָמיטעט פון אַ"ר, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1906, האָט אין אָנהייב נישט געקראָגן קיין געלט פון אָרדן, און ער אַליין האָט געמוזט זיך שאַפן מיטלען פאַר דער אַרבעט — („דער פריינד", נאָוועמבער, 1910.)

די קאָנווענשאָן אין 1917 האָט צוגעגעבן, אַז דאָס, וואָס מען האָט די שולאַרבעט ניט איינגעשלאָסן אין בודזשעט, איז געווען אַ פעלער, און זי האָט אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„די קאָנווענשאָן פאָדערט אויף די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע ענערגיש אָנצוגיין מיט דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן נייע און העלפן די שוין עקסיסטירנדע שולן,*) וואו מע זאָל געבן די קינדער פון אַרבעטער־רינג אַ ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע ערציאונג אין יידיש אָדער ענגליש. זי רעקאָמענדירט אויך צו גרינדן אין ניו־יאָרק אַ יידישע מוסטער־שולע און אַסיגנירן אויף דעם 1,000 דאָלאַר. און אויף וויפל עס איז מיגלעך, אָנהייבן אַרויסצוגעבן קינדער־ליטעראַטור און לערביכער פאַר די שולן. דיזע רעקאָמענדיישאָן ווערט איבערגעגעבן צו דער נעקסטער עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע צו פאַרהאַנדלען".

(„דער פריינד", יוני, 1917).

די „נעקסטע עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע" האָט, אַפּנים, נישט געוואוסט וואָס זי זאָל אָנהייבן טאָן מיט אַזאַ בערך קליינער סומע, ווי טויזנט דאָלאַר. האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט גערופן אַ קאָנפערענץ פון אַלע ניו־יאָרקער אַ"ר־בראַנ־טשעס. דאָס איז געווען די ערשטע אַ"ר־שול־קאָנפערענץ. זי איז פאָרגעקומען דעם

*) דאָס האָט מען געמיינט די שולן פון אָרטיקע אַ"ר־צווייגן.

20סטן יאַנואַר, 1918, אין זאַל פון „פאָרווערטס". 36 בראַנטשעס האָבן געשיקט זייערע דעלעגאַטן צו דער באַראַטונג. און די איינציקע זאַך, וואָס מען האָט באַשלאָסן איז געווען דורכצופירן צווישן די ניו־יאָרקער בראַנטשעס אַ רעפערענדום וועגן אַ ספּעציעלן שולאָפּצאָל.

פונעם רעפערענדום איז גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען. מער ווי צוואַנציק בראַנטשעס האָבן זיך ניט אָפּגערופן, ממילא האָט זיך דער פּלאַן פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט צו גרינדן אַן אַ"ר־מוסטער־שול אין ניו־יאָרק אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. און אין זיין באַריכט צו דער 18טער קאָנווענשאָן האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט אָפן דערקלערט, אַז ער קאָן גאָרנישט ניט טאָן, וואו עס וועט ניט באַשאַפן ווערן קיין שולפאָנד. אויב די קאָנווענשאָן, האָט ער געטענהט, וויל, אַז די רעזאָלוציעס וועגן יידישע שולן זאָלן נישט בלייבן אויפן פּאַפּיר, מוז זי באַשטימען אַן אַלגעמיינעם שולאָפּצאָל.

דאָס איז געווען די רעקאָמענדאַציע פון בילדונגס־קאָמיטעט. פריער נאָך האָט „דער פריינד", אין פאַרבינדונג מיטן ניו־יאָרקער רעפערענדום וועגן שולטעקס, דערקלערט אין אַ לייט־אַרטיקל, אַז „דער איינציקער מיטל און אויסוועג צו שאַפן אַ פאָנד פאַר די שולן איז, אַז די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג אין יעדער שטאָט, וואו אַזעלכע שולן דאַרפן געעפנט ווערן, זאָלן צאָלן אַ געוויסן שטייער פאַר דעם צוועק. אין איי[ני]קע קאָונטרי־שטעט, וואו אַרבעטער־רינג־שולן זיינען געעפנט געוואָרן, האָבן די בראַנטשעס פון אַרבעטער־רינג, ווי אויך די איינצלנע מיטגלידער, געשאַפן די מיטלען. אַנדערש קען עס אויך ניט זיין אין ניו־יאָרק." (מערץ, 1918).

דאָס סומך־זיין־זיך פונעם „פריינד" אויף די שולן, וואָס די אַרטיקע אַ"ר־בראַנטשעס האָבן געגרינדעט אָדער געשטיצט נאָך איידער דער נאַציאָנאַלער בילדונגס־קאָמיטעט האָט זיך גענומען פאַר דער אַרבעט, איז זייער אינטערעסאַנט. דאָס ווייזט, אַז די שול־איניציאַטיוו פון איינציקע אַ"ר־בראַנטשעס, — אָט די פּיאָנערן־אַרבעט, וואָס איז דערמאָנט געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, — האָט געווירקט נישט בלויז אויפן אַלגעמיינעם באַשלוס פונעם אַ"ר צו גרינדן יידישע שולן, נאָר אויך אינעם פּרט פון אויסזוכן פאַר זיי פינאַנציעלע מיטלען, האָט זי געהאָלפן אויסטרעטן אַ וועג פאַרן גאַנצן אָרדן, און דער „פריינד" האָט טאַקע אָנגעוויזן אויפן ביישפּיל פון די לאָקאַלע „בראַנטשעס". אַ דאַנק זיי, איז דעם נאַציאָנאַלן בילדונגס־קאָמיטעט ניט שווער געווען צו קומען צו דער 18טער קאָנווענשאָן מיט דער רעקאָמענדאַציע פון אַן אַלגעמיינעם טעקס. ער האָט פאָרגעשלאָגן 4 סענט אַ יאָר פון יעדן מיטגליד פאַרן שולפאָנד. איי[ני]קע דעלעגאַטן זיינען געגאַנגען ווייטער און האָבן פאָרגעשלאָגן אַ שולאָפּצאָל פון 8 סענט אַ יאָר.

די קאָנווענשאָן האָט באַשטימט אַ רעפערענדום. דער רעזולטאַט איז געווען: 1,974 פאַר פיר סענט אַ יאָר, 2,186 — פאַר אַכט סענט.

דאָס האָט געוויזן, אַז די מערהייט מיטגלידער וויל מיט אַן אמתן, אַז נישט בלויז אָרטיקע ברענטשעס, נאָר אַז דער גאַנצער אָרדן זאָל, ענדלעך, אָנהייבן בויען יידישע דערציאונגס־אַנשטאַלטן. דאָס האָט די אָנהענגערס פון די שולן שטאַרק דערמוטיקט. „דער פריינד", וואָס איז רעדאַגירט געוואָרן דאַן פון י. ב. ביילינען, האָט אין אַ לייט־אַרטיקל געשריבן: „עס איז ביי קיינעם קיין צווייפל נישט געווען, דאָס די זעלבע מיטגלידערשאַפט, וואָס האָט צוויי מאָל אָפּגעגעבן איר שטים פאַר יידישע אַרבעטער־רינג־שולן, וועט אויך מרוצה זיין צו שאַפן אַ פאָנד פאַר דיזן צוועק, מיט וועלכן מע זאָל זיך קענען נעמען צו דער אַרבעט. עס איז אָבער קיינעם, אפילו פון די גרעסטע אָפּטימיסטן נישט איינגעפאַלן, דאָס עס וועט דורכגיין דער מאַקסימום־פאָרשלאָג, דאָס פון איין פעני פער קוואָרטאַל און צוויי פענים זאָל ווערן אָנגענומען צ ו ו י י פענים. דיזער באַשלוס האָט אין זיך צוויי באַדייטונגען, וועלכע מ'מעג פון צייט צו צייט דערמאָנען. דאָס צייגט יענע פאַרעקשנטע פריינד, וואָס האָבן זיך שטענדיק אַקעגן געשטעלט דער א"ר־שול־באַוועגונג, דאָס זיי זיינען אָפּ־געריסן פון אונדזערע מאַסן, און ווייסן נישט זייערע נויטן און קולטורעלע באַדערפנישן. עס איז אָבער נאָך מער ווי דאָס: עס איז איינפאַך אַ ב אַ פ ע ל צו דער עקזעקוטיוו־קאָמיטע ב כ ל ל און צו דער עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע ב פ ר ט צו נעמען זיך וואָס שנעלער צו דער אַרבעט. און אונדז דוכט זיך, דאָס ווען עס וואָלט געגאַנגען אויפן באַלאָט דריי אָדער פ י ר סענט וואָלט אויך די גרעסטע סומע אַדורכגעגאַנגען, ווייל סוף־כל־סוף דערפילט אונדזער מאַסע מיט איר געזונטן נאָרמאַלן חוש, וואו צו קמצנען, איינצושפּאָרן און זיין איינגעהאַלטן מיט דער פעני און וואו צו שפּילן די ראָלע פון אַ ברייטן בעל־הבית, מיט אַ רחבותדיקער נאַטור און אַ פרייער אָפענער האַנט. און נישט נאָר מיינט זי דערמיט צו זאָגן, דאָס פאַר דיזער אַרבעט איז זי גרייט צו געבן וויפל מ'דאַרף, נאָר וויל טאַקע א ו נ ט ע ר א י י ל ן , צ ו י אָ ג ן , ווי זי וואָלט זאָגן: אַ סוף, אַן עק, נאַט אייך אַזוי פיל, וויפל איר האָט אפילו אליין נישט דערוואַרט, אָבער לאָמיר עפּעס זען מעשים." (סעפּטעמבער, 1918)

און מען האָט באַלד טאַקע אָנגעהויבן „זען מעשים".

גלייך נאָך דער 18טער קאָנווענשאָן האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט פאַררופן אַ ספּעציעלע באַראַטונג, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט טוערס פון דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, ווי אויך פאָרשטייערס פון די סאָציאַליסטישע סאָנדעי־סקולס. אויף דער באַראַטונג זיינען פאַרהאַנדלט געוואָרן אַזוינע פראַגן, ווי: וואָס פאַר אַ כאַראַקטער זאָלן האָבן די שולן? וואו זאָל מען זיי עפענען? ווי זאָלן זיי פינאַנסירט ווערן? עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן דריי קאָנפערענצן פון א"ר־ברענטשעס אין דריי פאַרשיידענע געגנטן פון ניו־יאָרק.

אַלע דריי קאָנפערענצן זיינען פאָרגעקומען אין איין טאָג — זונטיק, דעם 22סטן סעפּטעמבער, 1918: — איינע אין האַרלעם, די צווייטע אין וויליאַמסבורג, די דריטע אין דעם דאַון־טאַון דיסטריקט. צו די דאָזיקע קאָנפערענצן זיינען צוגעלאָזן געוואָרן אויך פאָרשטייערס פון די יידישע בהענטשעס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי („פריינד", אָקטאָבער, 1918).

דער רעזולטאַט פון די דריי באַגייסטערטע פאַרזאַמלונגען איז געווען אַ העכסט ממשותדיקער.

עס זיינען געגרינדעט געוואָרן די ערשטע דריי אַ"ר־שולן אין ניו־יאָרק.

וועגן צוויי פון זיי דערציילט פריינד חיים:

„אין דער וואָך פון דעם 18טן נאָוועמבער, 1918, האָבן זיך גליקלעך געעפנט שולן אין האַרלעם, אין דעם הויז פון ברענטש 2 אַ"ר, מיט יעקב לעווין אַלס לערער, און אין וויליאַמסבורג, אין סיגעל סטריט, מיט אַ. ל. גאָלדמאַן. דער שרייבער פון די ציילן איז דערוויילט געוואָרן אַלס דער סעקרעטאַר און פאַרטרעטער צו דעם דאַמאָלסטיקן בילדונגס־קאָמיטעט".[1]

דער אויסדרוק „גליקלעך" אין נ. חיימס דערינערונגען איז ניט גאָר גענוי. לויט איינציקע ידיעות זאָל זיך פריער האָבן געעפנט די האַרלעמער שול. זי האָט זיך געעפנט דעם 23סטן נאָוועמבער, 1918. (ניט, ווי עס שטייט אין זאַקסעס „געשיכטע", אין אָקטאָבער, 1918, — זע „פריינד" מאַי, 1919, ז. 83). ווי אַנדערע דערציילן, איז די וויליאַמסבורגער שול געווען די ערשטע.[2]

וועגן דער גרינדונג פון דער אַ"ר־שול אין האַרלעם האָבן מיר, יעדנפאַלס, מער קאָנקרעטע איינצלהייטן. זיי זיינען דערציילט געוואָרן פון פריינד ב. צביונען, וועלכער איז דאַן געווען דער פאָרזיצער פון דעם אַ"ר־בילדונגס־קאָמיטעט.

„איך געדענק, דערציילט ער אין זיינע דערינערונגען, אַז די גרינדונג איז פאָרגעקומען אויף אַ קלענערן מיטינג אין אַ קלענערן האָל אין האַרלעם. דאָס איז געווען אַ מיטינג פון עלטערן און שולטוערס. דער הויפּט־מחותן איז געווען פריינד נ. פיינערמאַן. ער האָט געשמייעט, געלאָפן פון איינעם צום אַנדערן, געמאַכט מיט די הענט, גערעדט, און אַ סך גערעדט. איך האָב אויך גערעדט. איך געדענק הייינט ניט וואָס. נאָר געוויס האָב איך גערעדט אין דעם נאָמען פון דער עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע . . . און געוויס האָב איך געזוכט מיט מיין ריידן צו באַגייסטערן די פאַרזאַמלטע פאַר דער אידיי פון יידישע אַרבעטער־רינג־שולן. איך צווייפל אָבער, אויב אויף דער פאַרזאַמלונג זיינען געווען ניטיק באַגייסטערנדע רעדעס. די פאַרזאַמלטע זיינען געקומען מיט אַן אָפּגע־מאַכטער מיינונג צו גרינדן אַן אַרבעטער־רינג־שול אין האַרלעם, און זיי האָבן מער ניט נייטיק געהאַט קיין אַגיטאַציע. איך געדענק אויך, אַז אַלע, וואָס זיינען געווען אויף דער פאַרזאַמלונג, האָבן זיך פאַרשריבן פאַר מיטגלידער פון דעם האַרלעמער אַרבעטער־רינג־שול־פאַראיין און האָבן איינגעצאָלט אַ דאָלאַר יעדער. („דער פריינד", יאַנואַר, 1929).

די ערשטע שול פון ארבעטער־רינג אין הארלעם, ניו־יאָרק.

די שול האָט מען דאָך נישט געקאָנט גלייך עפענען. די אורזאַך איז געווען, „וואָס מען האָט נישט געקאָנט קריגן די בענק, וואָס מען האָט ערוואַרט", לייענען מיר אין איינעם פון די באַריכטן. אָבער איידער מען האָט נאָך אָנ־געהויבן לערנען האָבן זיך פאַררעגיסטרירט 229 קינדער. 208 פון זיי זיינען געקומען דעם ערשטן טאָג אין שול אַריין לערנען, („פריינד", מאַי 1919). און אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָך דער גרינדונג פון דער האַרלעמער שול, איז אין דעם באַריכט צו דעם צוזאַמענפאָר פון „נעשאַנאַל באָארד אָוו דירעקטאָרס" געמאָלדן געוואָרן, אַז אין דער האַרלעמער שול לערנען זיך יעדן טאָג 250 קינדער („און וואָלט געווען מער פּלאַץ", גיט צו דער באַריכט־אָפּגעבער, „וואָלטן תּלמידים ניט געפעלט") . . . „די מעמבערס זיינען צופרידן און באַ־טראַכטן עס פאַר אַ נייעם בענעפיט" („פריינד", פעברואַר, 1919). דערביי איז אינטערעסאַנט צו פאַרצייכענען, אַז ייִנגלעך זיינען אין דער האַרלעמער שול געווען דאַן 64 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל תּלמידים („פריינד", מאַי, 1919). *)

נאָך די ערשטע דריי יאָר פון איר עקסיסטענץ האָט די שול אין האַרלעם געהאַט 281 תּלמידים און אַן אייגענע היים, אַחוץ די 55 קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין אַ צווייטער האַרלעמער שול . . .

דאָס זיינען די דאַטעס, וואָס מיר האָבן וועגן דער האַרלעמער שול.

ווינציקער ידיעות זיינען אויפגעהיט געוואָרן וועגן די ערשטע טריט פון די ערשטע אַ"ר־שולן אין וויליאַמסבורג און אין בראָנזוויל (די בראָנזווילער אַ"ר־שול האָט זיך געעפנט אין אַפּריל, 1919 — „פריינד", סעפּטעמבער, 1919).

געוויסע פּרטים האָבן מיר דאָך אויך וועגן דער גרינדונג פון די דאָזיקע צוויי שולן, דערהויפּט וועגן דער שול אין וויליאַמסבורג.

די וויליאַמסבורגער שול איז אין אָנהייב נישט געווען אַזוי דערפאָלגרייך, ווי די האַרלעמער. „עס איז אונדז אָנגעקומען" — לייענען מיר אין אַ באַריכט, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פריינד", סעפּטעמבער, 1919, — „עס איז אונדז אָנגעקומען אין אָנפאַנג ניט זייער לייכט. ווי ביי יעדער פאָלקס־אינסטי־טוציאָן איז די אויפבויאונג פון אונדזער שול אָנגעקומען שווערלעך. עפּעס

---

*) שפּעטער האָט זיך די פּראָפּאָרציע צווישן דער צאָל ייִנגלעך און דער צאָל מיידלעך אין די אַ"ר־שולן געענדערט. אַזוי, צום ביישפּיל, געפינען מיר אין „פריינד", יוני, 1925, די פאָלגנדיקע מיטטיילונג: „מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָבן מיר געהאַט 5,827 קינדער: ייִנגלעך 2,869 און מיידלעך 2,958. עס איז אינטערעסאַנט, אַז גראָד אין די גרויסע שטעט, ווי ניו־יאָרק, שיקאַגאָ אויך פילאַדעלפיע, זיינען די צאָל ייִנגלעך אַ סך גרעסער ווי מיידלעך . . . אין קענעדע, איז פאַרקערט, די צאָל מיידלעך פיל גרעסער ווי ייִנגלעך . . . ביי אונדז שיקט מען די מיידלעך אין די אַרבעטער־רינג־שולן און דעם ייִנגל אין די תּלמוד־תּורהס צו לערנען קדיש. ייִנגלעך בפרט נאָך אין זייערע ייִנגערע יאָרן, פילן זיך גיכער אונטער צו גיין אין שול, ווי מיידלעך". אין 1932 זיינען ייִנגלעך געווען 58 פּראָצענט און מיידלעך — 42. („פריינד", יוני־יולי, 1932). אָבער אין 1937 זיינען ייִנגלעך געווען נאָר 43 פּראָצענט און מיידלעך — 57. („פריינד", יוני־יולי, 1937).

האָט זיך דער עולם אונדזערער געקווייקלט און ניט געוואָלט אָפּנעמען זייערע קינדער פון די פינצטערע חדרים און תלמוד־תורה־הייזער. אריינצוגעבן זיי אין באַקוועמע שולן, אונטער דער אויפזיכט פון מאָדערנע לערער, איז זיי אויסגעקומען צו זיין א „געוואגטער" שריט. זיי האָבן זיך דערפאַר געשראָקן. עס זיינען אויך געווען פיל מוראדיקע „ראַדיקאַלן" צווישן אונדזערע מעמבערס, וואָס האָבן געמיינט, דאָס מיר ווילן מאַכן זייערע קינדער פאַר פרומע יידן און ניט פאַר סאָציאַליסטן. אָבער מיט דער צייט איז אונדז געלונגען צו איבער־צייגן אַלעמען, דאָס אונדזער שול פלאַנצט איין אין די קינדער דעם ווירקלעכן גייסט פון אונדזער יידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־רינג. אונדזער פריערדיקער לערער חבר' גאָלדמאַן, האָט פיל בייגעטראָגן דערצו. די פריינדלעכע באַציאונגען פון לערער מיט די עלטערן פון די קינדער און אויך די אָפטע פאַרזאַמלונגען פון די עלטערן אַליין האָבן אויך פיל געהאָלפן. אין אָנפאַנג האָבן מיר בלויז גערעכנט $1.50 א מאָנאַט פאַר 2 קינדער. מיר האָבן זיך געשראָקן צו שטעלן א העכערן פרייז. דאָס האָט נאַטירלעך געמאַכט אונדזער פינאַנציעלן צושטאַנד זייער שוואַך. שפּעטער האָבן מיר דעם פרייז עטוואָס געהעכערט און איצט צאָלן די עלטערן $2.50 א מאָנאַט פאַר צוויי קינדער און $1.50 פאַר איין קינד, אַזוי ווי אין דער האַרלעמער שול. די קינדער קומען צו אונדז אין דער זעלבער צאָל איצט פונקט ווי פריער און ווען מיר וואָלטן פאַרגרעסערט די שול, וואָלטן מיר געהאַט נאָך קינדער. דאָס באַווייזט, אַז די עלטערן ווייסן זייער גוט ווי צו שאַצן אונדזער אַרבעט און אַז מען האָט נאָך אין זינען דאָס די יידישע באַפעלקערונג אין וויליאַמסבורג איז ניט קאָנצענטרירט אין איין פּלאַץ, האָבן מיר געוויס ניט וואָס צו באַקלאָגן זיך אויף די רעזולטאַטן."

דאָך האָט די וויליאַמסבורגער שול געהאַט אויסצושטיין א היפּש ביסל צרות און זי האָט זיך נישט איין מאָל געהאַלטן ביים פאַרמאַכן.

עפּעס ענלעכס איז פאַרגעקומען מיט דער שול אין בראָנזוויל. די בראָנז־ווילער שול האָט מאַכנדיק אירע ערשטע שריט באַגעגנט נאָך גרעסערע שוועריקייטן, ווי די שול אין וויליאַמסבורג, אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום — דערציילט אונדז א באַריכט אין „פריינד", סעפּטעמבער, 1919 — „האָט זיך אָרגאַניזירט זייער א גוטע פאַרוואַלטונג אין דער בראָנזווילער שול. די אַרבעטער־רינג־ברענטשעס פון בראָנזוויל האָבן אין איר אַריינגעשיקט זייערע פאָרטרעטער און זיי אַלע צוזאַמען האָבן געמאַכט אַלע נייטיקסטע אָנשטאַלטענונגען, אַז די שול זאָל זיין א גרויסער דערפאָלג. צו ערשט האָט דאָרטן די שול געהאַט קעגנער פון צוויי צדדים: — פון איין זייט די אָ ר ט א ד אָ ק ס ן , זיי האָבן ביי זיך געהאַט אָפּגעמאַכט, אַז די אַרבעטער־רינג־שול גראָבט אונטער די גאַנצע יידישקייט און זיי האָבן באַשלאָסן צו שעדיקן איר מיט וואָס זיי קאָנען נאָר. זיי האָבן אַרויסגענומען די קאַרטן, וואָס האָבן אַנאָנסירט די שול, פון די פענצטער פון א ריי קראָמען; האָבן געלאָזט וויסן דעם קצב וואָס האַלט א

קראַם ניט ווייט פון דער שול און ביי וועמען עס איז אויך געווען אַזאַ קאַרט אין פענצטער, אַז מע וועט אַסרן זיין פלייש, אויב ער וועט די קאַרט ניט אַרויסוואַרפן. און פון דער צווייטער זייט האָבן געשטערט מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג גופא: זיי האָבן געזאָגט, אַז די שול מאַכט פון די קינדער צו פיל יידן, אַז זי איז אַ צווייטע תלמוד־תורה אד״גל און זיי האָבן ניט דערלאָזן, אַז געוויסע בראַנזווילער ברענטשעס זאָלן שיקן זייערע פאַרטרעטער אין דער פאַרוואַלטונג פון דער שול און בכלל געסטאַרעט זיך צו שעדיקן איר. לעצטנס אָבער האָבן ביידע צדדים אויפגעגעבן דעם קאַמף. די אָרדאָטאָקסן האָבן דערזען, אַז זייער אַרבעט איז אַן אומזיסטע, אַן אַרויסגעוואָרפענע. און די מיטגלידער פון אַרבעטער־רינג האָבן דערזען, אַז זייער פּאַראָורטייל קעגן דער שול איז געווען געגרינדעט אויף ניט ריכטיקע אינפאָרמאַציעס. און ווען זיי האָבן זיך נענטער באַקאַנט מיט דער שול, האָבן זיי אויפגעגעבן זייער קעגנערשאַפט און גענומען זיך העלפן איר אין איר אַרבעט.״

דער עיקר איז געווען, עס זאָל זיין ווער עס זאָל העלפן אין דער אַרבעט. אַ גוטע שול־פאַרוואַלטונג איז דאָן, ווי אַלע מאָל, געווען דער וויכטיקסטער פאַרבאַדינג. דאָרט, וואו עס זיינען געווען ענערגישע טוערס, האָט זיך די שול, פריער אָדער שפעטער, באַפעסטיקט. און נישט נאָר אין ניו־יאָרק, אויך אין אַנדערע שטעט.

ניו־יאָרק איז געווען דער ערשטער, אָבער נישט דער איינציקער פונקט, וואו עס האָבן זיך (סוף 1918 אָדער אָנהייב 1919) געעפנט א״ר־שולן. אַזוינע דערציאונגס־אַנשטאַלטן זיינען אין 1919־1920 און שפעטער געגרינדעט געוואָרן אויך אין שיקאַגאָ, אין פילאַדעלפיע, אין נואַרק, אין באַלטימאָר, אין ראָטשעס־טער, אין טאָראָנטאָ, אין ווילמינגטאָן, אין שריוופאָרט, אין מעיוואָוצי, אין יוניאָן היל, נ. דזש., אין וועסט־ניו־יאָרק, נ. דזש., אין בעיאָן, אין פעטערסאָן, אין ניו־הייווען, אין דענווער, קאָל., אין ראָק־איילענד, אין מילוואָקי, ווים. אַרום 1922־1923 זיינען צוגעקומען נייע א״ר־שולן — אין באָסטאָן, קאַלגאַרי, טשעלסי, דיטרויט, העמאָנד, לאָס־אַנדזשעלעס, סאַן־פראַנציסקאָ, ספרינגפילד, וואָטערבורי, וויניפעג, עליזאַבעט, ריווער, ווינדזאָר, אָנט. (קאַנאַדאַ), אַטלאַנטיק סיטי, וואַשינגטאָן, טרענטאָן, טשאַטאַנוגאַ, יאָנגסטאָן, מידל ווילעדזש, סאַוט בענד, סיראַקיוז און אַנדערע שטעט. אַ טייל האָבן זיך צוגעמאַכט. די וואָס זיינען געבליבן, זיינען נאָך נישט געווען סטאַביל. זיי פלעגן זיך עפענען און צומאַכן זיך און ווידער זיך עפענען.

אין שיקאַגאָ איז די ערשטע א״ר־שול־קאָנפערענץ גערופן געוואָרן אויף דעם 22סטן דעצעמבער, 1919, — מיט אַ יאָר שפעטער ווי אין ניו־יאָרק. עס זיינען געקומען 70 דעלעגאַטן פון 30 א״ר־ברענטשעס און כמעט איינשטימיק האָבן זיי באַשלאָסן צו גרינדן אין שיקאַגאָ דריי שולן און אַרויסצושיקן אַ רעפערענדום וועגן אַ צענטראַליזירטן שולטעקס. דער שיקאַגער שול־רעפערענדום

האָט געהאַט מער מזל ווי דער ניו־יאָרקער — מיט אַ יאָר פריער. דער צענ־סענטיקער שולאָפּצאָל איז אָנגענומען געוואָרן. און דעם 4טן מאַי, 1919, האָבן זיך געעפנט דריי אַ"ר־שולן[3]: אין 1006 ס. אַשלאַנד בולוואַרד; אין 1224 ס. אַלבאַני עוועניו; אין 2642 לעמאָין סטריט. מען האָט געלערנט אין זיי, אַזוי ווי אין ניו־יאָרק, יעדן טאָג, אַחוץ שבת און זונטיק, — פון 2 ביז 5 נאָך מיטאָג. עס האָבן זיך לכתחילה פאַרשריבן אין די אַלע דריי שולן ביז אַכט הונדערט קינדער, אָבער שפּעטער, דערציילט אונדז די שולכראָניק, „ווען די עלטערן האָבן אויסגעפונען, אַז מע לערנט ניט אין אונדזערע שולן דאַוונען, מפטיר לייענען אָדער תפילן לייגן, איז די צאָל קינדער געפאַלן ביז פינף הונדערט" („פריינד", מערץ־אַפּריל־מאַי, 1920). דערביי איז צו באַמערקן, אַז להיפוך צו דער האַרלעמער שול אין ניו־יאָרק, האָבן די שיקאַגער שולן געהאַט מער מיידלעך, ווי יינגלעך (דאָרט).

אין אַ באַריכט וועגן אַ קאָנצערט, וואָס דער פאַרשטאָרבענער ל. ריינגאָלד האָט פון שיקאַגאָ צוגעשיקט צום „פריינד", סעפּטעמבער, 1919, לייענען מיר: „קינדער, וועלכע האָבן מיט דריי מאָנאַטן צוריק ניט געקענט ריידן אַ וואָרט יידיש, האָבן קלאָר און מיט געפיל, דעקלאַמירט אַ סך לידער פון די בעסטע יידישע דיכטער. קינדער, וועלכע האָבן מיט איינציקע מאָנאַטן צוריק ניט געקענט עפענען אַ מויל צו זינגען, האָבן מיט באַגייסטערונג געזונגען די „מאַרסעליעזע", „לאָמיר אַלע אין איינעם" און אַנדערע שיינע לידער . . . די באַגייסטערונג פון די אַנוועזנדע האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם, וואָס מאַמעס און פּראָמדע פרויען זיינען געקומען בעטן אין זייער נאָמען אויסדריקן אַ הערצלעכן דאַנק צום געזאַנג־לערער אָשר מאַנושעוויטש, און וואָס טאַטעס האָבן פאַרשפּראָכן געבן פיל מע וועט דאַרפן פאַר דער אויסהאַלטונג פון די אַרבעטער־רינג־שולן. עלטערן הייבן אָן באַגרייפן די גוטע ווירקונג פון אונדזערע שולן אין זייער פאַמיליען־לעבן. ענגליש־שפּרעכנדע קינדער, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן קאַלט צו זייערע י י ד י ש־שפּרעכנדע טאַטע־מאַמעס, געשעמט זיך מיטן טאַטן גיין איבערן גאַס, ווען ער האָט געלעזן אַ יידישע צייטונג, האָבן פאַראַכט טאַטע־מאַמע פאַר זייער סאָציאַליסטישן אידעאַל—אָט די אַלע זיינען איצט גאַנץ אַנדערע קינדער געוואָרן. די אַטמאָספערע פון אונדזערע שולן און דער גייסט פון אונדזערע לערער, דרינגט אריין טיף אין לעבן פון דעם קינד. ער מאַכט לייכטער זייער קוק אויפן לעבן; ער עפנט דעם קינדס מוח פאַר די טעגלעכע געזעל־שאַפטלעכע פּאַסירונגען . . ."

צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן האָט מען אין גיכן געמוזט פאַרקלענערן אין שיקאַגאָ דעם לערער־פּערסאָנאַל, וואָס איז תחלת באַשטאַנען פון גאַנצע 12 פּערזאָן, און אָנהייבן לערנען דריי אָנשטאָט פינף טעג אַ וואָך. אָבער דאָס געהערט צו דער ווייטערדיקער געשיכטע פון די שולן. מיר האַלטן ביים אָנהייב, און מיר ווילן נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם אָנהייב פון דער שול־

ארבעט אין פילאדעלפיע, נישט האבנדיק קיין מיגלעכקייט אפצושטעלן זיך אויף די ערשטע א״ר־שולן אין אנדערע פונקטן . . .

אין פילאדעלפיע זיינען די א״ר־שולן געגרינדעט געווארן א ביסל שפעטער, ווי אין ניו־יארק און אין שיקאגא. די ערשטע פילאדעלפיער א״ר־שול האט זיך געעפנט אין מערץ, 1920, אבער באלד נאך דעם זיינען געגרינדעט געווארן נאך צוויי שולן.[4]

און אזוי איז געווען אויך אין אנדערע שטעט.

נישט געקוקט אויף דער שנאה־קנאה פון די עקסטרעם־רעכטע (ארטא־דאקסישע) עלעמענטן, פון איין זייט, און אויף דער גלייכגילטיקייט אדער קעגנערשאפט מצד די עקסטרעם־„לינקע״ (אסימילאטארישע) עלעמענטן, פון דער צווייטער זייט, איז די אידיי פון דער נייער יידישער דערציאונג פארשפרייט געווארן אלץ מער און מער. אין א״ר־צוויג נאך דעם אנדערן איז צוגעשטאנען צו דער שול־באוועגונג, און די צאל א״ר־שולן האט געהאלטן אין איין שטייגן.

אין ניו־יארק האט זיך די א״ר־שול־באוועגונג אנגעהויבן מיט דריי שולן אין 1918. צום סוף 1920 זיינען געווען דארט שוין זיבן שולן, אין 1922 — 12, אין 1925 — 21 אאז״וו . . . אין פילאדעלפיע זיינען אין 1920 געווען 3 א״ר־שולן, אין 1921 — 4, אין 1922 — 5, אין 1923 — 6 אאז״וו.

אויך ביי די א״ר־שולן, וואס זיינען צעשפרייט געווען איבערן לאנד, האט זיך געמערקט, — דערהויפט אין די ערשטע צען יאר — א כסדרדיקער פראגרעס.

לויט דער דיאגראם, וואס דער פארשטארבענער פ. געליבטער האט פאר־עפנטלעכט אינעם פילאדעלפיער „שול־אלמאנאך״, אפריל, 1935,[5] לויט די דאטעס פון ז. יעפרויקין (אין „צוקונפט״, מאי, 1939 און אין „פארווערטס״ פון 1טן מאי, 1939) און נ. כאנין, דעם איצטיקן בילדונגס־דירעקטאר (אין „אונדזער שול״, מאי, 1937) איז די אלגעמיינע צאל א״ר־שולן געוואקסן אויף אזא אופן: אין 1919 זיינען אין די פאראייניקטע שטאטן און אין קאנאדא געווען 10 שולן, אין 1920 — 30, אין 1921 — 47, אין 1922 — 58, אין 1923 — 61, אין 1924 — 73, אין 1925 — 82, אין 1926 — 83, אין 1927 — 103, אין 1928 — 105, אין 1929 — 109, אין 1930 — 110. אנגעהויבן פון 1931, ווען דער עקאנאמישער קריזיס פארשטארקט זיך, הייבט די צאל שולן אן זיך צו וואקלען, זי ווערט א מאל קלענער און א מאל גרעסער: אין 1931 זיינען געווען ניט מער ווי 103 שולן, אין 1932 — 95, אין 1933 — 102, אין 1934 — 103, אין 1935 — 119. אין 1936 און 1937 גיט זיך די צאל שולן א הייב ביז צו 145 (פון זיי 50 אין ניו־יארק) אין 1939 זייענן דא 122 עלעמענטאר־שולן, 4 קינדער־גארטנס, 18 פראמיטלשול־קלאסן און 5 פולע מיטלשולן. (די אלע שולן געפינען זיך אין 48 שטעט פון 19 שטאטן און צוויי קאנאדער פראווינצן — „פריינד״, יוני־יולי, 1937)

וואָס איז שייך צו דער צאָל תּלמידים און תּלמידות, — האָט זי לויט די דערמאָנטע קוואַלן, אַרויסגעוויזן אַן ענלעכע, כאָטש ניט פּונקט אַזאַ טענדענץ ווי די, וואָס מערקט זיך אין די ציפערן פון די שולן אין פאַרשיידענע יאָרן. אין משך פון דעם ערשטן יאָרצענדליק האָט די צאָל קינדער געהאַלטן אין איין שטייגן (מיט דעם אויסנאַם פון דעם יאָר 1926), דערנאָך איז די ליניע געוואָרן זיגזאַגיש: אין 1919 זיינען אין גאַנצן געווען 400 קינדער אין אַלע אַ"ר־שולן, אין 1920 — 1,200, אין 1921 — 1,800, אין 1922 — 2,300, אין 1923 — 3,000, אין 1924 — 4,700, אין 1925 — 5,800, אין 1926 — 5,350, אין 1927 — 6,000, אין 1928 — 6,500, אין 1929 — 5,247, אין 1930 — 5,900, אין 1931 — 5,800, אין 1932 — 5,300, אין 1933 — 5.900, אין 1934 — 6,043, אין 1935 — דאָס זעלבע וואָס אין 1934, אין 1936 — 6,412, אין 1937 — 7,212, אין 1938 — דאָס זעלבע, וואָס אין 1937, אין 1939 — 8,000.

ב.

די אורזאַך, פאַר וואָס אין 1926 איז די צאָל קינדער אין די שולן מיט אַ מאָל פאַרקלענערט געוואָרן און עס איז צוגעקומען נאָר איין שול, — איז געווען אַן איינעווייניקסטע שפּאַלטונג. זי איז פאָרגעקומען אין 1926, אין ניו־יאָרק און מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1927 — אין פילאַדעלפיע, אָבער אָנגעהויבן האָט זי זיך פריער. שוין אין 1922, לייענען מיר אין אַ באַריכט פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט („פריינד", מערץ־אַפּריל):

„צוליב דעם וואָס עס קומען פאָר רייבונגען צווישן די טוערס פון די אַ"ר־שולן אויפן גרונט פון דעם איצטיקן פראַקציאָנעלן קאַמף אין דער באַוועגונג, האָט די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע פונאַנדערגעשיקט צירקולאַרן און גערופן די אַ"ר־ברענטשעס צו האַרמאָנישער אַרבעט אויפן געביט פון די שולן. דער צירקולאַר איז אונטערגעשריבן געוואָרן פון אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיטע און פון די באַאַמטע, אַלס איבערצייגונג, אַז ניט קוקנדיק דערויף וואָס די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע און די באַאַמטע באַלאַנגען צו פאַרשיידענע ריכטונגען, זיינען זיי אָבער איינִיק, וואָס אַנבאַלאַנגט די קינדערשולן." מיט די פאַרשיידענע ריכטונגען, וואָס ווערן דערמאָנט, מיינט מען די פּראָ־קאָמוניסטישע אָדער „לינקע" ריכטונג, פון איין זייט, און די אַנטי־קאָמוניסטישע, סאָציאַליסטישע אָדער „רעכטע", ריכטונג, פון דער אַנדער זייט. זיי זיינען וואָס ווייטער, אַלץ פיינטלעכער געוואָרן איינע צו דער אַנדערער און אַלץ פאַרביסענער געקעמפט צווישן זיך. האָט מען געמיט זיך מיט אַלע כּוחות ניט צו לאָזן דעם פייער פון מחלוקת, וואָס האָט געברענט צווישן די צוויי פּאַרטייען, פאַרכאַפּן דאָס שולגעביט. דער צוזאַמענפאַר פון די אַ"ר־שולן האָט זיך אַרויסגעזאָגט אין דעם זעלביקן גייסט, וואָס דער נאָר

וואָס דערמאָנטער צירקולאַר פון בילדונגס־קאָמיטעט. דער שול־צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אַז אין מאַנכע שטעט זיינען דורך דעם פאַרגאַנגענעם יאָר פאָרגעקומען טרויעריקע פאַלן פון אַריינמישן דעם פּראַקטיצאָנעלן פּאַרטייקאַמף אין דער שולן־טעטיקייט פון אַ״ר, און אַז דער דאָזיקער קאַמף האָט אָפט אָנגענומען אַ ביטערן כאַראַקטער, אַפּעלירט דער צוזאַמענפאָר צו די אַלע טוערס און לערערס וועמען די אינטערעסן פון דער שול־באַוועגונג איז ליב און טייער, אַז זיי זאָלן אין די אינטערעסן פון די שולן זיין מער ווי געוויינטלעך פאָרזיכטיק ניט אַריינצוברענגען דעם פּאַרטייקאַמף אין דער שול־טעטיקייט.״ („דער פריינד״ יוני־יולי, 1922). אָבער זיין „פאָרזיכטיק״, ווען אַרום און אַרום פלאַקערט אַ קריג, איז ניט אַזוי לייכט, און דער פּאַרטייקאַמף א י ז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער שול־טעטי־קייט. עס איז ניט געווען מער קיין האַרמאָניע אין דער אַרבעט. עס איז ניט געווען מער קיין צוטרוי פון איין גרופּע שול־טוערס צו דער צווייטער. ווי נאָר מען האָט געפּרואווט עפּעס טאָן, זיינען גלייך אַרויסגעשפּרונגען צדדים. מען האָט איינער דעם אַנדערן חושד געווען אין פּניות, און עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט איינער דעם צווייטן געשטערט, אָנשטאָט צו העלפן. עס זיינען געווען שולן, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ גינסטיקערער לאַגע און דאָס אַלץ געקאָנט בייקומען אָדער אויסמיידן; אָבער דאָס רוב שולן האָבן פון אָט די אינעווייניקסטע רייסערייען זייער שטאַרק געליטן. האָט די לערערשאַפט, ווי אויך די אַלגעמיינע פירערשאַפט, פון די אַ״ר־שולן נישט אויפגעהערט צו וואָרענען די קעמפנדיקע צדדים און זיי געהאַלטן אין איין אויפפאָדערן, אַז זיי זאָלן די שולן לאָזן צו רו. אַזאַ אויפפאָדערונג איז געקומען פון דעם אַ״ר־שול־צוזאַמענפאָר אין 1922 און אויך שפּעטער, ערב דער שפּאַלטונג, — אין 1925. אָבער די „לינקע״ זיינען געווען ביי זיך האַפּערדיק און אַגרעסיוו, מיט קיין שום זאַך האָבן זיי זיך נישט גערעכנט.

זיי האָבן — טעאָרעטיש, ווינציקסטנס — צוגעגעבן, אַז א י ן די שולן גופא, צווישן די קינדער, איז ניטאָ קיין אָרט פאַר פּראַקטיצאָנעלע פּאָליטישע קריגערייען, אָבער א ר ו ם די שולן — האָבן זיי געטענהט — אַרום די שולן טאָר דער קאַמף פאַר העגעמאָניע, — דער קאַמף פאַר קאָנטראָל איבער דער אַ״ר־שול־טעטיקייט — ניט אָפּגעשטעלט ווערן . . . אַז דאָס איז געווען זייער מיינונג (און זייער פּראַקטיק), קאָן קיין שום ספק ניט זיין. זיי האָבן עס אַליין צוגעגעבן אין זייער אָרגאַן — „פריהייט״. אין יוני, 1925, האָט יעקב לעווין פאַרעפנטלעכט אין „פריהייט״ אַן אַרטיקל, וואָס זיין גרונטגעדאַנק איז אויסגעדריקט געווען אין זיין נאָמען. דער אַרטיקל האָט געהייסן: „האַלט די אַרבעטער־רינג־שולן ווייט פון פּאָליטיק״. האָט די רעדאַקציע פון דער קאָמוניסטישער צייטונג געמאַכט אַן אָנמערקונג צו דעם אַרטיקל, און אין דער אָנמערקונג האָט זי, צווישן אַנדערע זאַכן, דערקלערט, אַז „זיין (לעווינס)

וואַרנונג קעגן „אַריינציִען די קינדערלעך אין אַזאַ קאַמף" (איז) לחלוטין איבעריק — אויף וויפל ער ווענדט זיך צו א ו נ ד ז ע ר צד. אויב ער מיינט אונדזערע קעגנער, האָט ער געדאַרפט זוכן אַן אַנדער אַדרעס. וואָס איז שייך אָבער זיין בקשה „ניט צו שלעפּן די שולן אין קאַמף" . . . רעדט שוין דאָ דער לאָקאַלער שול־פּאַטריאָטיזם, וועלכער האַלט ניט אויס קיין געזעלשאַפטלעכע קריטיק. אַ פאַקט איז, אַז די שולן זיינען איינער פון די פּונקטן אין פראַקציאָנס־קאַמף, אַז די שול־פּאָליטיק פון א"ר האָט אירע חסידים און קעגנער, און ס'איז נאַאיוו צו באַהויפּטן, אַז די שולן „האָבן קיין שום שייכות ניט צום פראַקציאָנעלן קאַמף". די שולן גופא מעגן זיך אין קאַמף ניט באַטייליקן, דאָס איז נאַטירלעך, אָבער דער קאַמף ו ו ע ג ן די שולן איז אַ פאַקט, וואָס חבר לעווין מעג פון אים וויסן". און אַט דער קאַמף ו ו ע ג ן די שולן (און פּאַקטיש אויך אין די שולן) איז געוואָרן אַלץ הייסער און געפערלעכער.

זיין קולמינאַציע־פּונקט האָט ער דערגרייכט אין יאָר 1926. דאָס איז גראָד ניט געווען קיין צופאַל. דאָס איז געווען דאָס יאָר, ווען דער איינפלוס פון די „לינקע" אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט, ספּעציעל אין ניו־יאָרק, איז געווען צום שטאַרקסטן און ווען זיי זיינען געוואָרן אַלץ מער אַגרעסיוו. אין א"ר גופא האָט יעמאָלט געווירקט אַן אַזוי גערופענער „לינקער אָקציאָנס־קאָמיטעט". זיין אויפגאַבע איז געווען אַריינצוטראָגן וואָס מער צעטומלעניש אין די רייען פון א"ר און, אויב מיגלעך, צוגרייטן אַ שפּאַלטונג. ווי אין יעדער אָפּענסיווע, האָבן די „לינקע" געזוכט צו מאַכן זייער אָנגריף אויף דער שוואַכסטער פּאָזיציע און זיי האָבן אַטאַקירט די שולן פון אַרבעטער־רינג. אין דעם טייל פון אַרבעטער־רינג איז זיי, אגב, פריער נאָך געלונגען אַריינצושיקן אַ סך פון זייערע מענטשן. ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן, האָט אַלע מאָל געהערשט אַ שטילער אָפּמאַך צווישן די פאַרשיידענע פּאָליטישע צדדים, אַז די שולן דאַרפן זיין פריי פון דעם פראַקציאָנעלן קאַמף, און מען האָט קיין מאָל זיך ניט נאָכגעפרעגט ביי קיינעם, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַ לערער אָדער אַ שולטוער, אויף זיינע פּאָליטישע מיינונגען. מען האָט געשטעלט נאָר איין באַדינג: געטרייע און אידעאַליסטישע אַרבעט פאַר דער שול. די סיסטעם לויט וועלכער די שול־פאַרוואַלטונגען פלעגן פּאַקטיש אויסגעקליבן ווערן איז געווען אַזאַ: „עס פלעגן גערופן ווערן קאָנפערענצן פון די אַרבעטער־רינג־ברענטשעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אין שכנות מיט דער לאָקאַלער שול. אויף די יערלעכע קאָנפערענצן פלעגן אויסגעקליבן ווערן צו 9 אָפיציעלע אַרבעטער־רינג־מיטגלידער אַלס די הויפּט־פאַרוואַלטער פון דער לאָקאַלער שול. עס איז אָבער אויך געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו יעדער שול צו קאָאָפּטירן נאָך 8 טוערס. פון די 8 האָבן געדאַרפט זיין 5 אַרבעטער־רינג־מיטגלידער און 3 פונעם עלטערן־פאַראיין, אָבער דאָס געזעץ איז בלויז געווען אויפן פּאַפּיר. יעדער איינער, וועלכער האָט געוואָלט צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט און

זיינע אַבזיכטן זיינען געווען ריינע, איז צו דער פאַרוואַלטונג צוגעצויגן געוואָרן".[6] אויף אַזאַ אופן איז די צאָל פון די צוגעצויגענע פאַרוואַלטערס געווען פּאַקטיש אומבאַגרענעצט. ביי אַזעלכע אומשטאַנדן איז די לינקע ניט שווער געווען צו האָבן וואָס מער פון זייערע מענטשן אין די פאַרוואַלטונגען און צו קריגן דעם קאָנטראָל איבער אַ סך שולן. די מיטגלידערשאַפט און די ברענטשעס פון אַרבעטער־רינג זיינען אָבער אין זייער אַבסאָלוטער מערהייט געווען רעכט געשטימט. די אָפּאָזיציאָנערן קעגן דער שול האָבן איצט געקראָגן אַ נייעם אַרגומענט: די שולן זיינען אַ לינקע פעסטונג. עס איז אָבער געווען אין די אינטערעסן פון דער שול־באַוועגונג צו געווינען וואָס מער אָנהענגערס ביי דער אַ"ר־מיטגלידערשאַפט, כדי צו אויפהערן זיין אַ שטיפקינד אין אַרבעטער־רינג. דערפאַר איז געווען וויכטיק, אַז וואָס מער ברענטשעס זאָלן דורך זייערע פאַרטרעטערס אין די פאַרוואַלטונגען נעמען אַן אָנטייל אין דער שול־באַוועגונג און ווערן אין איר אַקטיוו. די לינקע, זיינען, פאַרקערט, געווען פאַראינטערעסירט, אַז דאָס געזעץ זאָל אויך ווייטער פאַרקוקט ווערן. און זיי האָבן אַלץ אָפּטער גענומען אויסנוצן זייער פּאָזיציע אין די שולן אין די אינטערעסן פון זייער ריכטונג. ביסלעכווייז איז עס ביי זיי געוואָרן ניט נאָר אַ קאַמף „וועגן די שולן", נאָר זיי האָבן דעם קאַמף אַריבערגעטראָגן אין די שולן. וואָס שטאַרקער ער איז געוואָרן, אַלץ מער האָט ער אַריינגעצויגן אַפילו די סימפּאַטיקער זייערע, וואָס האָבן גאָרניט לאַנג גערופן צו „האַלטן די אַרבעטער־רינג־שול ווייט פון פּאָליטיק". אין „פרייהייט" באַוויזן זיך אַלץ אָפּטער אַרויסטרעטונגען קעגן די שולן פון אַרבעטער־רינג. אַזוי, למשל, האָט מ. בלעכמאַן, אַ לערער אין דער אַרבעטער־רינג־שול פון מינעאַפּאָליס, אין חודש אַפּריל, 1925, פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען מיט באַזונדערס שאַרפע אָנפאַלן אויף דעם שול־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען דעם זעלביקן חודש אין פילאַדעלפיע. אין דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון בילדונגס־קאָמיטעט (דעם 28סטן מאַי, 1925) לייענען מיר אַזאַ באַריכט פון נ. פיינערמאַן: „שבת, דעם 23סטן איז ער (פיינערמאַן) געווען ביים דזשאָינט מיטינג פון דער פאַראייניקטער שול־קאָמיסיע, וואו די פראַגע וועגן דער קינדער־קאָלאָניע איז פאַרהאַנדלט געוואָרן. עס ציינט זיך אַרויס, אַז ביי געוויסע פּערזאָנען אין דער פאַראייניקטער שול־קאָמיסיע הערשט אַ טענדענץ אָפּצורייסן די שולן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרוואַלטונג. ביים מיטינג האָט יעקב לעווין עפנטלעך צוגעגעבן, אַז די פאַראייניקטע שול־קאָמיטע האָט זיך ניט באַראַטן מיט דער נאַציאָנאַלער עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע וועגן דעם קינדער־קעמפּ, כדי מ'זאָל זיי קיין דעות ניט זאָגן".

פילנדיק, אַז עס גרייט זיך אַן אָנגריף אויף די שולן, האָט דער דאַמאָלטיקער בילדונג־קאָמיטעט, וואָס איז באַשטאַנען פון נ. כאַנין (פּאָרזיצער), ר. בלאָק (וויצע־פּאָרזיצער), נ. פיינערמאַן, א. וואָלינסקי און א. צוקער, באַשלאָסן

דורכצופירן אין לעבן דאָס אַלטע געזעץ, אַז מיטגלידער פון די שול־פּאַרוואַל־טונגען קאָנען זיין נאָר מיטגלידער פון אַ"ר. אַט דעם באַשלוס האָט נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט דער 5טער שול־צוזאַמענפאָר און די 25סטע קאָנווענשאָן. די רעזאָלוציע, וואָס איז וועגן דעם אָנגענומען געוואָרן פון צוזאַמענפאָר, לייענט זיך:

„די לאָקאַלע פאַרוואַלטונג פון יעדער שול ווערט צוזאַמענגעשטעלט: א) פון פאַרטרעטער פון ברענטש, אָדער ברענטשעס פון דער שטאָט; ב) פון פאַרטרעטער פון די עלטערן פון די קינדער פון דער שול, וואָס זיינען מיטגלידער פון אַ"ר. די פאַרטרעטער פון די ברענטשעס ווערן דערוויילט אויף אַ קאָנ־פערענץ פון די ברענטשעס; די פאַרטרעטער פון די עלטערן — אויף אַ פאַר־זאַמלונג פון דעם עלטערן־פאַראיין. די צאָל פאַרטרעטער פון די ברענטשעס דאַרף זיין מערער ווי די צאָל פאַרטרעטער פון די עלטערן."

„ווען ברענטשעס האָבן זייערע מיטינגען אין איין טייל פון שטאָט און זייערע מיטגלידער וואוינען אין אַ באַדייטנדער צאָל אין אַן אַנדער טייל פון שטאָט, קען זיך דער ברענטש אָנשליסן אָן דער שול פון דער אַנדער געגנט און שיקן זיינע פאַרטרעטער צו דער קאָנפערענץ פון די ברענטשעס פון יענער שולגעגנט (אַ"ר־שול־בולעטין, מאַי, 1925, „פריינד", יוני־יולי, 1925)."

ס'איז דערביי אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אויףביידע דערמאָנטע צוזאַמענפאָרן האָט די דאָזיקע רעזאָלוציע ניט באַגעגנט קיין שום אָפּאָזיציע, ווייל, ווי געזאָגט, איז עס געווען אין די אינטערעסן פון די שולן אריינצוציען אין דער אַרבעט וואָס מער פאַרטרעטערס פון ברענטשעס.

ווען אָבער אין יאַנואַר, 1926 האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט גענומען פאַרווירקלעכן די דאָזיקע רעזאָלוציע האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם מצד די „לינקע". זייער אָפּאָזיציע איז געווען געווענדעט קעגן צוויי זאַכן. ערשטנס, קעגן דעם, וואָס אפילו די דערוויילטע פון עלטערן־פאַראיין מוזן אַלע זיין מיט־גלידער פון אַרבעטער־רינג און אַז זיי דאַרפן אַלע מאָל זיין מיט איינעם ווייניקער ווי די פאַרטרעטערס פון די ברענטשעס און, צווייטנס, קעגן דעם באַשלוס (אין הסכם מיט דער אויבן געבראַכטער רעזאָלוציע) צו רופן אָנשטאָט באַזונ־דערע געגנט־קאָנפערענצן, ווי דאָס האָט זיך פריער געפירט, נאָר צוויי קאָנ־פערענצן — איינע אין מאַנהעטן און די צווייטע אין ברוקלין. אָט ווי פּ' גע־ליבטער האָט אויף דעם 6טן שול־צוזאַמענפאָר איבערגעגעבן דעם מאָטיוו פון דעם באַשלוס:

„אין האַרלעם, צום ביישפּיל, האָבן מיר 11 ברענטשעס פון אַ"ר, רופט מען צוזאַמען אַ קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון די 11 ברענטשעס. יעדער ברענטש האָט געהאַט אַ מיגלעכקייט צו שיקן דריי דעלעגאַטן. אָבער ניט יעדער ברענטש שיקט דעלעגאַטן. ווען אַלע ברענטשעס וואָלטן געשיקט דעלעגאַטן, וואָלטן געווען 33 מענטשן צו דערוויילן פאַרטרעטער צו צוויי פאַרוואַלטונגען

פאר די צוויי הארלעמער שולן. קומען אנשטאט 33 מענטשן ארום 14 אדער 12. און אט די מענטשן האבן פאקטיש זיך אליין קאנסטיטואירט אלס פאר־וואלטונגען. אין בראנקס האבן מיר 12 א"ר־ברענטשעס. אויב אלע וואלטן געשיקט דעלעגאטן, וואלטן געווען 36 פארטרעטער. אין דער בראנקס, איידער דער שפאלטונג, האבן מיר געהאט 6 שולן. ווען עס וואלטן געקומען 36 פארטרעטער, וואלט ניט געווען גענוג גרויס די צאל פאר די נייטיקע פאר־וואלטונגען. אבער עס פלעגן קיין מאל ניט קומען מער ווי 10־12 פארטרעטער. האבן זיי געמוזט אליין זיין די פארוואלטונג און צוציען אזעלכע מענטשן, וועלכע האבן זיי געוואלט מיטהעלפן אין דער ארבעט, אפילו מענטשן, וואס האבן מיט דעם א"ר קיין שום שייכות ניט. דאון־טאון האבן מיר אבער ארום 240 א"ר־ברענטשעס. מיר האבן דארט געהאט נאר 2 שולן. דארטן פלעגן קומען 60־70 דעלעגאטן, וואס פלעגן דערוויילן די פארוואלטונגען פון די צוויי שולן". (א"ר־שול־בולעטין, יוני־יולי, 1926, ז' 5).

ווי באקאנט, האט די מערהייט ברענטשעס זייערע פארזאמלונגען אין מאנהעטן, ווייל זייערע מיטגלידער זיינען צעווארפן איבער פארשיידענע טיילן פון שטאט. לויט דער פריערדיקער פראקטיק איז אויסגעקומען, אז די אבסאלוטע מערהייט ברענטשעס און מיטגלידער פון ניו־יארק זיינען געווען אויסגעשלאסן פון דעם אנטייל אין די פארוואלטונגען. אפשאפן דאס האט געמיינט העלפן פארשטארקן די פארוואלטונגען און ממילא די שולן. דער, וואס האט אמת געהאט אין זינען די שול־באוועגונג, וואלט אזא באשלוס געדארפט באגריסן. אבער די „לינקע" האבן אין יענער צייט געטראכט וועגן עפעס אנדערש און דעריבער זיינען זיי ארויס אין א קאמף. ווען די קאנפערענצן האבן דערוויילט זייערע דעלעגאטן צו די שול־פארוואלטונגען האבן די אלטע פארוואלטונגען זיך אפגעזאגט איבערצוגעבן זיי די שולן.

און אט די ריין ארגאניזאציאנעלע, אבער העכסט וויכטיקע — מיי־נונג־פארשיידנהייט צווישן די צוויי צדדים איז געווען „דער טאפ וואס האט איבערגעפילט דעם בעכער", — און עס איז געקומען דער קריזיס: פון די 24 שולן, וואס דער ארבעטער־רינג האט געהאט אין ניו־יארק, האבן זיך גאנצע 17 (און לויט אן אנדער נוסח — 20) אפגעריסן פון דעם ארבעטער־ארדן („פריינד", יאנואר, 1927, ז. 7, אויך מערץ־אפריל, 1927, ז. 49). אין איינעם מיט די שולן האבן די „רעבעלן" פארכאפט אויך דאס א"ר־הויז אין הארלעם און די א"ר זומער־קאלאניע (קעמפ) „קינדערלאנד". פון אלע ניו־יארקער לערערס זיינען אין דעם קאמף פארבליבן מיטן ארבעטער־רינג: ב. אסטראווסקי, חיים קאנטאראוויטש, ז. יעפרויקין, ב. געבינער, חנה מילנער, און אידא יפה.

(די אפגעריסענע שולן האבן פונקציאנירט א געוויסע צייט אונטער דעם נאמען „אומפארטייאישע יידישע ארבעטער־קינדער־שולן". שפעטער זיינען זיי

פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שולן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן אָדער זיי זיינען אונטערגעגאַנגען, מיט דער אויסנאַם פון דער האַרלעמער־שול, וועלכע האָט זיך אין סעפטעמבער, 1937, צוריק אָנגעשלאָסן אָנעם א״ר.)

א סך האָבן דאָס באַטראַכט פאַר אַ שטאַרקן קלאַפּ פאַר דער א״ר־שול־באַוועגונג. אַ סך האָט ווי געטאָן, וואָס זי ווערט צעשפּליטערט. און מע האָט געפּרואווט מאַכן שלום. אַזוי האָבן די פילאַדעלפיער שולן אויסגעקליבן אַ קאָמיסיע פון די פריינד מ. שאַפּיראָ, י. נעגין און ג. ברעסלער, וועלכע האָט מיט דער צושטימונג פון בילדונגס־קאָמיטעט זיך פאַרבונדן מיט אָפיציעלע פאָרשטייערס פון די אָפּגעריסענע שולן אויסצוגעפינען צי איז ניט מיגלעך, אַז די שולן זאָלן זיך צוריק אומקערן צום אַרבעטער־רינג. מען איז שוין געווען גרייט נאָכצוגעבן די „לינקע״, אַז די אַכט פאַרוואַלטערס, וואָס דאַרפן צוגעצויגן ווערן צו די דערוויילטע פאַרטרעטערס פון די ברענטשעס, זאָלן זיין זייערע מענטשן, מען האָט אויך אַפּעלירט צו זיי, אַז זיי זאָלן וואַרטן ביז דעם קומעדיקן שול־צוזאַמענפאָר און דאָרטן פאָרברענגען זייערע טענות. אָפּט האָט אויסגעזען, אַז עס וועט ווערן שלום, אָבער די „לינקע״ פלעגן באַלד קומען מיט אַן ענטפער, אַז זיי האָבן געביטן זייער מיינונג און באַשטייען אויף דעם, אַז די אַלטע פירונגען זאָלן פאַרבלייבן אומבאַרירט.

דער אַרבעטער־רינג האָט אָבער ניט געהאַט בדעה אויפצוגעבן די שול־באַוועגונג. די צענטראַלע שול־פאַרוואַלטונג פון ניו־יאָרק, וואָס איר פאַר־זיצער איז יעמאָלט געווען ל. געלפאַר און דער סעקרעטאַר נ. חייט, האָט זיך ענערגיש גענומען אויפבויען נייע שולן אויפן אָרט פון די אָפּגעריסענע.

דערווייל איז געקומען דער חודש מאַי, ווען עס האָט זיך געדאַרפט צונויפקומען אין אַטלאַנטיק סיטי דער 6טער צוזאַמענפאָר פון די א״ר־שולן. האָבן די „לינקע״ באַשלאָסן אויסנוצן דעם צוזאַמענפאָר פאַר אַ דעמאָנסטראַ־ציע און אויב מיגלעך פאַרטיפן די שפּאַלטונג, אַז זי זאָל פאַרכאַפּן אויך די שולן איבערן לאַנד. די אויסרעכענונג איז געווען אַזאַ: צווישן די דעלעגאַטן פון דער פּראָווינץ וועלן אויך זיין פאַרטראַטן אויף דעם צוזאַמענפאָר זייערע אָנהענגערס. אויף דעם צוזאַמענפאָר וועלן זיך געפינען אַ סך לערערס פון דער פּראָווינץ, וואָס זיינען אידעאָלאָגיש נאָענט צו דער לינקער באַוועגונג. האָבן זיי צוגעשיקט קיין אַטלאַנטיק סיטי זייערע אַ דעלעגאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון יעקב לעווין, י. דאַראַשקין, י. שטיינבוים, שקליאַר און נ. קאַמינעצקי. די דעלעגאַציע האָט אַריינגעשיקט צו דער „קרעדענשעל־קאָמיטע״ פון צוזאַמענ־פאָר אַ פאָדערונג, אַז מע זאָל זיי צולאָזן. דער צוזאַמענפאָר האָט, פאַרשטייט זיך, זיי ניט געקענט צולאָזן ווי דעלעגאַטן. ער איז אָבער וויליק געווען זיי צו געבן אַ שעה צייט אויף צו מאַכן אַ דערקלערונג און אויב פון דער דער־קלערונג וועט זיך אַרויסווייזן, אַז ס׳איז פאַראַן אַ וועג פאַר שלום, אפילו אָפּצוגעבן אַ טאָג צייט צו פאַרהאַנדלען מיט דער דעלעגאַציע די שלום־באַדינ־

גונגען. די דעלעגאַציע מיט דעם אויסרייד, אַז עס איז איר ניט געגונג איין שעה פאַר אַ דערקלערונג, האָט זיך פון דעם אַפּגעזאָגט. שפּעטער האָט זי חרטה געקראָגן אויף דעם. האָט דער פאָרזיצער פון בילדונגס־קאָמיטעט, נ. כאַנין, געמאַכט פאָלגנדע דערקלערונג:

„איך האָב דערקלערט שוין פריער, אַז ווען עס וועט קומען די צייט פון צולאָזן די קאָמיטע, וועלן מיר ניט זיין קיין גזלנים. די קרעדענשעל־קאָמיטע באַריכט, אַז מיר זיינען גרייט די 5 פּאַרטרעטער געבן אַ שטונדע צייט. די מערהייט פון דער קאָנוועגשאָן איז געווען איינשטימיק אויף דעם. די קאָמיטע האָט אָבער געענטפערט, אַז זי האָט ניט וואָס צו דערקלערן אין איין שטונדע צייט, זי מוז האָבן מער. עס וואָלט געווען אַ אומכבוד פאַר אונדזער קאָנווענשאָן צו קענען געפירט ווערן און געמאַכט ווערן צום נאַר פון אַ גרופּע אומאָפּיציעלע מענטשן. נאָך דער דערקלערונג פון אונדזער טשערמאַן, וועט מען זיי געבן אַפילו אַ טאָג פאַר דער פראַגע. האָבן זיי זיך אָנטזאָגט פון דעם, וואָס מיר האָבן זיי געגעבן. וואָלט געווען אַ באַליידיקונג פאַר אונדז, ווען מיר לאָזן זיי איצט צו. אָבער דאָך ווילן מיר ניט דורכלאָזן אַפילו איין פּראָצענט פון הונ־דערט, אַ מיגלעכקייט פאַר אַ פאַרשטענדיקונג און דעריבער שלאָגן מיר פאָר פאָלגנדעס: אַז אַ קאָמיטע פון 5 זאָל פון דער קאָנווענשאָן דערוויילט ווערן — אַ שלום־קאָמיטע, וואָס זאָל גלייך אריין אין קאָנפערענץ מיט די 5 פאַר־טרעטער, אויסצוהערן זייער באַריכט און זיי וועלן אריינברענגען זייערע רעקאָ־מענדאַציעס צו דער קאָנווענשאָן און דערנאָך וועט די קאָנווענשאָן האַנדלען וועגן דעם. מיר האָבן זיי די מיגלעכקייט געגעבן און זיי האָבן ניט אָנגענומען, ווייל זיי האָבן געדענקט צו קריגן זייערס אויף אַן אַנדער וועג. אין דעם שפּיל וועלן מיר מיט זיי זיך ניט שפּילן. דאָס איז מיין פאָרשלאָג אין נאָמען פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע".

„דער פאָרלאָגג ווערט אָנגענומען פון דער קאָנווענשאָן. דער פאָרזיצער באַשטימט דאַן די פאָלגנדע 5 אַלס שלום־קאָמיטע: מ. שאַפּיראָ פון פילאַ־דעלפיע, אב פון באָראָ־פּאַרק, בלאָק פון האַרלעם, ד"ר יהודה יאָפע און א. ליטוואַק." (אַ"ר־שול־בולעטין, יוני־יולי, 1926, ז. 9).

די קאָמיסיע האָט געהאַט אַ ריי זיצונגען, אָבער צו קיין שלום איז ניט געקומען. דער הויפּט־שטער־פּונקט, אַחוץ דעם פּונקט וועגן דער פאָרם פון פאַרוואַלטונג איז געווען, וואָס די דעלעגאַציע האָט געפאָדערט, אַז פריער פון אַלץ מוז מען זיי פאַרשפּרעכן נאָך דעם ווי מע וועט זיך אייניקן אויף די אַנדערע פּונקטן, אַז דער צוזאַמענפאָר וועט צולאָזן אַלס גלייכבאַרעכטיקטע 40 דעלעגאַטן פון זייערע שולן, און ערשט נאָך דעם וועט דער צוזאַמנפאָר באַשליסן וועגן דעם אופן ווי אַזוי די שול־פאַרוואַלטונגען זאָלן צוזאַמענגע־שטעלט ווערן. ריכטיק האָט מ. שאַפּיראָ, דער פאָרזיצער פון דער שלום־קאָמיסיע דערקלערט: „וועלכע קאָנפערענץ קען זיך וואָגן שטעלן אויף דעם שטאַנדפּונקט

צוצולאָזן פּאַרטרעטערס, וואָס זיינען ניט פון אונדזערע שולן אָדער אָרגאַ־ניזאַציעס?"

א. ליטוואַק, אַ מיטגליד פון דער קאָמיסיע, האָט דערקלערט: „עס זיינען פאַראַן צווישן זיי אַזעלכע פריינד, וואָס ווילן מאַכן שלום, אָבער זיי שטייען אונטער די פליגלען פון די שולן, וואָס זיי פאַרטרעטן און דאָרטן זיינען געשאַפן געוואָרן אַזעלכע בחות, וואָס דערלאָזן ניט, אַז זיי זאָלן שלום דערגרייכן". (א"ר־שול־בולעטין, יוני־יולי, 1926, ז. 10, 11, 18, 19).

אין די לעצטע ווערטער איז די אמתע דערקלערונג פאַר וואָס עס האָט קיין שלום ניט געקענט ווערן. דער צוזאַמענפאָר האָט באַשטימט, אַז די 5ער שלום־קאָמיסיע זאָל ניט אויפגעליזט ווערן אין משך פון 3 מאָנאַטן, כדי די „לינקע" זאָלן האָבן צו וועמען זיך צו ווענדן אין פאַל זיי וועלן וועלן פאַר־האַנדלען וועגן שלום. (א"ר־שול־בולעטין, יוני־יולי, 1926, ז. 11).

שלום האָט אויך ניט געקענט ווערן דערפאַר, ווייל עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז עס איז ניט נאָר אַ פראַגע וועגן מאַכט אין דער שול־באַוועגונג, נאָר אַז אויך אידעאָלאָגיש קענען זיך די צוויי ריכטונגען ניט צוזאַמענקומען. ניט קיין אומפּאַרטייאישע שולן — ווי זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן זייער אָרגאַני־זאַציע — האָבן די לינקע געוואָלט, נאָר שולן, וואָס זאָלן אַזוי ווי זיי אַליין זיך געפינען „אונטער דער אידעאָלאָגישער פירערשאַפט פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג" (פילאַדעלפיער שול־אַלמאַנאַך, ז. 149, אַרטיקל פון ר. זאַלצמאַן: „יידישע קינדער־שולן ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן"). זיי האָבן געוואָלט — אַז „מ'זאָל די קינדער דירעקט פאַרבינדן מיט דער פּיאָנערן־אָרגאַניזאַציע, מ'זאָל די קינדער אריינציען אין דעם דירעקטן קלאַסן־קאַמף" (דאָרטן). „אונדזער דערציאונג דאַרף ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון קלאַסן־קאַמף" (דאָרטן). און ווייטער: „יידיש איז אַ מיטל, פּונקט ווי יעדע אַנדערע שפּראַך, אָבער ניט קיין ציל. אויף יידיש קאָן מען פּונקט אַזוי גוט לערנען די קלאַסן־אינטערעסן פון דער בורזשואַזיע, ווי די קלאַסן־אינטערעסן פון די אַרבעטער. סע ווענדט זיך דעריבער וואָר עס נוצט דעם מיטל — די בורזשואַזיע אָדער דער אַרבעטער־קלאַס" (דאָרטן).

אויף אַ גאַנץ אַנדער וועג איז אַוועק, ווי מיר וועלן עס זען אין דעם קאַפּיטל וועגן פּראָגראַמס, די א"ר־שול. זי איז ניט נאָר געוואָרן מער יידישלעך, נאָר אַנדערש איז אויך געוואָרן איר קוק אויף דער סאָציאַליסטישער דערציאונג. פאַר איר האָט סאָציאַליסטישע דערציאונג ניט געמיינט קלאַסן־דערציאונג און אודאי ניט פּאַרטיי־דערציאונג.

אין אַן אַרטיקל פון ז. יעפרויקין: „דער אידייאישער וועג פון דער א"ר־שול" (פילאַדעלפיער שול־אַלמאַנאַך, 1935) לייענען מיר:

ביי דעם יידישן אַרבעטער דאַרף . . . די יידישע שול זיין ניט מער ווי אַ מיטל איינצופלאַנצן דעם סאָציאַליזם". „אויב דאָס איז באמת די איינציקע

און אויסשליסלעכע עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג פון דער יידישער שול, איז זי ניט מער ווי אַן איבעריקע, שעדלעכע אינסטיטוציע. פאַר אַ סאָציאַליסטישער דערציאונג אַליין זיינען ניט נייטיק דוקא שולן אין יידיש". „סאָציאַליזם האָט ניט אין זינען נאָר די אינטערעסן פון איין קלאַס, נאָר די פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס. זיין אויפגאַבע איז די צוקונפטיקע געזעלשאַפט געבויט אויף סאָלידאַריטעט און יושר. סאָציאַליזם איז די עטישע פאָדערונג פון אונדזער צייט, וועלכע פאַלט זיך צונויף מיט דעם קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס פאַר אַ בעסערער וועלט־אָרדענונג". „סאָציאַליסטישע אָדער ניט־סאָציאַליסטישע דערציאונג מיינט, צי זאָל דער אויפוואַקסנדיקער דור זיך שטעלן אין די רייען פון פּראָגרעס, אָדער רעגרעס". „סאָציאַליסטישע דערציאונג איז ניט קיין פּאַרטיי־דערציאונג, איז ניט קיין קלאַסן־דערציאונג, נאָר אַ מענטשלעכע דערציאונג. און עס איז דער גליק פון אַרבעטער־קלאַס, וואָס קיין שום עקאָנאָמישע קלאַסן־אינטערעסן שטייען אים ניט אין וועג אַזאַ דערציאונג זיינע קינדער צו געבן. סאָציאַליסטישע דערציאונג איז ניט קיין דאָגמאַטישע דערציאונג, זי וויל ניט אונטערדריקן דעם קינדס נשמה".

וואָס זשע האָט באַוועגן אַ סך לערערס און שולטוערס, וואָס האָבן באמת געהאַט אין זינען דאָס וואוילזיין פון דער יידישער דערציאונג אין אַמעריקע אַקטיוו מיטצוהעלפן די „לינקע" די שפּאַלטונג דורכצופירן? דעם ענטפער איז ניט שווער צו געפינען. אָט די לערערס און טוערס, כאָטש זיי זיינען ניט אַלע געווען פּאַרטיי־קאָמוניסטן, האָבן אָבער געהאַט שטאַרקע סימפּאַטיעס פאַר סאָוועט־רוסלאַנד, זיי האָט אויך אימפּאָנירט, וואָס יידיש און די קולטור אין יידיש האָט אין יענער צייט געקראָגן אין סאָוועט־רוסלאַנד פולע אָנערקענונג. דאָס האָט פּסיכאָלאָגיש געווירקט אויף אַ טייל לערערס, אַז זיי זאָלן זען אַ מער ערנסטע באַציאונג צו דער יידישער שול אין אַמעריקע ביי די „לינקע" ווי ביי די „רעכטע" פירערס פון אַרבעטער־רינג. שפּעטער, ווען זיי זיינען פאַרבליבן אין איין געזעלשאַפט מיט די לינקע, האָבן זיי דערזען, אַז יענע מיינען אַ ריינע פּאַרטיישול, און זיי זיינען אַנטלאָפן פון זיי. ס'איז שוין דאַן אָבער געווען צו שפּעט.

מיט אָט דעם ריס אין דעם אַ"ר־שול־וועזן דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס איז פריער דערמאָנט געוואָרן, דער פאַקט, וואָס די אַלגעמיינע צאָל קינדער אין די אַ"ר־שולן איז אין דעם יאָר 1926 קלענער געוואָרן (אָנשטאָט 5,800 תלמידים און תלמידות, וואָס זיינען געווען מיט אַ יאָר פריער, זיינען אין דעם יאָר 1926 געווען נאָר 5,350). פון אָט דעם ריס נעמט זיך אויך דאָס פאַרלאַנגזאַמטע שטייגן פון דער צאָל שולן אין יענעם יאָר. בעת פריער פלעגט כמעט יאָר־יערלעך צוקומען ביי אַ צען אַ"ר דערציאונגס־אַנשטאַלטן, איז אין 1926 די אַלגעמיינע צאָל שולן פאַרגרעסערט געוואָרן נישט מער ווי מיט איינער . . .

און עס האָט זיך געדוכט, אַז „די גאַנצע אַ"ר־שול־באַוועגונג", ווי פּ. געליב־טער האָט זיך אויסגעדריקט אויפן 7טן אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָר, — „שטייט פאַר אַ קריזיס, אַז אונדזערע שולן זיינען אין געפאַר פון אונטערגאַנג" (דער „פריינד", יאַנואַר, 1927). אָבער דאָס איז געווען אַן אומזיסטע מורא. אַ געפאַר איז געווען, אָבער טאַקע דעריבער איז שטאַרק געוואָרן דער פאַרלאַנג זי אויס־צומיידן און די עקשנות — נישט אונטערצוגעבן זיך דעם קעגנער. מיט אַ נייעם אימפּעט האָט מען זיך צוגעריסן צו דער אַ"ר־רינג־שול־אַרבעט. מיט אַן ערנסטקייט און אַ ברען, וואָס ווייזט זיך אין יעדער קאַמפּפּעאיקער מחנה, ווען זי דערפילט די נאָענטקייט פון שונא, האָבן די טוערס און די טריי געבליבענע לערערס פון אַ"ר זיך אַ נעם געטאָן צו באַפעסטיקן די פּאָזיציעס, וואָס זיינען באַדראָט געווען, און צוריק צו געווינען די פריערדיקע קראַפט. נייע לערערס זיינען אויפגעזוכט געוואָרן, נייע שולן זיינען געעפנט געוואָרן, אַנשטאָט די, וואָס האָבן זיך אָפּגע־שפּאָלטן, — און ווינציקער ווי מיט אַ יאָר נאָכן אויסברוך פונעם קריזיס זיינען אין ניו־יאָרק שוין ווידער געווען 21 אַ"ר־שולן. עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייע מיטלשול, און אויף זומער האָט מען געדונגען אַ „קעמפּ", וועלכער האָט פאַרביטן „קינדערלאַנד", וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די „לינקע".

אויף אַזאַ אופן איז דער וואוקס פון דער אַ"ר־שול־באַוועגונג, וואָס האָט זיך געווען אָפּגעשטעלט אין 1926, באַנייט געוואָרן — און נאָך מיט מער פרישקייט און נאָך מיט גרעסערע רעזולטאַטן ווי פריער. אויב אין 1926 זיינען אין די אַ"ר־שולן געווען מיט 450 קינדער ווייניקער ווי אין 1925, זיינען אין 1927 געווען שוין מיט 650 קינדער מ ע ר ווי אין דעם יאָר פון דער שפּאַלטונג און מיט 200 מער ווי אין 1925, און אין דעם יאָר 1928, ערב דעם עקאָנאָמישן קריזיס, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין לאַנד, האָט די ציפער אַ שפּרונג געטאָן ביז צו 6,500.

נאָך קענטיקער איז דער וואוקס געווען אין דער צאָל שולן: פון 83 שולן אין 1926, דאָס יאָר פון דער שפּאַלטונג, זיינען אין 1927 געוואָרן 103 שולן, אין 1928 — 105 שולן, אין 1929 — 109 און גאַנצע 110 — אין 1930.

נאָך 1930 איז ווידער געווען אַן אָפּשטעל. דער עקאָנאָמישער קריזיס, די אַרבעטלאָזיקייט, וואָס איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער, האָט ערגער געמאַכט די אַזוי אויך שלעכטע פינאַנציעלע לאַגע פון דאָס רוב שולן, און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס זייער וואוקס האָט זיך אויף היפּשע עטלעכע יאָר אָפּגעשטעלט. מער וואונדער איז, וואָס די שולטוערס און די לערערס האָבן זיך ניט דערשראָקן ניט פאַר די אינעוויינ־קסטע, ניט פאַר די דרויסנדיקע שטערונגען, זיינען ניט אַריינגעפאַלן אין אַפּאַטיע, האָבן פאַרקערט, ענערגיש געאַרבעט און נאָך דעם ווי מען האָט זיך אַ ביסל צוגעוווינט צו די שווערע

עקאָנאָמישע אומשטאַנדן, איז די צאָל קינדער נישט בלויז ניט קלענער געוואָרן, נאָר — אין די יאָרן 1930־1934 און שפּעטער — אפילו געשטיגן. (בעת אין 1929 זיינען געווען בלויז 5,247 קינדער, זיינען אין 1930 געווען 5,900 קינדער, אין 1934 — 6,043, אאז"וו).

אין 1929 האָבן די אַ"ר־שולן געפייערט זייער 10־יאָריקן יובילײ, און אין ניו־יאָרק אַליין זיינען ביי דער פייערונג געווען איבער 4,000 מענטשן. (אַ"ר־שול־בולעטין, מאַי־יוני, 1929). אין 1934 איז אָפּגעריכט געוואָרן דער 15 יאָריקער יובילײ פון די אַ"ר־שולן, און איבערן גאַנצן לאַנד זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן אַ"ר־שול־יום־טובים. „כמעט אין יעדער שטאָט און שטעטל וואו עס געפינט זיך אַן אַרבעטער־רינג־שול, איז אין משך פון יענעם ווינטער פאָרגעקומען אַ שולקאָנצערט, אַ באַנקעט, אַ קינדער־פאָרשטעלונג, אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין פאַרבינדונג מיט דעם יום־טוב. די פייערונג פון 15 יאָר שול־טעטיקייט האָט הערמאָנט דער גרויסער מיטגלידערשאַפט פון אַרבעטער־רינג ווי אויך דעם אַלגעמיינעם יידישן פּראָגרעסיוון עולם אָן דער וויכטיקייט פון דער יידישער און סאָציאַליסטישער דערציאונג וואָס די קינדער קריגן אין דער אַרבעטער־רינג־שול. די שול־יום־טובים זיינען געווען ניט בלויז אַ דעמאָנסטראַציע פאַר דער אידיי פון יידיש־סאָציאַליסטישער דערציאונג, נאָר אויך פאַר דער אַלגעמיינער קולטורעלער טעטיקייט פון אַ"ר." („אונדזער שול", מאַי, 1935). די פילאַדעלפיער אַ"ר־שולן האָבן לכבוד דעם 15יאָריקן יובילײ אַרויסגעגעבן אַ „שול־אַלמאַנאַך", וועגן וועלכן עס וועט זיך ריידן שפּעטער.

אין 1939 איז געפייערט געוואָרן דער יובילײ פון 20 יאָר אַ"ר־שול־טעטיקייט.

ג.

די שול איז אין יעדן אַ"ר־בראַנטש געוואָרן דער צענטער און דער באַליבטסטער טייל פון דער גאַנצער טעטיקייט, און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דאָ און דאָרט זיינען נאָך אַלץ געווען קעגנער, האָט זיך אַלע מאָל געפונען די נייטיקע מערהייט, ווען עס איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ פאָרשלאָג צו העכערן דעם שולאָפּצאָל, און אַזעלכע פאָרשלאָגן זיינען פון 1918 ביז 1927 געמאַכט געוואָרן שיִער ניט יעדעס יאָר. אין משך פון דעם ערשטן יאָרצענדליק פון דער עקסיסטענץ פון די אַ"ר־שולן האָט דער אַלגעמיינער שולטעקס געהאַלטן אין

איין גרעסער ווערן. מע זעט עס פון די פאלגנדיקע ציפערן, וואס באצייכענען דעם יערלעכן אפצאל לטובת דעם א"ר־שולפאנד:

1918 — 8 סענט א יאר פון יעדן מיטגליד
1919 — 20 סענט א יאר פון יעדן מיטגליד
1920 — 32 סענט א יאר פון יעדן מיטגליד
1921 — 36 סענט א יאר פון יעדן מיטגליד
1922 — 40 סענט א יאר פון יעדן מיטגליד
1925 — 60 סענט א יאר פון יעדן מיטגליד
1927 — 80 סענט א יאר פון יעדן מיטגליד[7] *)

דער טעקס איז נישט אלץ, וואס די מיטגלידער האבן געצאלט און צאלן פאר די שולן. אחוץ דעם אלגעמיינעם שולטעקס זיינען אין א סך שטעט איינגעפירט געווארן ארטיקע שטייערן לטובת דער שול אדער די שולן. אין יאר 1920, ווען דער קאמף פאר און קעגן די שולן האט נאך געהאלטן אין רעכטן מיטן ברען, האבן די א"ר־מיטגלידער אין פילאדעלפיע זיך באשטייערט מיט 60 סענט פון יעדן מיטגליד א יאר, אין באלטימאר — מיט 1 דאלאר און אין שיקאגא — מיט גאנצע 2 דאלאר א יאר. (דער „פריינד", יוני־יולי, 1920) אפילו אין ניו־יארק, וואו די מיטגלידערשאפט פון א"ר איז אלע מאל געווען א מער פראלעטארישע, ווי אין אנדערע שטעט, איז אין 1920 איינגעפירט געווארן א ספעציעלער שולאפצאל פון 20 סענט א יאר („פריינד", יאנואר, 1921). אבער מיט די שטייערן אליין וואלט מען די שולן נישט געקאנט אויסהאלטן. דער דורכשניטלעכער בודזשעט פון א שול איז 3,000־3,500 דאלאר א יאר. יעדע שול קריגט דורכשניטלעך פון נאציאנאלן בילדונגס־קאמיטעט נישט מער ווי 15 פראצענט פון איר בודזשעט.[8] ווי זשע קומט זי אוים? איז דער תירוץ: 40־50 פראצענט פון בודזשעט ווערט געדעקט פון שכר־לימוד און דאס איבעריקע פון פארשיידענע אונטערנעמונגען. דאס ווערט אלץ געשאפן פון די א"ר־מיטגלידער אין איינעם מיט די עלטערן פון די קינדער און די טוערס פון די שולן. דאס אליין איז א ריזיקער אויפטו. און עס איז קיין חידוש ניט, וואס שוין אין יאר 1921 האט זיך דער בילדונגס־קאמיטעט פון א"ר איבערגע־נומען מיט די 160 טויזנט דאלאר א יאר, וואס זיינען דאן אויסגעגעבן געווארן אויף די שולן. אין איינעם פון זיינע באריכטן האט דער בילדונגס־קאמיטעט דערקלערט, אז די דאזיקע סומע „איז א בילדונגס־בודזשעט, וואס איז שוין גרעסער ווי מאנכע בילדונגס־בודזשעטן אין א גאנץ מלוכהלע אין איראפע." („דער פריינד", מאי, 1921) אבער דאס איז געווען אין 1921. אין 1925

*) פון 1927 ביז 1935 איז קיין העכערונג פון שול־טעקס נישט געווען. די 35סטע קאנווענשאן פון א"ר אין 1935 האט באשלאסן צו העכערן דעם טעקס מיט צוואנציק סענט א יאר.

איז דער בודזשעט פון אלע א״ר־שולן געווען ארום 325 טויזנט דאלאר („פריינד״, יוני־יולי, 1925). אין 1929 האט אויסהאלטן אלע שולן פון א״ר געקאסט ארום 284 טויזנט דאלאר („דער פריינד״ יוני־יולי, 1929). אין 1934 — ארום 210 טויזנט דאלאר, אין 1937 — ארום 350 טויזנט דאלאר („אונדזער שול״, מאי, 1937), און אין יאר 1939 איז שוין דער אלגעמיינער פינאנץ־באריכט פון די שולן געווען אזא: „דער בודזשעט פון אלע א״ר־עלעמענטארע שולן איז 366,000 דאלאר א יאר; אחוץ דעם ווערט אויסגעגעבן 20,000 דאלאר א יאר אויף פינף מיטלשולן און העכערע קורסן און נאך 20,000 דאלאר א יאר אויף אלגעמיינער שולארבעט. אזוי ארום איז דער בודזשעט פון די שולן ארום 406,000 דאלאר א יאר״.[9]

ווי זשע האט מען געקאנט טראגן אזא לאסט אין צייטן פון עקאנאמישער דעפרעסיע? זיינען עס געווען טאקע שווערע צייטן פאר די שולן. אפילו ביי נארמאלע עקאנאמישע באדינגונגען האבן זיך א סך שולן געאמטערט. אזוי צום ביישפיל, לייענען מיר אין א באריכט פאר 1923: „. . . . אחוץ די אונטער־געגאנגענע שולן האבן מיר צווישן די 61 שולן עטלעכע, וואס לעבן איבער א שארפן קריזיס און האלטן נאך אן זייער לעבן דורך דער אידעאליסטישער באצי־אונג פון די לערער, אדער טוער (וואטערבורי, עדמאנטאן, ראק איילענד). עס זיי־נען אויך פאראן א גרויסע צאל שולן, וואס קעמפן נאך פארצווייפלט פאר זייער עקסיסטענץ און וועלן נאך דארפן א לענגערע צייט אנהאלטן א מין „קריגס־צושטאנד״ אין זייער ארבעט (באסטאן, באלטימאר, סאן־פראנציסקא, סט־לואיס, סט. פאול און קליוולאנד״ — („דער פריינד״, יאנואר־פעברואר, 1924). אזוי איז געווען אין נארמאלע צייטן, בפרט נאך, ווען עס איז אנגעשטאנען א קריזיס. די שולן האבן געפילט אפילו די — ניט גאר שארפע — דעפרעסיע פון 1921 (זע „פריינד״, יאנואר־פעברואר, 1922), — היינט וואס איז דער חידוש, וואס עס האט זיך אפגערופן אויף זיי אזוי שווער דער עקאנאמישער חורבן, וועלכער האט זיך אנגעהויבן אין 1929? וואס איז דער חידוש, וואס אין א באריכט פון מאי, 1930, ווערט דערציילט, אז — „צוליב דעם עקאנאמישן קריזיס אין לאנד, האבן אונדזערע שולן פינאנציעל געליטן. דער שכר־לימוד, וואס די עלטערן צאלן פאר די קינדער, ווי אויך די זאמלונגען, וועלכע ווערן געמאכט צווישן די אנהענגער און סימפאטייזער פון די שולן, האבן געמוזט פארקלענערט ווערן צוליב דעם עקאנאמישן קריזיס אין לאנד״? וואס איז דער וואונדער, וואס אין דעם יאר 1931 זיינען גאנצע 18 שולן און אין יאר 1932 — 15 שולן געצוואונגען געווען צו שליסן זיך! און וואס דער שול־פאנד פון בילדונגס־קאמיטעט איז פארקלענערט געווארן אויף פיר טויזנט דאלאר („פריינד״, מערץ־אפריל, 1931, און יוני־יולי, 1932)? א סך מער חידוש איז, וואס אין 1930 האבן זיך געעפנט גאנצע אנדערטהאלבן צענדליק נייע שולן, אין 1931 — צען, אין 1932 — זיבן. א סך מער איז צו

באוואונדערן, וואָס דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט ווי עס איז אויסגעזוכט מיטלען אויף צו געבן מער שטיצע די שולן (דאָרט).

דער שול־חשבון פון נאַציאָנאַלן בילדונגס־קאָמיטעט איז ביז דעם יאָר 1936 געווען אזא :

יאָר.	איינקונפט.	הוצאות פאַרן גאַנצן יאָר.
1919	$ 4,950.50	$ 5,930.48
1920	15,209.49	12,148.53
1921	25,645.31	24,589.04
1922	28,834.70	30,066.19
1923	31,807.95	30,794.51
1924	30,532.23	30,367.56
1925	32,491.80	43,712.34
1926	56,433.75	78,418.66
1927	77,024.12	70,660.14
1928	60,091.85	49,184.67
1929	60,388.87	57,529.74
1930	48,093.70	55,979.83
1931	46,444.78	50,513.32
1932	45,558.53	64,630.47
1933	42,827.22	54,066.56
1934	40,499.65	50,757.79
1935	42,000.00	53,000.00
1936	51,000.00	67,000.00

פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט איז דער דאָזיקער חשבון וויכטיק דער־הויפּט צוליב די פאָלגנדיקע מאָטיוון : א) ער ווייזט, ווי אַנדערש עס איז געווען די פינאַנציעלע לאַגע פון די שולן פאַר דעם קריזיס פון 1929 און נאָך 1929.

פאַר דעם קריזיס זיינען געווען יאָרן (1920, 1921, 1923, 1924, 1927, 1928, 1929), ווען דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט נישט אויסגעגעבן די גאַנצע הכנסה פונעם שולפאָנד; אָנגעהויבן פון 1930 האָט ער יעדעם יאָר שוין געמוזט האָבן אַ דעפיציט. און ווי האָט עס געקאָנט זיין אַנדערש? אין 1926, ווען עס זיינען געווען בלויז 83 שולן, איז די הכנסה פון שולפאָנד געווען אַרום 57 טויזנט. אין 1934, ווען דער אַ״ר האָט געהאַט שוין 103 שולן, איז אויפן שולפאָנד אַריינגעקומען נישט מער ווי אַרום 41 טויזנט דאָלאַר. ב) פונעם

חשבון זעען מיר, אַז אַזוי ווי דער קריזיס פון 1929, האָט אויך די שפּאַלטונג פון 1926 געפירט צו אַ פאַרגרעסערונג פון דער געלטסומע, וואָס דער אַ"ר האָט געמוזט אויסגעבן אויף די שולן. דאָס געלט איז, אַגב, טיילווייז געגומען געוואָרן פון אַנדערע קוואַלן, נישט נאָר פון די שולשטייערן, וועלכע זיינען נישט געווען גענוג. אין ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע, האָט די נאַציאָנאַלע עקזעקוטיווע אין משך פון די פיר יאָר (1926, 1927, 1928 און 1929) באַווילקט עקסטרע סומעס, כדי צו העלפן צוריק אויפבויען די שול־אָרגאַניזאַציעס „און עפענען נייע שולן אין די שטעט, און קויפן דעם קעמפּ אַרום פּאַולינג, נ. י." אָנשטאָט דעם קעמפּ „קינדערלאַנד", וואָס איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון די „לינקע" אין 1926.[10]

דאָס אַלץ ווייזט, אַז נישט נאָר די אָרטיקע אַ"ר־טוערס, אויך די צענטראַלע פאַרוואַלטונג פון אַ"ר האָט וואָס ווייטער אַרויסגעוויזן אַלץ מער גרייטקייט צו שטיצן די שולן — מאָראַליש און מאַטעריעל. אָבער די הילף וואָס די שולן קריגן פון בילדונגס־קאָמיטעט יעדעס יאָר באַטרעפט ווינציקער ווי אַ פערטל פון זייער גאַנצן בודזשעט.

אין די לעצטע עטלעכע יאָר זיינען די אַ"ר־שולן איינגעשלאָסן געוואָרן אין איניקע שטעט אין דעם בודזשעט פון די אָרטיקע „וועלפעיר באָרדס", וועלכע דעקן אַ טייל פון די הוצאות פון די אָרטיקע אַ"ר־שולן. דאָס האָט פאַרלייכטערט זייער לאַגע, און דאָס איז בכלל זייער אַ וויכטיקע דערגרייכונג. דאָס דריקט אויס די ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן דער אַ"ר־שול־באַוועגונג און דער אַלגעמיין יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. פריער זיינען זיי געווען אָפּגעפרעמדט איינע פון דער אַנדערער, איצט קומט פאָר אַ דערנענטערונג. זי שטויסט זיך אָן אויף די אַלטע פאָראורטיילן, אָבער זי קומט זיי ביי. אָט ווי דער אַ"ר בילדונגס־דירעקטאָר נ. כאַנין האָט כאַראַקטעריזירט די לאַגע אויפן 11טן שול־צוזאַמענפאָר אין 1939:

„. . . אין פאַרלויף פון די לעצטע צוויי יאָר האָבן אונדזערע שולן איבערן לאַנד געמאַכט אַזאַ פאַרזוך, און אין אַ געוויסער ריי שטעט האָבן מיר געקראָגן סובסידיעס. צו אַזוינע סובסידיעס זיינען מיר באַרעכטיקט. די מיטגלידערשאַפט פון דעם אַרבעטער־רינג באַטייליקט זיך סיי מיט אַרבעט און סיי מיט ביישטייערונגען אין די „וועלפעיר"־קאַמפּיינס. אין אַ גאַנצע ריי שטעט האָבן די וועלפעיר־באָרדס אונדזער פאַרלאַנג צוריקגעוויזן. מיר טאָרן זיך אָבער ניט אָפּשטעלן; מיר דאַרפן אין דעם פּרט אָנפירן דעם קאַמף ווייטער. די „וועלפעיר באָרדס" שטיצן תלמוד־תורהס און אַנדערע יידישע קולטורעלע אינסטיטוציעס און דאַרפן אויך שטיצן אונדזערע שולן. אין איניקע שטעט זיינען זיי געווען גרייט אונדז צו געבן אַ יערלעכע ביישטייערונג, אָבער זיי האָבן פאַרלאַנגט צו האָבן אַ דעה איבער די לימודים אין אונדזערע שולן. פאַרשטייט איר דאָך, אַז אַזאַ זאַך וועלן מיר ניט דערלויבן. די גאַנצע פּראָגראַם פון אונדזערע לימודים

װערט אױסגעאַרבעט פֿון אונדזערע שול־צוזאַמענפֿאָרן און װערט אין לעבן דורכגעפֿירט דורך דעם בילדונגס־קאָמיטעט פֿון ארבעטער־רינג. קײן זײטיקע קערפּערשאַפֿטן װעלן מיר ניט לאָזן זיך מישן אין אונדזערע לימודים. אין אײניקע שטעט האַלטן די רעדל־פֿירער פֿון די ייִדישע „װעלפֿער־באָאָרדס", אַז אין אונדזערע שולן װערט געלערנט קאָמוניזם אָדער מיר באַקעמפֿן רעליגיע. אָבער דאָס איז נאָר אַן אױסרײד. די גאַנצע ייִדישע װעלט װײס, אַז מיר זײנען ניט קײן קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע און אַז אין אונדזערע שולן זײנען ניטאָ קײן אַנטי־רעליגיעזע לימודים. עס איז אמת, אַז מיר האָבן אױך ניט קײן רעליגיעזע לימודים, אָבער דאָס האָט אױך ניט די אַמעריקאַנער פּאַבליק־סקול און קײנער װעט די אַמעריקאַנער פּאַבליק־סקול ניט באַצײכענען פֿאַר אַן אַנטי־רעליגיעזער אינסטיטוציע."

די אָרטיקע ייִדישע „קהלות" הײבן עס אָן צו פֿאַרשטײן, און די אַ"ר־שולן, אַזױ װי אַנדערע ייִדיש־װעלטלעכע שולן, הײבן ביסלעכװײז אָן קריגן סובסידיעס פֿון די אָרטיקע אַלגעמײן־ייִדישע „װעלפֿער־באָאָרדס" אָדער צדקה־פֿעדעראַציעס. דערװײל אָבער האַלט דער אַלגעמײנער שול־בודזשעט פֿון אַ"ר אין אײן װאַקסן. ער װאַקסט און ער איז געװאַקסן גישט נאָר דערפֿאַר, װאָס די צאָל אַ"ר־שולן װערט גרעסער. עס זײנען צוגעקומען אױך אַנדערע אינסטיטוציעס, װאָס זײנען נײטיק פֿאַר דער דערציאונג פֿונעם יונגן דור, און אױך זײ זײנען אַ גרױסע הוצאה. אין 1919 האָבן זיך געעפֿנט די לערער־קורסן פֿון אַ"ר. אין 1921 איז געגרינדעט געװאָרן די ערשטע אַ"ר־מיטלשול און עס האָט אָנגעהױבן אַרױסצוגײן דער זשורנאַל „קינדערלאַנד". אין 1923־1924 איז געלײגט געװאָרן דער פֿונדאַמענט פֿאַר די אַ"ר־קעמפּס. אין 1924 איז מיט דעם אַ"ר־שול־בולעטין" געמאַכט געװאָרן דער אָנהײב פֿון אַ"ר־שול־זשורנאַלן. װעגן די דאָזיקע און אַנדערע אינסטיטוציעס און אַקטי־װיטעטן װעט אונדז נאָך אױסקומען צו שרײבן אױספֿירלעך. דאָ האָבן מיר זײ דערמאָנט נאָר כדי צו קאָנסטאַטירן דעם פֿאַקט, אַז דער װאוקס פֿון דער אַ"ר־שול־באַװעגונג, דער װאוקס װאָס האָט געפֿירט צו דער פֿאַרגרעסערונג פֿונעם בודזשעט, האָט זיך אױסגעדריקט נישט בלױז אין דעם אױפֿקומען פֿון נײַע עלעמענטאַר־שולן, נאָר אױך אין דער אַנטװיקלונג פֿון פֿאַרשײדענע אַנדערע טעטיקײטן, װאָס זײנען פֿאַרבונדן מיט דער ייִדישער דערציאונג . . .

און איצט, אַז מיר האָבן זיך באַקענט מיט דעם װעג, אױף װעלכן די אַ"ר־שול איז געגאַנגען אין איר קאַמף פֿאַר אָנערקענונג און איר שטרעבן זיך אױסצושפּרײטן, װעלן מיר אַרײנקוקן אין דער געשיכטע פֿון איר אינעװײניקסטן לעבן.

6

פראָגראַם

א.

וואָס און ווי זאָל מען לערנען אין די ארבעטער־רינג־שולן? מיט דער פראַגע האָט מען זיך די ערשטע צייט ניט אָפּגעגעבן אין די א"ר־קרייזן. מען איז געווען פאַרנומען מיט דיסקוטירן דעם עצם ענין יידישע שולן — צי דאַרף מען זיי האָבן. ערשט אין יאָר 1917, נאָך דעם ווי די קאָנווענשאָן פון א"ר האָט, ענדלעך, באַשטימט א סומע פון טויזנט דאָלאַר אויף א „מוסטערשול" אין ניו־יאָרק, האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן א פּראָגראַם פאַר די שולן. וואָס זאָל מען לערנען אין זיי? דעם ערשטן דאָקומענט, וואָס האָט צו טאָן מיט אָט דער וויכטיקער פראַגע, געפינען מיר אין „פריינד" פון יאַנואַר, 1918. דאָס איז אַן אַרטיקל פון יעקב לעווין: „ווי צו עפענען א מאָדערנע יידישע שול?" אין אָט דעם אַרטיקל געפינען מיר די פאָלגנדיקע פּונקטן, וואָס קאָנען באַטראַכט ווערן ווי פּונקטן פון א שולפּראָגראַם:

1) „דאָס קינד דאַרף זיך אין דער יידישער שול אויסלערנען גוט לעזן יידיש, שרייבן ריכטיק און גוט אויסלייגן זיינע געדאַנקען אין יידיש. 2) עס דאַרף דאָרט דורך נייטיקן און פּאַסיקן לעזע־מאַטעריאַל באַקאַנען זיך מיטן לעבן פון די יידן, באַזונדערס פון די יידישע מאַסן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער, מיט זייערע מנהגים און זיטן, מיט זייער אַרט מאַכן א לעבן, מיט זייערע אידעאַלן און שטרעבונגען. 3) עס דאַרף לויט די בעסטע און פּאַרן קינד צוגענגלעכע מוסטערן באַקאַנען זיך מיט די שאַפונגען פון דעם יידישן פאָלק, מיט זיין ליטעראַטור, סיי נייער, סיי אַלטער, ריכטיקער — מיט דאָס בעסטע, וואָס עס איז פאַראַן אין דער יידישער ליטעראַטור. 4) דאָס קינד דאַרף זיך באַקאַנען מיט דער געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק, דער אַלטער און באַזונדערס דער נייער. א פּראָמינענטן אָרט דאַרף דערביי פאַרנעמען די געשיכטע פון די יידן אין אַמעריקע. 5) דאָס קינד דאַרף זיך אויסלערנען זינגען יידישע לידער, סיי פאָלקסלידער און ניגונים, סיי לידער פון אונדזערע בעסטע דיכטער — א זאַך וואָס וועט אים געבן א מיגלעכקייט אויף א שיינעם אופן אויסצודריקן זיינע געפילן, פריידן און ליידן. 6) די יידישע שול דאַרף אויך אַנטוויקלען ביים קינד די בעסטע געפילן: דאָס געפיל פון יושר און גערעכטיקייט; פון ליבע צו פרייהייט; פון אַכטונג צו קעמפער פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. זי דאַרף אַנטוויקלען אינעם קינד דעם אידעאַליזם, וועלכער

דריקט זיך אויס אינעם שטרעבן צו געזעלשאַפטלעכער העלדישקייט און אָפּפער־ווילִיקייט. איבער דער גאַנצער דערציאונג אין דער יידישער שול דאַרף שוועבן דער גייסט פון פרייהייט. 7) די יידישע שול דאַרף אויך אַנטוויקלען ביים קינד דאָס געפיל פון שיינקייט: פון באַנעמען און ווערן באַגייסטערט פון אַלץ וואָס איז שיין".

דער דאָזיקער אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן פאַר דער 18טער קאָנוועשאָן פון א"ר. נאָך דער קאָנווענשאָן איז די פראַגע וועגן דעם כאַראַקטער און דער פראָגראַם פון די שולן באַטראַכט געוואָרן אויף דער ספּעציעלער באַראַטונג וואָס האָט געזאָלט צוגרייטן די גרינדונג פון די ערשטע א"ר־שולן אין ניו־יאָרק. וואָס פאַר אַ פּראָגראַם די באַראַטונג האָט אויסגעאַרבעט און צי האָט זי בכלל אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם, — איז אונדז נישט באַוואוסט. מיר ווייסן נאָר, אַז ערב דער גרינדונג פון די שולן האָט שוין עקסיסטירט ביים בילדונגס־קאָמיטעט אַ פּעדאַגאָגן־ראַט: ער איז באַשטאַנען פון שלום אַש, א. ליטווין, י. לעווין, אב. עפּשטיין, האננא סאַלוצקי און נ. פיינערמאַן. און אָט דער פּעדאַגאָגן־ראַט האָט אין איינעם מיטן בילדונגס־קאָמיטעט פאָרמולירט צום ערשטן מאָל די צילן פון דער א"ר־שול און אָנגעצייכנט דעם פּלאַן פאַר אירע לימודים.

די צילן פון די אַרבעטער־רינג־שולן זיינען אַזוי פאָרמולירט געוואָרן: „לערנען די קינדער גוט לייענען, שרייבן און ריידן יידיש; 2) באַקאַנט מאַכן זיי מיט די בעסטע מוסטערן פון דער יידישער ליטעראַטור; 3) באַקאַנט מאַכן זיי מיט דעם לעבן פון דעם אַרבעטער און פון די ברייטע יידישע מאַסן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער; 4) באַקאַנט מאַכן זיי מיט דער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק און מיט די עפּיזאָדן פון קאַמף פאַר פרייהייט פון דער אַלגעמיינער געשיכטע; 5) אַנטוויקלען ביי זיי די געפילן פון יושר, פון ליבע צו אונטערדריקטע, פון ליבע צו פרייהייט און אַכטונג צו די קעמפער פאַר פרייהייט; 6) אַנטוויקלען ביי זיי דאָס געפיל פון שיינקייט; און 7) אַנטוויקלען ביי זיי דעם הויכן אידעאַליזם און די שטרעבונג צו גרויסע מעשים, וועלכע זיינען נייטיק פאַר יעדן קינד פונעם אונטערדריקטן קלאַס אויף זיין ווייטערדיקן לעבנסוועג צו אַ בעסערער אָרדענונג". („פריינד", סעפּטעמבער, 1919).

ווי דער לעזער זעט, זיינען אָנגענומען געוואָרן כמעט אַלע פּונקטן פון דער פריער געבראַכטער יעקב לעווינס פּראָגראַם. עס זיינען דאָך געמאַכט געוואָרן אין איר געוויסע ענדערונגען, — און זיי זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש. עס איז ערשטנס צוגעקומען אַ פּונקט וועגן „באַקאַנט מאַכן די קינדער מיט דעם לעבן פון דעם אַרבעטער און פון די ברייטע יידישע מאַסן אין אַמעריקע און אין אַנדערע לענדער".

(אין יעקב לעווינס פּראָגראַם האָט זיך גערעדט וועגן „די יידישע מאַסן", נישט ספּעציעל וועגן דעם „אַרבעטער").

צווייטנס, איז אקצענטירט און קאנקרעטיזירט געוואָרן דער מאָמענט פון סאָציאַלן קאמף: ניט סתם אזוי „יושר און גערעכטיקייט", „אידעאַליזם אָדער געזעלשאפטלעכע העלדישקייט", ווי עס איז געשטאַנען אין דער פּראָגראַם פון יעקב לעווינען, נאָר בפירוש: קאמף פאר פרייהייט, דער וועג צו א בעסערער אָרדענונג אאַז"וו.

און אָט איז די פּראָגראַם, וואָס האָט געדאַרפט פירן צו די נאָר וואָס פאָרמולירטע צילן:

„אין די אַרבעטער־רינג־פאָלקשולן ווערט געלערנט מיט די קינדער: א) די יידישע שפּראַך: לייענען, שרייבן און ריידן; ב) יידישע געשיכטע; ג) יידישע ליטעראַטור; ד) געזאַנג, דעקלאַמאַציע און טענץ; ה) עס ווערן געפייערט געוויסע יידישע און אַלגעמיינע ימים־טובים, אַרבעטער ימים־טובים און אַלגעמיינע פרייהייטס־ימים־טובים".

„מיט די קינדער ווערן אויך געפירט שמועסן וועגן פאַרשיידענע דערשיי־נונגען אין דער נאָענטער סביבה פונעם קינד און אויך אין צוזאַמענהאַנג מיט די ליטעראַרישע פראַגמענטן, וואָס דאָס קינד לעזט אין שול. מע דערציילט אויך די קינדער און מע לעזט זיי פאַר מעשיות און דערציילונגען, וואָס דאַרפן אַנטוויקלען די פאַנטאַזיע און דעם ווילן פון די קינדער, און די בעסטע עטישע און עסטעטישע געפילן. צוליב דעם זעלבן צוועק ווערן מיט די קינדער אויך פון צייט צו צייט איינגעאָרדנט אויספאָרונגען אין א פּאַרק, באַזוכונגען פון קונסט־מוזייען און פון אַנדערע וויכטיקע אַנשטאַלטן, וואָס האָבן א דער־ציאונגס־באַדייטונג."

דאָס איז די פּראָגראַם געווען — טעאָרעטיש. וואָס איז געוואָרן פון איר אין דער פּראַקטיק פון דער שול? דאָס האָט זיך געווענדט אָן די לערערס. יעדער לערער האָט אַריינגעלייגט אין דער פּראָגראַם אַזאַ אינהאַלט, וואָס ער האָט געוואָלט.

אין דער הארלעמער שול, וואו דער הויפּטפירער איז געווען יעקב לעווין, האָט מען געלערנט, ווי עס דערציילט אונדז א באַריכט: „יידיש לייענען און שרייבן . . . מע שמועסט מיט זיי (מיט די קינדער) אויף א ריי טעמעס וואָס האָבן א נאָענטע שייכות צו זייער לעבן און זייער נאָענטער סביבה. און מע לערנט זיי אויף אַזאַ אופן בעסער ריידן יידיש. מע דערציילט די קינדער מעשהלעך פון דער יידישער געשיכטע און אויך אַלגעמיינע מעשיות, וואָס האָבן אין זיך אין לעצטן סך־הכל, געוויינטלעך א געוויסן מוסר־השכל, אָפט מאָל ווערט מיט די קינדער אויך געשפּילט: אין קלאַס און אין דער צייט פון לערנען אָדער אויסערן קלאַס — אין פאָדער־צימער — נאָך דער צייט פון לערנען. אַלס טעקסטבוך צום לייענען ווערט באַנוצט: „די נייע יידישע שול" ערשטער טייל פון י. לעווין. ביים לעזן מיט די יינגסטע צוויי קלאַסן ווערט נאָך באַנוצט א באַוועגלעכער אלף־בית. די לערער זיינען זיך געוויינטלעך מישב יעדע וואָך

וועגן דעם, וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן אין משך פון דער נעקסטער וואָך אין יעדן קלאַס באַזונדער, און אַלצדינג וואָס עס ווערט אָפּגעטאָן אויף יעדער לעקציע מיט יעדן קלאַס באַזונדער ווערט פונעם לערער פאַרצייכנט גענוי און פּינקטלעך אין קלאַסזשורנאַל; אַזוי, אַז עס איז מיגלעך לויט דעם זשורנאַל צו יעדער צייט צו וויסן, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין קלאַס פאַר דער גאַנצער צייט. מיט די עלטערע קינדער פון א־2 און ב׳ איז אויך אויסגעקומען צו באַנוצן אַלס טעקסטבוך די זעלבע „נייע יידישע שול״, הגם פאַר זיי איז דאַרט ניט געווען גענוג וואָס צו לייענען. דאָס איז געטאָן געוואָרן דערפאַר, וואָס קיין אַנדער פּאַסיק לעזעבוך פאַר די קלאַסן איז דערווייל ניטאָ און וואָס דער לערער פון די קלאַסן האָט די גאַנצע צייט געוואַרט, אַז עס זאָל גאָר אין קורצן הערשיינען דער צווייטער טייל פון דער „נייער יידישער שול״, וועלכער איז לויט זיין מיינונג צוגעפּאַסט צו אָט די קלאַסן. דערווייל זיינען אויסגענוצט געוואָרן צום לייענען מיט דעם העכערן קלאַס אויסער דעם טעקסטבוך די קאָרעקטורן פון דעם 2טן טייל „נייע יידישע שול״, איין ביכעלע שטיינבערגס מעשהלעך פון די „ראָזינקעס מיט מאַנדלען״ (אין וועלכע עס גייען אריין פראַגן) און איין ביכעלע פון „פאַר אייך און אייערע קינדער״, נ. יערוסאַלימטשיקס פאַבלען״. פאַר די עלטערע קלאַסן ווערט אָפּט אויך פאַרגעלעזן אין קלאַס; און דערביי ווערן באַנוצט זאַכן, ביי וועלכע עס קאָן אָנגעקניפּט ווערן דערנאָך מיט די קינדער אַ שמועס וועגן דעם לעבן און דעם קאַמף פון די יידישע אַרבעטער, וועגן פאַרשיידענע זייטן פון אויפ־פירונג. בכלל אַזעלכע זאַכן וועלכע קאָנען העלפן דער פאַרמירונג, פונעם כאַראַקטער פון די קינדער אין דער ריכטונג, וואָס די שול האָט זיך אָנגע־מערקט. אין די קלאַסן ווערן אויך מיט די קינדער אָפּט געמאַכט פאַרשיידענע גראַמאַטיקאַלישע איבונגען, כדי זיי זאָלן זיך אויסלערנען בעסער ריידן״. („פריינד״, מאַי, 1919)

דאָס איז לויטן באריכט, געווען דער שטייגער לערנען אין דער א״ר־שול פון הארלעם. אין אַנדערע שולן האָט מען געלערנט אַנדערש. עס איז ניט איינגעפירט געווען נאָך קיין איינהייטלעכקייט אין דעם סדר און דער פּראָ־גראַם פון די לימודים. עס איז אייגנטלעך נאָך נישט קלאָר געווען די עצם פּראָגראַם. די ניט־קלאָרקייט און ניט־באַשטימטקייט איז געווען אַזוי גרויס, אַז אויף דער 20סטער קאָנווענשאָן פון א״ר האָט זיך דער באַריכט־אָפּגעבער געקלאָגט, וואָס „די א״ר־שול איז נאָך ניט אומעטום דאָס, וואָס זי וואָלט באַ־דאַרפט זיין, וואָס אירע שעפער וואָלטן געוואָלט זי זאָל זיין. אין אייניקע ערטער איז זי נאָך אַלץ אַ נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול״. „און פון דער אַנדער זייט זיינען נאָך פאַראַן שולן, וועלכע זיינען נאָך אַלץ ניט מער, ווי „סאָציאַליסטישע סאַנדעי־סקולס״ אויף יידיש, וואו אויסער אויסלערנען לייענען און שרייבן יידיש, באַשטייט די תורה פון

פ ר ע ד י ק ן מישטיינס־געזאָגט סאָציאַליזם אין דער פֿאָרם מערסטן טייל פֿון אַגיטאַציע, און וואו יעדע זאַך, וואָס טראָגט אויף זיך אַ שאָטן פֿון יידישער שאַפֿונג, אַפֿילו פֿון געזונטער יידישער שאַפֿונג, איז טריף״ (דער „פֿריינד״, יוני־יולי, 1920).

דאָס איז אַ באַריכט פֿון 1920. אָבער אויך שפּעטער מיט אַ יאָר, אויפֿן צווייטן אַ״ר־צוזאַמענפֿאָר, האָט יעקב לעווין נאָך אַלץ געטענהט, אַז „עס זיינען פֿאַראַן ביי אונדז אין די שולן אַזעלכע לערער, וועלכע קוקן אויף אונדזערע שולן, ווי אויף געוויינטלעכע יידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן (אָדער פֿאָלק־שולן, ווי יענע הייסן איצט), ווי אויף שולן, וואָס שיידן זיך אונטער פֿון די פֿאָלקשולן בלויז מיטן נאָמען. זיי האָבן זיך נאָך ניט דורכגעדרונגען מיט די באַזונדערע פּרינציפּן פֿון דער אַ״ר־שול: מיט איר וועלטלעכקייט (ניט בלויז אין זין פֿון ריינקייט פֿון רעליגיע, נאָר אויך אין זין פֿון ריינקייט פֿון נאַציאָנאַ־ליסטישקייט, פֿון אַקטיוון נאַציאָנאַליזם) און מיט איר סאָציאַליסטישקייט, אין זין פֿון אַקטיווער אָנרעגונג פֿון די קינדער צו פֿאַראינטערעסירן זיך מיט דעם אַרבעטער־לעבן און דעם אַרבעטער־קאַמף און פֿון דערציען די קינדער אין די העכערע באַגריפֿן פֿון געזעלשאַפֿטלעכער מאָראַל. אייניקע לערער אונדזערע לייקענען אַפֿילו די עקזיסטענץ פֿון אַ באַזונדער טיפּ אַ״ר־שול; זיי אָנער־קענען ניט, אַז עס איז דאָ אַן אָפֿיציעלער שטאַנדפּונקט פֿונעם אַרבעטער־רינג וועגן דער פֿראַגע און זיי האַלטן, אַז אַט דער שטאַנדפּונקט דאַרף זיך ערשט אויסאַרבעטן, און אַז אויסאַרבעטן אים זיינען באַרופֿן טאַקע די לערער״. („פֿריינד״, יוני־יולי, 1921).

דערמיט דערקלערט זיך, וואָס נאָך אין 1919 האָט די 19טע אַרבעטער־רינג־קאָנווענשאָן אָנגענומען די פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „נעמענ־דיק אין אַכט, אַז עס איז אומבאַדינגט נייטיק דאָס אין אַלע אַרבע־טער־רינג־שולן איבערן גאַנצן לאַנד זאָל זיין אַן איינהייטלעכע פּראָ־גראַם, סיי וואָס אָנבאַלאַנגט די לימודים און סיי צו דער פֿאָרמע פֿון פֿאַר־וואַלטונג, באַאויפֿטראָגט די 19טע יערלעכע קאָנווענשאָן די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע, דאָס אַזוי שנעל ווי זי וועט דאָס נאָר געפֿינען פֿאַר פּאַסנד, זאָל גערופֿן ווערן אַ קאָנפֿערענץ פֿון אַלע עקזיסטירנדע שולן, און גרינדן אַן אַרבעטער־רינג־שול־פֿאַרבאַנד״.[1] און אויף דעם 29סטן אַפּריל און 1טן מאַי, 1920, איז טאַקע גערופֿן געוואָרן אין ניו־יאָרק אַ צוזאַמענפֿאָר פֿון אַלע אַ״ר־לערערס — דער ערשטער אַרבעטער־רינג־שול־צוזאַמענפֿאָר. זיין הויפּטציל איז געווען, — „אויסצואַרבעטן דעם שטאַנדפּונקט״, ד״ה, די איינהייטלעכע פּראָגראַם פֿון די אַ״ר־שולן. דער דאָזיקער ציל, ווי אויך די איבעריקע, ווינציקער וויכטיקע, צילן פֿונעם ערשטן אַ״ר־שולצוזאַמענפֿאָר זיינען פֿאָרמולירט געוואָרן אין אַ לייט־אַרטיקל פֿון „פֿריינד״ ערב דעם צוזאַמענפֿאָר. אָט וואָס עס איז אינעם לייט־אַרטיקל געשטאַנען: „די קורצע עקזיסטענץ פֿון די אַרבעטער־רינג־

קינדער־שולן האָט שוין באַוויזן אַרויסצורוקן אַ גאַנצע ריי וויכטיקע פראַגעס, וואָס וואַרטן אויף אַן איינהייטלעכן ענטפער. די אַבסטראַקטע און טעאָרעטישע פּראָגראַמען, מיט וועלכע פיל פון אונדז האָבן זיך אַרומגעטראָגן בנוגע דער אַ"ר־שול, האָבן ניט געקענט אָנגעווענדט ווערן אין אַלע ערטער גלייך. די לערער, הגם אַלע סאָציאַליסטן און פּאַסנד פאַר די אַרבעטער־רינג־שולן, האָבן אָבער פאַרשיידענע בליקן אויף וויכטיקע שולפראַגעס, און עס קומט אויס, אַז כמעט יעדע שול האָט אירע מעטאָדן, אירע יום־טובים, איר פאָרם פון פאַרוואַלטונג און אַפילו איר אָרטאָגראַפיע. אחוץ דעם, האָט דאָס לעבן שוין צייטיק געמאַכט אַזעלכע פראַגן ווי לערן־ביוראָ, לערער־קורסן, לערער־זשורנאַל, קינדער־זשורנאַל, קינדער־ליטעראַטור, קינדער־קלובן, לערביכער, געזאַנג־פּראָגראַם, — אַלץ אַזעלכע פראַגעס, וואָס קענען ווי געהעריק איז פאַרהאַנדלט ווערן נאָר אויף אַ צוזאַמענפאָר, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך פאַרטרעטערס פון אַלע שולן. דער רוף פאַר אַ צוזאַמענפאָר איז דעריבער כמעט גלייכצייטיק געקומען פון פאַרשיידענע שטעט. עס איז ניט דער געוויינטלעכער, שאַבלאָנער פאַרלאַנג פאַר צוזאַמענפאָרן כדי זיך דורכצורעדן. עס איז גיכער ווי אַלץ דער נאַטירלעכער דראַנג צוזאַמען אויפצובויען אַ מער אָדער ווייניקער פערמאַנענטע פּלאַטפאָרמע, אויף וועלכער אַלע אַרבעטער־רינג־שולן זאָלן זיך באַזירן („פריינד", מערץ־אַפּריל־מאַי, 1920).

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין דער האַרלעמער שול, און איר פירער און אידעאָלאָג, יעקב לעווין, דער פאָרזיצער פון דער ערשטער זיצונג, האָט געהאַלטן די דערעפנונגס־רעדע. גראָד איז זי אויפגעהיט געוואָרן אין מאַנוסקריפּט — אגב, שיר ניט דער איינציקע האַנט־שריפטלעכער שול־דאָקומענט פון די ערשטע יאָרן, וואָס אונדז איז געלונגען אויסצוזוכן, — און אַזוי ווי די דאָזיקע רעדע איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם ערשטן פעריאָד אין דער געשיכטע פון דער אַ"ר־שול־פּראָגראַם, וועלן מיר איינציקע שטעלן פון דעם דאָזיקן דאָקומענט ציטירן: „. . . די אַרבעטער־רינג־שולן . . . זיינען, ערשטנס, די ערשטע ריין וועלטלעכע יידישע שולן אין אַמעריקע. די ערשטע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן זיינען געווען לויט זייער פּראָגראַם און גייסט יידישע חדרים־מתוקנים. זייער הייליקע באַציאונג צו העברעאיש, זייער שטיין אַן אַ היטל (?) פאַר אַלץ וואָס איז אַלט־יידיש, וואָס איז פאַרשריבן אין דער יידישער געשיכטע, קורץ, זייער נאַציאָנאַליסטישער ראָמאַנטיזם, וועלכער האָט געגרענעצט, פון איין זייט, מיט רעליגיע, ניט קוקנדיק אויפן אַנדער טייל פון (זייער) נאָמען („ראַדיקאַלע") און פון דער צווייטער זייט — מיטן ציוניזם, — דאָס אַלץ האָט זיי ניט געלאָזט ווערן וועלטלעכע שולן — ניט רעליגיעזע און ניט נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישע. די אַ"ר־שולן זיינען די ערשטע ריין וועלטלעכע שולן, וואו עס ווערט נישט נאָר ניט געפּלעגט קיין רעליגיע, וואו זי ווערט נישט נאָר ניט פאַרהערלעכט, נאָר וואו זי ווערט מיגלעכסט באַזייטיקט, וואו אירע עלעמענטן

ווערן אויף וויפל מיגלעך אָפּגעשוואַכט אפילו אין די זייטן פון דער יידישער קולטור, וועלכע זיינען אַן און פאַר זיך ווערטפול און וועלכע זיינען אין דער זעלבער צייט דורכגעדרונגען מיט דעם גאָט־עלעמענט, ווי ביבלישע לעגענ־דעם . . . דער יידישער אַרבעטער איז ניט מער רעליגיעז, ער לעבט אויך ניט מיט ראָמאַנטישע זכרונות פון אַ מאָל. ער לעבט מיטן הוה, אָבער אין דער זעלביקער צייט מיט אַ בליק אויף דער צוקונפט" אאַז"וו. „פון אַלע קולטורעלע יידישע אוצרות נעמט ער בלויז דאָס, וואָס האָט אַן אמתן ווערט אים צו אויס־איידלען, צו פאַרשאַפן אים פאַרגעניגן און צו פאַרשטאַרקן. ער שטייט ניט אָן אַ היטל פאַר אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך אַ יידישן שטעמפּל אָדער פאַר אַלץ, וואָס איז אַלט" אאַז"וו, אאַז"וו אינעם גייסט פונעם וואויל באַ־קאַנטן ראַדיקאַלן משכּיליזם. אָבער נישט נאָר מיט איר „וועלטלעכ־קייט" זאָל די אַ"ר־שול זיין אַנדערש פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן. „נאָך אין אַ הינזיכט", האָט דער אָפיציעלער רעדנער פונעם ערשטן שול־צוזאַמענפאָר דערקלערט, — נאָך אין אַ הינזיכט איז די אַ"ר־שול אין עצם אַ טריט פאָרויס. זי דערקלערט אָפן, אַז זי איז אַן אַרבעטער־שול. אַנדערע שולן, אפילו די יידישיסטישע שלום־עליכם־שולן — מאַכן פאַר זייער דעוויז: „דאָס יידישע קינד פאַר דעם יידישן פאָלק". „אָבער (האָט דער פּראָגראַם־רעדנער אויסגעשריען) קיין יידיש פאָלק אַלס עפּעס איינהייטלעכס איז גאָרניט פאַראַן, ווי עס איז ניטאָ קיין איינהייטלעך פראַנצייזיש אָדער אַמעריקאַניש פאָלק. יעדעס פאָלק איז אַצינד איינגעטיילט אין קלאַסן — און די קולטור, די סביבה, דער אַרט לעבן, די מאָראַל, די שטרעבונגען זיינען אַלץ פאַרשיידן פאַר יעדן קלאַס, און די שול אַלס די העכסטע אויסדריקערין און אַלס דער העכסטער אויס־דרוק פון קולטור דאַרף זיין אַ גאַנץ באַזונדערע פאַר יעדן קלאַס — אַ גאַנץ באַ־זונדערע פאַרן אַרבעטער־קלאַס, כדי זי זאָל ניט זיין קיין קלאַסנשול פון דער בורזשואַזיע" אאַז"וו, אאַז"וו.

אַנשטאָט דעם דעוויז: „דאָס יידישע קינד דעם יידישן פאָלק" האָט יעקב לעווין געוואָלט מאַכן פאַרן מאָטאָ פון דער אַ"ר־שול: „דאָס יידישע אַרבעטער־קינד פאַר דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס." און אָט דאָס האָט געזאָלט ווערן דער אויסגאַנגס־פונקט פאַר דער איינהייטלעכער פּראָגראַם פון דער אַ"ר־שול.

די פּראָגראַם, וואָס איז פאַקטיש אָנגענומען געוואָרן און וואָס איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין אַ באַזונדער בראָשור,[2] איז ניט געווען אַזוי שטרענג אויסגעהאַלטן אינעם גייסט פון פריידענקערישן משכּיליזם און עקסטרעמען קלאַסנקאַמף, ווי די דערעפנונגס־רעדע אויפן ערשטן שול־צוזאַמענפאָר האָט פאַרלאַנגט. „נעמען מיר זי דורכקוקן, שרייבט ז. יעפרויקין, געפינען מיר אין איר זייער שוואַכע סימנים פון „סאָציאַליסטישקייט", אחוץ אפשר אין דער הקדמה וואָס איז פול מיט סאָציאַליסטישע פראַזן און מאַכט מער דעם איינ־

דרוק פון אַ פּאַרענטפערונג פאַר וואָס דער אַ"ר האָט יידישע שולן. דער מאַ־טעריאַל ווידער, וואָס ווערט אין דער פּראָגראַם פאָרגעלייגט די לערערס פאַרצו־לייענען די קינדער, איז דער זעלביקער וואָס אין אַלע טיפּן יידישע שולן. נאָך ערגער איז עס געווען מיט די כרעסטאָמאַטיעס, וואָס זיינען אין יענער צייט באַנוצט געוואָרן. איר מוזט זוכן מיט אַ מיקראָסקאָפּ דעם סאָציאַליזם אין זיי און אויך דאַן וועט איר אים אוממיגלעך זיין צו געפינען. זיי זיינען פול מיט פּסוקים פון די חכמים און משלי, וואָס זיינען זייער גוט פאַר מאָראַל פּרעדיקונג, אויסצוגן פון חומש וועגן יציאת־מצרים, מתן־תורה. איר געפינט דאָרטן אפילו די מגילת־אסתר. ניט אומזיסט זיינען די זעלבע טעקסטביכער שפּעטער אויך באַניצט געוואָרן אין די תלמוד־תורהס, ווען מען האָט דאָרטן גענומען לערנען יידיש".[3]

נון, די באַהויפּטונג, אַז די סאָציאַליסטישקייט פון דער ערשטער פּראָגראַם איז געווען נאָר אין איר הקדמה, איז אַ שטיקל גוזמא. אין די שמועסן מיט די תלמידים פון צווייטן יאָר געפינען מיר טעמעס „וועגן אַ סטרייק און דער לאַגע פונעם אַרבעטער אין דער צייט פון סטרייק." צווישן די ביאָגראַפיעס פון גרויסע מענטשן געפינען מיר די ביאָגראַפיעס פון ספּאַרטאַק און גערשוני. אין פּראָגראַם פאַרן דריטן יאָר פיגורירט אַ לייען־מאַטעריאַל וועגן ערשטן מאַי, וועגן יוניאָנס, וועגן אַרבעטער־פּאַראַדן, אַ שמועס וועגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אד"גל. איז נישט גאָר ריכטיק, אַז עס איז נישט געווען קיין סאָציאַליסטיש־קייט אין דער פּראָגראַם. עס איז אָבער אמת, אַז זי איז געווען אַ סך מער יידיש־נאַציאָנאַל, ווי מען האָט געקענט מיינען, ווען מען האָט געלייענט דעם אַריינפיר צו איר.

פון וואַנען האָט זיך גענומען דאָס, וואָס דער טעקסט פון דער פּראָגראַם איז ניט אין גאַנצן געווען אין איינקלאַנג מיט דער פאָררעדע? דאָס האָט זיך גענומען פון דער פּסיכאָלאָגיש־סתירותדיקער לאַגע, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען די ערשטע צייט די ערשטע בויערס פון דער אַ"ר־שול: אין האַרצן האָבן זיי געוואָלט אַ יידיש־נאַציאָנאַלע שול, וואָס זאָל האָבן אַ סאָציאַליסטישן גייסט, אָבער צוליב דער קעגנערשאַפט מצד די ראַדיקאַלע אַסימילאַטאָרן האָבן זיי געמוזט ניצן די פראַזעאָלאָגיע פון אַ פּראָלעטאַרישער קלאַסנשול.

דאָס איז געווען איין שוואַכקייט פון דער ערשטער פּראָגראַם. איר צווייטער פעלער איז געווען, וואָס זי האָט געוואָלט אויסלערנען די קינדער „די גאַנצע תורה אויף איין פוס". זי איז בכלל געווען — שרייבט ח. בעזפּראָזוואַני — צו פיל איינגעגליבט אין לערנען, — אין קנעלן מיט די קינדער זי איז געווען „נאַאיוו צוליב איר שטאַרקן גלייבן אינעם כח פון לימודים, אינעם כח, וואָס דאָס וויסן האָט אויפן כאַראַקטער פון מענטשן; אוטאָפּיש אין אירע דערוואַרטונגען, אַז די יידישע פאָלקשול וועט זיין אין שטאַנד צו געבן די קינדער אַן ענציקלאָפּעדישע בילדונג, אַז במשך פון פיר יאָר פון

דער עלעמענטאַר־שול וועלן די קינדער, למשל, זיין ביכולת דורכגיין די גאַנצע יידישע געשיכטע מיט אַלע פּרטים, פון תרחן ביז דער רוסישער רעוואָלוציע און נאָך ווייטער . . .״[4]

דאָס איז — פון איין זייט; פון דער אַנדער זייט זאָל אָבער די דאָזיקע פּראָגראַם האָבן געווען „אַ גאַנץ פיינער אויפּטו״ — מעטאָדיש. פון איר זאָלן די א״ר־שולן האָבן „דערהאַלטן עד־היום ניט בלויז די ציל־איינשטעלונג, נאָר אויך די סכעמע פון די לימודים. „פון דעם אָנהייב, וואָס די פּראָגראַם האָט געמאַכט צו גרופּירן ליטעראַרישע פראַגמענטן ט ע מ אַ ט י ש (פאַרן קלאַס „ד״) איז די לעצטע יאָרן ביי אונדז אויסגעוואַקסן דער קאָמפּלעקסן־מעטאָד, וואָס פאַראייניקט ליטעראַטור, סאָציאַלע שמועסן און ביאָגראַפיעס אין איין אַלגעמיינער סיסטעם. די ערשטע פּראָגראַם באַטאָנט אויך די ע ס ט ע ט י ש ע, ניט בלויז די עטישע דערציאונג פון די קינדער. זי קנעלט איין מיט די לערערס וועגן דער נייטווענדיקייט צו שפּילן זיך מיטן קליינוואַרג, זינגען מיט זיי לידער און דערציילן חברה שיינע מעשיות״.[5]

לויט דעם פאָרשלאָג פון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע האָט דער ערשטער שול־צוזאַמענפאָר באַשלאָסן, אַז דער קורס אין דער א״ר־שול זאָל באַשטיין פון צוויי טיילן: 1) אַן עלעמענטאַרער קורס, און 2) אַ העכערער קורס. דער קורס פון דער עלעמענטאַרער שול זאָל זיין אַ פּיריאָדיקער, איינגעטיילט אין פאָלגנדע קלאַסן: א־1, א־2, ב־1, ב־2, ג־1, ג־2, ד־1, ד־2.[6]

וואָס איז שייך צו איינציקע פּונקטן פון דער פּראָגראַם, איז כדאי צו דערמאָנען דעם פּונקט וועגן דער פייערונג פון „געוויסע יידישע און אַרבעטער־ימים־טובים און אויך אַלגעמיינע פרייהייטס־ימים־טובים״. דער ענין ימים־טובים — און אויך יידישע ימים־טובים — איז קיין נייס ניט אין דער א״ר־שול. שוין דער ערשטער שול־צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„דער צוזאַמענפאָר באַשליסט, אַז די פאָלגנדע ימים־טובים זאָלן געפייערט ווערן אין די א״ר־שולן:

1) פּסח — אַלס באַפרייאונג יום־טוב פון די יידן.
2) ל״ג בעומר — אַלס אָנדענק פונעם קאַמף פון בר־כוכבאן און ר׳ עקיבאן.
3) דער ערשטער מאַי — אַלס יום־טוב פון אַרבעטער־ברידערלעכקייט און אַלס אויסדרוק פון אַלוועלטלעכן שלום.
4) חנוכה — אַלס יום־טוב פון באַפרייאונג פון גריכישן יאָך.
5) 18טער מערץ — יום־טוב פון קאַמף פון די אַרבעטער פאַר זייער באַפרייאונג.
6) פּורים — אַלס קינדער יום־טוב (פון גיין פאַרשטעלט, שיקן שלח־מנות און אַנדערע פאַרווייַלונגען).

7) 4טער יולי — באפרייאונג פון אמעריקע.
8) 12טער פעברואר (לינקאָלנס געבורטסטאָג) — באפרייאונג פון די נעגערס.
9) רוסישע רעוואָלוציע (דער צוזאַמענפאָר לאָזט איבער צו יעדער שול דעם אויסוואַל פונעם טאָג.) *)
10) סוכות — איין טאָג."

(די פייערונג פון שבועות — אַלס נאַטור־יום־טוב — ווערט פונעם צוזאַמענפאָר אָפּגעוואָרפן מיט 12 שטימען קעגן 11.)

באמערקונג: ס'ווערט פארשטאַנען, אַז די לערער דאַרפן דערקלערן פאַר די קינדער די באדייטונג פון יעדן יום־טוב, אפילו פון די, וואָס ווערן אין די קלאַסן נישט געפייערט, ספּעציעל פאַר די עלטערע קינדער." („דער פריינד", יוני־יולי, 1920.)

דאָס איז געווען דער באַשלוס פונעם אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָר אין 1920. די 20סטע קאָנווענשאָן פון אַ"ר, וועלכע איז פאָרגעקומען באַלד נאָכן שול־צוזאַמענפאָר, האָט איר באַשלוס וועגן די ימים־טובים מאָדיפיצירט: זי האָט אָנגענומען אַלע אַלגעמיינע, אָבער ניט אַלע יידישע ימים־טובים. „פון די יידישע פייערטעג האָט זי איבערגעלאָזן נאָר פּסח, חנוכה און פורים". סוכות און ל"ג בעומר האָט זי נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו יום־טובען אין דער אַ"ר־שול. („דער פריינד", דאָרט).

וועגן יידישע לעגענדעס האָט דער ערשטער צוזאַמענפאָר אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע.

„דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט דעם גרויסן פּאָעטישן ווערט פון די אַלטע יידישע לעגענדעס פון תנך און פון די מדרשים, דעם דערציערישן ווערט פון אַ גרויסן טייל פון זיי, און זייער באַדייטונג אַלס עלעמענטן פון דער אַלטער יידישער געשיכטע; ער נעמט אָבער אויך אין אַכט אין דער זעלבער צייט, אַז זייער פיל פון אָט די לעגענדעס זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעזן עלעמענט, וואָס אַנטשפּרעכט ניט דער וועלטלעכקייט פון די אַ"ר־שולן. דער צוזאַמענפאָר באַשליסט דעריבער, אַז אינעם קוריקולום פון דער אַ"ר־שול, זאָלן אריינגעפירט ווערן די לעגענדעס וועגן די אָבות, און אויך נאָר די פון זיי, וואָס דער עלעמענט פון רעליגיע און גאָט איז ניט דער הערשנדער; און ער גיט איבער דעם בילדונגס־קאָמיטעט צו שאַפן אַ קאָמיסיע (וועלכע זאָל אריינעמען אויך זייטיקע קאָמפּעטענטע פּערזאָנען), וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ גענוי צעטל פון לעגענדעס פאַר די אַ"ר־שולן".

*) ד"ה, צי מע זאָל פייערן דעם טאָג פון דער פעברואַל־רעוואָלוציע, אָדער דעם טאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע — ש. נ.

עס איז כדאי צו פאַרצייכענען די רעזאָלוציע וועגן דעם העברעאישן עלע־מענט אין יידיש: „דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט: 1) אז כדי די קינדער זאָלן גוט קענען דעם העברעאישן עלעמענט פון דער יידישער שפראַך, וועלכער איז אַן אומאָפּטיילבאַרער און זייער וויכטיקער טייל אירער, איז נייטיק, אַז עס זאָל אַט דעם עלעמענט אָפּגעגעבן ווערן געגוג צייט שוין אָנהייבנדיק פונעם צווייטן יאָר אָן. 2) אַז כדי די קינדער זאָלן קאָנען באַוואוסטזיניק אויפנעמען און ריכטיק פאַרשטיין אַלע העברעאיש־יידישע ווערטער און באַזונדערס די העברע־אישע אויסדרוקן און זאַצן, וועלכע ווערן אָפּט באַנוצט אין דער יידישער שפראַך, איז אויסער דעם נייטיק, אַז אינעם לעצטן (פערטן) קלאַס, זאָל מען די קינדער נאָך באַקאַנט מאַכן מיט די עלעמענטאַרע כּללים פון דעם העברעאישן עלעמענט אין יידיש, וועלכע זיינען אומבאַדינגט נייטיק. דער שול־קאָמיסיע ווערט איבערגעגעבן אויסצואַרבעטן אַ צעטל פון אַט די כּללים און צעשיקן זיי איבער די שולן".[8]

די דאָזיקע, ווי אויך אַנדערע, רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויפן ערשטן שול־צוזאַמענפאָר, האָבן אַריינגעטראָגן, ווי עס איז דערקלערט גע־וואָרן אינעם באַריכט צום צווייטן שול־צוזאַמענפאָר אין 1921,—„איינהייטלעכ־קייט אין די לימודים; יעדע שול האָט שוין מער אָדער ווייניקער געוואוסט וואָס מע דאַרף לערנען אין יעדן קלאַס. אָבער וועגן דער ריכטונג פון דער דערציאונג, וועגן דעם גייסט פון דער דערציאונג אין דער אַ"ר־שול, איז נאָך אַלץ געבליבן פיל צו ווינטשן. קיין איינהייטלעכקייט אין דער הינזיכט איז נאָך ניט געווען" („פריינד", יוני־יולי, 1921). אויך אַנדערע פּראָגראַם־פּראָגעס זיינען נאָך נישט געווען קלאָר. האָט דאָס געפירט דערצו, אַז אין 1922 זאָל דער דריטער שול־צוזאַמענפאָר באַשליסן, אַז „עס איז אומבאַדינגט נייטיק צו רעווידירן די פּראָגראַם פון די אַ"ר־שולן און צוגרייטן מאַטעריאַל פאַר אַ נייעם פּראָגראַם־ביכל. דער צוזאַמענפאָר פאָדערט אויף די נאַציאָנאַלע שול־קאָמיסיע צו באַשטי־מען ספּעציעלע קאָמיסיעס, וועלכע זאָלן צוגרייטן די מאַטעריאַלן פאַר אַ פּראָ־גראַם, און צושטעלן די מאַטעריאַלן צום קומעדיקן צוזאַמענפאָר. די נאַציאָ־נאַלע שול־קאָמיסיע ווערט אויפגעפאָדערט צוצוציען צו דער אַרבעט אויך די לערער פון אַנדערע שטעט, אויסער ניו־יאָרק" („פריינד", יוני־יולי, 1922).

דער דאָזיקער שול־צוזאַמענפאָר האָט, אַחוץ דער אַלגעמיינער רעזאָלוציע וועגן רעווידירן די פּראָגראַם, אָנגענומען אַ ספּעציעלן באַשלוס וועגן יענעם טייל פון דער פּראָגראַם, וואָס האָט צו טאָן מיטן לימוד פון געשיכטע, — מיטן לימוד, וואָס פאַרשאַפט נאָך עד־היום גרויסע שוועריקייטן דער יידישער שול, וואָס איז נישט מער ווי אַ צוגאָבשול און האָט דערפאַר ווינציק צייט. דער צוזאַמענפאָר האָט אויפגעפאָדערט „די נאַציאָנאַלע שול־קאָמיסיע זי זאָל אויפן גרונט פון פאַרשיידענע פּראָיעקטן פון פּראָגראַמען וועגן געשיכטע צוזאַמענ־

שטעלן אַ פּראָיעקט פון געשיכטע און געשיכטלעכע לענענדעס פאַר אונדזערע שולן און פאַרעפנטלעכן אַזוי שנעל ווי מיגלעך." („דער פריינד", דאָרט) מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, אין 1924, האָט אַ ספּעציעלע לערער־קאָנפערענץ פון ניו־יאָרק און אַרום ניו־יאָרק באַשלאָסן, אַז „דער לעגענדאַרער טייל דאַרף אין גאַנצן אויסגעלאָזן ווערן" אינעם טעקסטבוך פון יידישער געשיכטע, אַז „די וויכטיקסטע עלעמענטן פון דער געשיכטע דאַרפן זיין סאָציאַל־עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און גייסטיקע", אַז „די אַלטע געשיכטע דאַרף פאַרנעמען ביי אונדז וויניקער פּלאַץ און אַז דער עיקר דאַרף מען באַהעפטן די קינדער מיט די לעצטע יאָרהונדערטן, וואָס האָבן באַאיינפלוסט אונדזער נייע צייט" („שול־בולעטין", אַרויסגעגעבן פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַ"ר, י. ביילין, בילדונגס־דירעקטאָר, נומער איינס, נאָוועמבער, 1924.) עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ קאָלעגיע, וואָס האָט געזאָלט אָנשרייבן דאָס טעקסטבוך פאַר געשיכטע לויט דעם אָנגעצייכנטן פּלאַן. די קאָלעגיע איז באַשטאַנען פון חיים שוים (אַלטע צייט), ד"ר י. חפץ (מיטל־עלטער) און ד"ר י. שאַצקי (נייע צייט). אויפגעשריבן און אַרויסגעגעבן געוואָרן אין צוויי בענד איז נאָר דער ערשטער טייל — פון חיים שוים. דאָך איז פאַר דעם פּונקט פון דער פּראָגראַם, וואָס האָט צו טאָן מיטן לימוד פון געשיכטע, באַלד נאָכן דריטן שול־צוזאַמענפאָר עפּעס געטאָן געוואָרן, אָבער דער באַשלוס, וואָס דער זעלביקער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען וועגן דער נייטיקייט צו רעווידירן די גאַנצע פּראָגראַם פון די אַ"ר־שולן, דער דאָזיקער באַשלוס איז אַ לאַנגע צייט געבליבן אויפן פּאַפּיר. ערשט אין 1927, אויפן 7טן שול־צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע, איז דורכגעפירט געוואָרן די רעוויזיע פון דער פּראָגראַם, וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1920, און עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ נייע פּראָגראַם. די צונויפשטעלערס פון דער פּראָגראַם זיינען געווען: יידיש — ש. הורוויץ (זאַלקעס); געשיכטע און לעגענדעס — ב. אָסטראָווסקי; סאָציאַלע דערציאונג (ביאָגראַפיעס, שמועסן, קלובן) — חיים קאַנטאָראָוויטש; ביבליאָגראַפיע און אַ ליסט פאַר אַ קינדער־ביבליאָטעק — ב. אָסטראָווסקי.

ב.

די נייע פּראָגראַם („פּראָגראַם פון די אַ"ר־שולן, אָנגענומען ביים 6טן אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע", אַרויסגעגעבן פון בילדונגס־קאָמיטעט פון אַ"ר, ניו־יאָרק, 1927, 96 זז.) *) האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ נייער פאָרמו־

*) אויף דער פּראָגראַם איז אָנגעגעבן, אַז זי איז אָנגענומען געוואָרן אויף דעם 6טן צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע. דאָס איז אָבער אַ טעות. דער 6טער צוזאַמענ־פאָר איז פאָרגעקומען אין אַטלאַנטיק סיטי. אויף דעם צוזאַמענפאָר האָט מען באַשלאָסן צונויפשטעלן אַ נייע פּראָגראַם. די נייע פּראָגראַם איז דערנאָך געבראַכט געוואָרן צו דעם 7טן צוזאַמענפאָר, וועלכער איז טאַקע פאָרגעקומען אין פילאַדעלפיע און דער צוזאַמענפאָר האָט זי אויך אָנגענומען — ש. נ. (זעט דעם אַ"ר־שול־בולעטין, יוני־יולי, 1926, ז. 11 און יוני־יולי, 1927, ז. 14־15).

לירונג און דערהויפּט מיט אַ נייער מאָטיווירונג פון די צילן, וואָס די אַ"ר־שולן שטעלן זיך.

די דאָזיקע פּראָגראַם איז צונויפגעשטעלט געוואָרן נאָך דער שפּאַלטונג פון 1926, ד"ה, נאָך דעם אוועקגיין פון די „לינקע", און עס איז ניט געווען מער קיין שאַרפע „אידעאָלאָגישע" מיינונגס־פאַרשיידנהייט אין די רייען פון די אַ"ר־שול־טוערס. עס איז ממילא אויך שוואַכער געוואָרן די פריערדיקע נייגונג צו „ראַדיקאַלער" פּראַזעאָלאָגיע און עס איז, אחוץ דעם, אויסגעוועפּט געוואָרן די מורא פאַר נאַציאָנאַלע שטימונגען, די מורא פאַר ייִדישקייט. האָט די פּראָגראַם־דערקלערונג פון 1927 זיך נישט באַנוגנט שוין מיט דעם מאָטיוו פון דערנענטערן די קינדער צו די עלטערן און צו זייערע סאָציאַלע אידעאַלן. די פּאַרפאַסער פון דער נייער פּראָגראַם האָבן זיך ניט געשעמט אויסצוזאָגן, אַז די שולן ווילן דערנענטערן די קינדער נישט נאָר צו זייערע עלטערן און נישט נאָר צום אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך צום ייִדישן פאָלק. די נאַציאָנאַלע מאָטיוון, וואָס שטילערהייט האָבן זיי געווירקט אויך פריער, כאָטש זיי זיינען געווען פאַרשטעלט, אָפּט פאַרשטיקט, זיינען איצט פריי און אָפן אויסגעדריקט געוואָרן.

„אויף דריי זיילן", איז גלייך אין אָנהייב דערקלערט געוואָרן אין דער פּאָררעדע (דער מחבר אירער איז געווען א. ליטוואַק) צו דער נייער פּראָגראַם, — „אויף דריי זיילן שטייט די קינדערשול פון אַ"ר: זי איז אַ ייִדישע, אַ סאָציאַליס־טישע און אַ פריידענקערישע".

„אַ ייִדישע: אונדזער שול וויל פאַרבינדן דאָס ייִדישע קינד פון אַמעריקע מיט די מיליאָנען ייִדן, וועלכע לעבן, קעמפן, געניסן און שאַפן קולטור אין זייער אייגענער שפּראַך און אין זייער אייגענע נאַציאָנאַלע ניוואַנסן — אין פּוילן, רוסלאַנד, רומעניע און אַנדערע לענדער; זי וויל שאַפן גייסטיקע פאַר־בינדונגס־פעדעם צווישן די קינדער מיטן עלטערן דור דאָ אין אַמעריקע. צוליב דעם מוז דאָס קינד קענען די ייִדישע שפּראַך. דאָ אין אַמעריקע וועט זי פאַר אים זיין ניט די הויפּטשפּראַך, נאָר זיין אייגענער צוגאָב צו דער שפּראַך פון לאַנד. אונדזער שול וויל פאַרבינדן די קינדער מיט דער געשיכטע פון זייער שטאַם. ניט דערפאַר אַליין, וואָס די ייִדישע געשיכטע איז אַן אינטערע־סאַנטער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט, נאָר אויך דערפאַר, וואָס זי איז אונדז נענטער, אינטימער, וואָס זי איז אונדזער געשיכטע. דער ייִד פון היינט איז אַ פּראָדוקט פון טויזנטער יאָרן; זיין טיפּ איז אויסגעפורמט געוואָרן אין משך פון לאַנגע דורות. ניט וויסנדיק אונדזער פאַרגאַנגענהייט, וועלן מיר ניט פאַרשטיין דעם ייִדן פון היינט און ניט קענען אַרבעטן פאַר זיין מאָרגן.

„אונדזער שול איז אַ סאָציאַליסטישע. זי וויל איינפּלאַנצן ביים קינד אַ טיפע ליבע צו ארבעט און צו די אַרבעטס־מאַסן, פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל צו דעם קאַמף, וואָס די מאַסן האָבן פון אייביק אָן געפירט פאַר אַ בעסער לעבן, צו דעם גרויסן קאַמף, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס פירט היינט פאַר אַ גליקלעכער צוקונפט פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. די קינדער דאַרפן אין אונדזער שול באַקומען אַ שיינע פאַרשטעלונג וועגן דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל; זיי דאַרפן באַקומען אַ באַגריף וועגן די מאָדערנע אָרגאַניזאַציעס און דעם טאָג־טעגלעכן קאַמף פון ארבעטער־קלאַס: יוניאָנס, קאָאָפּעראַטיוון, פּאָליטישע פּאַרטייען, אַר־בעטער־רינג, סטרייקן, פּיקעטן, לאָקאַוטן, באָיקאָט אד״גל. אונדזער שול וויל באַ־קאַנט מאַכן די קינדער מיט די רעוואָלוציאָנערע העלדן פון דער מענטשהייט, ספּעציעל מיט די שעפער, פירער און באַוואוסטע טוערס פון דער סאָציאַליסטישער און אַרבעטער־באַוועגונג; זי וויל ביי זיי איינפּלאַנצן אַקטיוון אידעאַליזם; שטאַנדהאַפטיקייט און אָפּפערוויליקייט, חברשאַפט און געפילן פון קאָלעקטיוו. מיר ווילן ניט געבן דעם קינד קיין פּראָגראַם־סאָציאַליזם. דאָס איז פאַר קינדער נאָך צו פרי. זיי וועלן עס ניט פאַרשטיין און נאָר מוזן גלייבן אויפן וואָרט. מיר ווילן אויך ניט פאַרסמען די קינדערשע מוחות און הערצער מיט ברודער־האַס. מיר ווילן געבן נאָר דאָס, וואָס פאַראייניקט די סאָציאַליסטן פון אַלע ריכטונגען, נישט דאָס, וואָס צעטיילט. און דעריבער זייענדיק סאָציאַליסטיש, קאָן און דאַרף אונדזער שול בלייבן אומפּאַרטייאיש״.

„אונדזער שול איז אַ פרייטענקערישע. זי וויל אַנטוויקלען ביים קינד די געוואוינהייט צו פאַרלאָזן זיך ווייניקער ווי אַלץ אויפן גלויבן, און מער ווי אַלץ אויף זיין אייגענעם קאָנטראָלירנדן שכל. זי וויל אַנטוויקלען ביים קינד די גע־וואוינהייט צו דענקען מיט זיין אייגענעם קאָפּ, פּונקט ווי עס שטייט אויף זיינע אייגענע פיס. זי וויל אָפּהיטן דאָס קינד פון שאַבלאָן, אַנטוויקלען זיין כאַראַק־טער, זיינע אינדיווידועלע שטריכן. ניט איין היטל פאַר אַלע קעפּ, ווי אין פּאָבליק־סקול, נאָר פאַר יעדן קינד אַ באַזונדער היטל לויט דער מאָס פון זיין קאָפּ. די פרייטענקעריי איז ביי אונדז נישט קיין באַזונדערער קעגנשטאַנד, נאָר אַ סיסטעם, וואָס גייט דורך, ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע קעגנשטאַנדן — וואָס מיר זאָלן ניט לערנען, האָבן מיר שטענדיק אין זינען צו אַנטוויקלען ביים קינד דעם פרייען געדאַנק.״

אין דעם „יידישן״ פּאַראַגראַף אין סאַמע אָנהייב רעדט זיך וועגן יידישער געשיכטע, ווי וועגן **אונדזער** געשיכטע, ווי וועגן יענעם קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, וואָס איז אונדז נענטער, אינטימער. עס רעדט זיך וועגן „פאַרשטיין דעם יידן פון היינט״ און וועגן „אַרבעטן פאַר זיין מאָרגן״. עס איז קלאָר, אַז דער דעוויז פון דער אַ״ר־שול ווערט פון איצט אָן: „דאָס יידישע קינד דעם יידישן פאָלק״ (אָדער, בעסער, דאָס

ייִדישע פֿאָלק — דעם ייִדישן קינד), ניט דוקא, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן ביי דער דערעפֿנונג פֿון דעם ערשטן שול־צוזאַמענפֿאָר אין 1920 : „דאָס ייִדישע אַרבעטער־קינד — דעם ייִדישן אַרבעטער־קלאַס.״

די וויכטיקייט פֿון דעם ייִדישן אַרבעטער־קלאַס און זיין קאַמף פֿאַר סאָציאַ־לער גערעכטיקייט ווערט אויף אַ האָר נישט געמינערט, אָבער עס ווערט אויך נישט פֿאַרטונקלט — עס ווערט, פֿאַרקערט באַלויכטן און העל באַלויכטן — דער מאָטיוו פֿון ייִדיש־נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און ייִדיש־נאַציאָנאַלער קולטור.

דער דאָזיקער מאָטיוו ווערט פֿון איצט אָן אַלץ בולטער און בולטער. מיט דער צייט פֿאַרנעמט ער אַזאַ אָרט אויבן־אָן אין דער אידעאָלאָגיע פֿון די אַ״ר־שולן, אַז אין 1932, אין נאָוועמבער נומער „אונדזער שול״, ווערט אויפֿן ערשטן אָרט שוין געדרוקט אַן אַרטיקל פֿון דעם פֿאַרשטאַרבענעם נאַציאָנאַלן דיכטער און דענקער א. ליעסין, — און דער אַרטיקל הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „מיר ווילן ייִדישע שולן, ווייל מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן בלייבן ייִדן.״ ווייטער ווערט געזאָגט אין דעם אַרטיקל: „די אָרטאָדאָקסישע ייִדן ווילן עס און טוען עס אויף זייער אופֿן, אַפֿילו די רעפֿאָרמירטע יאַהודים ווילן עס און טוען עס אויף זייער אופֿן, און מיר, ייִדישע סאָציאַליסטן, ווילן עס אויך און טוען עס אויף אונדזער אופֿן. — מיר האָבן ייִדישע שולן דערהויפּט נאָר דערפֿאַר, ווייל מיר ווילן, אַז אונדזערע קינדער זאָלן פֿילן, ווי מיר, די פֿאַרבינדונג מיט דעם ייִדישן פֿאָלק און מיט דער ייִדישער שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדט דער גרעסטער טייל פֿון דעם ייִדישן פֿאָלק — מיט דער קולטור פֿון זייער פֿאָלק, מיט דער ליטעראַטור און מיט דער גרויסער וואונ־דערלעכער געשיכטע פֿון זייער פֿאָלק . . .״

לויט דער פּרינציפּן־דערקלערונג פֿון 1920 וואָלטן אַזעלכע רייד זיך נישט געפּאַסט אינעם אָפֿיציעלן שולאָרגאַן פֿון אַ״ר. זיי האָבן זיך אָבער נישט געפֿונען אין קיין ווידערשפּרוך מיט דער נייער פּראָגראַם־דערקלערונג. לויט דער דאָזיקער דערקלערונג איז דער ערשטער פֿון די „דריי זיילן״, אויף וועלכע עס האַלט זיך די אַ״ר־שול, ווי מיר ווייסן, — דער ייִדישער זייל. דאָס איז קלאָר געוואָרן שוין אין 1927.

אָבער קיין פֿולע גלייכגעוויכט צווישן דעם „ייִדישן זייל״ און דעם „סאָ־ציאַליסטישן זייל״ פֿון דער אַ״ר־שול איז נאָך אַלץ ניט איינגעשטעלט געוואָרן, אַזוי צום ביישפּיל ווערט איבער די סאָציאַליסטישע מאָטיווירונג, אין דער דעקלאַראַציע (געשריבן פֿון ז. יעפֿרויקין), וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער „אַ״ר־שול־קאָנפֿערענץ אין ניו־יאָרק, אין יאַנואַר, 1934, לכבוד דעם 15 יאָריקן יובל פֿון די אַ״ר־שולן״. דאָרט לייענען מיר:

„די מאָדערנע יידיש־וועלטלעכע קולטור איז דער אויסדרוק פון דער גייסטיקער דערוואַכונג פון די יידישע פאָלקסמאַסן צו אַ נײַ לעבן. אומעטום, וואו עס לעבן קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן, שאַפט זיך די קולטור, ווערט זי געבויט.״

„אירע וויכטיקסטע טרעגערס זיינען די יידישע אַרבעטער, די יידישע פאָלקס־אינטעליגענץ״.

„זיי האָבן אויך געבויט די מאָדערנע יידישע סאָציאַליסטישע שול אין אַלע לענדער, וואו עס לעבן די יידישע מאַסן. שאַפט זיך ערגעץ וואו אַ נייער יידישער מאַסן־קיבוץ — אין אַרגענטינע, אין קובאַ, אין פראַנקרייך, אין בעלגיע, אין די סקאַנדינאַווישע לענדער, — קומט אויף די יידישע שול״.

„די יידישע סאָציאַליסטישע שול איז קיין מאָל ניט געווען קיין קאַפּריז פון יחידים, נאָר אַ מאַסן־נייטווענדיקייט, פּונקט ווי די יידישע ליטעראַטור, די יידישע פּרעסע, דער יידישער טעאַטער און די נאָך גאָר יונגע וויסנשאַפט אין דער יידישער שפּראַך״.

„די מאָדערנע קולטור אין דער יידישער שפּראַך איז פאַר דעם יידישן אַרבעטער דאָ אין לאַנד, — פּונקט ווי אין אַלע אַנדערע לענדער — געווען דער שטאַרקסטער כח פאַר זיין נאַציאָנאַלער דערוואַכונג, פאַר דער אַנטוויקלונג פון זיין קלאַסן־באַוואוסטזיין. אָן דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור, אָן דער שיינער ליטעראַטור, אָן דעם טעאַטער, אָן ביכער, וואָלט דער יידישער אַרבעטער פאַרבליבן פאַנאַטיש, אָפּגעשטאַנען, אומבאַוואוסטזיניק״.

„זי — די יידישע שפּראַך — האָט אים פאַרבונדן מיט דער גרויסער אַרומיקער וועלט, מיט דעם לעבן פון דעם לאַנד, האָט אים געגעבן דאָס באַ־וואוסטזיין פאַר זיין טאָג־טעגלעכן אַרבעטער־קאַמף און אַ צוגרייטונג פאַר דעם נאָנטן לעצטן קאַמף פאַר דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט״.

„די יידישע שפּראַך איז פאַר אים געוואָרן דער אינסטרומענט פון קול־טורעלן אויסלעבן זיך, פאַר נייע קולטורעלע שאַפונגען פון אַלמענטשלעכן אינטערעס און אַלמענטשלעכן ווערט״.

„דער יידישער אַרבעטער, דער יידישער פאָלקס־מענטש, ווען ער האָט גענומען זיך פילן היימיש דאָ אין לאַנד, ווען ער האָט דערפילט אַ זיכערן באָדן אונטער זיינע פיס, ווען ער האָט זיך גענומען איינפונדעווען, האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, אויך גענומען בויען די יידישע מאָ־דערנע שול. די שול זאָל צונויפבינדן דאָס קינד מיט דער היים, מיט די וואָרצלען, פון וועלכע עס שפּראָצט אַרויס, זי זאָל אָפּווישן דעם תהום, וואָס די אַלגעמיינע שול, געפירט פון דער אידיי פון „שמעלצטאָפּ״, פון אַן אַלגע־מיינער אויסגלייכונג — האָט געוואָלט אויסגראָבן צווישן היים און קינד. די שול איז געווען דער אויסדרוק פון פּראָטעסט קעגן דער ניוועלירונג פון דער אַלגעמיינער שול, זי איז געווען דער אויסדרוק פון דעם ווידערשטאַנד פון די

יידישע אַרבעטער־ און פאָלקס־מאַסן קעגן דער אַסימילאַציע, וואָס בושעוועט דאָ אין לאַנד. זי איז אויך געווען דער אויסדרוק פון דעם פאַרלאַנג פון דעם קולטורעלן און באַוואוסטזיניקן יידישן אַרבעטער צו פירן אַן אייגן גייסטיק לעבן, ניט זיך נערן פון שיריים פון פרעמדע טישן, נאָר צו זיין דער שאַפער און באַשאַפער פון אייגענע גייסטיקע ווערטן."

„אַ קינד פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט די יידישע שול, געבויט פון דעם באַוואוסטזיניקן און רעוואָלוציאָנערן אַרבעטער, אויפגעשריבן אויף איר פאָן דעם לאָזונג פון דער סאָציאַליסטישער דערציאונג. דער קאַמף פאַרן סאָציאַליזם, פאַר דעם סאָציאַליסטישן אידעאַל, האָט אָנגעפילט די לופט פון דעם יידישן אַרבעטערס היים. ניט נאָר פאַרבינדן דאָס קינד מיט זיין היים, נאַציאָנאַל, האָט געדאַרפט די שול, נאָר גלייכצייטיק אים צובינדן צום קלאַס, וואָס קעמפט פאַר אַ גערעכטער, שענערער וועלט — פאַר דער סאָציאַליזם."

ענדגילטיק איז דער נאַציאָנאַלער איינשטעל קריסטאַליזירט געוואָרן אין 1936, ווען דאָס אָרט פון פיליפ געליבטערן, דעם בילדונגס־די־רעקטאָר, וואָס איז אַזוי פריצייטיק געשטאָרבן (דעם 14טן דעצעמ־בער, 1935,) האָט פאַרנומען נ. כאַנין. אין מאַי, 1937, נאָך דעם 10טן שול־צוזאַמענפאָר, האָט די רעדאַקציע פון „אונדזער שול", וואָס איז איבערגעגאַנגען צום נייעם בילדונגס־דירעקטאָר, דערקלערט: „דער צענטער צוזאַמענפאָר, כאָטש קיין דעקלאַראַציעס זיינען וועגן דעם ניט אָנגענומען גע־וואָרן, האָט דורך אַלע אַרויסטרעטונגען, וואָס זיינען אויף אים געמאַכט געוואָרן, דורך די אַלע באַריכטן וואָס זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן קלאָר און דייטלעך אונטערשטראָכן דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון אונדזער שול און דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון אונדזער יידיש־לשון פאַר דעם יידישן קינד אין אַמעריקע, פון וועלכער היים ער זאָל ניט קומען. פאַראַפראַזירנדיק אַ געוויסן זאַץ פון ד"ר חיים זשיטלאָווסקי זאָגן מיר: דאָס יידישע קינד דעם יידישן פאָלק. און דאָס וועט געמאָלט זיין נאָר יעמאָלט, ווען מיר וועלן האָבן אַ יידישע נאַציאָנאַלע שול אין דער יידישער שפּראַך, אין דער שפּראַך אין וועלכער עס שאַפט און לעבט זיך קולטורעל אויס נאָך עד־היום דער רוב מנין און רוב בנין פון אונדזער פאָלק."

„דאָס יידישע קינד דעם יידישן פאָלק" — איז אָפיציעל געוואָרן דער דעוויז פון דער א"ר־שול. נישט אָפיציעל האָט ער געווירקט אויך פריער. אין דער שטיל האָט ער באַאיינפלוסט שוין די פּראָגראַם פון 1927, ווען זי האָט דערקלערט, אַז „אונדזער שול איז אַ יידישע".

אָבער נישט בלויז אין איר יידישן פאַראַגראַף, אויך אין דעם פאַראַגראַף וועגן דער סאָציאַליסטישקייט פון דער א"ר־שול איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט געזאָגט געוואָרן און וואָס וואָלט נישט געקאָנט געזאָגט ווערן פריער.

—דערהויפּט פאַר דעם יאָר 1926, ווען אין היפּשע עטלעכע אַ"ר־שולן האָט דאָמינירט די לינקע פּאַרטיי־ריכטונג. מיר מיינען אַזוינע אויסדרוקן, ווי: „מיר ווילן . . . ניט פאַרסמען די קינדערשע מוחות און הערצער מיט ברודער־האַס. מיר וועלן געבן נאָר דאָס, וואָס פאַראייניקט די סאָציאַליסטן פון אַלע ריכ־טונגען, נישט דאָס, וואָס צעטיילט. און דעריבער זייענדיק סאָציאַליסטיש, קאָן און דאַרף אונדזער שול בלייבן אומפּאַרטייאיש".

געזעלשאַפטלעך־אידעאָלאָגיש איז, בכן, די פּראָגראַם פון 1927 געווען אַ זיכערער שריט פאָרויס אין פאַרגלייך מיט דער ערשטער פּראָגראַם. אָבער נאָר אידעאָלאָגיש, ניט מעטאָדיש־פּעדאַגאָגיש. מעטאָדיש האָט „די נייע פּראָגראַם, לויט דער מיינונג פון פּאַבליים, געהאַט אפשר נאָך מער פעלערן, ווי די פּראָ־גראַם פון 1920, הגם אין אייניקע פּרטים, — ווי אַ שטייגער, אינעם פּרט פון פירן שמועסן מיט גאָר קליינע קינדער, — האָט זי עפּעס אויפגעטאָן. ווייניקער ווי אַלץ איז די צונויפשטעלערס פון דער נייער פּראָגראַם געלונגען צו פאַר־ענטפערן די פראַגע, די „אייביקע" פראַגע וועגן דעם לימוד פון יידישער גע־שיכטע. זיי האָבן, אמת, פאַרשטאַנען, אַז דורכגיין די יידישע געשיכטע פון סאַמע אָנהייב ביז אונדזערע טעג — דאָס, וואָס די ערשטע פּראָגראַם האָט רעקאָמענדירט — איז אוממיגלעך, אָבער זייער נייער פּלאַן האָט אויך נישט געטויגט. לויט אָט דעם פּלאַן וואָלט מער ווי דריי יאָר אַוועק אויף צו לערנען די ערשטע פּערצן הונדערט יאָר יידישע געשיכטע, בעת פאַר די שפּעטערדיקע שיר ניט צוויי טויזנט יאָר וואָלט געבליבן נישט מער ווי דריי חדשים.[9]

דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע און אַנדערע חסרונות, וואָס זיינען געווען אין דעם פּעדאַגאָגישן טייל פון דער פּראָגראַם פון 1927, האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן: אין צוויי יאָר אַרום, אויפן שול־צוזאַמענפאָר פון 1929, איז די נייע פּראָגראַם, ספּעציעל איר מעטאָדיק, כמעט אין גאַנצן פאַרוואָרפן געוואָרן.

ג.

די פּראָגראַם־ענדערונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין 1929, אויפן אַכטן שול־צוזאַמענפאָר, האָבן אָנגערירט דערהויפּט די לימודים פון יידיש, יידישער ליטעראַטור און יידישער געשיכטע, ווי אויך דעם ענין לעגענדעס און ביאָגראַפיעס.

אָט זיינען די וויכטיקסטע פּראָגראַם־ענדערונגען פון 1929, ווי זיי זיינען איבערגעגעבן אין דער רעזיומע פון ח. בעזפּראָזוואַני (שול־אַלמאַנאַך, פילאַדעל־פיע, 1935, זז. 79־80) און אין די פּראָטאָקאָלן פון 8טן שול־צוזאַמענפאָר („אַ"ר־שול־בולעטין", מאַי־יוני, 1929):

א) וועגן לעגענדעס. לעגענדעס דאַרפן זיין אַ צוגרייטונג פאַר דער גאַנצער געשיכטע. (ביז אַהער האָט די פּראָגראַם רעקאָמענדירט בלויז די

ביבלישע און תלמודישע לעגענדעס.) „די לעגענדעס און מעשיות פון מיטל־עלטער און פון דער נייער צייט זיינען פאר דער ווייטערדיקער אנטוויקלונג פון אונדזער קינד אזוי וויכטיק, ווי די לעגענדעס פון אלטערטום. דער לערער דארף דעריבער זיך ניט אפשטעלן צו פיל אויף די לעגענדעס פון אלטערטום אדער פון דער ביבלישער עפאכע און צוקומען צו די ווייטערדיקע תקופות. אין די דריי סעמעסטערס (צווייטער, דריטער, פערטער) מוז מען דורכגיין די סאמע וויכטיקסטע לעגענדעס פון דער גאנצער יידישער געשיכטע."

ב) וועגן געשיכטע. אין דער עלעמענטארער שול דארף דאס קינד דורכגיין די וויכטיקסטע פעריאדן פון דער גאנצער יידישער געשיכטע. (דער סדר פון די לעקציעס דארף אויסגעארבעט ווערן פון א קאמיסיע).

ג) וועגן ליטעראטור. דער ליטעראַרישער מאטעריאל דארף איינגעטיילט ווערן טעמאטיש. (די פריערדיקע איינטיילונג לויט די פארמען, ווערט במילא אפגעשאפט.)

ד) וועגן ביאגראפיעס. עס דארף געמאכט ווערן אן אונטערשיד צווישן ביאגראפיעס און ביאגראפישע מעשיות. פאר די קינדער פון קלאס „ג", למשל, דארף מען דערציילן בלויז ביאגראפישע מעשיות. ביאגראפיעס דארפן ניט זיין קיין באזונדערער לימוד. זיי דארפן פארבונדן ווערן מיטן לימוד פון ליטעראטור. עס דארפן אנגעצייכנט ווערן טעמעס. עס ווערט אפגעשאפט די כראנאלאגישע איינטיילונג פון די ביאגראפיעס. זיי ווערן געבראכט בלויז אין א טעמאטישער ארדענונג. ווען מע לייענט מיט די קינדער דערציילונגען וועגן קינדער־ארבעט, באקענט מען די קינדער מיט דער יוגנט־געשיכטע פון ראבערט אוען און מע שמועסט וועגן דער פראבלעם קינדער־ארבעט. ווען מע דיסקוטירט מיטן קליינוואַרג וועגן מלחמה און שלום, דערציילט מען די קינדער די ביאגראפיע פון יודזשין דעבס און מע לייענט אויך ליטעראַרישע מוסטערן (דערציילונגען און לידער וועגן מלחמה) אאז"וו.

חוץ דעם האט דער אכטער צוזאמענפאר אנגענומען א ריי וויכטיקע באַשלוסן וועגן יידיש־לימוד: 1) עס זאלן אויסגעארבעט ווערן גענויע מעטאדישע אנווייזונגען, ווי אזוי דורכצופירן דעם לימוד פון יידיש אין יעדן קלאס.

2) צונויפשטעלן א רשימה פון ביכער פאר יעדן קלאס, וואס קינדער זאלן לייענען אין דער היים.

3) דער מאטעריאל וואס דארף אנאליזירט ווערן אין די קלאסן, זאל איינגעטיילט ווערן טעמאטיש.

4) עס זאל צוגעגעבן ווערן פראגעס און מוסטערן פון אנאליז.

5) אין דער רשימה פון ביכער און מאטעריאלן זאלן אומבאדינגט אריינגעשטעלט ווערן שאפונגען פון נייערע יידישע שרייבערס אין אלע לענדער.

6) עס זאָל אויסגעאַרבעט ווערן אַ טעקסטביכל פאַר איבערזעצונגען פון ענגליש, איינציקע זאַצן און גאַנצע זאַכן".

עס איז אויך אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס וועגן אַ קאָנפערענץ פאַר אַן איינהייטלעכער יידישער אָרטאָגראַפיע.

דאָס זיינען אָבער אַלץ געווען אַלגעמיינע אינסטרוקציעס. זיי האָבן געמוזט קאָנקרעטיזירט ווערן. עס איז אויך נייטיק געווען אַריינצוברענגען אין זיי אַן איינהייטלעכקייט און אַ סיסטעמאַטישקייט אויפן שטייגער פון דער פריער־דיקער פּראָגראַם, פון וועלכער עס איז געבליבן נאָר דער אַלגעמיינער טייל, און פון דער פּראָגראַם פון 1920, וואָס צו אייניקע פּרטים אירע, כאָטש ניט צו איר פּרינציפּן־דערקלערונג, האָט מען זיך איצט צוריק אומגעקערט. עס איז מיט אַנדערע ווערטער, געקומען די צייט פאַר דער געניַיער פאָרמולירונג פון אַ נייער, אַ דריטער, פּראָגראַם. אגב, האָט די שול־קאָנפערענץ פון 1931 טאַקע אויפגעפאָדערט דעם בילדונגס־קאָמיטעט „דורכצופירן אין לעבן די באַ־שלוסן פון 8טן צוזאַמענפאָר, וואָס „זיינען שייך די דערגאַנצונגען פון פּראָגראַם וועגן לימוד פון יידיש" (אונדזער שול, מאַי, 1931), ווי אויך אַנדערע דער־גאַנצונגען. דאָס איז אין דעם זעלביקן יאָר דורכגעפירט געוואָרן, — און עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ נייע פּראָגראַם. („פּראָגראַם פון יידישער געשיכטע, יידישער ליטעראַטור, געזעלשאַפטלעכע פראַגן און ביאָגראַפיעס פאַר די לעצטע צוויי יאָר אין די עלעמענטאַרע אַ"ר־שולן," אַרויסגעגעבן פון אַ"ר־בילדונגס־קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1931, זז. 32.)

די דאָזיקע פּראָגראַם איז אַנדערש פון די פריערדיקע צוויי פּראָגראַמען, ערשטנס, דערמיט, וואָס זי האָט נישט געהאַט קיין אַלגעמיינעם אַריינפיר, באַשטעטיקנדיק שווייגנדיקערהייט די אַלגעמיינע פּרינציפּן־דערקלערונג פון 1927, און צווייטנס, דערמיט, וואָס זי האָט אין זיך געהאַט נאָר די לעצטע צוויי יאָר פון דער עלעמענטאַר־שול.

דאָס זיינען די דרויסנדיקע כאַראַקטער־שטריכן פון דער נייער פּראָגראַם.

לויט איר אינעווייניקסטן מהות האָט זי זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס זי האָט געזוכט צו „שאַפן אַ שייכות צווישן די באַזונדערע לימודים" און פאַר־בינדן מער דאָס לערנען אין שול מיטן אַרומיקן לעבן, מיטן לעבן פון היינט.[10]

בנוגע צו דעם לימוד פון געשיכטע האָט זי זיך בכלל געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דער ערשטער פּראָגראַם, ד"ה, אַז די גאַנצע יידישע געשיכטע דאַרף געלערנט ווערן אין דער עלעמענטאַר־שול, זי האָט אָבער אָקצענטירט די נייטיקייט אונטערצושטרייכן „יענע פּראָבלעמען, דערשיינונגען, טענדענצן און קאָנפליקטן אין דעם מאָל, וואָס זיינען אַקטועל אויך היינט — און אַקטועל מיינט ניט וויכטיק אין דער רגע, נאָר אַקטועל פאַר אונדזער דור". אַ שטייגער, „די ציידעם אונדזערע האָט ניט אינטערעסירט דער

קלאַסנקאַמף אין דער יידישער געשיכטע, אונדז אינטערעסירט דער ענין שטאַרק; אונדזערע זיידעס האָט כמעט ניט אינטערעסירט דאָס וועלטלעכע לעבן פון אונדזער פאָלק, מיר ווילן דעם שטייגער פונעם יידיש־וועלטלעכן לעבן אפילו אין ווייטן מיטל־עלטער גראָד יאָ וויסן".[11]

און כדי צו קענען אַרומנעמען די גאַנצע יידישע געשיכטע און ניט אָפּגעבן די גאַנצע צייט אויף איין עפּאָכע, האָט די נייע פּראָגראַם געגעבן פאָלגנדיקע אָנווייזונגען:

„די גאָר אַלטע געשיכטע דאַרף (ווי שווער דאָס זאָל אונדז ניט אָנקומען) געקירצט ווערן, כדי עס זאָל, ווען עס איז, מיגלעך זיין צו לערנען די געשיכטע פון מיטל־עלטער און אַפילו די געשיכטע פון דער נייער צייט. קירצן די אַלטע געשיכטע, מיינט אָבער לגמרי ניט לערנען זי אייבערפלעכלעכער, נאָר פאַרקערט, לערנען מיטן זעלבן פאַרנעם, נאָר וועגן אַ קלענערער צאָל היסטאָרישע פּאַסי־רונגען און געשעענישן . . . דער פּרינציפּ פון אויסוואַל דאַרף זיין:

א) ניט אויסצושטרייכן יענע פאַקטן און פּאַסירונגען, וואָס אָן זיי וואָלטן מיר ניט געקאָנט אויסמאָלן דאָס בילד פון אַנטוויקלונג אין דער יידישער גע־שיכטע. ב) ניט דורכלאָזן יענע מאָמענטן, וואָס גיבן די אינטערפּרעטאַציע און די פּערספּעקטיוו פון דער תקופה. עס מעגן אָבער אויסגעשטראָכן ווערן יענע פּרטים: א) וואָס זיינען ניט מער ווי אַן איבערחזרונג, אָדער וואַריאַציע פון ענלעכע פּאַסירונגען אין דער זעלבער תקופה. ב) וואָס האָבן מיטן אַלגע־מיינעם היסטאָרישן שטראָם קיין שייכות ניט און האָבן אויפן ווייטערדיקן היסטאָרישן גאַנג קיין ווירקונג ניט געהאַט. ג) וואָס זיינען שייך ניט מער ווי צו דער געשיכטע פון היסטאָרישע יחידים, זייער וואונדערלעכן לעבנסוועג אד"גל. הגם היסטאָרישע מעשיות באַלעבן שטאַרק דעם לימוד געשיכטע און מע קאָן זיי פון אַ געשיכטע־קורס פאַר קינדער ניט אויסשליסן, פון דעסטוועגן מעגן זיי אין אַ נויטפאַל געקירצט ווערן. עס דאַרף אָבער ווי ווייט מיגלעך אַרויס־געהויבן ווערן: א) דער וועג פון יידישער וואַנדערונג. ב) די היסטאָרישע סיבות און קאַטאַסטראָפעס וואָס האָבן געצוואונגען די יידן צו עמיגרירן (סיי פּאָליטישע, סיי עקאָנאָמישע, סיי קולטורעלע). ג) די אַנטוויקלונג און דעגענע־ראַציע פון יידישע פּרנסות. ד) די יידישע אויטאָנאָמיע און זעלבסט־פאַר־וואַלטונג. ה) די געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַנטוויקלונג. ו) די ווירקונג פון דער וועלט אויף די יידן און די ווירקונג פון די יידן אויף דער ציוויליזאַציע און קולטור פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי האָבן געלעבט."

דאָס איז בנוגע צום לימוד פון געשיכטע. וואָס איז שייך צו דער סאָציאַלער דערציאונג, האָט זי לויט דער נייער פּראָגראַם געזאָלט ווערן אַ טייל פון דעם לימוד פון יידיש און יידישער ליטעראַטור. דורך דערציילונגען — ביאָ־

גראַפיעס אד״גל האָט מען די קינדער געזאָלט באַקאַנט מאַכן מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. („אונדזער שול״, אָקטאָבער, 1931)

אַ ספּעציעלע לערער־קאָמיסיע איז באַשטימט געוואָרן כדי אויסצופּראָוון די נייע פּלענער. די קאָמיסיע האָט געדאַרפט שטיין אין פאַרבינדונג מיט דעם בילדונגס־קאָמיטעט און צושטעלן אים צווייִמאָנאַטלעכע באַריכטן וועגן די רעזולטאַטן פון איר אַרבעט, כדי דער בילדונגס־קאָמיטעט פון זיין זייט, זאָל קאָנען צוגרייטן אַ באַריכט און רעקאָמענדאַציעס פאַרן שול־צוזאַמענפאָר.

אָבער קיין אַ״ר־שול־צוזאַמענפאָרן זיינען ביז 1935 נישט פאָרגעקומען. אין 1935, ווען עס איז פאָרגעקומען דער 9טער אַ״ר־שול־צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע, זיינען באַטראַכט געוואָרן די פּראָגראַם־ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעשלאָגן געוואָרן פון דער דערמאָנטער לערער־קאָמיסיע אין איינעם מיטן בילדונגס־קאָמיטעט. (די קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון ז. יעפּרויקין, ח. בעזפּראָזוואַני, א. יפה, און די פאַרשטאָרבענע פּ. געליבטער און א. ליטוואַק).

דער 9טער שול־צוזאַמענפאָר האָט באַשטעטיקט די אַלגעמיינע פּראָגראַם פאַר יידישער געשיכטע, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אין 1931. צוזאַמען דערמיט האָט ער אויפגעפאָדערט דעם בילדונגס־קאָמיטעט: א) צו באַשטימען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסאַרבעטן אַ גענויע פּראָגראַם פאַר דער געשיכטע פון דער נייער און נייסטער צייט און ב) אַרויסצוגעבן לערנביכער פאַרן מיטלעלטער און פאַר דער נייער צייט, ווי אויך אַ ביבליאָגראַפיע פון יידישער געשיכטע. דער צוזאַמענפאָר האָט אַריינגעבראַכט קליינע ענדערונגען אינעם לימוד פון יידיש („אונדזער שול״, מאַי, 1935). בכלל אָבער איז די פּראָגראַם פון 1931 געבליבן כמעט אָן ענדערונגען ביז דעם 10טן שול־צוזאַמענפאָר אין 1937.

ד.

ערב דעם 10טן שול־צוזאַמענפאָר האָט מען אָנגעהויבן גרייטן פּראָיעקטן פאַר פּראָגראַם־אויסבעסערונגען. לויט דער אויפפאָדערונג פון נ. כאַנינען, דעם נייעם בילדונגס־דירעקטאָר, זיינען פון יודל מאַרק צום 10טן שול־צוזאַמענפאָר צוגעגרייט געוואָרן פאָלגנדיקע פּראָגראַם־פּראָיעקטן פאַר דער עלעמענטאַר־שול:

1) אַ פּראָגראַם פאַר ליטעראַטור אין די קלאַסן „ג״ און „ד״, וואָס איז געבויט אויף דער פריער אָנגענומענער פּראָגראַם, אָבער איצט איז דער מאַטעריאַל גענוי איינגעטיילט געוואָרן פאַר יעדן קלאַס באַזונדער; 2) אַ פּראָגראַם פאַר גראַמאַטישע שפּראַך־איבונגען און אויסלייג פאַר אַלע פיר קלאַסן עלעמענטאַר־שול, וואָס איז אויסגעאַרבעט גענוי אַזוי, אַז דער לערער קען האָבן שטענדיקע אָנווייזונגען, מיט וואָס זיך צו פאַרנעמען אין פאַרלויף פון אַ גאַנץ יאָר; 3) אַ רשימה ווערטער, וואָס שטאַמען פון העברעאיש, און וואָס

דאַרפֿן באַקאַנט ווערן די שילערס פֿון די עלעמענטאַר־שולן. די רשימה איז אויך איינגעטיילט לויט קלאַסן; 4) אַ גענויע פּראָגראַם פֿאַר יידישע לעגענדעס (צוגעגרייט פֿון י. מענדעלסאָן), וואָס דאַרפֿן דערציילט ווערן די קינדער פֿון די קלאַסן „א" און „ב". די דאָזיקע פּראָגראַם נעמט אַרום די גאַנצע טויזנטיאָריקע געשיכטע פֿון אונדזער פֿאָלק. אַחוץ דעם, איז צוגעגרייט געוואָרן אַ גענויע פּראָגראַם פֿאַרן וואָקאַבולאַר, שמועסן, קאָמפּאָזיציע און אַנדערע שפּראַך־אַרבעטן פֿאַר דער עלעמענטאַר־שול, ווי אויך אַ רשימה לידער און שפּילן. („אונדזער שול", מאַי, 1937)

אין איינעם דערמיט איז פֿאָרגעלייגט געוואָרן דעם צוזאַמענפֿאָר אַ פֿולע פּראָגראַם פֿאַר די מיטלשול־לימודים, אויסגעאַרבעט פֿון דער ניו־יאָרקער מיטלשול.

נאָך אַ סעריע רעפֿעראַטן און דיסקוסיעס זיינען אָנגענומען געוואָרן די פֿאָלגנדיקע רעזאָלוציעס, וואָס ח. בעזפּראָזוואַני האָט פֿאָרגעשלאָגן אין נאָמען פֿון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע:

1) ביים בילדונגס־קאָמיטעט זאָל געשאַפֿן ווערן אַ פּעדאַגאָגישע ליטונג, וואָס זאָל אַרויסשיקן צו די לערערס איבערן לאַנד אָנווייזונגען וועגן פּעדאַגאָגישע פֿראַגן, אינפֿאָרמאַציע וועגן ענינים פֿון לערנען, מוסטער־לעקציעס, צוגע־גרייטע איבונגען פֿאַרן לימוד פֿון יידיש, געשיכטע, סאָציאַלע פֿראַגן. די פּעדאַגאָגישע ליטונג זאָל שטיין אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די לערערס איבערן לאַנד.

2) די פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויפֿן שול־צוזאַמענ־פֿאָר פֿון 1931, ווערט ווידער אַ מאָל באַשטעטיקט און ווערט אָבליגאַטאָריש פֿאַר אַלע אַרבעטער־רינג־שולן. עס ווערן געמאַכט פֿאָלגנדיקע ענדערונגען: די צאָל טעמעס פֿאַר ליטעראַטור און סאָציאַלע שמועסן ווערט פֿאַרגרעסערט, עס קומט צו אַזאַ טעמע, למשל, ווי פֿאַשיזם, יידן אין דייטשלאַנד, אד"גל. דער מאַטעריאַל ווערט אַ ביסל אַנדערש פֿאַרטיילט, כדי צו פֿאַרגרינגערן פֿאַר די קינדער דאָס לערנען, עס ווערט מער אַכט געלייגט אויף דעם שרייבער, זיין לעבן און שאַפֿן. אין די לעצטע צוויי קלאַסן דאַרף דער לערער דורכגיין מיט די קינדער אין יעדן קלאַס צו צוויי גאַנצע ווערק. אין „ג": „מאָטל פּייסי דעם חזנס פֿון שלום־עליכם און יאָסעלע, פֿון דינעזאָן", אין „ד": „קיין אַמע־ריקע" און „קידוש השם", פֿון שלום אַש. עס ווערט צוגעגעבן אַ גענויע פּראָ־גראַם פֿאַר דעם לימוד פֿון יידיש (גראַמאַטיק). דער צוזאַמענפֿאָר באַשטימט, אַז די איבעריקע טיילן פֿון דער יידיש־פּראָגראַם (שפּראַך־באַרייכערונג, אידיאָ־מאַטיק אד"גל) זאָלן ביזן נייעם יאָר אויסגעאַרבעט ווערן און דער בילדונגס־קאָמיטעט זאָל זיי אַרויסשיקן צו די לערערס.

3) דער צוזאַמענפאָר באַשליסט צו באַגריסן די איניציאַטיוו פון בילדונגס־קאָמיטעט אַרויסצוגעבן טעקסטביכער פאַר אונדזערע שולן. דער צוזאַמענפאָר רעקאָמענדירט, אַז די טעקסטביכער זאָלן זיין אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע שולן. בלויז אַזוי קען געשאַפן ווערן איינהייטלעכקייט און סדר אין אונדזערע לימודים און אונדזער פּראָגראַם וועט קענען געפינען אויסדרוק אין דער אַרבעט מיט די קינדער.

4) דער צוזאַמענפאָר באַשליסט, אַז וואָס איז שייך דעם אויסלייג פון די העברעאישע עלעמענטן אין יידיש בלייבט גילטיק דער סטאַטוס־קוואָ. מיר האַלטן זיך אָן אונדזערע אַלטע באַשלוסן און בייטן ניט די פּראַקטיק אין די שולן. עס ווערט איבערגעגעבן צום קומעדיקן בילדונגס־קאָמיטעט און צו דעם פּעדאַגאָגן־ראַט צו באַטראַכטן דעם ענין גענוי און גרינטלעך.

אַ סומירונג און צו גלייכער צייט אויך אַ כאַראַקטעריסטיק פון די אַלע פּראָגראַם־אויסבעסערונגען, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרן אויפן 10טן צוזאַמענפאָר, דעם יובילי־צוזאַמענפאָר, געפינען מיר אין אַ לייט־אַרטיקל פון „קולטור און דערציאונג" („אונדזער שול") :

„מיט דעם צענטן צוזאַמענפאָר אונדזערן אין 1937 האָבן מיר אָנגעהויבן אויסבעסערן און רעווידירן אונדזער שול־פּראָגראַם. די רעוויזיע איז געגאַנגען אין צוויי ריכטונגען. ערשטנס, האָבן מיר געוואָלט פּאַרטיפן און פאַרגענויערן די ביז־איצטיקע פּראָגראַם און אַריינטראָגן מער סיסטעמאַטישקייט אין די לימודים. צווייטנס, האָבן מיר געוואָלט אונדזער שול זאָל אויפהערן זיין אַ לייען־און שרייב־שול, נאָר, וואָס שייך שפּראַך לימוד זאָל זי ניט ווייניקער אַכט ליינן אויף דעם מינדלעכן לשון, אויפן ר י י ד ן . דערביי דאַרף די פּראָגראַם אין אַכט נעמען דעם נייעם עלעמענט קינדער אין די שולן, פאַר וועלכע יידיש איז מער אַ געהערטע ווי גערעדטע שפּראַך. די פּראָגראַם דאַרף פון איין זייט זיין אַן אויספּירלכע און פון דער צווייטער זייט דאַרף זי זיך באַגרענעצן, נעמען אין אָנבאַטראַכט דעם שפּראַך־אוצר, מיט וועלכן די קינדער קומען צו אונדז אין שול און די רעאַלע מיגלעכקייטן פאַר אונדזער אַרבעט. מיר קענען ניט איבערשרייבן אַ פּראָגראַם וואָס ווערט גענוצט, לאָמיר זאָגן, אין די יידישע שולן אין פּוילן, וואו די קינדער לעבן אין אַ גאַנץ אַנדער יידישער שפּראַך־סביבה. מיר טאָרן אויך ניט נאָכגיין נאָך דעם מוסטער פון דער היגער ענגלישער שול. אונדזער פּראָגראַם, אויב זי זאָל באמת האָבן אַ ווערט, דאַרף האָבן אין זינען אונדזערע אַמעריקאַנער באַדינגונגען. זי דאַרף האָבן אין זינען אַ נאָכמיטאָג־שול אין וועלכער קינדער לערנען ניט מער ווי דריי־פיר שעה אַ וואָך." (נאָוועמבער, 1938)

דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבן, אַז די אַלע אויסבעסערונגען, וואָס זיינען פאָרגעשלאָגן און אָנגענומען געוואָרן אויפן 10טן שול־צוזאַמענפאָר, זיינען

באטראכט געווארן ווי בלויז פּראָיעקטן, וואָס דארפן פריער אויסגעפּרואווט ווערן אין די שולן פון גאנצן לערער־קאָלעקטיוו. עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן א חוב אויף די לערערס אויסצוניצן די אַלע פּראָיעקטן און צו ברענגען צום 11טן שול־צוזאַמענפאָר די רעזולטאַטן פון דער עקספּערימענטירונג. אויף א קאָנפערענץ פון די ניו־יאָרקער לערערס איז אויסגעקליבן געוואָרן א ספּעציעלע פּראָגראַם־קאָמיסיע, און מיט דער קאָמיסיע האָט יעדער לערער זיך געדאַרפט געפינען אין קאָנטאַקט, טיילנדיק זיך מיט איר מיט זיינע דערפאַרונגען און געבנדיק איר זיינע סוגעסטיעס.

גלייכצייטיק איז אויף דער טאָג־אָרדענונג געשטעלט געוואָרן די פראַגע וועגן רעווידירן יענע טיילן פון דער פּראָגראַם פון 1931, וועלכע זיינען שייך צו יידישער געשיכטע, יידישער ליטעראַטור, געזעלשאַפטלעכע פראַגן און ביאָגראַפיעס.

ח.

די אַלע פראַגן זיינען באַטראַכט געוואָרן אויפן 11טן שול־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען אין וואַשינגטאָן, ד. ס., אין 1939.

דעם צוזאַמענפאָר איז פריער ווי אַלץ, צוגעשטעלט געוואָרן א גענויער פּראָיעקט פאַר דער פּראָגראַם פון יידיש און יידישער ליטעראַטור. דער פּראָ־יעקט איז אויסגעאַרבעט געוואָרן פון יודל מאַרק, וועלכער האָט באַנוצט דעם מאַטעריאַל פון די פאַרשיידענע לערער־קאָמיסיעס, אין וועלכע ער אַליין האָט אָנטייל גענומען. דער גרונטפאַקט, אויף וועלכן דער פּראָיעקט פון דער נייער יידיש־פּראָגראַם האָט זיך געשטיצט, איז דער פאַקט, וואָס „יידיש", ווי יודל מאַרק האָט זיך אויסגעדריקט, איז מער ניט „די נאַטירלעכע שפּראַך פון אונדזערע קינדער. אויב די היי־געבוירענע ריידן יידיש, איז אַפילו אין אזא פאַל יידיש זייער צווייטע שפּראַך, ניט די הויפּטשפּראַך, צו וועלכער זיי וועלן זיך גלייך כאַפּן, ווען זיי וועלן דאַרפן וואָס זאָגן. אויב אַפילו יידיש איז פאַר א טייל קינדער די אינטימע שפּראַך פון טראַכטן, איז עס אויך בלויז אויף א געוויסן געביט וואָס האָט א שייכות צו היים, אָבער ווי נאָר מע פאַר־לאָזט אָט דאָס דאָזיקע געביט, גיט זיך א ריס אַריין מיטן שטראָם זייער נאַטיר־לעכער לשון, ענגליש. בכן, קען מען ניט מער לערנען יידיש מיט אונדזערע קינדער ווי יידיש וואָלט געווען זייער נאַטירלעכע שפּראַך, זייער הויפּטשפּראַך. אַלע אונדזערע ביז־איצטיקע לערנביכער, אונדזערע מעטאָדן, אונדזער איינשטעל־לונג איז געווען געבויט אויף דער הנחה פון מוטערשפּראַך. אָבער דאָס שטימט ניט מיט די פאַקטן פון לעבן. מיר האָבן צו פיל געוואָלט דערגרייכן, האָבן מיר צו ווייניק דערגרייכט. פאַלט מען אַריין אין אָפּהענטיקייט און מע קומט צו א צווייטן פאַלשן געדאַנק, אז מע דאַרף לערנען יידיש ווי א פרעמדשפּראַך.

אבער דאס איז בפירוש פאלש, דאס איז אויך ניט רעאליסטיש. אומאפהענגיק פון דעם וואס עס קען אפשר ווערן, אומאפהענגיק פון שטימונגען און געפילן — אויף פאקטן פון אונדזער לעבן דארף געבויט ווערן די פראגראם. און עס איז א פאקט, אז די גוואלדיקע מערהייט קינדער וואס קומען אין אונדזערע שולן קענען אין א געוויסער מאס יידיש. אויב זיי קענען אליין זיך ניט אויסדריקן, פארשטייען זיי אין א היפשער מאס וואס מע רעדט צו זיי; קען מען שוין אויף עפעס בויען. אודאי זיינען דא געוויסע קינדער וואס פארשטייען גארניט, אדער אין געוויסע ווייטע טיילן פון לאנד, ספעציעל אין די קלענערע פונקטן קען זיין די לאגע אזא, אז יידיש איז פאר אונדזערע קינדער א פרעמדשפראך באמת. אבער א פראגראם בויט מען פאר דעם דורכשניט, פאר דער בפירושער מערהייט קינדער. און אפילו פאר די קינדער וואס קענען גארנישט קיין יידיש איז די פראגראם ניצלעך ווי א ריי שטאפלען, וואס מע וועט שטייגן אויף זיי פאמעלעכער, ביז מע וועט קומען צו די העכערע, אבער זיי מערקן דאך אן דעם וועג. אט דער רעאליסטישער קוק האט געצוואונגען איינצושטעלן גאנץ באגרענעצטע, פאר אנדערנס געשמאק אפשר צו באגרענעצטע ציל פון דעם יידיש-לימוד. וועלן קענען די קינדער וואס ענדיקן די עלעמענטאר-שול לייענען יעטווידער יידיש בוך? ניין. אזא ציל איז ניט מיגלעך צו דערגרייכן. בכן, דארף מען מאדיפיצירן, באגרענעצן. לאמיר זיך שטעלן דעם ציל, די קינדער זאלן קענען לייענען אין די ראמען פון א געוויסן וואקאבולאר, אן ערך אין די ראמען פון א פירטויזנט ווערטער. וועלן זיי קענען לייענען פון אלע מיגלעכע געביטן? ניין, בלויז פון יענע געביטן וואס האבן א שייכות צום לייען-מאטעריאל אין שול. און אודאי איז באגרענעצט דאס געביט פון קענען שרייבן יידיש, פון קענען ריידן יידיש. דא מוז מען האבן פאר זיך זייער קלארע, גאנץ באשטימטע, ארומגעגרענעצטע צילן. אויב מיר ווילן, אז די קינדער זאלן ביים פארענדיקן די עלעמענטאר-שול קענען ריידן יידיש וועגן ענינים פון שול און היים, וועגן ענינים וואס זיי האבן געלערנט אויף יידיש — איז אזוינס אויך א גוואלדיק שווערע אויפגאבע. און דאך שטעלן מיר זיך זי. מיר מוזן אונדזערע קינדער אויסלערנען די לעבעדיקע, גערעדטע שפראך, זיי מוזן קענען ריידן יידיש".

„ביים אויפבויען די פראגראם איז אויסגעקומען צו האבן צו טאן ניט נאר מיט די דירעקטע, ריין שפראכלעכע און קאנקרעטע צילן פון יידיש-לימוד. מען האט געמוזט האבן פארן אויג אויך די ברייטערע, די אלגעמיינע צילן פון אונדזער שול . . ."

א) „מיר ווילן מיטן לערנען יידיש דערפירן דערצו, אז אונדזערע קינדער זאלן זיך פילן ווי צוגעהעריקע צום יידישן פאלק, אז דאס זאל זיין פארווארצלט אין זייער געפיל, אז די פאראינטערעסירטקייט מיטן גורל פון יידישן

פֿאָלק פֿון אַ מאָל און פֿון היינט זאָל אָנרירן די אינטימע, די אינעווייניקסטע זייטן פֿון דער נשמה. מיר ווילן, אַז דאָס זאָל זיין דאָס געפֿיל: דער עתיד פֿון יידישן פֿאָלק איז זיין ענין, זיין זאַך, איז אים דירעקט נוגע. און אודאי ווילן מיר, אַז באַזונדער גאַנץ און באַזונדער אינטים זאָל זיך אונדזער קינד פֿילן צום יידישן אַרבעטער, צו זיין לעבן, צו זיין קאַמף, צו זיינע אידעאַלן".

ב) „אויב מיר קענען בלויז טיילווייז אויסלערנען יידיש, ווילן מיר אָבער אין דער מיגלעכסט גרעסטער מאָס וועקן ליבשאַפֿט און אַכטונג צו יידיש. אָבער דאָס איז נאָך צו פּאַסיוו. מיר ווילן, אַז פֿון דעם זאָל אַרויסקוואַלן דאָס אַקטיווע: אַ חשק מיטצוהעלפֿן אין דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער יידישער קולטור. מיר ווילן וועקן אַ ווילן צו יידיש, צו ריידן יידיש אָן אַ מוז, מיר ווילן צוגעווינען צו יידיש, זאָל עס זיין ווי צו אַ צווייטער שפּראַך, אָבער ווי צו אַ צווייטער ר י י ד ש פּ ר א ך".

ג) „ביים סאַמע אָנהייב האָט מען כסדר געריידט וועגן דערנענטערן די קינדער צו די עלטערן. עס איז אַפֿילו געווען דער באַרימטער מאָטיוו פֿון אַ בריוועלע דעם זיידן. דער דאָזיקער ציל בלייבט, אָבער אַ פּאַרטיפּטער. ער בלייבט ניט אין דער פּלאַכקייט פֿון נוציקייט: די זיידעס שטאַרבן און די טאַטעס לערנען זיך אויס ענגליש. אויף אַזאַ יסוד קען מען קיין זאַך ניט באַזירן. דאָס דערנענטערן די קינדער צו עלטערן איז אַ דערנענטערן פֿון איין רינג צו אַ צווייטן אין דער קייט יידישע דורות. דאָס דערנענטערן די קינדער צו די עלטערן איז אַ דערנענטערן די קינדער צום איצטיקן יידישן לעבן דאָ און אומעטום. אין דעם דאָזיקן ברייטן זינען פֿאַרבלייבט דער ענין עלטערן-קינדער אַ ציל פֿאַר דער שול און פֿאַר דעם לימוד פֿון יידיש".

ד) „אונדזערע קינדער זיינען אַמעריקאַנער. דאָס איז ניט בלויז אַ פֿראַגע פֿון בירגערשאַפֿט אָדער פֿון אָרט-סענטימענטן. זיי געהערן צו דער אַמעריקאַנער קולטור. מיר ווילן ניט אָפּרייסן פֿון דער אַמעריקאַנער קולטור און פֿון אַמעריקאַנישקייט. מיר ווילן צוגעבן: די יידישע קולטור און די געפֿילן פֿון צוגעבונדנקייט צו איר. מ י ר ש א פֿ ן פּ א ק ט י ש אַ ק ו ל ט ו ר - צ ו ו י י א י ק י י ט. מיר ווילן, אַז אָט די צווייאיקייט זאָל בלייבן. אמת, מע קען מיט אַ שיינער פֿראַזע וועגן סינטעז פֿאַרדעקן אָט די צווייאיקייט. אָבער עס איז ניט מער ווי אַ פֿראַזע. אומזיסט האָבן מיר געמאַכט חוזק פֿון דעם פּרינציפּ פֿון השכלה וועגן אַ ייד אין שטוב און אַ מענטש אין גאַס. הלוואי זאָלן מיר קענען איינ-האַלטן די יידישע היים. עס איז בלי שום ספק אַ געוויסע צווייאיקייט: פֿון איין זייט אַמעריקאַנישקייט, פֿון דער צווייטער זייט יידישקייט. איז דעריבער נייטיק צו אַנטוויקלען אַ געפֿיל, אַז אָט די קולטור-צווייאיקייט איז ניט קיין שלעכטע זאַך, איז ניט קיין מינוס און בשום אופֿן ניט קיין יאָך. לאָמיר

שטרעבן דערצו, אונדזערע קינדער זאָלן אַט די צוויי־איקייט אויפנעמען מיט פרייד, מיט אַ גרינג הארצן, ווי אַ באַרייכערונג און ניט ווי קיין אָנשיקעניש". („קולטור און דערציאונג", מאַי, 1939)

דאָס זיינען די גרונטמאָטיוון פון דער יידיש־פּראָגראַם, וואָס איז פאַר־געשלאָגן געוואָרן אויפן 11טן שול־צוזאַמענפאָר, און אָט איז די רעזאָלוציע, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען:

„דער 11טער צוזאַמענפאָר פון די ארבעטער־רינג־שולן זעט איין, אַז: 1) אונדזערע שולן האָבן אין פאַרלויף פון די פאַרגאַנגענע 20 יאָר געטאָן וויפל זיי זיינען געווען בכח, כדי צוצובינדן די קינדער צו דער יידישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור. 2) אונדזערע שולן שטייען איצט פאַר נאָך שווערערע פּראָבלעמען ווי פריער, אַ טייל קינדער קומען שוין פון עלטערן, וואָס זיינען געבאָרן אין אַמעריקע און פון אַ סביבה, וואו זיי הערן ווייניק יידיש; 3) מיר דאַרפן זיך רעכענען מיט די דאָזיקע נייע באַדינגונגען און צופּאַסן דעם מאַטעריאַל און דעם אופן לערנען צו די קינדער, וואָס לערנען זיך איצט אין די שולן".

„דעריבער באַגריסט דער צוזאַמענפאָר אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס ווערן לעצטנס געמאַכט איינצושטעלן אַ רעאַליסטיש־אויפגעבויטע און פּעדאַגאָגיש־דורכגעטראַכטע פּראָגראַם פאַר יידיש, יידישע ליטעראַטור און געזעלשאַפטלעכע שמועסן, אַ פּראָגראַם, וואָס נעמט אין באַטראַכט די פּאַקטישע לאַגע, די קאָלעקטיווע לערערישע דערפאַרונג, די אַלגעמיינע פּעדאַגאָגישע פּרינציפּן פון איין זייט און די פונדאַמענטאַלע צילן פון אונדזער שול פון דער צווייטער זייט".

דעם צוגעשטעלטן פּראָיעקט פון פּראָגראַם פאַר יידיש נעמט דער צוזאַ־מענפאָר אָן ווי אַ באַזיס פאַר די ווייטערדיקע לערערישע, מעטאָדיש־פּעדאַ־גאָגישע און פאַרלעגערישע טעטיקייטן פון אַלע אונדזערע אינסטיטוציעס. ווייטערדיקע פאָרשונג פון איין זייט, דער צושטייער מצד דעם לערער, דעם פּראַקטיקער, פון דער צווייטער זייט, וועלן העלפן מאָדיפיצירן און פאַרפאָל־קאָמען די דאָזיקע פּראָגראַם." („קולטור און דערציאונג", דאָרט)

אויפן 11טן צוזאַמענפאָר איז אויך דיסקוטירט געוואָרן די פראַגע וועגן געשיכטע, די פראַגע, צו וועלכער די אַ"ר־שול מוז זיך שטענדיק אומקערן, און אָט איז דער באַשלוס, וואָס איז וועגן דעם דאָזיקן וויכטיקן טייל פון דער פּראָגראַם אָנגענומען געוואָרן:

„דער צוזאַמענפאָר באַשליסט אין פּרינציפּ, אַז אין דער עלעמענטאַר־שול דאַרף מען דורכגיין די פולע יידישע געשיכטע. כדי דאָס צו פאַרווירק־לעכן דאַרף מען: אַ) אויסאַרבעטן אַ דעטאַליזירטע פּראָגראַם פון דער יידישער געשיכטע, אָנהייבנדיק פון די עלטסטע צייטן ביז אונדזער צייט. ב) די נייע פּראָגראַם דאַרף פריער אויסגעפּרואווט ווערן אין אַן ערך דריי שולן, כדי צו

זען אויף וויפל זי איז דורכפירבאר און וועלכע ענדערונגען עס דארפן געמאכט ווערן. ג) נאך דעם ווי די פראגראם וועט אויסגעפרואווט ווערן, דארף מען זי ברענגען צו דעם קומעדיקן צוזאמענפאר אויף צו באשטעטיקן. ד) ביז דעם קומעדיקן צוזאמענפאר פארבלייבט גילטיק די אלטע פראגראם פאר געשיכטע" (די פראגראם פון 1931). (דארט)

צו די וויכטיקערע באשלוסן פון 11טן שול־צוזאמענפאר געהערט אויך די רעזאלוציע וועגן יום־טובים, דער ענין יידישע יום־טובים איז אין די לעצטע פאר יאר נישט אראפ פון טאג־אָרדענונג פון דער א"ר־שול־פרעסע און שול־באראטונגען. מען האט געהאלטן אין איין ריידן וועגן דער וויכטיקייט פון יידישע יום־טובים און אין איין מאכן פארשלאגן, ווי זיי אויסצוניצן אויף צו באריכערן און פארשענערן דאס שול־לעבן בפרט און דאס יידישע לעבן בכלל. האט דער 11טער שול־צוזאמענפאר אנגענומען די פאלגנדיקע רעזאלוציע וועגן יום־טובים און דערהויפט וועגן יידישע יום־טובים:

„דער צוזאמענפאר דריקט אויס דעם ווּאונטש, אז דער בילדונגס־קאמיטעט זאל זען, אז עס זאל ענדלעך אויסגעארבעט ווערן א געניויער צערעמאניאל ווי אויף א נייעם שטייגער צו פייערן יידישע יום־טובים. מיר האבן מיט צופרידנקייט געהערט א גרוס וועגן דעם, אז די ניו־יארקער מיטלשול האט דאס יאר געמאכט דעם ערשטן פרואוו פאר א נייעם פסח־צערעמאניאל. מיר ווילן, אז עס זאלן אויך אויסגעארבעט ווערן צערעמאניאלן און פייערונגען פון פורים און חנוכה. מיר דריקן אויך אויס אונדזער וואונטש, אז עס זאל אויסגעארבעט ווערן א צערעמאניאל פאר דער פייערונג פון דעם ערשטן מאי. דאס זאל דורכגעפירט ווערן און אפגעהיט ווערן אין אלע אונדזערע שולן איבערן גאנצן לאנד. מיט דעם אויסבליק און מיט דער האפענונג, אז דאס וועט אויך ביסלעכווייז אנגענומען ווערן ווי ניי־מאדערנע יום־טוב־פייערונגען אין אלע יידישע פאלקס־היימען פון די ברייטע יידישע מאסן".

„דער 11טער צוזאמענפאר באשליסט, אז אין די א"ר־שולן זאלן דורכגעפירט ווערן מיט די קינדער: א) א שלום־טאג; ב) א טאג פון ארבעט, און ג) אן ארבעטער־רינג־טאג. די טעג דארפן טראגן א יום־טובדיקן כאראקטער און עס דארפן אויסגעארבעט ווערן צערעמאניאלן פאר זייער פייערונג." (דארט)

דער 11טער שול־צוזאמענפאר איז אויסגעפאלן אין דער צייט, ווען עס איז געפייערט געווארן דער 20יאריקער יובילײ פון די א"ר־שולן, האט דער צוזאמענפאר געפונען פאר נייטיק צו פארעפנטלעכן אן אלגעמיינע דעקלאראציע וועגן די א"ר־שולן (געשריבן פון ז. יעפרויקין), און אזוי ווי זי טראגט א פראגראמאטישן כאראקטער, שליסן מיר מיט איר דאס קאפיטל וועגן דער געשיכטע פון דער א"ר־שול־פראגראם. די דעקלאראציע לייענט זיך אזוי:

„מיר פייערן היי־יאר דעם 20 יאריקן יובל פון דער ארבעטער־רינג שול־באוועגונג. אונדזער יובל פאלט צונויף מיט נאך א יובל. מיט 150 יאר

צוריק, אין יאָר 1789, האָט די גרויסע פראַנצייזישע רעוואָלוציע פייערלעך דערקלערירט, אַז „קיינער זאָל נישט גערודפט ווערן פאַר זיינע רעליגיעזע מיינונגען", און נאָך געווויסע קווענקלענישן זיינען די יידן דערקלערט געוואָרן פאַר גלייכע בירגער פון פראַנקרייך. פאַר דער טובה האָט מען פון די יידן געפאָדערט אַ פּרייז. דער פּרייז איז געווען נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרלייקענונג. די יידן איבער גאַנץ מערב-אייראָפּע האָבן וויליק געצאָלט דעם פּרייז. זיי האָבן אים אָפט אַליין אונטערגעטראָגן די מאַכטהאָבער. אַזוי האָט זיך אין מערב-אייראָפּע אָנגעהויבן אַן עפּאָכע פון יידישער צעפאַלנקייט, ווען דער ייד האָט זיין אייגנעם אינערלעכן לעבן גענומען פאַרמירן ניט לויט זיין גוסט און זיינע נייטן, נאָר כּדי נושא-חן צו זיין אין די אויגן פון די שטאַר־קע שכנים. דער ייד האָט גענומען קוקן אויף יעדער יידישער אייגנאַרטיקייט ווי אויף אַ קללה וואָס מע דאַרף פון זיך אָפּוועגדן. יידן האָבן זיך אומגע־קערט מיטן רוקן צו די פריערדיקע דורות, וועלכע האָבן זיך מקריב געווען אויפצוהאַלטן דעם יסוד פון יידישער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ אין גלות: די יידישע קולטור. עס האָט אויסגעזען, אַז „דאָס עלטסטע פאָלק, וואָס האָט אויפגעהאַלטן זיין קיום קעגן אַלע שטורעמס אין דער וועלט-געשיכטע, האָט נישט אויסגעהאַלטן, אַז ס'האָט נאָכגעגעבן". די כוואַליעס פון אַסימילאַציע האָבן פון מערב גענומען זיך קייקלען קיין מזרח. אָבער דאָרטן, אין מזרח — וואו עס האָבן געלעבט גרויסע קאָמפּאַקטע יידישע מאַסן — זיינען אָט די כוואַליעס פאַרהאַלטן און צוריקגעשטויסן געוואָרן. די געזונטע, נאַציאָנאַל־פּולבלוטיקע פאָלקס-מאַסן פון מזרח האָבן צו זיך ניט דערלאָזט די אַסי־מילאַציע. נאָך מער, מיט דעם גאַנג פון יאָרן נעמט דער אָפּגעשטאַנענער און אין פלוג דערשלאָגענער מזרח-ייד דערוואַכן צו אַ ניי לעבן. אין באַהאַל־טענע שטיבלעך אויף בוידעמס און אין קעלערס, אין באַהאַלטענע וועלדער, איז אויפגעקומען דער נייער שטאָלצער ייד, די יידישע אַרבעטער-באַוועגונג, און צוזאַמען מיט איר די מאָדערנע יידישע וועלטלעכע קולטור. דער יידישער אַרבעטער, דער יידישער פאָלקס-מענטש האָט דערפילט אין זיך נייע לעבנס־כוחות. עס האָט דערוואַכט אין אים דער ייד און דער מענטש. ער הייבט אָן אַ העראָאישן קאַמף פאַר זיינע רעכט אַלס מענטש און ייד. ניט ווי אַ מתנה, פאַר וועלכער מע דאַרף צאָלן דעם טייערסטן פּרייז פון אויפלייזן די אייגענע געשטאַלט, די אייגענע פּערזענלעכקייט, וויל ער קריגן זיין פרייהייט, נאָר דורך קאַמף סאָלידאַריש מיט אַלע אונטערדריקטע קעגן די הערשערס און באַדריקערס. ער וויל ניט זיין קיין אורח ביי פרעמדע קולטור-טישן, נייערט זיין דער שאַפער און באַשאַפער פון אייגענע גייסטיקע ווערטן. די יידישע פאָלקס-מאַסן האָבן גענומען ווייטער שמידן יידישע קולטור-אוצרות, וואָס האָבן געהאַט זייער מקור אין אונדזער טויזנטיאָריקער קולטור. אין דעם

קאמף פאר קולטורעלער און נאציאנאלער באנייאונג, אין דעם קאמף פאר סאציאלער באפרייאונג איז די יארן לאנג גערודפטע און פאראכטע יידישע שפראך געווארן דער וויכטיקסטער אינסטרומענט פון די יידישע פאלקס־מאסן. זי, די יידישע שפראך, — האט דעם פאלקס־מענטשן געהאלפן זיך דערהייבן אויף א העכערער קולטור־מדרגה, פארברייטערן זיין לעבנסקוק, דורך איר איז געקומען צום אויסדרוק די במשך פון הונדערטער דורות אנגע־קליבענע שאפונגס־ענערגיע פון די יידישע פאלקס־מאסן.

אומעטום — בכלל תפוצות ישראל — וואו נאר דער גורל ברענגט נאר דעם יידן אין זיינע מאדערנע וואנדערונגען, צעבליט זיך און צעוואקסט זיך די מאדערנע וועלטלעכע קולטור אין דער יידישער שפראך. די יידישע פרעסע, די שיינע יידישע ליטעראטור, דער יידישער טעאטער, דאס יידישע ליד, זיי באגלייטן דעם יידן אין אלע נייע אימיגראציע־לענדער, העלפן אים אין יעדן לאנד זיך איינלעבן און איינווארצלען, שמידן צונויף די איינצלנע פון פארשיידענע עקן וועלט צונויפגעקומענע וואנדערער אין א נאציאנאלן קאלעקטיוו און פארבינדן אים מיט אלע יידישע ישובים איבער דער גארער וועלט. און ווי נאר דער ייד נעמט זיך איינפונדעווען אין א ניי לאנד, הייבט ער אן בויען די מאדערנע יידישע שול. אזוי איז געווען דא ביי אונדז אין די פאראייניקטע שטאטן, אזוי איז אויך אין אנדערע לענדער. ווייל אן א שול קען ניט זיין קיין קולטור־המשך. די שול איז די בריק וואס פארבינדט דעם יינגערן דור מיט דער קולטור פון די פריערדיקע דורות, און זי גרייט אויך צו נייע שאפונגס־כוחות. אן דער שול קען ניט געמאלט זיין קיין פאלקסקולטור.

ניט גרינג איז דער וועג פון דער יידישער שול, פונקט ווי פון דער גאנצער מאדערנער קולטור אונדזערער. צוואנציק יאר פון אונדזער שול זיינען צוואנציק יאר פון אנאויפהעריקן געראנגל מיט בייזווילן און שנאה, דחקות און פיין.

נאר דער מסירת־נפש פון די שולטוערס און לערערס, זייער אידעאליזם, אפפערווויליקייט און איבערגעבנקייט האבן די שול אויפגעהאלטן און זי דורכגעטראגן אפילו אין די שווערסטע צייטן, אין צייטן פון דער גרעסטער ארעמקייט, ארבעטלאזיקייט און דער גרעסטער מאטעריעלער אומזיכערקייט. דער טיפער גלויבן אין דער אידיי פון א סאציאליסטישער און יידישער דערציאונג האבן געגעבן דער שול כוח צו באגעגענען אלע אנפאלן און אנגרייפן אויף איר סיי פון דרויסן, סיי פון אינעווייניק. פאר דעם אידעאליזם האבן זיך ניט איין מאל געבייגן די קעגנער, זיינען ניט איין מאל שטיל געווארן די שנואים.

במשך פון 20 יאר פון איר עקסיסטענץ האט די ארבעטער־רינג־שול באוויזן צו ווערן א ווירקנדיקער כוח אין לעבן פון די יידישע מאסן דא אין

לאנד, א פעסטונג פון דער יידישער ארבעטערשאפט קעגן דער אסימילאציע וואס בושעוועט דא. מיט שטאָלץ קענען מיר אָנווייזן אויף אונדזערע אויפטועו, אויף הונדערטער און טויזנטער גראַדואירטע. די אַרבעטער־רינג־שול איז ניט נאָר אַ קינדער־שול; זי איז ניט ווייניקער די גייסטיקע קולטורהיים פון די טוערס, פון די עלטערן. באַזונדערס שטאַרק איז די ווירקונג פון אונדזער שול אויף אונדזער אייגענער אָרגאַניזאַציע. ווער קען זיך איצט פאָרשטעלן דעם ארבעטער־רינג אָן די שולן?

אמת, מיר זיינען א מינדערהייט אין היגן יידישן לעבן. אָבער נישט איין מאָל אין יידישן לעבן איז די נאַציאָנאַלע קולטור און שול באַקעמפט געוואָרן. אויך דער קאַמף מיט אַסימילאַציע איז ניט קיין נייער. ער איז אַזוי אַלט ווי אַלט עס איז די יידישע געשיכטע: אייביק זיינען אין איר אָנגעגאַנגען צוויי געראַנגלענישן: 1) זיך צונויפצובינדן, 2) זיך אָפּצורייסן פון דער פאָלקסקולטור. אָן אַנטשלאָסענע און צילבאַוואוסטע מינדערהייט האָט אָבער תמיד גובר געווען אַלע מניעות און אַלע שטרויכלונגען.

מיט 150 יאָר צוריק, באַלד נאָך דער יידישער בירגערלעכער עמאַנצי־פּאַציע אין מערב, האָט די אַסימילאַציע פאַרכאַפּט גאַנצע יידישע ישובים; טיילן פון אונדזער פאָלק האָבן באַוואוסטזיניק זיך געלאָזט אויף איר וועג. מיר זעען איצט פאַר אונדזערע אויגן דעם דורכפאַל פון די אַסימילאַציע־אידעאַלן. די גוואַלדיקע טראַגעדיע פון די דייטשע יידן, זאָל זיין פאַר אונדז אַ וואָרנונג, אַ וואָרנונג פאַר אונדזער יוגנט און אַ רוף פאַר אומדערמידלעכן קאַמף פאַר דער אויפהאַלטונג פון אונדזער נאַציאָנאַלער קולטור.

אין אַ צייט ווען יאוש נעמט אַרומכאַפּן גרויסע שיכטן פון יידישן פאָלק, דאַרפן מיר לערנען אונדזערע קינדער מיט אַלע כוחות זיך איינקלאַ־מערן אין דעם אַלטן געשיכטלעכן יידישן בטחון, אין דעם כוח וואָס האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן געגעבן די יידישע מאַסן קראַפט אריבער־צוטראָגן אַלע ליידן און פּיין; אין דעם בטחון אין אַ בעסערער צוקונפט ווען גערעכטיקייט וועט סוף־כל־סוף הערשן איבער דער וועלט און אַלע פעלקער וועלן לעבן אין איין ברידערלעכער אינטערנאַציאָנאַלער משפחה. אין אַזאַ צייט דאַרפן מיר — מעגן די כוחות פון פאַשיזם צייטווייליק הערשן — הויך האַלטן די פאָן פון סאָציאַליזם. מיר דאַרפן לערנען אונדזערע קינדער צו געדענקען די ווערטער פון דעם גרויסן יידישן נאַציאָנאַלן דיכטער יהודה הלוי, וועלכער האָט פאַרגליכן דאָס יידישע פאָלק צו דעם האַרצן פון דער וועלט. ווערט קראַנק אָן אבר דערפילט עס תיכף דאָס האַרץ. דאָס יידישע פאָלק ליידט, וויל קראַנק איז די וועלט. מיר דאַרפן לערנען אונדזערע קינדער דאָס פאַרשטיין, זיך צוגרייטן פאַרן קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער וועלט, פאַר אַ געזונטער וועלט, אין וועלכער דער ייד וועט ערשט געפינען

זיין רו און ניט דארפן צאָלן פאַר דעם קיין שום פּרייז, אודאי ניט קיין פּרייז פון זעלבסט־פאַרלייקענונג. ווען עס איז טייער די יידישע קולטור, איר פולע אומבאַגרענעצטע אַנטוויקלונג, דעם דאַרף זיין טייער דער אידעאַל פון סאָציאַליזם. צו אים דאַרפן מיר רופן אונדזערע קינדער ווי מענטשן און יידן.

אין דעם יאָר פון אונדזער 20סטן יובל רופן מיר די יידישע פאָלקס־מאַסן, אַלע אַרבעטער־רינג־מיטגלידער, אַלע שולטוערס: מיט פרישן מוט צו ווייטערדיקער אַרבעט פאַר דער יידישער סאָציאַליסטישער שול, פאַר דעם סאָציאַליזם! אין קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון יידישן פאָלק צוזאַמען מיט דער גאַנצער מענטשהייט; אין קאַמף פאַר אַ וועלט פון פעלקער־ברידערלעכקייט!" (דאַרט)

פאַרגלייכט מען די דאָזיקע פּראָגראַם־דערקלערונג פון די אַ"ר־שולן מיט די דערקלערונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין 1920, ווען די ערשטע פּראָגראַם פון די אַ"ר־שולן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן, זעט מען די אידעאָלאָגישע און פּסיכאָלאָגישע עוואָלוציע, וואָס די אַ"ר־שול האָט דורכגעמאַכט אין משך פון די 20 יאָר, וואָס זי עקסיסטירט. מען זעט, אַז פון אַ שול, וואָס האָט זיך געוואַקלט צווישן סאָציאַליסטישקייט און יידישקייט, נישט וויסנדיק ווי זיי צונויפצופּאַסן אויף אַ האַרמאָנישן אופן, איז זי געוואָרן אַ דערציאונגס־אַנשטאַלט, ביי וועלכער עס איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז „דער קאַמף פאַר אַ וועלט פון פעלקער־ברידערלעכקייט" איז ניט קיין סתירה צו „דעם קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פונעם יידישן פאָלק" און אַז „מיר דאַרפן לערנען אונדזערע קינדער צו געדענקען די ווערטער פון דעם גרויסן יידישן דיכטער יהודה הלוי, וועלכער האָט פאַרגליכן דאָס יידישע פאָלק צום האַרץ פון דער וועלט".

7
פאַרשול־בילדונג, מיטלשולן און העכערע קורסן

א.

די אַרבעטער־רינג־שולטוערס האָבן אַלע מאָל געפילט, אַז מע טאָר זיך נישט באַנוגענען מיט דער עלעמענטאַר־שול אַליין. זיי האָבן געוואָוסט, אַז עס איז נייטיק פון איין זייט, אַן אַריינפיר, אַ צוגרייטונג צו דער שול — אַ קינדער־גאָרטן, און פון דער אַנדער זייט — אַ המשך פון דער עלעמענטאַר־שול — אַ מיטלשול, ווי אויך העכערע קורסן. זיינען געמאַכט געוואָרן פרואוון צו גרינדן ביי די אַ"ר־שולן — קינדער־גאָרטנס. דער ערשטער אַ"ר־קינדער־גאָרטן איז געגרינדעט געוואָרן אין וויניפעג, קאַנאַדאַ, און דאָס איז געווען אַ געלונגענער פרואוו. אָבער ניט אומעטום איז ער געלונגען. אַזוי, אַז אין יאָר 1929, גאַנצע צען יאָר נאָך דעם ווי די אַ"ר־שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן, זיינען אויף 98 עלעמענטאַר־שולן און 8 מיטלשולן, אַחוץ מיטלשול־קלאַסן, געווען נאָר 3 קינדער־גאָרטנס, אין 1934 צום 15יאָריקן יובילײ פון דער אַ"ר־שול־באַוועגונג, זיינען אויף 93 עלעמענטאַר־שולן און 5 מיטלשולן געווען 5 קינדער־גאָרטנס, אין 1939 — אויף 122 עלעמענטאַר־שולן און 7 מיטלשולן און פראָ־מיטלשולן — בלויז 4 קינדער־גאָרטנס (אין ניו־יאָרק, אין ראָטשעסטער, נ. י., אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדאַ און אין אַטלאַנטאַ, דזש.)

דער אַ"ר־קינדער־גאָרטן האָט, ווי עס ווייזט אויס, ניט געהאַט קיין גינסטיקע באַדינגונגען פאַר זיין אַנטוויקלונג. די מניעות זיינען געווען, פון איין זייט, מאַטעריעלע (עס קאָסט צו טייער אויסצוהאַלטן אַ קינדער־גאָרטן), און פון דער אַנדער זייט, גייסטיקע (די יידישע עלטערן האָבן ביז איצט נאָך ניט אָפּגעשאַצט דעם גרויסן ווערט פון יידישן קינדער־גאָרטן). דעריבער האָבן די אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָרן, ווי אויך דער בילדונגס־קאָמיטעט, געהאַלטן פאַר נייטיק צו דערמוטיקן אין די לעצטע יאָרן די גרינדונג פון קינדער־גאָרטנס. אָנווייזנדיק אויף זייער וויכטיקייט. ווי מוסטערן פון אַט דער קינדער־גאָרטן־פּראָפּאַגאַנדע וועלן מיר ברענגען די דעקלאַראַציעס, וואָס דער 10טער אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָר אין 1937 און דער 11טער צוזאַמענפאָר אין 1939 האָבן אַרויסגעגעבן וועגן דעם ווערט פון יידישער פאַרשול־דערציאונג:

„דער 10טער צוזאַמענפאָר פון די אַ"ר־שולן אין אַטלאַנטיק סיטי שטעלט פעסט, אַז די דערציאונג אין פאַרשול־עלטער פון 3 און אַ האַלב ביז 6 יאָר איז דער וויכטיקסטער פעריאָד, ווען עס ווערט פאָרמירט דער טיפּ פון צו־

דער קינדער־גאָרטן פון אַרבעטער־רינג אין די שלום־עליכם הייזער, בראָנקס, ניו־יאָרק.

קונפּטיקאַן מענטשן. ס'וועלן איינגעשטעלט געוואוינהייטן וואָס וועלן האָבן אַ ווירקונג אויף דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון קינד. ס'דאַרף דעריבער פאַרשטאַרקט ווערן די טעטיקייט צו עפענען קינדער-גאָרטנס אַרום די אַ"ר-שולן. דורך די קינדער-גאָרטנס וועט געשאַפן ווערן די מיגלעכקייט אַריינצוציען די קינדער אונטער אונדזער השפעה און אין דער אַטמאָספער פון דער יידישער שפּראַך. דער 10טער צוזאַמענפאָר שלאָגט דעריבער פאָר:

1) אָנצואווענדן אַלע מיטלען צו עפענען קינדער-גאָרטנס ביים אַרבעטער-רינג. אויב פאַר איינצלנע שולן איז עס צו שווער, זאָלן שכנישע שולן זיך פאַראייניקן און צוזאַמען גרינדן אַ קינדער-גאָרטן אין דער געגנט. 2) דער צוזאַמענפאָר רעקאָמענדירט אויך, אַז דאָרט וואו עס איז דערווייל שווער צו עפענען אַ גאַנצן קינדער-גאָרטן, זאָלן צייטווייליק אָרגאַניזירט ווערן קינדער-גאָרטנס אויף איין אָדער צוויי טעג אַ וואָך. 3) דער צוזאַמענפאָר שלאָגט פאָר, אַז: א) עס זאָלן איינגעפירט ווערן ספּעציעלע קורסן פאַר קינדער-גאָרטן לערערינס; ב) עס זאָל אויסגענוצט ווערן די זומער-וואַקאַציע פון די לערערס, איינצואָרדענען אין משך פון די זומער-מאָנאַטן אַ ספּעציעלן קינדער-גאָרטן-קורס אין אַ"ר-קעמפּ. 4) דער צוזאַמענפאָר רעקאָמענדירט, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן אַ פאַרשול-קאָמיסיע, וואָס איר אויפגאַבע זאָל זיין אָנצופירן מיט דער פאַרשול-אַרבעט.

די אַרבעט זאָל באַשטיין אין אָנפירן פּראָפּאַגאַנדע דורך אַרבעט צווישן עלטערן, זאַמלען מאַטעריאַלן און אינפאָרמאַציע און בכלל זיך אָפּגעבן מיט טעאָרעטישע און פּראַקטישע פּראָבלעמען פון דער קינדער-גאָרטן-אַרבעט. 5) כדי צו פאַרמינערן די שוועריקייט ביי דער אַרבעט פון אָרגאַניזירן קינדער-גאָרטנס רעקאָמענדירט דער צענטער צוזאַמענפאָר, אַז די קינדער-גאָרטנס זאָלן פון איצט אָן מצד דעם בילדונגס-קאָמיטעט באַטראַכט און געשטיצט ווערן ווי נאָרמאַלע שולן (גאַנצע שולן). („אונדזער שול", יוני, 1939)

דער 11טער אַרבעטער-רינג-שול-צוזאַמענפאָר שטרייכט ווידער אונטער „די נייטווענדיקייט צו אָנהייבן די יידישע דערציאונג פון די קינדער אַזוי פרי ווי מיגלעך, ד"ה, פון קינדער-גאָרטן-עלטער, אויסער דעם גיבן די קינדער-גאָרטנס אַ געלעגנהייט צוצוציען צו די יידישע שולן די יונגע מאַמעס, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין אַמעריקע, און אַריינפירן זיי אין דער סביבה פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, בשעת אַנדערש וואָלטן זיי געבליבן אין גאַנצן אָן אַ זייט פון אַ יידישער סביבה. ווי די דערפאַרונג באַווייזט, קענען די קינדער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער יידישע דערציאונג אין קינדער-גאָרטן, אַ סך אַ בעסערן און אַ רייכערן יידיש. צום באַדויערן אָבער, גיט זיך זעלטן איין אויפצובויען און אויפהאַלטן קינדער-גאָרטנס פאַר אַ גאַנצער וואָך, דערפאַר וואָס די הוצאות פאַר דעם זיינען מערסטנס צו גרויס, אַז די עלטערן זאָלן, אפילו מיט דער הילף פון דעם אָפיס, קענען זיי

רעגלמעסיק אויסהאַלטן. דער צוזאַמענפאַר רעקאַמענדירט, דעריבער, אַז די שולן זאָלן מאַכן די געהעריקע אָנשטרענגונג צו אָרגאַניזירן ביי זיך צוויי־טאָגיקע אָדער אַפילו איין־טאָגיקע קינדער־גאָרטנס (שבת און זונטיק), וואוהין די מאַמעס זאָלן ברענגען זייערע קליינע קינדער אין עלטער פון פיר ביז זיבן יאָר און מע זאָל מיט זיי דורכפירן אַ קינדער־גאָרטן־פּראָגראַם. די לערערינס, אָדער לערערס, וואָס האָבן אַ ספּעציעלע קינדער־גאָרטן־פּאָרברייטונג, וועלן קענען אַליין אָנפירן מיט דער דאָזיקער אַרבעט. אין די שולן, אָבער, וואו די לערערס האָבן ניט די נייטיקע פּאָרברייטונג, וועט מען דאַרפן קריגן פאַר דעם צוועק ספּע־ציעלע לערערס. דער צוזאַמענפאַר רעקאָמענדירט, מע זאָל אויף די אַרבעטער־רינג־לערער־קורסן איינפירן אַ ספּעציעלן קינדער־גאָרטן־קורס, און סטודענטן פון די קורסן, און באַזונדערס די, וואָס פאַרענדיקן זיי, אויסנוצן אַלס קינדער־גערטנעריִנס פאַר די צוויי־טאָגיקע קינדער־גאָרטנס. דער צוזאַמענפאַר רעקאָמענ־דירט, דער בילדונגס־קאָמיטעט זאָל אויסניצן דעם קינדער־גאָרטן אין די שלום־עליכם־הייזער, וואָס עקסיסטירט שוין אַזוי פיל יאָרן און האָט אָנגעזאַמלט אַזוי פיל דערפאַרונג, און מאַכן עס פאַר אַ מוסטער־קינדער־גאָרטן, וואו די, וואָס ווילן זיך צוגרייטן צו קינדער־גאָרטן־אַרבעט, זאָלן קענען באַקומען זייער פּראַקטישע דערפאַרונג.״ („קולטור און דערציאונג״, מאַי, 1939)

פון די דאָזיקע עצם דערקלערונגען איז צו זען, ווי זעלטן עס איז געלונגען אויסצוהאַלטן אַנשטאַלטן פאַר א״ר־פאַרשול־דערציאונג.

אַנדערש איז געווען די לאַגע, ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן פירן ווייטער די לימודים פון דער עלעמענטאַר־שול. אַלעמען איז געווען קלאָר, אַז עס איז נייטיק אַ המשך פון די עלעמענטאַרע לימודים. שוין די ערשטע פּראָ־גראַם פון די א״ר־שולן, די פּראָגראַם פון 1920, האָט פאָרויסגעזען אַ „העכערן קורס״, אַחוץ דעם קורס פון דער אָנפאַנגשול. און אַזוי ווי אַ „העכערער קורס״ איז נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין צו גרויסע הוצאות, איז שוין דעם 18טן סעפּטעמבער 1921, קנאַפּע דריי יאָר נאָך דעם, ווי עס האָט זיך געעפנט די ערשטע א״ר־שול אין האַרלעם, געגרינדעט געוואָרן — און טאַקע ביי דער האַר־לעמער שול — אַ מיטלשול, די ערשטע אַ״ר־מיטלשול און די ערשטע יידיש־וועלטלעכע מיטלשול אין אַמעריקע בכלל.

דער קורס פון דער אָנפאַנגשול איז געווען אויסגערעכנט אויף פיר יאָר, אָבער די עלטערע און אינטעליגענטערע קינדער פון דער האַרלעמער שול האָבן באַוויזן דורכצוגיין דעם קורס אין משך פון דריי יאָר, אַנשטאָט פיר; דאָס איינענע האָבן באַוויזן צו טאָן אייניקע תלמידים און תלמידות פון דער א״ר־שול אין וויליאַמסבורג. דערביי זיינען זיי אַלע געווען אַזוי צוגעבונדן צו דער שול, אַז זיי האָבן זיך, פשוט, נישט געוואָלט שיידן מיט איר. האָט די פאַר־וואַלטונג פון דער האַרלעמער שול פאַרלאַנגט פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט, אַז עס זאָל געעפנט ווערן אַ העכערער קורס פון לימודים — אַ מיטלשול. דער

פארלאנג איז נאכגעגעבן געוואָרן, אָבער בלויז ווי אַ פּראָבע — אויף איין יאָר. מען איז ניט זיכער געווען, אַז די עלטערע קינדער וועלן „אָנהאַלטן" זייער אינטערעס צו די יידישע לימודים. מען איז די ערשטע צייט נאָך בכלל געווען זייער פּראַקטיש ביי יעדן נייעם שריט, וואָס מען האָט געמאַכט אויפן וועג פון יידישער דערציאונג. אָבער נאָכן ערשטן יאָר לערנען אין מיטלשול איז קלאָר געוואָרן, אַז מע קאָן און מע דאַרף גיין ווייטער: האָט מען געלערנט אַ צווייט יאָר, דערנאָך — אַ דריט.[1]

די לערערס האָבן נאָך פריער געוואוסט, אַז אַזוי וועט עס מוזן זיין, און איידער נאָך עס איז אריבער אַ יאָר זינט עס איז געעפנט געוואָרן דער ערשטער קורס פון דער האַרלעמער מיטלשול, האָט דער שול־צוזאַמענפאָר, וואָס איז פאָרגעקומען אין אַפּריל, 1922, אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט, אַז די דערעפנונג פון דער ערשטער א"ר־מיטלשול אין ניו יאָרק איז אַ גרויסער טריט אויפן וועג פון אַנטוויקלען אונדזער קינדער און צוגרייטן זיי אַלס צוקונפטיקע יידישע אינטעליגענטע אַרבעטער־טוערס אויף דער יידישער גאַס. דער צוזאַמענפאָר פאָדערט אויף די נאַציאָנאַלע שול־קאָמיסיע, זי זאָל העלפן עפענען אַזעלכע מיטלשולן אויך אין אַנדערע גרעסערע צענטערס, וואו עס וועט זיין אַ גרעסערע צאָל קינדער פאַר אַזאַ מיטלשול. דער צוזאַמענפאָר בעט דעם בילדונגס־קאָמיטעט צו העלפן די דאָזיקע מיטלשולן מיט אַ באַדייטנדער סובסידיע. דער צוזאַמענפאָר געפינט אויך, אַז אין די פּלעצער, וואו עס איז ניטאָ קיין מיגלעכקייט צו עפענען אַ מיטלשול, זאָל געגעבן ווערן אַ מיגלעכקייט די קינדער, וואָס ענדיקן אַן עלעמענטאַר־שול, פאָרצוזעצן זייער לערנען אין ספּעציעלע העכערע קלאַסן. דעם נאַציאָנאַלן שול־קאָמיטעט ווערט איבערגעגעבן אויסצואַרבעטן די פּראָגראַם פאַר די מיטל־שולן פאַרן נעקסטן יאָר". („פריינד", יוני־יולי, 1922).

די לערערס פון דער ערשטער א"ר־מיטלשול זיינען געווען: יעקב לעווין, קלמן מרמר, י. שטיינבוים און א. ל. גאָלדמאַן (דער לעצטער — פאַר יידישער סטענאָגראַפיע). די צילן (ווי זיי זיינען פאָרמולירט געוואָרן פון דער נאַציאָנאַלער שול־קאָמיסיע צום צווייטן א"ר־שול־צוזאַמענפאָר) זיינען געווען: 1) „געבן אַ מיגלעכקייט די, וואָס האָבן געענדיקט אַן עלעמענטאַרע א"ר־שול פאָרצו־זעצן און פאַרטיפן זייערע יידישע לימודים, באַקאַנט ווערן גרינטלעכער מיט דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג, מיטן סאָציאַליזם, מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע און ליטעראַטור און מיט געוויסע עלעמענטן פון נאַטור־וויסנשאַפט און אויף אַזאַ אופן אַרויסרופן ביי זיי דעם אינטערעס צו לערנען און צו וויסן. 2) אויסבילדן בחורים און מיידלעך, וואָס זאָלן קאָנען טאָן אינטעליגענטע יידישע אַפּיס־אַרבעט, אַרויסהעלפן אַלס לערערס, אַלס טוערס אין יוניאָנס, אַלס שול־סעקרעטאַרן אד"גל און וואָס זאָלן זיין אין שטאַנד — נאָך אַ ספּעציעלער פאַרפאָלקאָמונג אין משך פון אַ פּאָר יאָר אין

א הויכשול און נאָך א געוויסער צייט פון דערפאַרונג אלס געהילף — צו ווערן לערערס אין יידישע שולן און טועהם אויף פאַרשיידענע געביטן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם יידישן אַרבעטער. („פריינד", מאַי, 1921).

ווי עס איז צו זען פון דער פאָרמולירונג, האָבן די פירערס פון דער מיטלשול זיך געשטעלט צילן, וואָס זיינען געווען צו ברייט פאַר א דערגאַנצונג־שול. זיי האָבן איגנאָרירט דעם פאַקט, וואָס די תּלמידים באַזוכן אין דער גלייכער צייט אַן אַלגעמיינע מלוכה־שול, און זיי האָבן געוואָלט ניט נאָר געבן די שילערס יידישע לימודים און באַקענען זיי מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט דעם סאָציאַליזם, נאָר אַרויסרופן ביי זיי בכלל דעם אינטערעס „צו לערנען און צו וויסן"; מען האָט געוואָלט זיי אויך באַקענען מיט דער „אַלגעמיינער געשיכטע און ליטעראַטור, מיט געוויסע עלעמענטן פון דער נאַטור־וויסנשאַפט". אָט דער גלויבן, אַז די אמתע בילדונג און דערציאונג וועלן די שילערס קריגן ניט דאָרטן, אין דער פּאַבליק סקול, נאָר דאָ — אין דער א"ר־שול, — איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר די יעמאָלטיקע אידעאָלאָגן פון דער א"ר־שול. דער שטירך מערקט זיך אין אַלע פּראָגראַם־ און ציל־איינשטעלונגען, דערהויפּט אין שייכות מיט דער מיטלשול. דעריבער האָט מען אויסגעאַרבעט א פּראָגראַם, וואָס האָט דערמאָנט זייער שטאַרק אָן א פּראָגראַם פון א פאָלקס־אוניווערזיטעט אין דער אַלטער היים. מיר האָבן דאָרטן געהאַט פיזיקע, כעמיע, און וואָס ניט?

די פּראָגראַם פון דעם 3 יאָריקן קורס, ווי זי איז אין אָנהייב פּראָיעקטירט געוואָרן, איז געווען די ערשטע צוויי יאָר פאַר אַלע שילערס גלייך, דאָס דריטע יאָר טיילוויז פאַרשיידן לויט דער ספּעציאַליטעט, וואָס זיי וועלן זיך אויסקלייבן.

ערשט יאָר: 1) יידישע גראַמאַטיק — 54 לעקציעס; 2) יידישע העטאָריק — 24 לעקציעס; 3) יידישע קאָמפּאָזיציע — 18 לעקציעס; 4) יידישע ליטעראַטור — 54 לעקציעס; 5) יידישע געשיכטע — 72 לעקציעס; 5) יידישע דעמאָגראַפיע — 24 לעקציעס; 7) העברעאיש — 36 לעקציעס; 8) תנך — 36 לעקציעס; 9) קולטור־געשיכטע — 24 לעקציעס; 10) אַלגעמיינע ליטעראַטור — 18 לעקציעס; 11) פּאָליטישע עקאָנאָמיע — 36 לעקציעס; 12) סטענאָגראַפיע און מאַשינשריפט — 36 לעקציעס.

צווייט יאָר: 1) יידישע ליטעראַטור — 54 לעקציעס; 2) יידישע קאָמפּאָזיציע — 18 לעקציעס; 3) יידישע געשיכטע — 72 לעקציעס; 4) העברעאיש — 36 לעקציעס; 5) תנך — 36 לעקציעס; 6) אַלגעמיינע געשיכטע — 36 לעקציעס; 7) אַלגעמיינע ליטעראַטור — 36 לעקציעס; 8) פיזיק — 36 לעקציעס; 9) געשיכטע פון סאָציאַליזם — 36 לעקציעס; 10) געשיכטע פון דער אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג—36 לעקציעס; 11) געשיכטע פון רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען מיט ביאָגראַפיעס — 36 לעקציעס.

אַ קלאַס פון דער ניו־יאָרקער מיטלשול אין יאָר 1921. אין צענטער זיצט דער ערשטער דירעקטאָר יעקב לעווין.

דריט יאָר, א׳ (אַלגעמיינער קורס) : 1) יידישע ליטעראַטור—36 לעקציעס ; 2) יידישע קאָמפּאָזיציע — 18 לעקציעס ; 3) יידישע געשיכטע — 36 לעק־ציעס ; 4) געשיכטע פון יידן אין אַמעריקע — 18 לעקציעס ; 5) געשיכטע פון יידישער אַרבעטער באַוועגונג — 18 לעקציעס ; 6) וויכטיקע וויסנשאַפט־לעכע אויפטואונגען מיט ביאָגראַפיעס — 36 לעקציעס ; 7) כעמיע — 36 לעקציעס ; 8) ביאָלאָגיע (באָטאַניק) — 36 לעקציעס.

דריט יאָר בי (ספּעציעל פאַר לערערס) : 1) געשיכטע פון העברעאישער ליטעראַטור — 36 לעקציעס ; 2) געשיכטע פון פּעדאַגאָגיק — 36 לעקציעס ; 3) מעטאָדיק און פּראָבע־לעקציעס — 36 לעקציעס ; 4) אַנדערע שול־פּראַגן — 18 לעקציעס ; 5) געזאַנג — 18 לעקציעס ; 6) מאַלעריי און סקולפּטור — 24 לעקציעס ; עקזאַמענס — 30 לעקציעס.

דריט יאָר גי (ספּעציעל פאַר יוניאָן און אַנדערע טוערס) : 1) די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע — 36 לעקציעס ; 2) געשיכטע פון יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע — 18 לעקציעס ; 3) וועגן יוניאָן אַגרימענט — 36 לעקציעס ; 4) בריוו־שרייבעריי — 24 לעקציעס ; 5) בוכ־פירונג — 36 לעקציעס ; עקזאַמענס — 30 לעקציעס.

אינטערעסאַנט זיינען אייניקע דערקלערונגען צו דער פּראָגראַם פון דער א״ר־מיטלשול, געגעבן פון איר גרינדער און ערשטן דירעקטאָר, יעקב לעווין : די יידישע שפּראַך און די יידישע ליטעראַטור ווערן ווייטער געלערנט אין דער מיטלשול, כדי די יוגנט זאָל זיך פאַרפולקומענען אין די ביידע לימודים. די מיטלשול שטרעבט דערצו, אַז די קינדער זאָלן קענען נישט נאָר פראַגמענטן פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר „גאַנצע זאַכן און גאַנצע שרייבער.״ אויך וויל זי זיי באַקענען מיט ליטעראַטור בכלל — „מיט די פאַרשיידענע עלעמענטן, פאָרמען און ריכטונגען פון ליטעראַטור״, און זי לערנט זיי אַנאַלי־זירן ליטעראַרישע ווערק אד״גל. וואָס איז שייך צו יידישער געשיכטע, ווערט זי, ערשטנס — געלערנט לויט אַ ברייטערער פּראָגראַם (אין דער עלעמענטאַר־שול באַוויזט מען ניט דורכצוגיין די גאַנצע יידישע געשיכטע) און צווייטנס, ווערט זי געלערנט אויף אַ „גאַנץ אַנדער אופן : שוין ניט קיין לעגענדעס אָדער איבערפלעכלעכע פאַקטן ווערן געגעבן די קינדער, נאָר אַ גרינטלעכער באַגריף וועגן דער אַנטוויקלונג פונעם מאַטעריעלן לעבן און פון דעם גייסטיקן אויסזען פון די יידן ; וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג ביי יידן״. וועגן פאַרשיידענע יידישע פּאַרטייען אאַז״וו. העברעאיש ווערט געלערנט דערפאַר, „ווייל אַלס יידישע אינטעליגענטן קאָן זיי די תלמידים אויסקומען צו באַנוצן זיך מיט אַזעלכע יידישע קוואַלן, אַזעלכע טיילן פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור, וואָס זיינען געשריבן אין העברעאיש און זיינען נאָך ניט איבערגעזעצט ביז איצט אין דער יידישער שפּראַך. זיי לערנען אויך דעם תנך, טיילן פונעם חומש און טיילן פון די נביאים. זיי לערנען דאָס אין דער

יידישער איבערזעצונג און באקענען זיך אויף אזא אופן מיט די בעסטע מוסטערן פון די אלטע יידישע שאפונגען. זיי לערנען דאס אבער אונטער אן אנדער ליכט. ניט ווי היילי קע שריפטן . . . זיי לערנען דאס אלס מוסטערן פון ליטעראטור און אלס מאטעריאלן פאר קולטור־געשיכטע" („דער פריינד", אפריל, 1923).

ווייטער דערקלערט דער דירעקטאר פון דער ערשטער א"ר־מיטלשול, אז „אויסער די אויסגערעכנטע קענטשאפטן וואס די קינדער ל ע ר נ ע ן אין דער שול, האבן זיי דארט נאך א גאנצע ריי זאכן צו טאן, זאכן, וועלכע דינען זייער פיל פאר זייער אנטוויקלונג. ערשטנס גיבן זיי ארויס א צייטונג יעדע וואך, אדער א וואך איבער א וואך, ברענגען די וויכטיקסטע נייס און שאצן אפ די נייס אין דער פארם פון ארטיקלען. דערביי קומען אלגעמיינע פאליטישע נייס, ספעציעלע ארבעטער־נייס און יידישע נייס; אויך נייס פון דער מוזי־קאלישער וועלט, ספארטנייס און שולנייס. יעדע אפטיילונג האט איר רעדאק־טאר, וועלכער איז פאראנטווארטלעך פאר איר. די קינדער האבן אויך פון צייט צו צייט דיסקוסיעס אדער דעבאטעס. זיי לערנען אויך ביכער און גיבן אפ באריכטן וועגן זיי אד"גל. די גאנצע מיטלשול,ביידע קלאסן, האבן אויך אויסגעבילדעט א „נייע געזעלשאפט", אנגעמענדיק אלס באזיס דעם געדאנק, אז „אויב עס וועט א מאל דאך זיין א נייע געזעלשאפט, א העכערע, און אויב אונדז וועט אויסקומען צו זיין מיטגלידער פון אט דער געזעלשאפט, טא לאמיר זיך שוין איצט אנהייבן לערנען, ווי צו לעבן און צו האנדלען אין אזא גע־זעלשאפט. און טאן לאמיר דאס אויף דעם אופן, אז מיר וועלן זיך אונדזער מיטלשול פארשטעלן אלס אט די נייע געזעלשאפט און וועלן שוין איצט זען צו שאפן פון איר דאס העכסטע און בעסטע, און וועלן דערביי אויסארבעטן די אלע כללים און געזעצן, לויט וועלכע מיר דארפן זיך אין איר פירן". „אזוי אבער ווי דער עקאנאמישער געביט איז, נאטירלעך, אויסגעשלאסן פון אט דער געזעלשאפט, ווערט די טעטיקייט פון די קינדער איינגעטיילט דערהויפּט אין די פאלגנדע סעקציעס: 1) פאר ליטעראטור, 2) פאר מוזיק, 3) פאר דראמע, 4) פאר ספארט, 5) פאר וויסנשאפט, 6) פאר דיסקוסיע און רעדנער־קונסט, 7) צו האלטן ריין דעם קלאס, און 8) אן עקזעקוטיווע פון די פארזיצערס פון אלע סעקציעס, כדי דורכצופירן פארשיידענע ארבעטן, ווי ארויספארן, שמחות אד"גל. אויסער דעם האט די געזעלשאפט אויסגעקליבן א געריכט־קאמיסיע צו שליכטן פארשיידענע סיכסוכים צווישן די קינדער אין דער געזעלשאפט. די אלגעמיינע פארזאמלונג פון דער געזעלשאפט איז אויך איר געזעצגעבערישע קערפערשאפט." (דארט)

לויט אן ענלעכער פראגראם און צוליב די זעלביקע צילן זיינען אויפגעקו־מען א"ר־מיטלשולן אין אנדערע גרעסערע צענטערס פון א"ר־שול־טעטיקייט, אחוץ ניו־יארק. אזוי איז אין מאי, 1923, געגרינדעט געווארן די מיטלשול אין שיקאגא, מיט א יאר שפעטער — אין פילאדעלפיע. אין די שטעט, וואו

עס זיינען נישטאָ געגוג אַ"ר־שילערס פאַר אַ מיטלשול, ווערן, לעצטנס, גע־מאַכט פּרוּוון צו גרינדן מיטלשולן בשותפות מיט אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי דער שלום־עליכם־פֿאָלקס־אינסטיטוט און דער יידישער נאַציאָנאַלער אַרבע־טער־פאַרבאַנד. אַזאַ פאַראייניקטע מיטלשול עקסיסטירט שוין עטלעכע יאָר אין דיטראָיט, מיש.

די אַלגעמיינע צאָל מיטלשולן איז אין יאָר 1935 געווען 5, אַחוץ 16 פּראָמיטלשול־קלאַסן ביי די עלעמענטאַר־שולן, אין 1939 — 7 מיטלשולן און 18 פּראָמיטלשול־קלאַסן.

די ניו־יאָרקער אַ"ר־מיטלשול האָט זיך אָנגעהויבן מיט 26 קינדער. אין יאָר 1926 איז אין דער מיטלשול געווען 84 שילערס. אָבער נאָך דער שפּאַל־טונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דעם זעלבן יאָר זיינען אין איר פאַרבליבן נאָר 12 שילערס. דער דירעקטאָר איז דאַן געווען ב. אָסטראָווסקי, וועלכער האָט אין 1930 זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. נאָך אים האָט דעם אַמט פאַר־נומען ביז דעם יאָר 1932 דער ניט לאַנג פאַרשטאָרבענער חיים קאָנטאָראָוויטש. פון 1932 איז ז. יעפּרויקין דער דירעקטאָר פון דער ניו־יאָרקער מיטלשול. אין משך פון די לעצטע יאָרן האַלטן אין איין וואַקסן די צאָל שילערס פון דער מיטלשול. אין די יאָרן 1938־1939 האָבן אין איר געלערנט 350 שילערס. אין דער פילאַדעלפיער מיטלשול (דירעקטאָר: ג. ברעסלער) זיינען אין יאָר 1937 געווען 60 שילערס, אין דער שיקאַגער (דירעקטאָר: ב. גראָבאַרד) — 45.

די פּראָגראַם פון די מיטלשולן איז תחלת אָנגעצייכענט געוואָרן נאָר אין אַלגעמיינע שטריכן. אַ מער קאָנקרעטיזירטער פּלאַן פון לימודים איז פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אין דער פּראָגראַם, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן ביים 7טן אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיע, אָבער אויך דער פּלאַן איז ניט געווען אויסגעאַרבעט אין אַלע פּרטים, און אַזוי שפּעט ווי אין 1934 זיינען פאָרגע־קומען באַראַטונגען וועגן אַ מער דעטאַליזירטער פּראָגראַם.

אין די באַראַטונגען האָבן אָנטייל גענומען די לערערס פון ניו־יאָרקער און פילאַדעלפיער מיטלשולן. צו קיין באַשטימטע רעזולטאַטן האָבן יענע באַראַטונגען נישט געפירט. האָט דער 9טער שול־צוזאַמענפאָר אין 1935 ווידער אַ מאָל אויפגעפאָדערט די ניו־יאָרקער און פילאַדעלפיער לערערס פון די אַ"ר־מיטלשולן, אַז זיי זאָלן זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די מיטלשול־לערערס פון אַנדערע שטעט און אין איינעם מיט זיי צונויפשטעלן אַ נעניוע פּראָגראַם פאַר די תלמידים אין די אַ"ר־מיטלשולן („אונדזער שול", מאַי, 1935). צום 10טן שול־צוזאַמענפאָר אין 1937 איז צום ערשטן מאָל געבראַכט געוואָרן אַ פּראָיעקט פון אַ גענויער און פולער פּראָגראַם פאַר אַלע לימודים אין דער אַ"ר־מיטלשול. דער פּראָיעקט איז צוגעגרייט געוואָרן פון די אַ"ר־מיטלשול־לערערס אין ניו־יאָרק מיט דער הילף פון די פילאַדעלפיער מיטל־שול־לערערס. ז. יעפּרויקין, דער דירעקטאָר פון דער ניו־יאָרקער אַ"ר־מיטלשול

האט אין אן אויספירלעכן רעפעראט וואס ער האט געהאלטן אויף דעם שול־צוזאמענפאר באגרינדעט די נייע פראגראם. מיר ברענגען דא אויסצוגן פון די וויכטיקסטע פונקטן פון דעם רעפעראט. די ציל־איינשטעלונג פון דער מיטלשול ווערט פארמולירט אויף אזא אופן: „איין זאך . . . דארף זיין קלאר פאר אונדז אלעמען, אונדזער וויכטיקסטער ציל איז צו זען, אז דא אין אמעריקע זאלן מיר פארמאגן ניט נאר יידן אינטעליגענטן, נאר אויך יידישע אינטעליגענטן, א יידישע אינטעליגענץ, וואס זאל זיין פארבונדן מיט די יידישע פאלקסמאסן, מיט דעם שורש פון וועלכן זי שטאמט אפ".

וועגן דער עצם פראגראם ווערט אין דעם רעפעראט געזאגט: „דאס הויפט־געוויכט דארף געלייגט ווערן אויף דעם לימוד פון יידיש. דער לימוד דארף שטיין אין צענטער פון אונדזער אויפמערקזאמקייט, און אלץ דארף געטאן ווערן כדי נאכן פארענדיקן די מיטלשול זאלן אונדזערע סטודענטן זיין בכח זיך גרינג אויסצודריקן סיי מינדלעך, סיי שריפטלעך, צו לייענען, מיט דער הילף פון א ווערטערבוך, די שאפונגען פון דער יידישער ליטעראטור".

„די פראגראם פארן יידיש־לימוד איז באמת געני דעטאליזירט און ביי א געוויסנהאפטער ארבעט אין קלאס וועט זי געבן די מיגלעכקייט די תלמידים צו דערגרייכן דעם אויבן אנגעמערקטן ציל."

„די פראגראם אנטהאלט ארבעטן אויף גראמאטיק, אויסלייג, ווארט־שאפונג און ווארטבארייכערונג, אידיאמאטיק, טעמעס פאר קאמפאזיציעס".

„אויך דער לערער פון ליטעראטור דארף שטארק אין זינען האבן ניט נאר צו באקענען די סטודענטן מיט די יידישע שאפונגען, נאר אויך צו דער זעלבי־קער צייט צו זיין דער יידיש־לערער. אט דער לערער דארף זיך אויך זארגן פאר דער באנרייכערונג און אויסבעסערונג פון דער שפראך ביי די קינדער".

„לויט דער פראגראם וועלן די סטודענטן אין מיטלשול זיך באקענען מיט די גרעסטע און וויכטיקסטע ליטעראריש געשעענישן."

„קיין אביעקטיווער צוגאנג ביים אריינגעמען דעם, אדער יענעם שרייבער, אין דער פראגראם טאר ניט דערלאזט ווערן. מיר האבן אויך אריינגענומען די ליטעראריש שאפונגען, וואס האבן א ספעציעלע שייכות צו אונדזער לעבן אין אמעריקע — און ווי א סאציאליסטישע שול — די שאפונגען, וואס שפיגלען אפ און באלייכטן דעם סאציאלן קאמף. די פראגראם האט א נייע איינפירונג, וואס איז ביז איצט ניט געווען. אין קלאס „ד" ווערט אפגעגעבן 10 לעקציעס אויף דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור."

„א קארדינאלע ענדערונג שלאגן מיר פאר צו מאכן אין דעם לימוד פון יידישער געשיכטע. ס'איז תמיד געווען אונדזער וואונטש, אז נאך אין דער עלע־מענטאר־שול זאלן אונדזערע קינדער קריגן א וואס ברייטערע און פולערע באַ־קאנטשאפט מיט דער יידישער געשיכטע, אויב אין דער עלעמענטאר־שול געלינגט אונדז עס נאר טיילווייז, דארפן מיר אבער זען, אז די קינדער, וואס באזוכן אין

די ניו־יאָרקער מיטלשול פֿון אַרבעטער־רינג אין יאָר 1939.

דער פראווינץ א צוויי־יאריקן מיטלשול־קלאס, זאלן באקאנט ווערן מיט דער גאנצער יידישער געשיכטע, ביז היינטיקן טאג, דורך א קורס וואס איז אויסגע־רעכנט נאר אויף צוויי יאר. אזא צוויי־יאריקער קורס איז אויך נייטיק פאר די מיטל־שולן פון די גרויסע שטעט ווי ניו־יארק, פילאדעלפיע, שיקאגא, ווייל אויך דארטן באזוכט די מיטלשולן א גרעסערע צאל קינדער נאר א פאר יאר. איז וויכטיק, אז די, וואס גייען ניט דורך דעם פולן פיריאריקן קורס, זאלן לכל־הפחות זיך באקענען מיט דער גאנצער פיל־טויזנטיאריקער יידישער געשיכטע. געשיכטע איז דער וויכטיקסטער און אויך דער צום בעסטן ווירקנדיקער מעטאד דורך וועלכן מע קען פארבינדן דעם אויפוואקסנדיקן דור מיט זיין פאלק און ארויסרופן ביי דעם יונגן דור א נאציאנאלן ווילן".

„לויט מיין מיינונג נאך דארפן מיר, ווען מיר לערנען געשיכטע, וואס שטארקער איינוואַרצלען אין די מוחות פון די קינדער די שעדלעכקייט פון אסימילאציע, אז אין אלע תקופות פון אונדזער געשיכטע האט אסימילאציע, אנשטאט צו ברענגען גוטס, אונדז נאר געבראכט צרות, אומגליק און שאנד."

„אויב אסימילאציע איז שעדלעך, איז אויך רעאקציאנער און א שונא פון יעדן פראגרעסיוון געדאנק, פון יעדן פרייהייטלעכן געדאנק — דער אתה בחרתנו געפיל, מיט וועלכן עס זיינען דורכגעדרונגען ס'רוב שרייבערס פון דער יידישער געשיכטע".

„מיר זיינען א פאלק ווי אלע פעלקער מיט מעלות און חסרונות. באהאלטן די חסרונות דארפן מיר ניט, נאר פארקערט, מיר דארפן דערוועקן ביי דעם יונגן דור א פארלאנג די חסרונות פון אונדזער לעבן אויסצובעסערן".

„עס דארף אויך בעתן לערנען געשיכטע אונטערשטראכן ווערן די אומ־מיגלעכקייט פון א טעריטאריאלער לייזונג פון דער יידישער פראגע, אז דער גורל פון די גרויסע יידישע מאסן איז ענג פארבונדן מיט דעם שיקזאל פון די אלגעמיינע פאלקסמאסן, מיט דעם שיקזאל פון זייערע שכנים צווישן וועלכע זיי לעבן."

„מיר דארפן וואס שטארקער אונטערשטרייכן די וועלטלעכקייט פון דער יידישער נאציע, די וויכטיקייט פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור, ווי וויכטיק עס איז אז מיר זאלן בויען און אנטוויקלען אונדזער אייגענע קולטור אויף יידיש."

„מיר דארפן אויך אונטערשטרייכן, לערנענדיק געשיכטע, די וויכטיקייט פון עקאנאמישן איבערבוי פון יידישן לעבן. אונדזער אידעאלאגיע, די אידעא־לאגיע פון דער מאדערנער ארגאניזירטער יידישער ארבעטער־באוועגונג—דארף ווי א רויטער פאדעם דורכגיין דורך אלע לימודים פון דער מיטלשול, און אויך דורך דעם לימוד פון געשיכטע."

„אין די לעצטע צוויי קלאסן וועלן מיר אויך ווייטער לערנען געשיכטע. אבער פון אן אנדער קוקווינקל. אויב אין די יינגערע קלאסן ווערט געלערנט

ווערן די געשיכטע כראָנאָלאָגיש, אזוי צו זאָגן, אין דער לענג, ווילן מיר אין די לעצטע קלאַסן, דורכנעמען די געשיכטע נאָך אַ מאָל לויט טעמעס, ווילן מיר זיי געבן אזוי צו זאָגן קווער־שניטן פון דער געשיכטע."

„אין דער פיל טויזנטיאָריקער געשיכטע פון אונדזער פאָלק שווימען שטענדיק ארויף איינע און די זעלביקע געשעענישן, איינע און די זעלביקע פּראָבלעמען. אַט ווי אזוי זיי — די פּראָבלעמען — זיינען אויפגעקומען אין פאַרשיידענע עפּאָכעס פון אונדזער געשיכטע און ווי אַזוי די פאַרשיידענע דורות האָבן געגעבן דעם ענטפער אויף זיי — אַט מיט דעם ווילן מיר באַקענען די סטו־דענטן פון דער מיטלשול. און מיר ווילן עס טאָן אויף אַזאַ אופן כדי צוצושפּיצן זייער אינטערעס צום היינטיקן לעבן פון די יידישע מאַסן, צו זייער סאָציאַלן און קולטורעלן קאַמף. מיר ווילן אין די לעצטע קלאַסן לערנען ניט גלאַט אזוי פאַקטן פון דער יידישער געשיכטע, נאָר מיר ווילן, אַז די געשיכטע זאָל העלפן די שילערס זיך שאַפן אַ בליק אויפן יידישן לעבן, שאַפן ביי זיי אַזוי צו זאָגן אַ „יידי־שע אַנשויאונג", זאָל זיי העלפן פאַרשטיין דאָס לעבן פון די יידישן מאַסן און זיי העלפן זיך פונאַנדערקלייבן אין אונדזערע היינציטיקע פּראָבלעמען. דעריבער איז די פּראָגראַם פון געשיכטע פאַר די לעצטע קלאַסן איינגעטיילט לויט טעמעס, ווי: יידישע וואַנדערונגען, יידישע געטאָס, יידישע אויטאָנאָמיע, רעכטלאָזיקייט און עמאַנציפּאַציע, קאַפּיטאַליזם און פּראָלעטאַריאַט אין מזרח־אייראָפּע, אַנטי־סעמיטיזם, חסידות, השכלה און אסימילאַציע, רעפאָרם־באַוועגונג, די יידישע וויסנשאַפט, יידן און דער ליבעראַליזם, יידן און דער סאָציאַליזם, פּאַרטייען ביי יידן, יידן און די וועלט־מלחמה, די יידישע פּראָבלעם ווי אַן אינטערנאַ־ציאָנאַלע, יידן אויף ערד, שפּראַכן ביי יידן, אַלטע און נייע קולטור־צענטערס; יידישע פּראָבלעמען פון דער איצטיקער צייט."

„מיר שלאָגן אויך פאַר איינצופירן אַ נייעם לימוד וואָס מיר רופן אים אָן מיטן נאָמען: „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן". דער לימוד זאָל געלערנט ווערן די לעצטע צוויי יאָר." „אונדזערע שילערס דאַרפן וויסן, אַז יידן האָבן געשאַפן גרויסע ווערק אין פאַרשיידענע שפּראַכן; יידן האָבן משפּיע געווען די מענטשלעכע קולטור." „מיר דאַרפן זיי באַקענען מיט די יידישע שאַפונגען אין העברעאיש, ספּעציעל מיטן תנך, וואָס איז דאָס בוך פון אַלע פעלקער. מיר דאַרפן זיי לערנען לייענען (אין יהואָשס איבערזעצונג), באַגלייט מיט אַ קריטישן אַנאַליז, דעם טעקסט פון תנך; מיר ווילן זיי באַקע־נען מיט דער נאָך־תנכישער ליטעראַטור, מיט מוסטערן פון תלמוד — פון דער הגדה און הלכה".

„די גאָלדענע תקופה אין שפּאַניע מיט אירע פּאָעטן ווי: איבן גבריאל, יהודה הלוי אאז"וו, פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דער פּראָגראַם." „ווייטער קומט די יידישע פילאָזאָפיע, דער רמב"ם און די פריערדיקע", „אויך ווילן מיר געבן די שילערס אַ פאַרשטעלונג וועגן דער קבלה־ליטעראַטור". „דאָס אַלץ

דארף געטאָן ווערן אויפן סמך פון ליטעראַרישע מוסטערן." „מיר נעמען אין דער פּראָגראַם אַריין אויך אַזאַ ווערק ווי „טרוימער פון געטאָ פון זאַנגוויל". „פאַרשטייט זיך, אַז מיר וועלן די שילערס אויך באַקענען מיט דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור אָנהייבנדיק פון אַכצעגטן יאָרהונדערט". „אין דער פּראָגראַם גייען אַריין ווערק געשאַפן אין פאַרשיידענע שפּראַכן (משה מענדעלסאָנס — פעדאָן, ירושלים; משה העס' — רוים און ירושלים; הערצלס — יודנשטאַט; פינסקערס — אַוטאָעמאַנסיפּאַציע; די יידיש-ענגלישע ליטעראַטור אין אַמעריקע), וואו מע זעט אַן אַנטוויקלונג פון יידישן געזעלשאַפטלעכן געדאַנק און וואָס זיינען געשריבן געוואָרן מיט דער כונה משפּיע צו זיין דאָס יידישע לעבן".

און אָט דאָס זיינען די באַשלוסן, וואָס זיינען אין פאַרבינדונג מיט דער אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם פאַר די מיטלשולן אָנגענומען געוואָרן:

1) „די פּראָגראַם, וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן פון דער ניו-יאָרקער מיטלשול, איז אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע מיטלשולן. 2) אין די ערשטע צוויי יאָר מוז געגעבן ווערן אַ פולער קורס פון דער גאַנצער יידישער געשיכטע ביז היינטיקן טאָג. אין דריטן קלאַס זאָל געגעבן ווערן אַ קורס אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן און אין פערטן, לעצטן, קלאַס, זאָל נאָך אַ מאָל דורכגענומען ווערן די גאַנצע יידישע געשיכטע לויט טעמעס, ווי: יידישע וואַנדערונגען, יידישע געטאָס אאַז"וו. 3) דער צוזאַמענפאָר באַשליסט, אַז אין יעדער מיטלשול דאַרף אָפּגעגעבן ווערן צו צוויי שעה אַ וואָך פאַר יעדן קעגנשטאַנד וואָס ווערט געלערנט אין דער מיטלשול און אַז די צאָל שעהן אין יעדער מיטלשול זאָל זיין ניט ווייניקער ווי אַכט אַ וואָך. 4) אַז די מיטלשולן איבערן לאַנד זאָלן וועגן אַלע פּראָגראַם-פּראַגעס שטיין דורך דעם נאַציאָנאַלן בילדונגס-קאָמיטעט, אין אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט דער ניו-יאָרקער מיטלשול.

די ניו-יאָרקער מיטלשול דאַרף האַלטן אינפאָרמירט די מיטלשולן אין דער פּראָווינץ וועגן אירע אַרבעטן." („אונדזער שול", מאַי, 1937).

צו גלייכער צייט האָט דער 10טער שול-צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַן אַלגעמיינע רעזאָלוציע וועגן דער וויכטיקייט פון מיטלשולן. די רעזאָלוציע האָט זיך געלייענט אַזוי: „דער 10טער צוזאַמענפאָר רעקאָמענדירט די שולן פון די קלענערע שטעט, אַז זיי זאָלן מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו אָרגאַניזירן מיטלשולן און מיטלשול-קלאַסן אַרום זייערע שולן. אויב נייטיק זיך פאַרבינדן מיט די אָרטיקע יידישע פאָלקשולן, שלום-עליכם-שולן און צוזאַמען גרינדן אַן אַלגעמיינע מיטלשול פאַר די אַלע טיפּן שולן. עס ווערט אָבער פאַרשטאַנען, אַז פון אונדזערע גרונט-פּרינציפּן דאַרף מען ניט אָפּטרעטן. אַזאַ פאַרבינדונג מיט אַן אַנדער שול מוז פריער באַשטעטיקט ווערן פון בילדונגס-קאָמיטעט".

דער פונקט וועגן פאַרבינדן זיך ווען עס איז נייטיק, מיט שולן פון אנדערע אָרגאַניזאַציעס, איז נישט אין גאַנצן ניי. שוין אין 1921 האָט אַן א"ר־שול־צוזאַמענפאָר געמאַכט אַן ענלעכע דערקלערונג: „דער צווייטער צוזאַמענפאָר דערקלערט, אַז ער קוקט ניט אויף די יידישע פאָלקשולן ווי אויף קאָנקורירנדע אינסטיטוציעס, מיט וועלכע די א"ר־שול דאַרף קעמפן. אונטערשיידנדיק זיך פון די יידישע פאָלקשולן סיי אין פּראָגראַם סיי אין דער ריכטונג פון דער דערציאונג קאָנען דאָך די א"ר־שולן אין געוויסע הינזיכטן, באַזונדערס ביים אַרויסגעבן ליטעראַטור פאַר לערערס מיטאַרבעטן מיט יענע שולן.

דער צוזאַמענפאָר רעכנט אויך, אַז אין פלעצער מיט אַ קליינער יידישער אַרבעטער־באַפעלקערונג, איז מיגלעך, אַז די א"ר־ברענטשעס אָדער א"ר־מיטגלידער זאָלן צוציען צו דער אָרגאַניזירונג און פאַרוואַלטונג פון דער שול אויך אַנדערע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, און אַרבעטן צוזאַמען מיט זיי, אויב יענע זיינען מסכים מיט דער פּראָגראַם פון די א"ר־שולן און ווילן זיך אונטערוואַרפן דער שולן־אינספּעקציע פון א"ר. וועגן דעם נאָמען פון אַזאַ שול זאָל דער בילדונגס־קאָמיטעט באַשטימען" („דער פריינד", יוני־יולי, 1921). שפּעטער איז די א"ר־שול־באַוועגונג געגאַנגען נאָך ווייטער — און האָט עטלעכע יאָר נאָך אַנאַנד געשטיצט דעם יידישן לערער־סעמינאַר, אָנשטאָט צו האָבן באַזונדערע לערערקורסן. אַזוי, אַז די רעקאָמענדאַציע צו פאַרבינדן זיך, וואו עס איז נייטיק, מיט אַנדערע שולן, כדי צו גרינדן בשותפות אַ מיטלשול, איז אַ רעזולטאַט פון דער אַלגעמיינער טענדענץ פון דער א"ר־שול־באַוועגונג ניט צו קעמפן מיט אַנדערע טיפּן יידיש־וועלטלעכע שולן, נאָר, פאַרקערט, צו קאָאָפּערירן מיט זיי, ווי ווייט דאָס איז נייטיק און מיגלעך.

אַן אַלגעמיינע דערקלערונג וועגן דער וויכטיקייט און דער פּראָגראַם פון די א"ר־מיטלשולן האָט אַרויסגעגעבן אויך דער 11טער שול־צוזאַמענפאָר אין 1939.

די דערקלערונג לייענט זיך אַזוי:

„די מיטלשול, וואָס איז דער המשך פון דער עלעמענטאַר־שול און שטעלט זיך דעם ציל, אַז די היגע געבאָרענע יידישע קינדער זאָלן ווערן פולקום באַוואוסטזיניקע געניסערס פון דער יידישער וועלטקולטור און זיי זאָלן מיט דער צייט אויסוואַקסן צו דער מדרגה פון אַ נייעם דור, וואָס פירט ווייטער אונדזער קאַמף פאַר מאָדערנער יידישער קולטור און פאַר אַ מענטשלעכער באַפרייאונג, — די מיטלשול טראָגט אַ באַזונדער שווערע אחריות פאַרן פאַרווירקלעכן די אַלע האָפענונגען, וואָס מיר לייגן אויף אונדזער דערגאַנצונג־שול.

אין הסכם מיט די צילן, וואָס מיר שטעלן זיך און מיט דער פאַקטישער לאַגע אין אַ טייל מיטלשולן, שטעלט דער 11טער צוזאַמענפאָר איין פאַר אַלע אונדזערע מיטלשולן אַזאַ אָבליגאַטאָרישע רשימה פון לימודים:

א גרופּע פֿון גראַדויִר-קלאַס פֿון דער ניו-יאָרקער מיטלשול פֿון אַרבעטער-רינג, אין יאָר 1939

עס זיצן אין דער ערשטער ריי, פֿון רעכטס צו לינקס די לערערס: ת. בערנשטיין, יעקב לעווין, א. הגלילי, ל. דאָרין, ב. גאָלד, מ. טאַבאַטשניק (סעקרעטאַרין), ז. יעפֿרויקין (דירעקטאָר), א. בראָמבערג, ד"ר י. שאַצקי, אַדעל אָפּאַטאָשו, יודל מארק און ה. נאָוואַק.

יידיש, יידישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע (אַריינגערעכנט אַ ספּעציעלן קורס פאַר געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן, דער עיקר פון תנך), געשיכטע פון סאָציאַליזם און פון דער יידישער און דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, פּאָליטישע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע שמועסן. עס איז דער דרינגנדיקער וואונטש, אַז די לימודים: יידיש, יידישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע און די סאָציאַלע לימודים זאָלן האָבן ניט ווייניקער ווי צוויי שעה אַ וואָך, און יידיש, (אויב מיגלעך) ניט ווייניקער ווי דריי שעה אַ וואָך.

כדי צו העלפן דער מיטלשול דורכפירן איר אַרבעט, גיט דער צוזאַמענפאָר איבער דעם בילדונגס־קאָמיטעט צו זאָרגן דערפאַר, אַז מען זאָל אַרויסגעבן: אַרבעטסביכער פאַר דעם לימוד יידיש אין מיטלשול, — אַן אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער ליטעראַטור פאַר דער מיטלשול און אַן אַנטאָלאָגיע פון דער תנכישער און נאָך־תנכישער ליטעראַטור.״ („קולטור און דערציאונג״, מאַי, 1939).

צום סוף איז כדאי צו פאַרצייכענען, אַז די מיטלשול־תלמידים און תלמידות פאַרלאָזן אָפט די פיר ווענט פון שול און טרעטן אַרויס פאַר דער עפנטלעכקייט. די דאָזיקע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען זיינען אָדער מינדלעכע סימפּאָזיומס (אויף אַזעלכע טעמעס, ווי: „50 יאָר יידישע מאַסן־אימיגראַציע קיין אַמעריקע״, „סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען ביי יידן״ אד״גל) אָדער זשורנאַלן, וואָס זיי גיבן אַרויס.

ב.

די אַ״ר־מיטלשולן זיינען אויסגעוואַקסן פון דעם פאַרלאַנג נישט איבערצורייסן, נאָר, פאַרקערט, ווייטער צו פירן די אַ״ר־דערציאונג פון די קינדער נאָך דעם ווי זיי האָבן גראַדואירט פון דער עלעמענטאַר־שול. אַן ענלעכע שטרעבונג איז געקומען צום אויסדרוק, ווען עס האָט זיך גערעדט וועגן יענע, וואָס האָבן גראַדואירט פון דער מיטלשול אויך. זיינען זיי שוין פאַרטיק, האָט מען זיך געפרעגט, מיט זייערע לימודים? האָבן זיי מער נישט וואָס ווייטער צו לערנען? עס האָבן זיך געפונען תלמידים און תלמידות, וואָס זיינען געווען גרייט צו פאַרפולקומען זיך אין זייער יידישע קענטנישן נאָך דעם ווי זיי האָבן געענדיקט די מיטלשול, און זיי האָבן אָנגעהויבן צו באַזוכן די אַ״ר־לערערקורסן. אָבער ניט צוליב זיי זיינען די לערערקורסן געגרינדעט געוואָרן. להיפוך צו דער מיטלשול, איז זייער אויפקום פאַרבונדן געווען ניט מיט דער פּראָבלעם פון פאַרזעצן די יידישע דערציאונג פון די הי־געבוירענע קינדער, נאָר מיט דעם מוז צו האָבן געניגנ (און געניג גוטע) לערערס.

די פּראָבלעם פון לערערס איז געווען איינע פון די ערשטע און שווערסטע פּראָבלעמען פון דער יידישער שול־באַוועגונג אין אַמעריקע . . . „וואו וועט איר

נעמען קינדער"? האָבן געפרעגט די קעגנער פון די שולן. זייערע פריינד האָבן געוואוסט, אַז קיין קינדער וועלן נישט פעלן; די פראַגע, וואָס האָט זיי נישט געלאָזט רוען, איז געווען די פראַגע פון לערערס: וואו וועט מען נעמען מאָדערנע יידישע לערערס? די דאָזיקע פראַגע איז געשטעלט געוואָרן שוין אין 1917. דער בילדונגס־קאָמיטעט פון אַ"ר האָט דאַן נאָך נישט געהאַט אין זיין רשות קיין שולן, אחוץ די סאָציאַליסטישע „סאַנדעי־סקולס", אָבער איינציקע צווייגן פון אַ"ר האָבן שוין געהאַט, ווי מיר ווייסן, יידישע שולן, — און „די הויפּטפּראָבלעם, וואָס אונדזערע שולן שטעלן אַרויס (לייענען מיר אין „פריינד", דעצעמבער, 1917) איז — דער מאַנגל אין לערערס: ניטאָ ווער עס זאָל לערנען. דערפאַר גייען אַ סך שולן אונטער, און פיל פאַרציען זיך און ווערן גיט געבוירן. די, וועלכע עקסיסטירן, ליידן אויך פון דעם זייער פיל. עס איז אין ערגעץ נישטאָ גענוג, און די לערערס וועלכע זיינען שוין פאַראַן, זיינען דאָס רוב ניט פּאַסנד פאַר זייער פּאָסטן. זיי מעגן האָבן אין זיך אידעאַליזם, וואָס איז דורכויס נייטיק פאַר דער אַרבעט, אָבער זיי קאָנען ניט געהעריק דער־פילן זייער אויפגאַבע . . ." אין רוסלאַנד עפנט מען אַ לערער־סעמינאַר צו־צוגרייטן לערערס פאַר די יידישע שולן. פאַר וואָס זאָל מען דאָ דאָס נישט טאָן אויף אַ קלענערן מאַסשטאַב?" די דאָזיקע פראַגע איז געשטעלט געוואָרן אין „פריינד", דעצעמבער, 1917. אין אַ חודש אַרום, אין יאַנואַר, 1918, האָט זיך אומגעקערט צו איר — אין דעם זעלביקן אָרגאַן פון אַ"ר — יעקב לעווין אין אַן אַרטיקל: „וואָס דאַרף מען האָבן אויף צו גרינדן אַ שול?" מע דאַרף, פאַרשטייט זיך, האָבן, אחוץ אַנדערע זאַכן, לערערס." „אין דער הינזיכט", האָט י לעווין געשריבן, „וועלן די שולן באַגעגענען באַדייטנדע שטע־רונגען. עס איז נאָך ביז היינט ניטאָ ביי אונדז קיין אינסטיטוט, וואָס זאָל צוגרייטן לערערס פאַר די יידישע שולן. די יידישע לערערס פלעגן ביז איצט מייסטנס ווערן רעקרוטירט פון אַרבעטער, געוועזענע אינטעליגענטן פון דער היים, פון רוסלאַנד, אָדער פון לערערס פון תלמוד־תורהס, וועלכע האָבן איינגע־זען די אומדאַנקבאַרקייט פון זייער אַרבעט דאָרטן, וואו זיי קומט אויס נאָר „צו האַקן האָלץ", און האָבן באַשלאָסן צו ווידמען זייער אַרבעט דער יידישער שול. עס זיינען צווישן די לערערס אויך פאַראַן איניקע, אָבער זייער ווייניקע, וואָס זיינען שוין אין רוסלאַנד געווען לערערס פון יידיש אָדער אַלגעמיינע קעגנשטאַנדן אין שולן." מען האָט זיך נישט געקאָנט באַנוגענען מיט אָט דער באַגרענעצטער צאָל, נישט אַלע מאָל גענוג צוגעגרייטע לערערס, — און מען האָט אָנגעהויבן רײדן וועגן גרינדן אַ לערער־סעמינאַר. אין אָנהייב האָט מען גערעדט וועגן דעם אין זייער אַ באַשיידענעם און נישט זיכערן טאָן.

„דער אַ"ר (האָט געשריבן איינער פון אונדזערע ערשטע שולטוערס, מ. באַקאַל) האָט . . . באַדאַרפט עפענען אַ סעמינאַר (פאַר לערערס). באַזונדערס איצט, ווען עס האָבן זיך אַנטוויקלט יידישע קינדער־

שולן, וועלן זיין אויף דעם אַ סך בעלנים" („פריינד", מערץ, 1918). וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער האָט זיך געפילט דער דוחק אין גוטע לערעס. דערהויפּט האָט זיך דער דאָזיקער מאַנגל אין לערערישע כחות אָנגעהויבן פילן, ווען דער נאַציאָנאַלער בילדונגס־קאָמיטעט פון אַ"ר האָט אַליין אָנגעהויבן בויען אָדער שטיצן שולן. דאָ פון איין שטאָט, דאָ פון אַן אַנדערער האָט מען פאַרלאַנגט לערערס — און עס איז ניט געווען וועמען צו שיקן. שולן האָבן זיך ניט געעפנט, כאָטש עס זיינען געווען גענוג קינדער, נאָר דערפאַר, ווייל עס האָבן געפעלט לערערס. אין דעם באַריכט פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט צו דער 19טער קאָנווענשאָן פון אַ"ר לייענען מיר: „די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע איז אין באַצוג צו רעקאָמענדירן לערער פאַר די שולן געווען זייער פאָרזיכטיק, און פּאַסנדע לערער איז זייער שווער צו קריגן, באַזונדערס פאַר די קאָנטריי־שטעט" („פריינד", מאַי, 1919, ז. 49) אין אַן אַנדער באַריכט פון בילדונגס־קאָמיטעט ווערט דערקלערט, אַז — „זיי שטייען איצט אין פאַרבינדונג מיט פילע שטעט, וועלכע האַלטן אין גרינדן ארבעטער־רינג־שולן. די יידישע ארבעטער־רינג־שולן זיינען איצט געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם לעבן פון דעם ארבעטער־רינג בכלל און אויף דער יידישער ארבעטער־גאַס אין דער פּראָווינץ בפרט. עס איז אָבער דאָ אַ מאַנגל אין לערער, און די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע האָפט, אַז די לערערקורסן, וועלכע וועלן דערעפנט ווערן, וועלן קענען באַפרידיקן די באַדירפניסע פון נייע לערער." („פריינד", סעפּטעמבער, 1919, ז. 32)

די לערערקורסן, וואָס ווערן דאָ דערמאָנט, — זיינען געווען קורצטערמיניקע קורסן — דריימאָנאַטלעכע און זעקסמאָנאַטלעכע. דריימאָנאַטלעכע פאַר לערערס פון „פּאָבליק־סקול", וואָס קענען אַ ביסל יידיש, און אַ מער גרינטלעכער זעקסמאָנאַטלעכער קורס פאַר סתם אַזוי אינטעליגענטע יונגע לייט און פרויען, וואָס זיינען וויליק געווען צו ווערן לערערס און לערערינס אין די אַ"ר־שולן. דער בודזשעט פון די דאָזיקע קורסן האָט אָנגעטראָפן אַרום 1,200 דאָלאַר („פריינד" ,אוגוסט, 1919, ז. 27). זיי זיינען געעפנט געוואָרן אין 1919 אין האַרלעמער שול — אין אַ קנאַפּן יאָר אַרום נאָך דעם ווי די שול איז געגרינדעט געוואָרן. אין 1920 האָט די 20סטע קאָנווענשאָן פון אַ"ר באַשלאָסן זיי אויסצוברייטערן. זי האָט אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „די קאָנווענשאָן, אָנערקענענדיק די נייטווענדיקייט פון צוגרייטן גוטע און פּאַסיקע לערער פאַר די ארבעטער־רינג־שולן, רעקאָמענדירט דער עדיוקיישאָנעל־קאָמיטעט ווידער צו עפענען לערערקורסן אויף אויסצובילדן לערער פאַר די אַ"ר־שולן. נעמענדיק אָבער אין אָנבאַטראַכט, אַז דריימאָנאַטלעכע קורסן, זיינען ווייט ניט גענוגענד אויף צוצוגרייטן מענטשן צו ווערן לערער אין די שולן, רעקאָמענדירט די קאָנווענשאָן, אַז די קורסן זאָלן זיין לענגערע,

אום זיי זאָלן זיין געניגענד צוצוגרייטן פּאַסיקע לערער פאַר די שולן.״ („פריינד״, יוני־יולי, 1920)

דער טערמין פון די קורסן איז פאַרלענגערט געוואָרן, און ביז 1922 האָבן עקסיסטירט איינייאָריקע לערערקורסן. זיי זיינען אָבער געווען ניט אין גאַנצן זעלבשטענדיק: צופרידנשטעלנדיק, און עס זיינען, דעריבער, געפירט געוואָרן אונטערהאַנדלונגען וועגן פאַראייניקן זיך מיט דעם לערער־סעמינאַר, וואָס ווערט געשטיצט פון יידישן נאַציאָנאַלן ארבעטער־פאַרבאַנד. דער באַזיס פאַר אַ פאַראייניקונג האָבן געזאָלט זיין די פאָלגנדיקע תנאים: 1) „אין סעמינאַר זאָלן זיין פאַרטראָטן בלויז אָרגאַניזאַציעס, וואָס באַשעפטיקן זיך מיט יידישער בילדונגס־ארבעט; 2) די פאַרוואַלטונג זאָל באַשטיין בלויז פון פארטרעטערס פון אָרגאַניזאַציעס; 3) די פּראָגראַם זאָל איבערגעקוקט ווערן פון פאַקולטעט צוזאַמען מיט פאַרטרעטערס פון די פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס.״ („פריינד״, יאַנואַר, 1921, ז. 24)

די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט, און די א״ר־לערערקורסן זיינען געבליבן עקסיסטירן, ווי אַ זעלבשטענדיקער דערציאונגס־אַנשטאַלט.

אין אַ רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער 21עי קאָנווענשאָן פון א״ר, ווערן זיי דערמאָנט, ווי אַ מאָטיוו צו העכערן דעם שול־אָפּצאָל: („נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, לייענען מיר אין דער רעזאָלוציע, אַז די ארבעטער־רינג־שולן־באַוועגונג וואַקסט אַלץ ברייטער און ברייטער, און אַז מיט דעם וואוקס פון דער שול־באַוועגונג איז אַנטשטאַנען די נייטווענדיקייט פאַר קורסן אויף צוצוגרייטן לערער און ליטעראַטור פאַר די קינדער און פאַרשיידענע שול־מכשירים, באַשליסט די קאָנווענשאָן צו העכערן דעם שולטעקס פון 8 אויף 9 סענט.״ „פריינד״, יוני־יולי, 1921, ז. 51)

די לימודים פון די איינייאָריקע קורסן זיינען געווען: יידישע גראַמאַטיק, קאָמפּאָזיציע, ליטעראַטור, געשיכטע (אַלטע, מיטעלע און נייע), אַמעריקאַנער געשיכטע, געשיכטע פון דערציאונג, קינדער־פּסיכאָלאָגיע, מעטאָדיק, שול־פירונג, פּראָבע־לעקציעס, שמועסן, פאַרשיידענע שולפּראָגעס, פּאָליטישע עקאָנאָמיע און סאָציאַליזם, געשיכטע פון סאָציאַליזם און ארבעטער־באַוועגונג, די לאַגע פון די יידן אין פאַרשיידענע לענדער, געזאַנג, געשיכטע פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, נאַטור־וויסנשאַפט (אומאָרגאַנישע און אָרגאַנישע), שמועסן וועגן לעבנס־פראַגן, ענגליש פאַר די, וועלכע קענען נישט גענוג ענגליש, העברעאיש פאַר די, וואָס ווילן, פּראָבע־לעקציעס אין קלאַסן. די לערערס זיינען געווען: י. לעווין, מ. אָלגין, ש. ניגער, ה. ראָגאָף, ל. לעהרער, ב. צ. גאָלדבערג, אַ. ש. זאַקס, ה. בורגין, ב. צביון, ד״ר קאַספּע, בוכוואַלד, א. הארקאַווי. („פריינד״, סעפּטעמבער, 1921, ז. 29). געלערנט אויף די קורסן

האָבן עטלעכע־און־דרייסיק תּלמידים, גראַדואירט האָבן 16 („פּריינד", יוני־יולי, 1923, ז. 41).

אין 1922 האָט דער שול־צוזאַמענפאָר פון אַ"ר רעקאָמענדירט אַ צוויי־יאָריקע פּראָגראַם פאַר די לערערקורסן. דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„כדי פאַרצוברייטן וואָס פאַסיקערע לערער פאַר די אַ"ר־שולן, סיי פאַר די, וואָס זיינען שוין אָפּן, סיי פאַר די, וואָס האַלטן זיך אין עפענען, רעקאָמענדירט דער צוזאַמענפאָר, דער בילדונגס־קאָמיטעט זאָל אויך אויף ווייטער אָנהאַלטן די אַ"ר־לערער־קורסן. דער צוזאַמענפאָר דענקט, אַז דער קורס אויף צוצוגרייטן לערער וואָלט באַדאַרפט האָבן אַ 2יאָריקע פּראָגראַם, כדי די קורסאַנטן זאָלן האָבן מער צייט סיי צו לערנען אַליין, סיי צו פּראַקטיצירן אין שולן, איידער זיי קענען באַקומען די מיגלעכקייט צו ווערן לערער אין אונדזערע שולן. דער צוזאַמענפאָר דענקט אויך, אַז עס וואָלט געווען ווינטשנסווערט דעם נעקסטן יאָר צו האָבן אין ניו־יאָרק אַ ספּעציעלן העכערן קורס פאַר די פון די צוהערערס פון די איצטיקע אַ"ר־לערער־קורסן, וואָס וועלן דעם קורס וועלן אויפנעמען, ווי אויך פאַר די לערער אין די שולן אין ניו־יאָרק און אומגעגנט, וואָס וועלן זיך וועלן פאַרפולקומען אין געוויסע קעגנשטאַנדן". („פריינד", יוני־יולי, 1922).

אין 1922־1923 זיינען די לערערקורסן געווען שוין צוויי־יאָריקע. די לימודים אינעם ערשטן יאָר זיינען געווען: „יידיש, (קאָמפּאָזיציע, גראַמאַטיק, רעטאָריק, אאַז"וו), יידישע ליטעראַטור, יידישע געשיכטע, העברעאיש, פּאָליטישע עקאָנאָמיע, געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, נאַטור־וויסנשאַפט (אָרגאַנישע און אומאָרגאַנישע), אַמעריקאַנער געשיכטע און ענגליש. אַט דער קורס האָט געקאָנט באַנוצט ווערן ניט נאָר פון אַזעלכע, וואָס גרייטן זיך ווערן לערערס, נאָר פאַר אַלע די, וואָס גרייטן זיך צו ווערן טוערס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער קורס פון צווייטן יאָר איז געווען אַ העכערער קורס נאָר פאַר אַזעלכע, וואָס גרייטן זיך צו ווערן לערערס. דאָרט זיינען געלערנט געוואָרן פאָלגנדע קעגנשטאַנדן: אַ העכערער קורס פון יידישער ליטעראַטור, יידישע געשיכטע און תנך, פּראָגראַם און מעטאָדיק, פּראַקטישע נאַטור־וויסנשאַפט, פּלאַסטישע קונסט, יסודות פון אונטעררייכט, שול־היגיענע, קינדער־ליטעראַטור, געזאַנג און העברעאיש. די לערערס זיינען געווען: ה. בורגין, א. ש. זאַקס, יהודה יאַפע, י. לעווין, ל. לעהרער, מ. ליאָוו, ק. מרמר, ש. ניגער, הלל ראָגאָף, חיים שוים און מר"ם שומערט. די הוצאות פון די קורסן זיינען געווען אַרום פינף טויזנט דאָלאַר אַ יאָר. זיי זיינען פאַרוואַלט געוואָרן פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע וואָס איז באַשטאַנען, אויסער דעם פאַרוואַלטער, יעקב לעווין, פון פאָלגנדיקע פּערזאָנען: מ. איוווענסקי, י. ב. ביילין, ה. בורגין, א. ש. זאַקס און ק. מרמר".

די קורסאנטן זיינען אין אנהייב ווערבירט געוואָרן צווישן דער איינגעוואנדערטער יוגנט. אָבער וואָס ווייטער, אַלץ מער האָבן זיך אויף די קורסן גענומען פאַרשרייבן הי־געבוירענע, גראַדואירטע פון מיטלשולן. אזוי, צום ביישפיל, זיינען שוין אין יאָר 1924 ניין פון די פערציק סטודענטן געווען אמעריקאַנער געבוירענע. („פריינד״, יאנואַר, 1925, ז. 9.) אין 1926 האָבן זיך פאַרשריבן 41 נייע סטודענטן, פון זיי 22 פאַר אַלגעמיינער בילדונג און 19 פאַר לערערס, — צווישן אַט די 19 זיינען געווען 8, וואָס האָבן גראַדואירט פון דער אַ״ר־מיטלשול, אָבער טאַקע דערפאַר איז אַ קורס פון צוויי יאָר געווען נישט גענוג. עס האָט זיך געפאָדערט מער צייט אַפילו פאַר די סטודענטן, וואָס זיינען געווען גוט צוגעגרייט, בפרט נאָך פאַר גראַדואירטע פון די היגע יידישע שולן. כדי זיי זאָלן קריגן די יידישע קענטנישן, וואָס זיינען נייטיק אויף צו זיין לערערס אין יידישע שולן, כדי זיי זאָלן בכלל זיך איינלעבן און היימישער ווערן מיט דער יידישער שפּראַך און קולטור, זיינען צוויי־יאָריקע קורסן געווען צו ווינציק. און דער שול־צוזאַמענפאָר אין 1927 האָט טאַקע אָנגענומען אַ רעקאָמענדאַציע, אַז די לערערקורסן זאָלן דויערן נית 2, נאָר 3 יאָר. אָבער אויף צו פאַרלענגערן די לערערקורסן זיינען נישט געווען גענוג די מיטלען פונעם אַ״ר־שול־פאָנד. האָט מען ווידער אַ מאָל אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דעם יידישן לערער־סעמינאַר. די אונטערהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן שיר נית צוויי יאָר נאָך אַנאַנד. ערשט אין 1929 איז צווישן די אַ״ר־לערער־קורסן און דעם יידישן לערער־סעמינאַר געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך וועגן פאַראייניקונג. ביי דער פאָרמולירונג פונעם אָפּמאַך זיינען גענומען געוואָרן אין באַטראַכט די פאָלגנדיקע אומשטאַנדן און באַדינגונגען: 1) אזוי ווי דער יידישער לערער־סעמינאַר איז אַ פיריאָריקער און די אַ״ר־לערער־קורסן זיינען געווען בלויז צוויי־יאָריקע, איז פאַרלאַנגט געוואָרן, אַז די סטודענטן, וואָס זיינען שוין געווען פאַרשריבן אויף די אַ״ר־קורסן, זאָלן נישט דאַרפן לערנען מער ווי צוויי יאָר. 2) דער אַ״ר זאָל האָבן אַ פאַרטרעטערשאַפט אין דעם פּעדאַגאָגישן ראַט פון יידישן לערער־סעמינאַר. 3) פאַר די קעגנשטאַנדן פון סאָציאַליזם, געשיכטע פון אַרבעטער־רינג און דער אַרבעטער־באַוועגונג זאָלן באַשטימט ווערן לערערס בלויז מיט דער צושטימונג פון אַ״ר. 4) די סטודענטן, וועלכע וועלן אין יידישן לערער־סעמינאַר ענדיקן די אַ״ר־לערער־קורסן, זאָלן קריגן אַ דיפּלאָם פון די אַ״ר־לערער־קורסן. 5) דער אַ״ר זאָל געבן דעם יידישן לערער־סעמינאַר אַ סובסידיע פון דריי טויזנט דאָלאַר אַ יאָר („אַ״ר־שול־בולעטין״, מאַי־יוני, 1929).

עלף סטודענטן פון דער אַ״ר־לערער־קורסן זיינען, לויט דעם דאָזיקן אָפּמאַך, געוואָרן סטודענטן פון דעם יידישן לערער־סעמינאַר. פינף פון די עלף סטודענטן זיינען געווען גראַדואירטע פון די אַ״ר־עלעמענטאַר־און מיטלשולן. (דאָרט)

די פאַרבינדונג מיט דעם יידישן לערער־סעמינאַר האָט אָנגעהאַלטן ביז 1932, ווען דער נאַציאָנאַלער בילדונגס־קאָמיטעט האָט אויפגעהערט צו סובסי־דירן דעם יידישן לערער־סעמינאַר און אָנשטאָט דעם, רעקאָמענדירט דער נאַ־ציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון א״ר ווידער א מאָל צו עפענען די לערערקורסן, ווי א זעלבשטענדיקע א״ר־אינסטיטוציע. אַן ענלעכע רעקאָמענדאַציע האָט געמאַכט אויך דער 9טער א״ר־שול־צוזאַמענפאָר אין 1935 און נאָך א הפסקה פון אַרום זיבן יאָר זיינען די א״ר־לערער־קורסן, — דעם 21סטן אָקטאָבער, 1935, — ווידער א מאָל געעפנט געוואָרן. דערביי איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די 37 סטודענטן, וואָס האָבן זיך פאַרשריבן אויף די קורסן, זיינען אַלע געווען אַמעריקאַנער געבוירענע בחורים און מיידלעך. די ניי־געעפנטע קורסן זיינען לכתחילה געפּלאַנט געוואָרן ווי צוויי־יאָריקע, זיי זיינען דערנאָך אָבער פאַר־לענגערט געוואָרן אויף נאָך א יאָר — א דריטן. אין 1937 האָבן אויף די קורסן געלערנט עטלעכע־און־פערציק סטודענטן, אַן ענלעכע צאָל איז געווען אין 1938. אויסהאַלטן די קורסן האָט געקאָסט אַרום 3,500 דאָלאַר א יאָר („אונדזער שול״, מאַי, 1937).

אָנגעהויבן פון 1938 איז אין דעם כאַראַקטער פון די קורסן פאָרגעקומען א געוויסע ענדערונג. פון לערערקורסן זיינען זיי געוואָרן סתם אַזוי העכערע קורסן פאַר יידישע און אַלגעמיינע לימודים. די סטודענטן וואָס ווילן ווערן לערערס, לערנען ספּעציעלע קענגשטאַנדן, אַלע איבעריקע הערן לעקציעס, וואָס העלפן זיי סתם אַזוי באַרייכערן זייערע יידישע און אַלגעמיינע קענטנישן. זיי ווילן ניט ווערן אַקטיוו אין די שולן, ווי לערערס און לערערינס, ווען זיי וועלן גראַדויִרן פון די העכערע קורסן, אָבער דער שול־באַוועגונג און דעם יידישן קולטורלעבן בכלל וועלן זיי שוין ניט פרעמד זיין.

דער 11טער שול־צוזאַמענפאָר אין 1939 האָט וועגן די העכערע קורסן אָנגענומען א רעזאָלוציע, וואָס איר ציל איז מיטצווירקן דער געזעלשאַפט־לעכער אַקטיוויזירונג פון דער יוגנט: „דער צוזאַמענפאָר, לייענען מיר אין דער רעזאָלוציע, דריקט אויס זיין גרויס צופרידנקייט, וואָס אונדזערע אַרבעטער־רינג העכערע קורסן זיינען שוין געוואָרן אַן אינטעגראַלער זעלבסטפאַרשטענד־לעכער טייל פון אונדזער דערציאונגס־בנין, און וואָס די צאָל תלמידים אויף די קורסן וואַקסט פון יאָר צו יאָר. דער צוזאַמענפאָר פאָדערט אויף דעם בילדונגס־קאָמיטעט, וואָס שנעלער אויסצואַרבעטן א קאָנקרעטן פּלאַן ווי אַזוי אונדזערע גראַדויִרטע תלמידים פון די קורסן זאָלן דירעקט טאַקע זיין פאַר־בונדן מיט אונדזער שול־און יוגנט־אַרבעט און זיי זאָלן קריגן באַשעפטיקונג אַרום אונדזערע שול־און דערציאונג־אינסטיטוציעס. די יוגנט, וואָס האָט אַזוי וואונדערבאַר דורכגעמאַכט אונדזער פולן שולקורס: עלעמענטאַר־שול, מיטל־שול און העכערע קורסן, איז אונדז ספּעציעל ליב און טייער — זיי זיינען

אונדזערע נאַנטסטע און זיי מוזן זיך געפינען אין אונדזערע שולרייען."
("קולטור און דערציאונג", מאַי, 1939)

די לימודים פון די העכערע קורסן זיינען: יידיש, העברעאיש, געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור, קריטיק און אַנאַליז פון יידיש־ליטעראַרישע שאַפונגען, יידישע עטנאָגראַפיע און דעמאָגראַפיע (אין דעם גייען אַריין יידישע מנהגים, סטאַטיסטיק וועגן יידן און יידישע עקאָנאָמיק), תנך, יידישע געשיכטע, אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, געשיכטע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, געשיכטע פון דערציאונג, קינדער־פסיכאָלאָגיע און מעטאָדיק פון די לימודים אין די יידיש־וועלטלעכע שולן. די לערערס זיינען: ש. ניגער, ד"ר א. מאַהלער, ד"ר י. שאַצקי, ד"ר ל. פאָגעלמאַן, מ. קאַסאָווער, לייבוש לעהרער, יודל מארק, ח. בעזפּראַזוואַני און ז. יעפרויקין, וועלכער איז אויך דער סעקרעטאַר פון די קורסן.

דער בודזשעט פון די קורסן איז איצט אַן ערך $3,000 אַ יאָר. אין 1938 האָבן גראַדואירט 8 סטודענטן; אין 1939 — 11. פון די 19 גראַדואירטע זיינען 6 געוואָרן לערערס אין אַ"ר־שולן.



אַ גרופּע סטודענטן מיט אַ טייל לערערס פון די העכערע קורסן (לערערקורסן) פון אַרבעטער־רינג
זיצן אין דער ערשטער ריי פון רעכטס צו לינקס די לערערס: ש. ניגער, לייבוש לעהרער, ז. יעפּרויקין, יודל מאַרק, ד״ר א. מאַהלער און ח. בעזפּראָזוואַני.

8

אין און אַרום דער אַרבעטער־רינג־שול

(לערערס, עלטערן, טוערס)

א.

די געשיכטע פון דער א״ר־שול וואָלט ניט געווען פול אָן אַ באַזונדער קאַפּיטל וועגן די לערערס און דער גרויסער ראָלע, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין דעם אויפקום און אין דער אַנטוויקלונג פון דעם א״ר־שולוועזן.

די אַקטיוויטעטן פון די לערערס זיינען אין משך פון די גאַנצע צוואַנציק יאָר געווען ברייטער און פילזייטיקער, ווי דאָס, וואָס זיי האָבן געטאָן אין די קלאַסן בעתן לערנען מיט די קינדער.

לערערס זיינען אין אָנהייב געווען אויך בויערס פון שולן און דאָן אַפילו, ווען די אָרגאַניזירונג פון די א״ר־דערציאונגס־אַנשטאַלטן האָט זיך געפונען שוין אין רשות פון די אָרטיקע צווייגן און דעם נאַציאָנאַלן בילדונגס־קאָמיטעט, — אַפילו דאָן זיינען די פונקציעס פון די לערערס נישט רעדוצירט געוואָרן צו זייערע ריין פּעדאַגאָגישע טעטיקייטן אין די פיר ווענט פון דער שול.

בעת די שולן האָבן זיך געהאַלטן אין גרינדן זיינען געווען זייער ווייניק מאָדערנע יידישע לערערס. און די ערשטע אַגיטאַטאָרס און אָרגאַניזאַטאָרס פון די שולן האָבן פון זיך אַליין געמוזט אויסטיילן לערערס. געהערן טאַקע אַ סך פון די עלטערע א״ר־פּעדאַגאָגן, ד״ה, פון די, וואָס האָבן אָנגעהויבן לערנען אין די א״ר־שולן גלייך ווי זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן, אי צו דעם א״ר־לערער־קאָלעקטיוו, אי צו דער גרופּע טוערס־פּיאָנערן פון דער א״ר־שול־באַוועגונג.

אָבער אַפילו דאָן, ווען דער פּיאָנערן־פּעריאָד האָט זיך געענדיקט, און לערערס זיינען געקומען „אויף אַלעם פאַרטיקן”, האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך פאַרגינען צו זיין בלויז לערערס. זיי זיינען אומעטום און אַלע מאָל געווען אויך מיטגלידער — און אָפט אַקטיווע מיטגלידער — פון דער שול־פאַרוואַלטונג, און אַפילו ווי לערערס האָבן זיי זיך נישט באַנוגנט מיט די רעגולערע קלאַס־באַשעפטיקונגען. זיי האָבן געזוכט (און זוכן) צו זיין אין דערציערישן קאָנטאַקט מיט די קינדער נישט נאָר בעתן לערנען און נישט נאָר אין קלאַס: עס זיינען אַנטוויקלט געוואָרן אַלערליי אויסערשול־טעטיקייטן.

אחוץ דעם, האָבן די לערערס פון אָנהייב אָן געלערנט אויך מיט די עלטערן און מיט עלטערע בכלל, נישט בלויז מיט קליינוואַרג.

די אויסערשול־טעטיקייטן פון די לערערס קאָנען איינגעטיילט ווערן אין: א) מער אָדער ווינציקער רעגולערע אַקטיוויטעטן און ב) אין אַזוינע טעטיקייטן, וואָס ווערן געפירט נאָר פון צייט צו צייט.

א) צו די מער אָדער ווינציקער רעגולערע טעטיקייטן, וואָס געהערן ניט צום געוויינטלעכן שול־קוריקולום, דאַרפן צוגערעכנט ווערן: 1) קינדער־און יוגנט־קלובן; 2) קינדערכאָרן, קינדער־אָרקעסטערס און טאַנצגרופּעס; 3) קאָלעקטיווע פייערונג פון יום־טובים; 4) לעקציעס און קורסן פאַר די עלטערן און זייערע פריינד; 5) אָרגאַניזירונג פון זומער־קאָלאָניעס (קעמפּס).

ב) ביישפּילן פון ניט־רעגולערע אויסערשול־טעטיקייטן זיינען: 1) קאָנצערטן; 2) שול־אויסשטעלונגען; 3) קינדער־קאָנפערענצן; 4) פאַרעפנט־לעכונג פון קינדער־שאַפונגען; 5) שול־אַלמאַנאַכן אד"גל.

1. קינדער־און יוגנט־קלובן. קינדערקלובן זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן כמעט ביי אַלע גרעסערע שולן באַלד נאָך דעם ווי זיי זיינען געגרינדעט געוואָרן, אַזוי אַז אין 1931 האָבן די אַ"ר־שולן געהאַט שוין ניט ווינציקער ווי 120 קינדער־קלובן... וואָס טוט מען אין די קלובן? די קינדער דיסקוטירן פאַרשיידענע פּראָגעס און פירן אַליין די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען. די קלובן אָרגאַניזירן קינדער־ביבליאָטעקן, גיבן אַרויס זשורנאַלן, אויך פאַרנעמען זיך די קלובן מיט זאַמלען געלט פאַר פאַרשיידענע פאָנדן, — אַ געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, וואָס האָט אַ דערציערישע באַדייטונג. די אַ"ר־שול־קלובן האָבן, צום ביישפּיל, אָנטייל גענומען אין די פאַרשיידענע הילפסאַקציעס פאַר די שולן אין פּוילן און אין אַנדערע לענדער. אין 1921, כאָטש די צאָל אַ"ר־שולן איז געווען נאָך גאַנץ קליין, האָבן די קינדערקלובן באַוויזן אויפצוזאַמלען אַ סומע פון 4,500 דאָלאַר פאַר די יידישע שולן אין פּוילן („פריינד", יוני־יולי, 1921). אין 1922 זיינען די שולקלובן צוגעצויגן געוואָרן צו דער הילפסאַקציע פאַר די הונגע־ריקע אין ראַטנפאַרבאַנד. *)

אין ענלעכע הילפסאַקציעס האָבן זיי אָנטייל גענומען אויך אין די שפּע־טערדיקע יאָרן. זיי האָבן געהאָלפן שאַפן סטרייקפאָנדס, זיי האָבן געשטיצט די

*) אינטערעסאַנט איז די רעזאָלוציע, וואָס איז וועגן דעם אָנגענומען געוואָרן פונעם דריטן שול־צוזאַמענפאָר אין 1922: „נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אַז די איצטיקע אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע איז אַזאַ, אַז עס איז דער חוב פון אַלע סאָציאַלע גרופּעס, וואָס טרעטן אַרויס אין נאָמען פון די אַרבעטער־אינטערעסן, קיין חילוק צו וועלכער פּאַרטיי זיי באַלאַנגען, צו שטיצן רוסלאַנד אין איר איצטיקער שווידערלעכער לאַגע מיט אַלע זייערע כוחות, און נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אַז דער איינציקער וועג צו העלפן רוס־לאַנד אַזוי, אַז די הילף זאָל ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן וואָפן, איז דורך שטיצן די „סאָוויעט־רעגירונג", און נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט די גוטע דערציערישע ווירקונג פון אַזאַ טעטיקייט, רעקאָמענדירט דער דריטער אַ"ר־שול־צוזאַמענ־פאָר צו די לערערס און טוערס פון די אַ"ר־שולן, אַז זיי זאָלן צוציען אונדזערע קינדער־קלובן צו דער הילפס־אַרבעט פאַר די הונגעריקע אין רוסלאַנד." („פריינד", יוני־יולי, 1922).

מערעם-סאניטאריע אין פוילן אד"גל. („אונדזער שול", מאי, 1932, ז. 34).

לויט דער א"ר־שול אנקעטע *), וואס איז דורכגעפירט געווארן אין 1929, האבן נאר דריי פון די 62 שולן, וואס האבן געענטפערט, ניט געהאט קיין קלובן. ביי די איבעריקע 59 שולן האבן זיך געפונען 112 קלובן. 85 קלובן זיינען געווען ארגאניזירט לויט קלאסן; 21 לויטן עלטער; 3 קלובן האבן ארייגענומען אלע קינדער פון שול; וועגן 3 קלובן איז ניט באשטימט געווען ווי זיי זיינען ארגאניזירט. פון די 112 קלובן זיינען 62 קלובן פון קינדער פון די עלטערע קלאסן; 41 פון די יינגערע קלאסן; 3 פון אלע קלאסן און וועגן 6 איז ניט באקאנט געווען פון וועלכע קלאסן זיי זיינען.

די טעטיקייט פון די קינדער קלובן באשטייט, לויט די רעזולטאטן פון דער דאזיקער אנקעטע, אין צוגרייטן פארשיידענע שול־יום־טובים, ארויסגעבן זשור־נאלן, דורכפירן געזעלשאפטלעכע ארבעטן, ארגאניזירן און פארוואלטן ביב־ליאטעקן. דעבאטעס און דיסקוסיעס וועגן געזעלשאפטלעכע פראגעס ווערן געוויינטלעך אויך דורכגעפירט אין די קלובן. די קלובן האבן אויך פארוויילונג־מיטינגען, אויף וועלכע די קינדער זינגען, דעקלאמירן, דערציילן וויצן, פרעגן זיך רעטענישן. אויך ווערן אראנזשירט פון די קלובן ארויספארן, באזוכן אין

*) דער בילדונגס-דעפארטמענט פון ארבעטער-רינג פירט יעדן יאר דורך אן אנקעטע צווישן די שולן. די אנקעטעס גיבן א מיגלעכקייט צו קענען א ביסל טיפער ארייקוקן אין דער ארבעט פון די קלאסן, אין דער געזעלשאפטלעכער טעטיקייט, וואס ווערט אנגעפירט צווישן די קינדער, ווי בכלל אין דעם אינערלעכן צושטאנד פון דער שול. אין 1929 איז דאס ערשטע מאל דורכגעפירט געווארן א זייער גרינטלעכע אנקעטע, וואס האט זיך אפגעגעבן מיט פראגראמאטישע און מעטאדישע פראבלעמען פון דער שול. עס זיינען דארט, למשל, געווען אזעלכע פראגעס: 1) פירט איר אייערע לימודים לויט דעם טעקסט פון אונדזער שול-פראגראם? אויב ניט, גיט אן וועלכע קעגנשטאנדן איר לערנט ניט לויט די אנווייזונגען פון פראגראם.

2) וועלכע מעטאדן ווערן באנוצט בעתן לערנען לייענען אין די יינגערע, מיטלע און עלטערע קלאסן?

3) איז פאראן אין די שולן אזא זאך ווי שטיל לייענען?

4) ווי ווערט ביי אייך געלערנט געשיכטע? מיט וועלכע טעקסטביכער באנוצט זיך דער לערער אין דעם לימוד פון יידישער געשיכטע?

5) מיט וועלכע לעגענדעס האט מען באקענט די קינדער אין די קלאסן?

6) וועלכע ביאגראפיעס האט מען געלערנט מיט די קינדער?

7) וואס פאר אן אויסוואל פון מאטעריאל ווערט געמאכט פאר דעם ליטעראטור-לימוד אין די העכערע קלאסן?

8) אין וועלכע געזעלשאפטלעכע ארבעטן האט זיך די שול באטייליקט?

א גרויסע צאל פון די לערערס האט זיך גענומען די מי צו געבן א גענויעם ענטפער אויף יעדער פראגע אין דער אנקעטע. דאס איז געווען דער ערשטער ערנסטער פארזוך צו באקומען באשטימטע, קאנקרעטע ענטפערס פון די לערערס וועגן דעם פראגראם און די מעטאדן פון לערנען פאר יעדן קעגנשטאנד. פריינד ז. יעפרויקין, וועלכער האט אנאליזירט די ענטפערס פון דער דערמאנטער אנקעטע, האט אין „ארבעטער-רינג-שול-בולעטין" פון אקטאבער, 1929, געשריבן, אז „די אנקעטע וואס דער בילדונגס-דעפארט-מענט האט מיט דער מיטווירקונג פון פעדאגאגן-ראט ארויסגעשיקט צו די לערערס איז געווען, אויב איך מאך ניט קיין טעות, דער כמעט ערשטער פארזוך ארייצובליקן אין דעם אינערלעכן לעבן פון אונדזערע שולן. די אנקעטע, מיט אלע אירע דעפעקטן, גיט אונדז צום ערשטן מאל א פארשטעלונג וועגן אונדזערע שולן". („שול-אלמאנאך", פילאדעלפיע, 1935, ז. 56)

מוזייען. 4 לערערס באריכטן, אַז ביי די קלובן פון זייערע שולן זיינען פאַראַן „קינדער־געריכטן". אין איין קלוב ווערט אויף די מיטינגען דורכגעפירט אַ „לעבעדיקע ציימונג". אין אַנדערע שולן ווערן די קינדער פון קלוב איינגעטיילט אין פאַרשיידענע סעקציעס מיט ספּעציעלע אויפגאַבעס, ווי למשל: אַ ווירט־שאַפטלעכע סעקציע, וואָס זאָרגט פאַר דער שיינקייט און ריינקייט פון די קלאַסצימערן; אַ סעקציע פאַר יום־טובים צו אַראַנזשירן שמחות, פאַר־ווייַלונגען; דראַמאַטישע סעקציע, ספּאָרט־סעקציע, אַרבעט־סעקציע (פלעכטן, נייען, מאָלן). אין די פילאַדעלפיער שולן פירט זיך, אַז יעדער מיטגליד פון אַ קלוב קריגט אומזיסט יעדן מאָנאַט אַן עקזעמפּליאַר פון „קינדער־זשורנאַל". אין פילאַדעלפיע איז אויך פאַראַן אַ פאַראייניקטע קלובן־אָרגאַניזאַציע. פאַר־שטייערס פון די קלובן האָבן פון צייט צו צייט קאָנפערענצן, וואו ס'ווערן אָפּגעגעבן באַריכטן וועגן דער אַרבעט פון די קלובן און ס'ווערן אָרגאַניזירט געמיינשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. די סטעמפּאָרדער שול האָט איינגעפירט, אַז די קינדער פון די קלובן זאָלן קאָרעספּאָנדירן מיט אַנדערע קלובן. אין טרענטאָן פירט זיך, אַז די קינדער גייען באַזוכן קראַנקע מיטגלידער פון קלוב מיט בלומען און מתנות (דאָס ווערט אויך געטאָן אין דער וויליאַמסבורגער שול 1, ברוקלין); באַזוכן אויך אָפּוועזנדע קינדער, אַראַנזשירן געבורטסטאָג־שמחות פאַר די קלוב־מיטגלידער. אין אַ סך שולן פירט זיך, אַז די לעצטע קלאַסן ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ קלוב מיט פולער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. די לעקציע ווערט געעפנט פון פאָרזיצער, דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר פירט אַ פולן באַריכט פון אַלץ, וואָס ס'ווערט געלערנט און געטאָן אין קלאַס, וועלכע קינדער ס'גרייטן צו זייער אַרבעט און וועלכע ניט. (ז. יעפּרויקין: די אַ"ר־שול־אַנקעטע — אַ"ר־שול־בולעטין, נאָוועמבער, 1929).

אָט די קינדער־קלובן זיינען געווען די קערנדלעך, וואָס פון זיי זיינען אין אייניקע ערטער אויסגעוואַקסן אַ"ר־יוגנט־קלובן און אַלומני־קלובן.

פאַר די לערערס און די טוערס פון די שולן איז געווען קלאָר, אַז דאָס, וואָס קליינוואַרג לערנט זיך אויס אין די שולן איז ניט גענוג. מע דאַרף די קינדער געבן אַ געלעגנהייט אויסצולעבן זיך אין דער אַטמאָספער פון דער קולטור, פון דער שפּראַך, פון די אינטערעסן און די פּראָבלעמען, וועלכע זיינען דער יסוד און דער שורש פון דער אַ"ר־שול. מע דאַרף, מיט אַנדערע ווערטער, אַריינציען די קינדער אינעם שטראָם פונעם יידישן לעבן און שאַפן. מען דאַרף עס טאָן, ווען זיי גייען אין שול — צוליב דעם זיינען באַשאַפן געוואָרן די קינדערקלובן; מע דאַרף עס טאָן אויך נאָך דעם, ווי זיי האָבן גראַדואירט, — און דאָס וואָלט געדאַרפט זיין דער זין פון די אַ"ר־יוגנט־ און אַלומני־קלובן.

ס'איז דאָך געווען אַן אונטערשייד צווישן די קינדערקלובן און די יוגנט־קלובן אין און אַרום די אַ"ר־שולן. די קינדערקלובן זיינען נישט געווען קיין

פּראָבלעם. עס איז געווען קלאָר, אַז זיי זיינען ענג פאַרבונדן מיט דער א"ר־שול, מיט איר שפּראַך און איר גאַנצן וועזן. אַנדערש איז געווען דער ענין יוגנטקלובן. ער האָט אַרויסגערופן אַ דיסקוסיע — און זייער אַ היציקע דיסקוסיע, — דערהויפּט נאָך דעם, ווי עס האָבן זיך (אין 1927) געגרינדעט ענגליש־שפּראַכיקע א"ר־יוגנט־קלובן (זייער גרינדונג איז געווען דער רעזול־טאַט פון אַ באַשלוס, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער 27טער א"ר־קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד). עס איז געווען אַ געפאַר, אַז די גראַדואירטע פון די א"ר־שולן וועלן דורך די ענגליש־שפּראַכיקע יוגנטקלובן, צו וועלכע זיי האָבן געהערט, אָפּגעריסן ווערן פון די קולטורווערטן און קולטור־אינטערעסן, צו וועלכע די א"ר־שולן און שולקלובן האָבן זיך געמיט זיי צו דערנענטערן, און אַ סך לערערס, טוערס און פריינד פון דער א"ר־שול־באַוועגונג האָבן אָנגעהויבן קוקן אויף דער ענגליש־שפּראַכיקער יוגנט־באַוועגונג ווי אויף אַ קאָנקורירנדיקער און שיר ניט פיינטלעכער קראַפט.

דאָס דאָזיקע אייפערזוכט־געפיל איז נאָך שטאַרקער געוואָרן דורך דעם, וואָס ניט איין ענגליש־שפּראַכיקער יוגנטקלוב איז אויסגעוואַקסן אַרום און פון דער א"ר־שול. עס האָט די טוערס און די לערערס פאַרדראָסן, וואָס פון דער א"ר־שול גופא וואַקסט אויס אַן אינסטיטוציע, וועלכע ווערט זייער אָפט געפירט נישט אין איר גייסט. דאָס האָט געבראַכט צו מיספאַרשטייענישן און צו קאָנפליקטן צווישן א"ר־שול־לערערס און די קלובן פון דער ענגליש־שפּראַ־כיקער יוגנט־באַוועגונג. די לערערס האָבן געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט, אויפצוהאַלטן און צו פאַרשטאַרקן די ווירקונג פון די א"ר־שולן אויף די יוגנט־קלובן. דער 8טער שול־צוזאַמענפאָר אין 1929 האָט וועגן דער א"ר־יוגנט־באַ־וועגונג אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „דער 8טער א"ר־שול־צוזאַמענ־פאָר באַגריסט די יונגע און וואַקסנדיקע א"ר־יוגנט־באַוועגונג. די יוגנט־באַוועגונג איז אַ וויכטיקער צווייג פון אונדזער באַוועגונג. שולטוערס און לערערס דאַרפן זיך אין דער באַוועגונג אַקטיוו באַטייליקן, העלפן די קלובן אין זייער אַרבעט און גרינדן נייע קלובן דאָרט, וואו זיי זיינען נאָך ניטאָ. אַזוי ווי דער הויפּטפּרינציפּ פון די יוגנטקלובן איז דער זעלביקער ווי פון אונדזערע שולן — צו דערנענטערן די יוגנט צום אַרבעטער־ריננג און צו די אידעאַלן פון אַרבעטער־קלאַס בכלל און פון יידישן אַרבעטער־קלאַס בפרט, איז די אויפגאַבע פון אַלע, וואָס געבן זיך אָפּ מיט דער אַרבעט, צו זען, אַז די יוגנט, וואָס שליסט זיך אָן אָן די קלובן, זאָל דאָרטן דערצויגן ווערן אין דעם יידישן סאָציאַליסטישן גייסט און זאָל צוגעצויגן ווערן צו דער שפּראַך, קולטור און אידעאַלן פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג (א"ר־שול־בולעטין, מאַי־יוני, 1929).

די רעזאָלוציע האָט אויסגעדריקט דעם וואונטש פון אַלע א״ר־שול־לערערס און טוערס, אָבער ניט פון אַלע טוערס פון דער ענגליש־שפּראַכיקער יוגנט־באַוועגונג. אַ סך פון זיי זיינען געווען גלייכגילטיק, אויב נישט פיינטלעך, צו דער יידישער שפּראַך און קולטור. ממילא, איז געווען אַ שטילער אַנטאַגאָניזם צווישן זיי און די לערערס און טוערס פון דער א״ר־שול־באַוועגונג. די פראַגע איז באַטראַכט געוואָרן אויף ספּעציעלע באַראַטונגען פון א״ר־לערערס אין 1929 און 1930. פיר פאַרשיידענע פאָרשלאָגן זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן: 1) די יוגנטקלובן זאָלן געפירט ווערן נאָר אין יידיש, 2) די יוגנט־קלובן זאָלן זיין צווייש‌פּראַכיק. 3) די יוגנטקלובן זאָלן געפירט ווערן פון אָרטיקע שול־פאַרוואַלטונגען. 4) די יוגנטקלובן זאָלן דערקלערט ווערן פאַר סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און זאָלן אין דער נאָנטער צוקונפט זיך אָנשליסן אָן דער אַרבעטער־רינג־יוגנט־באַוועגונג (יאָנג סוירקל־ליג).

פ. גליבטער, דער פאַרשטאָרבענער א״ר־בילדונגס־דירעקטאָר, איז געווען דער, וואָס האָט פאָרגעשלאָגן אַ פּשרה. לויט אָט דעם פאָרשלאָג האָבן אין די יוגנטקלובן געזאָלט באַנוצט ווערן ביידע שפּראַכן — יידיש און ענגליש. (אַרבעטער־רינג־שול־בולעטין, פעברואַר, 1930). די פּשרה איז אין איניקע קלובן דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן. דאָך זיינען די אַלגעמיינע באַציאונגען צווישן די א״ר־שולן און די יוגנטקלובן געבליבן נישט קלאָר און גישט צופרידנ־שטעלנדיק. אַזוי, אַז אין 1932 איז דער ענין ווידער אַ מאָל באַטראַכט געוואָרן אויפן א״ר־שול־צוזאַמענפאָר. די רעזאָלוציע, וואָס דער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען, איז געווען אַזאַ:

„דער אַרבעטער־רינג־שול־צוזאַמענפאָר באַטראַכט און אָנערקענט די וויכ־טיקייט פון דער אַרבעט פון די יוגנטקלובן פון אַרבעטער־רינג. מיר זעען אין דער אַרבעט פון די יוגנטקלובן אַ פאָרזעצונג פון אונדזער יידיש־סאָציאַליס־טישער דערציאונגס־אַרבעט. דער שול־צוזאַמענפאָר פאָדערט אויף דעם נאַציאָ־נאַלן בילדונגס־קאָמיטעט אויסצואַרבעטן געמיינשאַפטלעך צוזאַמען מיט דעם יאָנג סוירקל־קאָמיטעט אַ מאָדוס און מיגלעכקייט פאַר קאָאָרדינירטער טעטיקייט, אַ דאַנק וועלכער די לערערס און שולטוערס זאָלן קענען געבן זייער ביישטייער צו דער אַנטוויקלונג און אַרבעט פון די יוגנטקלובן.״ („אונדזער שול״, מאַי, 1932).

דער זעלביקער צוזאַמענפאָר האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע וועגן אַלומני־קלובן: „נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אַז ס׳איז ווינטשנסווערט אָנצוהאַלטן דעם צונויפבונד פון די קינדער, וועלכע גראַדואירן אונדזערע שולן און נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט, אַז עס איז ווינטשנסווערט, אַז מיר זאָלן אויך אויף ווייטער אָנהאַלטן אונדזער איינפלוס אויף די גראַדואירטע, פאָדערט אויף דער צוזאַ־מענפאָר, אַז יעדע שול וואו עס גראַדואירן קינדער, זאָל אָרגאַניזירן „אַלומני־

קלובן. גרעסערע שטעט זאָלן האָבן איין צענטראַלע אַלומני־אָרגאַניזאַ־ציע". (דאָרט)

דער סכסוך צווישן די אַ"ר־שולן און דער אַ"ר־יוגנט־באַוועגונג איז, — פֿאָרמעל, ווינציקסטנס, — אויסגעגליכן געוואָרן אין 1935.

נאָך אַ סך דעבאַטעס, וואָס זיינען געפֿירט געוואָרן צווישן דעם נאַציאָ־נאַלן בילדונגס־קאָמיטעט און דעם נאַציאָנאַלן אַרבעטער־רינג־יוגנט־קאָמיטעט, האָבן ביידע צדדים מסכים געווען, אַז: א) די קינדער־קלובן זיינען אַ פֿאָרזע־צונג פֿון דער אַרבעט פֿון די אַרבעטער־רינג־שולן און שטעלן זיך אַלס זייער ציל צוצוגרייטן זייערע מיטגלידער פֿאַר דער אַרבעטער־רינג־יוגנט־באַוועגונג און פֿאַר דעם אַרבעטער־רינג; אַז ב) די אויפֿגאַבע פֿון די קינדער־קלובן איז צו פֿאַרבינדן די מיטגלידער מיט דעם לעבן און קאַמף פֿון די יידישע אַרבעטער־מאַסן, מיט דער סאָציאַליסטישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג און מיט דעם יידישן קולטור־לעבן; אַז ג) די אַרבעט אין די קלובן זאָל געפֿירט ווערן אויף יידיש און אויף ענגליש; אַז ד) יעדער קלוב שטייט אונטער דער אויפֿזיכט פֿון דעם לערער פֿון דער אַרבעטער־רינג־שול, צוזאַמען מיט אַ גלייכער צאָל פֿאַרטרעטער פֿון דער שול־פֿאַרוואַלטונג און פֿון אָרטיקן יוגנט־קאָמיטעט, אויב אַזאַ קאָמיטעט געפֿינט זיך אין דער שטאָט; אַז ה) מיטגלידער פֿון די קלובן קאָנען זיין גראַדואירטע פֿון אַן אַרבעטער־רינג־מיטלשול אָדער עלע־מענטאַר־שול, שילערס פֿון דער מיטלשול און חברים און פֿריינד פֿון די מיט־גלידער; אַז ו) די צוזאַמענקונפֿטן פֿון די קלובן זאָלן אָפּגעגעבן ווערן פֿאַר דיסקוסיעס איבער טאָגפֿראַגעס; פֿאָרלעזונגען; פֿאַר אויסטויש פֿון מיינונגען איבער אַן אינהאַלט פֿון אַן אינטערעסאַנטער מאַוווי; פֿאַר געזאַנג, פֿאַר דראַ־מאַטישע אויפֿפֿירונגען; שפּאַצירן אין פּאַרקס און מוזייען אַד"גל; און אַז ז) עס זאָלן איינגעאָרדנט ווערן פֿון צייט צו צייט שפּאַצירן אין פֿאַבריקן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען; אין אַרבעטער־און קולטור־אינסטיטוציעס, כדי צו ברענגען די מיטגלידער פֿון די קלובן אין דירעקטער באַרירונג מיט דעם אַלגעמיינעם אינדוסטריעלן און יידישן קולטור־לעבן. („פֿריינד", יוני־יולי, 1935)

די 35סטע קאָנווענשאָן האָט באַגריסט דעם אָפּמאַך פֿון דעם נאַציאָנאַלן בילדונגס־קאָמיטעט און דער נאַציאָנאַלער יוגנט־קאָמיטע וועגן גרינדן אַלומני־קלובן פֿון די גראַדואירטע פֿון די עלעמענטאַרע און מיטלשולן, וואָס זאָלן זיין אַ טייל פֿון די אַ"ר־יוגנט־קלובן, און זאָלן געפֿירט ווערן געמיינשאַפֿטלעך פֿון די שול־פֿאַרוואַלטונגען און די קאָמיטעטן פֿון „יאָנג סוירקל־ליג". (דאָרט)

דאָס האָט די פֿראַגע פֿאַרענטפֿערט טעאָרעטיש, אָבער — ניט פּראַקטיש. פּראַקטיש איז די דערנענטערונג צווישן דער אַ"ר־שול־באַוועגונג און דער יוגנט־באַוועגונג פֿון אַ"ר פֿאָרגעקומען, ווי ווייט זי איז פֿאָרגעקומען, זייער פּאַמעלעכדיק. און די פֿראַגע איז נישט אַראָפּ פֿון טאָג־אָרדענונג. זי איז נאָך

אין 1937 דיסקוטירט געוואָרן אין „אונדזער שול", אויפֿן 10טן אַ"ר־שול־צוזאַמענפֿאָר און אויף דער 27ער אַ"ר־קאָנווענשאָן.

דער 10טער אַ"ר־צוזאַמענפֿאָר האָט פֿאָרעפֿנטלעכט די פֿאָלגנדיקע דעקלאַראַציע: „דער 10טער צוזאַמענפֿאָר פֿון די אַ"ר־שולן פֿאַרזאַמלט אין אַטלאַנטיק סיטי, דעם 23סטן, 24סטן און 25סטן אַפּריל, זעט איין, אַז די אַלגעמיינע שול־באַוועגונג דאַרף זיין דער אָרגאַניזיר־אַפּאַראַט פֿון דער גראַדואירטער שוליוגנט אין אַ"ר כדי עס זאָל אויפֿקומען אַ יוגנט, וואָס זאָל זיין פֿעאיק איבערצונעמען אונדזער יידישע און אונדזער סאָציאַליסטישע אַרבעט, אַ יוגנט, וואָס זאָל זיך אינטערעסירן מיט אונדזערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמען און רעאַגירן אויף זיי; אַ יוגנט, וואָס זאָל זיין פֿעאיק איבערצונעמען און פֿאַרזעצן אונדזער אַרבעט אין אַרבעטער־רינג. דעריבער באַשליסט דער צוזאַמענפֿאָר: 1) אַז די אַ"ר־אַלומני־באַוועגונג זאָל שטיין דירעקט אונטער דער אויפֿזיכט פֿון אונדזערע שולן; 2) אַז די שפּראַך פֿון די קלובן זאָל זיין יידיש; 3) אַז יידישע, אַרבעטער און אַלגעמיין געזעלשאַפֿטלעכע פּראָגעס זאָלן פֿאַרנעמען דעם חשובסטן אָרט אין די דיסקוסיעס און דער אויפֿקלערונגס־אַרבעט פֿון די קלובן; 4) אַז מען זאָל צוגעוויינען די קלובן אָנטייל צו נעמען אין אַרבעטער־אַרויסטרעטונגען און אין יידישע געזעלשאַפֿטלעכע און קולטורעלע אונטערנעמונגען; 5) אַז עס זאָל אויך געלייגט ווערן געוויכט אויף אַריינציען אונדזערע יוגנטלעכע אין דער דירעקטער שולאַרבעט, אויף צוציען זיי צו די פֿאַרוואַלטונגען, אָנטייל נעמען אין ווערביר־אַקציעס פֿאַר נייע קינדער, זיין פֿאַרטראָטן ביי די שול־יום־טובים אאַז"וו; 6) א) אַז די שול־פֿאַרוואַלטונגען און די לערעס זאָלן נעמען אַ שטאַרקן אינטערעס אין דער אַלומני־באַוועגונג; ב) אַז יעדן חודש זאָל אָפּגעגעבן ווערן אַ באַריכט צום בילדונגס־קאָמיטעט וועגן דער חודש־טעטיקייט אין די קלובן; ג) דער נאַציאָנאַלער אָפּיס זאָל פֿעריאָדיש אַרויסגעבן אַ בולעטין פֿון דער אַרבעט אין די קלובן און אויך אָנווייזן אויף פֿאַרשיידענע יידישע און געזעלשאַפֿטלעכע אַקציעס, וועלכע די קינדער זאָלן דורכפֿירן; ד) דער בילדונגס־קאָמיטעט זאָל אין משך פֿון זומער צושטעלן אַ גענויע פּראָגראַם פֿון טעטיקייט — קולטורעלע, פֿאַרווייַלערישע, ספּאָרט אַד"גל.

יעדער לערער מוז דערמוטיקן און דירעקט אָנטייל נעמען אין דער אָנפֿירונג פֿון די אַלומני־קלובן אין זיין שול.

דער צוזאַמענפֿאָר רעקאָמענדירט, אַז אין די קלענערע שטעטלעך אין דער פּראָווינץ, וואו עס איז ניט אומעטום מיגלעך איינגנע אַ"ר־שול אַלומני־קלובן, צו פֿאַראייניקן זיך מיט אַנדערע טיפּן שולן, מיט וועלכע מיר קאָאָרדינירן פֿון צייט צו צייט אונדזערע אַרבעטן. דאָרט וואו דאָס איז אויך אוממיגלעך זאָלן צוגעצויגן ווערן צו די אַ"ר־אַלומני־קלובן ניט־גראַדואירטע קינדער

פון אונדזערע שולן. די קלובן מוזן אָבער געפירט ווערן אין גייסט און לויט דער אָנגענומענער פּראָגראַם, שפּראַך און פּרינציפּן פון די א"ר־אַלומני־שול־קלובן." („אונדזער שול", מאַי, 1937)

די א"ר־קאָנווענשאָן אין 1937 האָט דערקלערט, אַז „דער צוועק פון דער אַלומני־באַוועגונג איז איינצוהאַלטן די שולקינדער אין דער סביבה פון אַרבעטער־רינג און דערציען זיי אין גייסט און אידעאַלן פון אַרבעטער־רינג. אום צו דערגרייכן דעם ציל איז ווינטשנסווערט, אַז אַן אַלומני־קלוב זאָל געשאַפן ווערן אין יעדער שול וואו עס איז נאָר מיגלעך. דער עדיוקיישאָנאַל־דעפּאַרטמענט זאָל אינסטרואירן יעדן שוללערער און יעדער שול־פאַרוואַלטונג, אַז די אָרגאַניזירונג און אויפהאַלטונג אויף דעם אַלומני־קלוב פון דער שול איז אַ וויכטיקער טייל פון זייער אַרבעט. דער עדיוקיישאָנאַל־דעפּאַרטמענט זאָל טאָן די אַרבעט פון אָרגאַניזירן די קלובן און אויפפּאַסן אויף זיי און ער זאָל זען קריגן די מיטווירקונג פון די שול־פאַרוואַלטונגען. די אויפזיכט איבער דער אַרבעט און די אויסאַרבעטונג פון פּאָליסים און פּראָגראַמען פון די אַלומני־קלובן זאָל שטיין אונטער אַ געמיינשאַפטלעכער קאָמיטע פון עדיוקיישאָנאַל־דעפּאַרטמענט און פון דער נאַציאָנאַלער יוגנט־קאָמיטע. עס זאָל געשאַפן ווערן אַ נאָענטע באַציאונג צווישן די אַלומני־קלובן און דער יוגנט־באַוועגונג מיט דעם צוועק, אַז די אַלומני־קלובן זאָלן מיט דער צייט קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין יוגנט־קלובן און נאָכער אין ברענטשעס פונעם אַרבעטער־רינג." („פריינד", יוני־יולי, 1937)

אין 1939 האָבן כמעט ביי אַלע גרעסערע שולן פון א"ר־עקסיסטירט אַלומני־קלובן. אין ניו־יאָרק אַליין זיינען געווען 14 אַזעלכע קלובן מיט 300 מיטגלידער. אַ נאַציאָנאַלער דירעקטאָר איז לעצטנס אָנגעשטעלט געוואָרן פאַר די ניו־יאָרקער אַלומני־קלובן, און יעדער קלוב האָט אַחוץ דעם, אַ ספּעציעלן אינסטרוקטאָר.

2. קינדערכאָרן. אָ ר ק ע ס ט ע ר ס, ט אַ נ צ ג ר ו פּ ע ס. ספּעציעלע לערערס, געזאַנג־מוזיק־אָדער טאַנץ־לערערס זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן פאַר די קינדער־כאָרן, קינדער־אָרקעסטערס און טאַנצגרופּעס. ניט אין אַלע א"ר־שולן האָט מען געלערנט זינגען, טאַנצן, שפּילן אויף אַן אינסטרומענט און ענלעכע קונסטזאַכן. אָבער אין אַזאַ שול, ווי די האַרלעמער אין ניו־יאָרק זיינען שוין באַלד נאָך איר גרינדונג אָרגאַניזירט געוואָרן קלאַסן פאַר מוזיק, ווי אויך פאַר מאָלן, קלעפּן, טאַנצן און טעאַטערשפּיל. אין יאָר 1934 האָט מען אין 90 א"ר־שולן געלערנט זינגען, אין 38 — מאָלן, אין 29 — טאַנצן, אין 5 שולן זיינען געווען מאַנדאָלין און אַנדערע אָרקעסטערס און כמעט אין אַלע גרעסערע פּונקטן זיינען געווען קינדערכאָרן. („שול־אַלמאַנאַך", פילאַדעלפיע, 1935, ז. 57)

די כאָרן, די אָרקעסטערס, ווי אויך די גרופּעס, וואָס לערנען זיך שפּילן, זייגען זייער אָפּט אַרויסגעטראָטן אויף די קאָנצערטן וואָס די אַ״ר־שולן אָרדנען איין פון צייט צו צייט, ווי אויך אויף אַנדערע אָוונטן פון אַ״ר.

3. יום־טובים. צו די מער אָדער ווייניקער רעגולערע טעטיקייטן, וועלכע געהערן ניט דירעקט צו דער פּראָגראַם פון די לימודים און מיט וועלכע די לערערס גיבן זיך אָפּ, האָבן מיר צוגערעכנט די פייערונג פון יידישע און אַלגעמיינע יום־טובים, — די פייערונג וואָס נעמט אָן אָפּט די פאָרם פון ספּעקטאַקלען (פּורים־שפּיל, חנוכה־שפּיל) געזאַנג־און טאַנץ־פאָרשטעלונגען און ענלעכע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען. כמעט יעדע אַ״ר־שול אָרדנט איין אַזעלכע אָוונטן אָדער פּרימאָרגנס פאַר די קינדער און די עלטערן, ווי אויך פאַר אַ ברייטערן עולם. די אַרויסטרעטונגען זיינען אָפּט אַ קוואַל פון הכנסה פאַר די שולן. די אַ״ר־מיטלשול אין ניו־יאָרק אָרדנט איין אַ סדר יעדן פּסח, אַ גרויסע חנוכה־פייערונג, ערשטער־מאַי־פייערונג און נאָכמיטאָגן געווידמעט פאַרשיידענע יידישע שרייבערס.

4. לעקציעס. דער לערער איז אָפּט אויך אַ לעקטאָר. כמעט אין יעדער אַ״ר־שול אָרגאַניזירט דער לערער קורסן אָדער איינציקע לעקציעס און פאָרומס פאַר דערוואַקסענע. ער פירט זיי דורך אָדער אַליין, אָדער מיט דער הילף פון איינגעלאַדענע לעקטאָרן . . . אין 1938־1939 זיינען פון דעם אַ״ר־בילדונגס־קאָמיטעט דורכגעפירט געוואָרן, דאָס רוב מיט דער הילף פון די שולן, 137 אָפּען־פאָרומס, וועלכע זיינען באַזוכט געוואָרן פון 16,000 פּערזאָן, 153 לעקציעס, וואָס זיינען באַזוכט געוואָרן פון 20,000 פּערזאָן, אחוץ קאָנצערטן און סתם אַזוי קינסטלערישע אָוונטן. („פריינד״, יוני־יולי, 1939)

5. זומער קאָלאָניעס. זייער אַ וויכטיק אָרט צווישן די מער רעגולערע אויסערשול־טעטיקייטן פאַרנעמען די זומער־קאָלאָניעס אָדער קעמפּס. „מיט דעם קעמפּ האָט מען באַצוועקט צו האָבן ניט נאָר בלויז אַ זומערפּלאַץ, וואו די קינדער זאָלן זיך קאָנען אָפּרוען, נאָר אויך אַן אָרט וואו זיי זאָלן האָבן אַ מיגלעכקייט צו פאַרברענגען אין אַ יידישער און סאָציאַליסטישער אַטמאָספער. אויב אין דער דערגאַנצונג־שול האָט דאָס קינד אַ מיגלעכקייט צו קומען בלויז עטלעכע שעה אַ וואָך, געפינט זיך אָבער דאָס קינד אין קעמפּ אין אַ שול־אַטמאָספער די עטלעכע וואָכן, וואָס עס פאַרברענגט דאָרט.״ (פּ. געליבטער, אין שול־אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935, ז. 61). און שוין אין 1921, באַלד נאָך דער גרינדונג פון די ערשטע אַ״ר־שולן, האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַ״ר־קינדער־קעמפּס (זע „פריינד״, יאַנואַר, 1921, ז. 32). אָבער עפּעס טאָן אין דעם פּרט האָט מען אָנגעהויבן ערשט אין 1923. אין יענעם יאָר איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער אַ״ר־קעמפּ ביים לעיק־מישיגען לעבן שיקאַגאָ. — דער נאָמען פון קעמפּ איז געווען „יעהופּעץ״. אין אַ יאָר אַרום

האָבן די ניו־יאָרקער אַ"ר־שולן אָרגאַניזירט דעם קעמפּ „קינדערלאַנד". 225 קינדער זיינען איבערגעוועזן אין דעם קעמפּ אין משך פונעם ערשטן זומער. זיי זיינען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון 19 לערערס און געהילף־לערערס און אַ דאָקטער, אַחוץ דעם פּערסאָנאַל פון 14 פּערזאָן, וואָס האָבן זיך אָפּגע־געבן מיט דער באַלעבאַטישקייט. דער פּרייז פאַר צען וואָכן איז געווען 135 דאָלאַר. אַחוץ די געוויינטלעכע קעמפּ־אַקטיוויטעטן, האָט מען די קינדער געלערנט לייענען און שרייבן יידיש, זינגען, טאַנצן, מאָלן, שפּילן טעאַטער. עס איז אויך דורכגעפירט געוואָרן אַ קינדער־קאַרנאַוואַל, אַן אויסשטעלונג פון קינדער־אַרבעטן, און עס איז אויפגעפירט געוואָרן אַ קינדער־אָפּערעטע. דער דירעקטאָר פון קעמפּ איז געווען יעקב לעווין (אַ"ר־שול־בולעטין, יאַנואַר, 1924). אין 1926, ווען עס איז פאַרגעקומען די שפּאַלטונג אין די אַ"ר־שולן און די „לינקע" האָבן צוגענומען דעם קעמפּ, האָט זיך דער אַ"ר באַזאָרגט מיט אַ נייער זומער־קאָלאָניע. (דער ערשטער פאָרזיצער פון קעמפּ איז געווען ר. בלאָק; דער ערשטער דירעקטאָר — ב. אָסטראָווסקי, די לעצטע יאָרן איז דער דירעקטאָר ז. יעפּרויקין). אַרבעטער־רינג־זומער־קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרן אויך אין פילאַדעלפיע, אין וואַשינגטאָן, אין באָסטאָן, אין לאָס־אַנדזשעלעס, אין טאָראָנטאָ. 7 אַ"ר־קינדער־קעמפּס האָבן עקסיסטירט אין 1935 און זיי עקסיסטירן ביז איצט. אַרום 10־12 טויזנט קינדער זיינען דורכ־געגאַנגען דורך די אַלע קעמפּס ביזן יאָר 1935. זייער פאַרמעגן האָט אָנגעטראָפן אַרום אַ מיליאָן דאָלאַר (שול־אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935, ז. 61). לויט אַ באַשלוס פון דער 27ער אַ"ר־קאָנווענשאָן זיינען זיי געשטיצט געוואָרן פון דער צענטראַלער עקזעקוטיווע מיט 10 טויזנט דאָלאַר. אין 1929 האָט דער אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָר אָנגענומען אַ רעזאָלוציע מיטן ציל צו דערמוטיקן די קעמפּאַרבעט. אין 1930 איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פּראָגראַם־פּראָיעקט פאַר דעם ניו־יאָרקער אַ"ר־קעמפּ. ער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ"ר־שול־בולעטין, מאַי־יוני, 1930. (אַ טיילווייזער פּראָיעקט פון אַ קעמפּ־פּראָגראַם איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין שול־בולעטין, יוני־יולי, 1927).

דער 9טער אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָר אין 1935 האָט געמאַכט די פאָלגנדיקע דערקלערונג וועגן די אַ"ר־קעמפּס: „די קעמפּס אין די לעצטע יאָרן איבער הויפּט, זיינען געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער דערציאונג פון יונגן דור. די אַ"ר־קעמפּס אין די פאַרשיידענע שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדאַ העלפן די שולן מיט צוגרייטן אַ גרויסע צאָל קינדער פאַר אונדזערע שולן אין די באַטרעפנדע שטעט. דער 9טער צוזאַמענפאָר פון די אַרבעטער־רינג־שולן פאָדערט אויף דעריבער אַלע לערערס, שול־פאַרוואַלטערס און פריינד פון די אַ"ר־שולן אָנצושטרענגען אַלע זייערע כוחות צו זען, אַז די אַרבעטער־רינג־קעמפּס זאָלן געפירט ווערן אין גייסט פון די אַ"ר־שולן. דער צוזאַמענפאָר פאָדערט אויף דעם בילדונגס־קאָמיטעט צו אינסטרואירן דעם פּעדאַגאָגן־ראַט,

צוזאמען מיט א קאמיסיע פון לערערס, וועלכע זיינען באקאנט מיט קעמפּ־ארבעט, אויסצואַרבעטן אן איינהייטלעכע דערציאונגס־פּראָגראַם פאַר די אַ״ר־קעמפּס איבערן גאַנצן לאַנד, וואָס זאָל זיין אין גייסט מיט אונדזער ארבעט אין די שולן. דער שול־צוזאַמענפאָר פאָדערט אויף אלע שולטוערס און לערערס, וועלכע זיינען מיטגלידער אין קעמפּ־פּאַרוואַלטונגען צו זען, אַז וואָס מער לערערס און גראַדואירטע קינדער פון אונדזערע שולן זאָלן אָנגעשטעלט ווערן אין די דערציאונגס־סטעפּס, כדי דורכצופירן, אַז די קעמפּס זאָלן געפירט ווערן אין שולגייסט. דער צוזאַמענפאָר בעט דעם בילדונגס־קאָמיטעט, אַז אין די קעמפּס, וואו צוליב פינאַנציעלע שוועריקייטן קענען ניט אָנגעשטעלט ווערן קיין לערערס אָנצופירן מיט דער ארבעט, זאָל דער בילדונגס־קאָמיטעט סובסי־דירן די באַטרעפנדע קעמפּס כדי צו דערמיגלעכן זיי אָנצושטעלן די פּאַסיקע לערערס.״ אַן ענלעכע רעזאָלוציע איז אָנגענומען געוואָרן פונעם 10טן שול־צוזאַמענפאָר אין 1937.

צווישן די אויסערשול־טעטיקייטן, וואָס ווערן אָרגאַניזירט פון צייט צו צייט, זיינען דערמאָנט געוואָרן די אַ״ר־שול־אויסשטעלונגען, — און עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף זיי אַ ביסל מער אויספירלעך.

די ערשטע אַ״ר־שול־אויסשטעלונג איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין 1930 אין ניו־יאָרק אין „עדיוקיישאָנעל־עליייאנס״ און איז געווען אָפן פון 6טן ביזן 20סטן אַפּריל. עס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן די זשורנאַלן, וואָס כמעט אַלע אַ״ר־שולן גיבן אַרויס פון צייט צו צייט און וואָס ווערן טיילווייז געשריבן פון די קינדער אַליין; קינדער־מאַלעריען און צייכענונגען; לערן־און לייען־ביכער, ווי אויך — קינדער־זשורנאַלן פון אַ״ר; קאָמפּאָזיציעס פון קינדער; פּעדאַגאָגישע אויסגאַבעס; בילדער פון קינדער־קעמפּס; סטאַטיסטישע טאַבע־לעס וועגן די שולן אד״גל. אין דער אויסשטעלונג האָבן אָנטייל גענומען אַלע שטעט, וואו עס געפינען זיך אַ״ר־שולן — פון וויניפּעג, קאַנאַדאַ, ביז אַטלאַנטאַ, דזש., און פון ניו־יאָרק ביז לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפ. (אַ״ר־שול־בולעטין, מאַי־יוני, 1930).

די צווייטע שול־אויסשטעלונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין איינעם מיטן שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט און דעם יידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער־פאַרבאַנד און איז פאָרגעקומען אין אַפּריל, 1931, אין יידישן לערער־סעמינאַר.

דער אַ״ר־שול־צוזאַמענפאָר פון די מזרח־שטאַטן האָט אין 1932 אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע אין פאַרבינדונג מיט די שול־אויסשטעלונגען: „דער צוזאַמענפאָר אָנערקענט די וויכטיקייט פון שול־אויסשטעלונגען ווייל אַזוי אַרום קען פאַר דער עפנטלעכקייט דעמאָנסטרירט ווערן דער אויפטו און די דערגרייכונ־גען אויף דעם שולגעביט. דער צוזאַמענפאָר רעקאָמענדירט, אַז די שול־אויס־שטעלונגען זאָלן פאָרקומען אין דעם יאָר פון אַן ארבעטער־רינג־שול־צוזאַמענ־

פאַר און זאָלן דורכגעפירט ווערן אין דער שטאַט וואו עס ווערט אָפּגעהאַלטן די אַרבעטער־רינג־קאָנווענשאָן". („אונדזער שול", מאַי, 1932)

אין 1935 איז, לכבוד דעם 15 יאָריקן יובילײ פון די א"ר־שולן און דער 35סטער א"ר־קאָנווענשאָן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק, ווידער אַ מאָל אָרגאַניזירט געוואָרן אַן א"ר־שול־אויסשטעלונג. זי האָט זיך געעפנט דעם 3טן מאַי אין א"ר־יוגנט־צענטער.

די יידישע פרעסע האָט געבראַכט אויספירלעכע באַשרייבונגען פון די אַלע שול־אויסשטעלונגען , אַזוי, אַז זײ האָבן געהאָלפן פאַרשפרייטן די אידײ פון דער מאָדערנער יידישער דערציאונג און געהאַט אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישע באַדייטונג.

אַן אינטערעסאַנטע אינסטיטוציע זיינען די דערמאָנטע א"ר קינדער־קאָנפערענצן. זייער הויפּטציל איז די אַנטוויקלונג פון דער איניציאַטיוו און דער זעלבסט־טעטיקייט פון די קינדער, ווי אויך די דערנענטערונג צווישן קינדער פון פאַרשיידענע שולן און פאַרשיידענע שטעט. די איניציאַטיוו פון די א"ר־קינדער־קאָנפערענצן געהערט די שולן פון די דרום־שטאַטן. די ערשטע קינדער־קאָנפערענץ פון די שולן אין דער „סאַוט" איז פאָרגעקומען אין 1930 אין טשאַטאַנוגאַ. שפּעטער זיינען ענלעכע קאָנפערענצן פאָרגעקומען אין אַנדערע געגנטן. דער 10טער שול־צוזאַמענפאָר אין 1937 האָט וועגן די קינדער־קאָנפערענצן אָנגענומען די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „1) דער צוזאַמענפאָר האַלט, אַז ס'איז זייער וויכטיק, אַז פון צייט צו צייט זאָלן גרופּן ווערן געגנט־קאָנפערענצן פון די קינדערקלובן פון א"ר־שולן. 2) דער צוזאַמענפאָר רעקאָמענדירט, אַז דער נאַציאָנאַלער בילדונגס־קאָמיטעט זאָל אין דער נאָנטער צוקונפט רופן אַ קאָנפערענץ פון די קינדערקלובן אין די מזרח־שטאַטן." („אונדזער־שול", מאַי, 1937)

ב.

די אַלע אויסגערעכנטע, ווי אויך די ניט אויסגערעכנטע, שול־און אויסער־שול־טעטיקייטן וואָלטן נישט מיגלעך געווען אָן דער צוזאַמענאַרבעט און די באַראַטונגען פון דעם א"ר־לערער־פּערסאָנאַל. דאָס איז קלאָר געוואָרן גלייך נאָך דעם ווי די א"ר־שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן. שוין אין 1920 האָט די 20סטע א"ר־קאָנווענשאָן באַשלאָסן, אַז „יעדעס יאָר אין דער וואָך פון דער אַרבעטער־רינג־קאָנווענשאָן, זאָל פאָרקומען אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע אַרבעטער־רינג־שולן. דער צוזאַמענפאָר באַטראַכט פאַרשיידענע פּראָגעס אין פאַרבינדונג מיט די שולן, ווי מעטאָדיק, אָרטאָגראַפיע, פאָרם פון פאַרוואַלטונג, אויפהאַלטונג אאז"וו. אַלע באַשליסע פון די צוזאַמענפאָרן דאַרפן אָבער

גוטגעהייסן ווערן פון דער עדיוקיישאנעל־קאמיטע איידער זיי גייען אריין אין קראפט." („פריינד", יוני־יולי, 1920)

אין די שול־צוזאמענפארן האבן אנהייב אן אנטייל גענומען, אחוץ די לערערס, אויך פארשטייערס פון די שול־פארוואלטונגען, פון דעם בילדונגס־קאמיטעט פון דעם פעדעראציע־ראט, ווי אויך ספּעציעל פארבעטענע געסט. אבער די הויפט־מחותנים זיינען, פארשטייט זיך, געווען די לערערס. די וויכ־טיקסטע פראגעס, וואס זיינען באטראכט געווארן אויף די שול־צוזאמענפארן, זיינען געווען די פראגעס פון דער פראקטיק און דער אידעאלאגיע פון דער א"ר־שול, ד"ה, די פראגעס, וואס האבן געהאט צו טאן דערהויפט מיט די לערערס.

דער באשלוס אפצוהאלטן אן א"ר־שול־צוזאמענפאר „יעדעס יאר אין דער וואך פון דער א"ר־קאנווענשאן" איז אין אנהייב שטרענג אפגעהיט געווארן, און א"ר־שול־צוזאמענפארן זיינען פארגעקומען אין די יארן 1920 (אין ניו־יארק), 1921 (אין קליוולענד), 1922 (אין פילאדעלפיע), 1923 (אין ניו־יארק), 1925 (אין פילאדעלפיע), 1926 (אין אטלאנטיק סיטי), 1927 (אין פילאדעלפיע), 1929 (ווידער א מאל אין פילאדעלפיע), אין 1931 און 1932 איז, צוליב דעם קריזיס און דער שווערער מאטעריעלער לאגע פון די א"ר־שולן, פארגעקומען ניט קיין נאציאנאלער שול־צוזאמענפאר, נאר א קאנפערענץ פון די א"ר־שולן אין שטאט ניו־יארק און די נאנטע שטאטן. אין 1935 איז ווידער פארגעקומען אן אלגעמיינער שול־צוזאמענפאר אין פילאדעלפיע. דאס איז געווען דער 9טער שול־צוזאמענפאר. דער 10טער צוזאמענפאר — א יובילייר־צוזאמענפאר — איז אפגעהאלטן געווארן אין 1937, אין אטלאנטיק סיטי. דער 11טער — אויך א יובילייר־צוזאמענפאר — לכבוד די 20 יאר א"ר־שול־טעטיקייט — איז פאר־געקומען אין 1939, אין וואשינגטאן, ד. ס.

אחוץ די נאציאנאלע שול־צוזאמענפארן, זיינען אויך פארגעקומען א"ר־שול־קאנפערענצן אין איינציקע ראיאנען (אין דעם מיטל־וועסט־ראיאן, אין קאנאדע, אין די דרום־שטאטן, אין די מזרח־שטאטן אד"גל).

פון די באשלוסן פון די א"ר־שול־צוזאמענפארן, וואס האבן א ספּעציעלע שייכות צום א"ר־לערער־פערסאנאל, איז כדאי צו דערמאנען דעם באשלוס פון דעם צווייטן שול־צוזאמענפאר ארויסצוגעבן א לערער־זשורנאל מיטן נאמען „דערציאונג". דער ערשטער נומער איז ארויס אין 1922. דאס איז געווען א פערטל־יארבוך און איז רעדאגירט געווארן פון א קאלעגיע פון דריי, וואס איז אויסגעקליבן געווארן אויפן 3טן שול־צוזאמענפאר („פריינד", יוני־יולי, 1922). און אז מע רעדט שוין וועגן לערער־אויסגאבעס, דארף מען דערמאנען אויך „שול און היים", וואס דער א"ר־לערער־פארבאנד האט אנגעהויבן ארויס־

צוגעבן אין 1927. אין משך פון 1927־1928 זיינען ארויס 10 נומערן פון „שול און היים״ (שול־אלמאנאך״, פילאדעלפיע, 1935, ז. 52).

דער נאר וואס דערמאנטער פארבאנד פון די א״ר־לערערס איז געגרינדעט געווארן אין נאוועמבער, 1925.

אין אן ארטיקל פון ז. יעפרויקין, דער ערשטער סעקרעטאר פון פארבאנד (דער ארבעטער־רינג־לערער־פארבאנד״ — א״ר־שול־בולעטין, אפריל, 1927) לייענען מיר וועגן די סיבות וואס האבן געפירט צו דער גרינדונג פון אזא פארבאנד״. . . . „דער לערער איז דער, וואס פארנעמט די וויכטיקסטע און פאראנטוואָרטלעכסטע פאזיציע אין דער (שול)־באוועגונג״. „ס׳איז דעריבער נאטירלעך, אז דער לערער, וועלכער האט פארשטאנען די גרויסע אחריות, וואס זיין לאגע האט אויף אים ארויפגעלייגט, זאל אנהייבן פילן די וויכטיקייט פון א לערער־ארגאניזאציע, די וויכטיקייט צו טאן די ארבעט מיט געמיינשאפט־לעכע כחות, ארגאניזירטערהייט״. „קיין איינצלנער לערער, ווי פעאיק ער זאל ניט זיין, קען קיין מאל ניט אויפטאן דאס, וואס א לערער־קאלעקטיוו״.

ווייטער ווערן אין דעם ארטיקל אויסגערעכנט וואס עס דארפן זיין די אויפגאבעס פון דעם לערערישן קאלעקטיוו: א) אויסארבעטן מעטאדישע אנ־ווייזונגען פאר די לימודים; ב) מאסן און סטאנדארטן פון לערנען; ג) זיך טיילן מיט דער לערערישער דערפארונג; ד) געבען עצות אין פעדאגאגישע פראגעס, ספעציעל דעם לערער אין דער פארוואָרפענער פראווינץ; ה) רופן פעדאגאגישע קאנפערענצן; ו) ארויסגעבן אן ארגאן, וואס זאל זיין א לערער־טריבונע; ז) ארויסהעלפן דעם לערער אין זיין קולטור־טעטיקייט צווישן דערוואקסענע; ח) פירן א ברייטע פראפאגאנדע פאר דער שול פון ארבעטער־רינג. חוץ דעם דארף די פארטיידיקונג פון דעם לערערס פראפעסיאנעלע אינ־טערעסן פארנעמען א וויכטיק ארט אין דער פראגראם פון פארבאנד. „געוויס מיינען מיר ניט צו זאגן, אז די שולטוערס, די פארוואלטערס, זיינען די בעלי־בתים קעגן וועלכע, די לערערס, די ארבעטער, דארפן זיך ארגאניזירן כדי אויסצוקעמפן בעסערע עקסיסטענץ־מיגלעכקייטן. דא קען אפילו קיין רייד ניט זיין וועגן צדדים. ביידע, דער לערער און דער טוער, האבן פאר זיך איין אויפגאבע, איין אידעאל, וועלכער קען דערגרייכט ווערן, נאר דורך הארמאני־שער צוזאמענארבעט. פארקערט, דער לערער איז דאך אין ס׳רוב פאלן אויך דער ארגאניזאטאר, דער פארוואלטער. אבער ליידער . . . טרעפן פאלן ווען די פארוואלטערס פארגעסן, אז ווי אידעאליסטיש דער לערער זאל ניט זיין, איז ער עקאנאמיש אפהענגיק פון דער שול״. „צוליב דעם, וואס ער און זיין פאמיליע וועלן זיך צו אפט געפינען אין נויט און דחקות, וועט אויך מוזן ליידן די שול, ווייל ער וועט יעמאלט ניט קענען בשלימות דורכפירן די ארבעט״ (דארט).

ווי מיר זעען האָבן אויך די ריין פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די לערערס געפאָדערט אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל זיי שיצן. עס זיינען אָפט געווען מיס־פאַרשטייענישן און קאָנפליקטן צווישן די לערערס און די שול־פאַרוואַלטונגען. „עס פלעגט כמעט איין מאָנאַט ניט דורכגיין אָ רוּאיקער", לייענען מיר אין אַ באַריכט וועגן די ערשטע יאָרן פון די א"ר־שולן אין שיקאַגאָ, „ווען די לערער זאָלן ניט קומען מיט ביטערע טענות, קריוודעס, רעזיגנאַציעס און באַלדיקע אולטימאַטומס" (סואווועניר פון שיקאַגער ארבעטער־רינג, 1923, ז. 27).

צווישן די אויסגערעכנטע סיבות, וואָס האָבן געפירט צו דער גרינדונג פון פאַרבאַנד גיט ז. יעפּרויקין אַן אין זיין אַרטיקל נאָך אַ מאָטיוו: „דער לערער דאַרף אויך האָבן אַן אָרגאַן, וואָס זאָל אים פאַרטרעטן ביי דעם נאַציאָנאַלן בילדונגס־קאָמיטעט פון ארבעטער־רינג. אמת, דער לעצטער איז אין מאַטעריעלן פּרט ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די לערערס, אָבער ער איז דער, וואָס שטעלט זיי אַן, טראַנספּערירט זיי פון איין שול אין אַ צווייטער, מיט איין וואָרט ער באַשטימט דעם לערערס גורל. צו אים אַפּעלירן סיי די פאַרוואַלטערס, סיי די לערערס און ער האָט דאָס לעצטע וואָרט אין אַלע סכסוכים. קלאָר דעריבער ווי וויכטיק ס'איז פאַר דעם לערער, אַז עמעצער זאָל אים ביי דער קערפּערשאַפט פאַרטרעטן".

לויט דער מינדלעכער מיטטיילונג פון ז. יעפּרויקין „איז ביי דער לערער־שאַפט, בעת דער גרינדונג פון פאַרבאַנד געווען אַ מיינונג־פאַרשיידנהייט וועגן דעם וואָס עס זאָלן זיין זיינע צילן. די מינדערהייט האָט געהאַלטן, אַז דער פאַרבאַנד דאַרף זיך פאַרנעמען אויסשליסלעך מיט פּעדאַגאָגישע און קולטורעלע ענינים, אָבער ניט מיט די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון דער לערער־שאַפט. די, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דעם שטאַנדפּונקט, האָבן גערעכנט, אַז אַ לערערשע קערפּערשאַפט טאָר ניט דערמאָנען אַן אַ יוניאָן. די שול־באַוועגונג געהערט די לערערס און פאַרוואַלטערס באַגלייך און עס דאַרף דעריבער ביי די פאַרוואַלטערס זיך ניט שאַפן דער איינדרוק, אַז די לערערס אָרגאַניזירן זיך קעגן זיי. ס'איז אויך פאַראַן אַ געפאַר, אַז אין לויף פון דער צייט זאָלן ניט ווילנדיק זיך שאַפן צדדים, וואָס זאָלן דערמאָנען אַן אַרבעטער און באַלעבאַטים, דאַן, ווען אַזעלכע צדדים זיינען אין דער שול־באַוועגונג ניטאָ און דאַרפן ניט זיין". „די תקנות, וואָס זיינען צום סוף אָנגענומען געוואָרן, האָבן, וואָס שייך די פּעדאַגאָגיש־קולטורעלע צילן פון פאַרבאַנד, אַנטהאַלטן אין זיך די פריער אויסגערעכנטע פּונקטן (זע זייט 175). צו דעם איז נאָך צוגעקומען אַ פּונקט, אַז דער פאַרבאַנד וועט פאַרטרעטן די לערערשאַפט ביי די שול־פאַרוואַלטונגען, פאַרטיידיקן אירע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן אויף אַן אופן וואָס זאָל ניט שעדיקן דער שול־באַוועגונג און אַז: א) כדי צו ווערן אַ מיטגליד פון פאַרבאַנד דאַרף מען פריער אָנגעשטעלט ווערן פון בילדונגס־קאָמיטעט פאַר אַ לערער אין אַ שול (ד"ה, אַז דער פאַרבאַנד וועט זיך קיין מאָל

ניט אריינמישן אין דעם, ווער עס זאָל ווערן אַ לערער אין אַן אַרבעטער־רינג־שול. דאָס דאַרף געהערן צו דער אויסשליסלעכער קאָמפּעטענץ פון פּעדאַגאָגן־ראַט און בילדונגס־קאָמיטעט); ב) אויב אין משך פון די ערשטע צוויי יאָר פון זיין אַרבעט אין אַ שול וועט זיך אַרויסווייזן, אַז דער לערער איז ניט פעאיק (צוליב פּעדאַגאָגישע סיבות) צו פאַרנעמען זיין אַמט, איז דער פאַר־באַנד ניט פאַרפליכט אים צו פאַרטיידיקן אויב דער בילדונגס־קאָמיטעט וועט זיך אָפּזאָגן אים צו געבן אַ שטעל; ג) אַ לערער איז אַ מיטגליד פון פאַרבאַנד נאָר אַזוי לאַנג ווי ער איז פאַרבונדן מיט אַן אַרבעטער־רינג־שול. פאַלט ער אַרויס, צוליב אַ וועלכער ניט איז סיבה פון דער אַרבעטער־רינג־שול־אָרגאַני־זאַציע, הערט ער אויף אויטאָמאַטיש צו זיין אַ מיטגליד פון פאַרבאַנד".

„די דריי לעצטע פּונקטן זיינען ספּעציעל אַריינגעשטעלט געוואָרן אין די תקנות כדי ניט צו שאַפן דעם איינדרוק, אַז די לערערס אָרגאַניזירן זיך קעגן די פאַרוואַלטערס, און, די הויפּטזאַך, כדי צו אונטערשטרייכן, אַז אין דער ערשטער ריי קומען די אינטערעסן פון דער שול־באַוועגונג. ס'איז געווען נאָך אַ טעם פאַר וואָס די פּונקטן זיינען אַריין אין די תקנות. מען האָט געהאָפט, אַז אַ דאַנק זיי וועט דער אַרבעטער־רינג גיכער צושטימען אָנצוערקענען דעם פאַרבאַנד ווי די רעפּרעזענטאַנץ פון דער לערערשאַפט".

אָבער, דער בילדונג־קאָמיטעט האָט אַ לאַנגע צייט דעם פאַרבאַנד ניט געוואָלט אָנערקענען. דער הויפּט־אַרגומענט איז געווען, אַז דער אַרבעטער־רינג סובסידירט נאָר די שולן, אַז ער קען קיין מאָל — אויב ער וואָלט אפילו געוואָלט — ניט נעמען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם לערערס שכירות. ער קען עס ניט טאָן פשוט צוליב דעם, וואָס די סומע, וואָס ער קריגט אַריין דורך דעם שולשטייער אויף די מיטגלידער, איז ניט גרויס גענוג, כדי ער זאָל אויף זיך אַזאַ פאַרפליכטונג נעמען. איז געווען די מורא, אַז מיט דעם וואָס ער וועט אָנערקענען דעם פאַרבאַנד, וועט מען אים אויך האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם לערערס שכירות. דעריבער לייענען מיר אין דעם פּראָטאָקאָל פון דער זיצונג פון בילדונגס־קאָמיטעט, פון דעם 8טן דעצעמבער, 1925: „אַ צושריפט פון לערער־פאַרבאַנד — שיקן צו די תקנות פון דער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט זיך איצט געגרינדעט אונטער דעם נאָמען. באַשלאָסן די צושריפט ניט אויפצונעמען". און ערשט אין פעברואַר, 1927 האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט מיט דער צושטימונג פון דער נאַציאָנאַלער עקזעקוטיווע פון אַרבעטער־רינג איינגעוויליקט אָנצוערקענען דעם פאַרבאַנד אויף פאָלגענדע תנאים:

„1) יעדער לערער, וואָס ווערט אָנגעשטעלט אין די א"ר־שולן דאַרף זיך אָנשליסן אָן דעם אַרבעטער־רינג־לערער־פאַרבאַנד; 2) די נאַציאָנאַלע עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע נעמט אויף זיך ניט קיינע פינאַנציעלע פאַרפליכטונגען

פון די שולן צו די לערער; 3) אין אירגענד וועלכן ספסוך, וואס וועט פארקומען צווישן די שולן און די לערער, וועט די עדיוקיישאנעל־קאמיטע אויפנעמען קלאגן, ווען זיי וועלן קומען דורך דעם א״ר־לערער־פארבאנד (א״ר־שול־בולעטין, 1927, ז. 3). דער צווייטער פונקט האט אפגעשאפט די הויפט־מניעה, וואס האט געשטערט דער אנערקענונג. ווידער די פונקטן איינס און צוויי האבן, צוגעגעבן דער פארבאנד מער אויטאריטעט אין זיינע באציאונגען מיט די לערערס.

דער ריס אין דער שול־באוועגונג האט אויך ניט אויסגעמיטן דעם לערער־פארבאנד פון ארבעטער־רינג. אויך אין אים איז, אין יאר 1926, פארגעקומען א שפאלטונג. איצט זיינען אלע לערערס (98) פון די ארבעטער־רינג־שולן פאראייניקט אין איין פארבאנד. דער פארבאנד איז א טייל פון דער אלגע־מיינער פעדעראציע פון די לערערס אין דער אלגעמיינער אמעריקאנער שול און אויף אזא אופן איז ער אויך א טייל פון דער אמעריקאנער ארבעטער־פעדעראציע (אמעריקען פעדעריישאן אוו לייבאר). אויף א קאנפערענץ פון פארבאנד, וואס איז פארגעקומען דעם 22סטן דעצעמבער, 1937, זיינען אנגענומען געווארן רעזאלוציעס וואס פארשטארקן די פראפעסיאנעלע צילן פון פארבאנד. דער ערשטער פונקט לייענט זיך אזוי: „דער ארבעטער־רינג־לערער־פארבאנד שטעלט זיך די אויפגאבע צו פארזיכערן די עקאנאמישע עקסיסטענץ פון די לערערס, כדי זיי זאלן זיך קענען אפגעבן מיט זייער פעדאגאגישער און קול־טורעלער ארבעט״; און אז: „אין פאל פון קראנקהייט ווערט יעדער מיטגליד געשטיצט מיט — 15$ א וואך אין משך פון 6 וואכן״.

רייִדנדיק וועגן די לערערס איז כדאי צו פארצייכענען, אז אין 1925 האט דער א״ר־בילדונגס־קאמיטעט באשלאסן איינצופירן גרופן־פארזיכערונג פון די א״ר־שול־לערערס. לויט דעם פלאן, וואס איז אויסגעארבעט געווארן, איז א נייער לערער ביז 6 מאנאט ניט בארעכטיקט צו קיין „אינשורענס״. פון 6 מאנאטן ביז א יאר איז ער בארעכטיקט צו טויזנט דאלאר, פון א יאר און ווייטער — צו 2 טויזנט דאלאר. די צאלונגען ווערן געדעקט 50 פראצענט פון שולפאנד און די אנדערע 50 פראצענט — פון די שולן. („פריינד״, מאי, 1925). שפעטער איז דער פלאן א ביסל געענדערט געווארן: איין דריטל פון די פארזיכערונג־הוצאות איז געדעקט געווארן פון נאציאנאלן שולפאנד, דאס צווייטע דריטל פון דער לאקאלער שול־סובסידיע און דאס דריטע פון די לערערס אליין (א״ר־שול־בולעטין, יוני־יולי, 1927). די סומע פון דער פארזי־כערונג איז אויך פארגרעסערט געווארן ביז דריי טויזנט דאלאר. דער פלאן איז ניט אין גאנצן פארווירקלעכט געווארן, אזוי, אז אין 1929 זיינען פון די עטלעכע און נײַנציק א״ר־לערערס בלויז 43 געווען פארזיכערט. (א״ר־שול־בולעטין, מאי־יוני, 1929); ביז איצט האבן ארויסגענומען פארזיכערונג ניט מער ווי 46 לערערס.

ג.

ריידנדיק פריער וועגן די אויסערשול־טעטיקייטן פון די לערערס האבן מיר דערמאנט די „אפען־פארומס”, די לעקציעס און די קאנצערטן, וואס זיינען איינגעארדנט געווארן אין די א"ר־שולן. אבער דאס זיינען אלע אזוינע אונטערנעמונגען, וואס די לערערס אליין וואלטן זיי בשום אופן נישט געקאנט דורכפירן. די לערערס צו הילף האבן געמוזט קומען די פארוואלטונגען פון די שולן, די עלטערן פון די קינדער און די פארשיידענע עלטערן־פאראיינען, אדער מוטער־קלובן, וואס עקסיסטירן ביי די א"ר־שולן.

לאמיר זיך פריער באקענען מיט דעם כאראקטער פון די שול־פארוואלטונגען. אט ווי זיי זיינען קאנסטרואירט געווארן לויט דעם באשלוס פון דער 20ער א"ר־קאנווענשאן, אין 1920: 1) „די פארוואלטונג פון יעדער שול זאל דערוויילט ווערן פונעם א"ר־ברענטש אדער פון א ספעציעלער קאנפערענץ פון די א"ר־ברענטשעס פון דער שטאט, אדער געגנט פון שטאט, וואו די שול געפינט זיך. 2) אין א שטאט אדער אין א געגנט פון א שטאט, וואו עס עקסיסטירן מער ווי איין שול, זאל דערוויילט ווערן א געמיינשאפטלעכע פארוואלטונג פון די אלע שולן, אויף א קאנפערענץ פון אלע א"ר־ברענטשעס פון דער באשטימטער געגנט אדער שטאט. 3) די פארוואלטונג פון יעדער שול זאל צוזאמענשטעלן א פעדאגאגישן־ראט פון לערערס און טוערס פון דער שול, וואס זאל אויפפאסן, אז אין שול זאל דורכגעפירט ווערן די באשטימטע פראגראם, זאל באטראכטן ספסוכים צווישן די לערערס און דער פארוואלטונג, זאל באשליסן אין די פאלן פון אויסשליסן א קינד, אד"גל. די פארוואלטונג קען צוציען אין דעם פעדאגאגישן־ראט, אויך זייטיקע קאמפעטענטע פערזאנען, מיט בעראטונגס־רעכט. 4) אין דער שטאט, וואו עס איז פאראן מער ווי איין שול־פארוואלטונג, זאל צוזאמענגעשטעלט ווערן א פ א ר א י י נ י ק ט ע ש ו ל ־ ק א מ י ס י ע (פארוואלטונגס־ראט) פון פארטרעטערס פון די לערערס און פון די פארוואלטונגען פון יעדער שול.

די קאמיסיע פארהאנדלט: 1) פראגעס, וואס האבן א שייכות צו מער ווי איין שול. 2) רעקאמענדירט אנגעשטעלטע פאר די שולן. 3) און פארהאנדלט אלע אנדערע פראגעס, וועלכע האבן א שייכות צו דער פעדאגאגישער זייט פון דער שול. עס בלייבט דאס רעכט פון יעדער שול־פארוואלטונג גוטצוהייסן אדער צוריקצואווייזן די רעקאמענדאציע פון דער געמיינשאפטלעכער קאמיטע.” („פריינד”, יוני־יולי, 1920)

די שול־פארוואלטונגען אין איינעם מיט די עלטערן פאראיינען האבן געהאלפן מאכן די א"ר־שולן פאר די יידישע און סאציאליסטישע ק ו ל ט ו ר ־ צ ע נ ט ע ר ס , וואס זיי שטעלן מיט זיך פאר איצט. אבער נישט נאר איצט, — מיט צוויי צענדליק יאר צוריק ווען די שולן האבן ערשט געהאלטן

אין אויפקומען, איז שוין געפּלאַנט געוואָרן, אַז זיי זאָלן זיין בילדונג־און קולטור־צענטערס פאַר די עלטערע, נישט נאָר דערציאונגס־אַנשטאַלטן פאַר קליינוואַרג. אַזוי, צום ביישפּיל, לייענען מיר אין אַ באַריכט פונעם בילדונגס־קאָמיטעט אין 1920: „דער פּלאַן פון אונדזער קאָמיטעט איז געווען: אָרגאַניזירן קולטור־צענטערס אין די עקסיסטירנדע אַ״ר־שולן. אין יעדן צענטער זאָל זיין אַ צימער, וואו דער עולם זאָל פאַרברענגען שפּילנדיק שאַך, דאַמקעס, דעבאַטירן, טרינקען אַ גלאָז טיי אאז״וו. אויסער דעם זאָל איין מאָל אין וואָך דורכגעפירט ווערן אַ פרייער פאָרום מיט אַ קאָנצערט . . . דעם ערשטן קולטור־צענטער האָבן מיר אָרגאַניזירט אין וויליאַמסבורג, און זייער דערפאָלג־רייך דערצו. כמעט יעדע וואָך איז דאָרט דורכגעפירט געוואָרן אַ לעקציע מיט אַ קאָנצערט, פריי פאַר אַלעמען. דעם צווייטן צענטער האָבן מיר אָרגאַניזירט אין דער בראָנזווילער שול. אויך דאָ האָט זיך די אַרבעט זייער גוט איינגעגעבן, ספּעציעל דערפאַר, וואָס די אָרטיקע ברענטשעס האָבן זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. דאָרטן געפינט זיך אַ טייערער און אַ גרויסע יידישע־ביבליאָטעק . . . יעדן צענטער האָבן מיר געהאָלפן מיט ביכער און מיט קרעפטן צו די פאָרומס״. („פרוונד״, אויגוסט, 1920).

אָט זיינען איינצלהייטן וועגן איינעם פון די ערשטע קולטור־צענטערס — דעם קולטור־צענטער אין דער האַרלעמער אַ״ר־שול: „ . . . נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט, דערציילט דער סעקרעטאַר פון דעם האַרלעמער אַ״ר־קולטור־צענטער, — אַז כמעט אַלע האַרלעמער אַ״ר־ברענטשעס האָבן געמוזט אומוואַנדערן פון איין האָל צו אַ צווייטן, ניט האָבנדיק קיין מיטינג־לאָקאַל, ווייל מען האָט זיי ניט געוואָלט פאַרדינגען אין ערגעץ, האָט מען געמוזט שאַפן אַ היים פאַר זיי אַלע. דער קולטור־צענטער האָט די פראַגע געלייזט. די הויז 143 איסט 103־טע סטריט איז געקויפט געוואָרן פאַר $18,500. איינגעצאָלט האָט מען $4,000. דאָס געלט האָט דער קולטור־צענטער צוזאַמען מיט דער שול־פאַרוואַלטונג געשאַפן דורך 15 דאָלאַרדיקע שערס, וועלכע זיינען פאַרקויפט געוואָרן צו אַ״ר־ברענטשעס און צו איינצלנע מיטגלידער, און אויך דורך אונטערנעמונגען. דאָס געלט, וואָס די קאָמיטע האָט דאָס יאָר פאַרטאָן פאַר דעם הויז, צוזאַמען מיט דער ערשטער איינצאָלונג, באַטרעפט איבער $9,000. אין דעם הויז איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלע האַרלעמער ברענטשעס, פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, דער האַלעמער יידישער אַ״ר־שול און אַנדערע פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס. אַ ספּעציעלער קלוב פאַר דער האַרלעמער אַרבעטער־שאַפט, וואו זיי פאַרברענגען זייער פרייע צייט, שפּילנדיק שאַך, לעזנדיק אַ בוך אד״גל. אין דעם הויז געפינט זיך אַ ביבליאָטעק אויף א. ווייטערס נאָמען מיט איבער 1,000 ביכער און זשורנאַלן.״ („פריינד״, יאַנואַר, 1921)

אזעלכע קולטור־צענטערס זיינען געוואָרן כמעט אַלע א״ר־שולן, און דער פאַרשטאָרבענער א. ליטוואַק איז גערעכט געווען, ווען ער האָט געשריבן, אַז „צוזאַמען מיט דעם עיקר, מיט זייער גרונט־אַרבעט, גיבן די שולן נאָך עפּעס, און טאַקע פאַרן א״ר, אַ צוגאָב, וואָס איז כמעט אַזוי וויכטיק, ווי דער עיקר. די שולן זיינען צענטערס פון קולטור־אַרבעט, זיי ציען צו פרישע קרעפטן, ווירקן אויף דעם גייסטיקן צושטאַנד פון די ברענטשעס, גיבן פרישן אימפּעט, באַגייסטערונג; זיי באַפרוכפּערן אין אונדזער אָרדן אַלע צווייגן פון דער אַרבעט, אפילו יענע, וואָס זיינען דירעקט מיט דער דערציאונג פון אונדזערע קינדער ניט פאַרבונדן.״ („פריינד״, יאַנואַר, 1921)

און דער אמת איז, אַז ניט נאָר פאַר די מיטגלידער פון א״ר, — פאַר דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג איז די א״ר־שול אין אַ סך שטעט און שטעטלעך געוואָרן אַ צענטער, וואָס פאַרשפּרייט בילדונג און קולטור. עס זיינען דאָ שטעט, וואָס ווען ניט די א״ר־שול, וואָלט דאָרט קיין שום יידיש־וועלטלעכע קולטור־טעטיקייט ניט פאָרגעקומען. די א״ר־שול איז אין אַזעלכע יידישע ישובים אַן אַלגעמיין יידישער קולטור־צענטער.

אַט דער אַלגעמיין יידישער קולטור־צענטער איז אויסגעוואַקסן פון און אַרום דער א״ר־שול. די עלטערן־פאַראיינען זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר דער א״ר־שול. זייערע אויפגאַבעס זיינען: 1) „צו העלפן די פאַרוואַלטערס אין זייערע טעגלעכע שולפליכטן, 2) צו אָרגאַניזירן לעקציעס און דיסקוסיאָנען איבער קינדער דערציאונג, 3) צו העלפן דער עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע אין אַלע אירע אונטערנעמונגען פאַר די שולן״ („פריינד״, מערץ־אַפּריל, 1920).

די עלטערן־פאַראיינען זיינען, אַזוי ווי די קולטור־צענטערס, געפּלאַנט געוואָרן גלייך אין אָנהייב, ווען מען איז צוגעטראָטן צו דער בויאונג פון דער א״ר־שול. אין אַן אַרטיקל, וואָס הייסט: „די ערשטע טריט צו עפענען אַ שול״ האָט ל. בעקין, אין „פריינד״, סעפּטעמבער, 1919, געשריבן: „מע קאָן אַרום דער שול אָרגאַניזירן אַ פאַראיין פון די עלטערן פון די קינדער און פון די אַנדערע מיטגלידער פון א״ר. יעדער מיטגליד פון פאַראיין דאַרף איינצאָלן פון 1 דאָלאַר ביז 3 דאָלאַר אַ יאָר אָדער מער. דער שולפאַראיין דאַרף העלפן דער שול אין אירע אונטערנעמונגען און קאָן שיקן זיינע פאַרטרעטער — איינעם אָדער מער — אין דעם פאַרוואַלטונגס־קאָמיטעט פון דער שול. צוליב דעם זעלבן צוועק קאָן מען אויך אָרגאַניזירן אַ ספּעציעלן פרויען־הילפס־פאַראיין.״

ווי מיר ווייסן פון דער געשיכטע פון דער ערשטער א״ר־שול אין ניו־יאָרק, דער האַרלעמער שול, איז איר עצם גרינדונג פאַרבונדן געווען מיט דער אָרגאַניזירונג פון אַ שולפאַראיין, וואָס איז אייגנטלעך געווען אַ מין עלטערן־פאַראיין. אָבער נישט נאָר אין ניו־יאָרק, אויך אין אַנדערע שטעט זיינען גלייך

אין אָנהייב געגרינדעט געוואָרן עלטערן־פאַראיינען. אזוי, צום ביישפּיל, דער־ציילט אונדז דער בראָניקער פון די א״ר־שולן אין שיקאַגאָ, אַז כמעט גלייכצייטיק מיט די שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן עלטערן־פאַראיינען, אין „די ערשטע צייטן, דערציילט ער, האָבן די עלטערן־פאַראיינען . . . אויפגעטאָן זייער א סך גוטס פאַר די שולן און האָבן זיך ניצלעך געמאַכט פאַרן בילדונגס־קאָמיטעט. האָבן זייער אָפט פאַראַנשטאַלט יום־טובימלעך פאַר די קינדער, האָבן גאַנץ באַדייטנדיקע ביבליאָטעקן געגרינדעט אין די שולן אאז״וו״ (סואווענירן פון שיקאַגאָר א״ר 1903־1923, ז. 26). שפּעטער האָבן די עלטערן־פאַראיינען אָנגעהויבן מישן זיך אין די ענינים פון דער שול־פאַרוואַלטונג. דאָס האָט געפירט צו קאָנפליקטן, און אין שיקאַגאָ זיינען די שולפאַראיינען צוליב אָט די סכסוכים מיט דעם בילדונגס־קאָמיטעט צייטווייליק אונטערגעגאַנגען. אָבער זיי האָבן גאָר אין גיכן צוריק אויפגעלעבט. אומעטום, וואו עס איז פאַראַן ארבעטער־רינג־שולן, שפּילן די פאַראיינען א גאָר גרויסע ראָלע אינעם לעבן פון די שולן. ניט אומזיסט האָבן זיך די א״ר־שול־צוזאַמענפאָרן אָפּגע־געבן מיט זיי. אזוי, צום ביישפּיל, האָט דער 8טער שול־צוזאַמענפאָר אָנגענומען א רעזאָלוציע, אַז „אין יעדער שטאָט, וואו עס איז דאָ מער ווי איין א״ר־שול, זאָל צונויפגעשטעלט ווערן א פאַראייניקטער קאָמיטעט מיט פאָרטרעטערס פון די עלטערן־פאַראיינען״, כדי צו פירן בשותפות זייער קולטור־און בילדונגס־ארבעט (א״ר־שול־בולעטין, מאַי־יוני, 1929). דער זעלביקער שול־צוזאַמענפאָר האָט באַגריסט „די גרינדונג פון א״ר־פרויען־קלובן, אלס ספּעציעלע א״ר־ברענטשעס און גערופן זיי אָנטייל צו נעמען אין דער שולאַרבעט. (דאָרט) אין איינעם פון זיינע באַריכטן האָט דער פאַרשטאַרבענער פּ. געליבטער געשריבן: „אַרום יעדער שול איז דאָ א מוטערקלוב, אָדער עלטערן־פאַראיין, וואָס שפּילט א וויכטיקע ראָלע אין דער אויפהאַלטונג פון דער שול און אין דער קולטורעלער ארבעט, וואָס ווערט אָנגעפירט אַרום דער שול. אָן דער הילף און מיטווירקונג פון די מוטערקלובן און עלטערן־פאַראיינען וואָלט פּשוט געווען אוממיגלעך פאַר מאַנכע שולן אָנצופירן נאָרמאַל זייער טעטיקייט, אפילו אין יענע פּלעצער וואו זיי האָבן די שטיצע פון זייערע אָרטיקע ארבעטער־רינג־ברענטשעס. די קלובן און פאַראיינען זיינען ניט בלויז אָרגאַניזאַציעס, וואָס שאַפן מאַטעריעלע הילף פאַר די שולן. זיי זיינען אויך דער פונדאַמענט פאַר דער יידיש־סאָציאַליסטישער קולטור־טעטיקייט״. („אונדזער שול״, מאַי, 1932)

די מוטערקלובן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אַרום די א״ר־שולן, זיינען געווען דער באַזיס פאַר דער פרויען־באַוועגונג אין ארבעטער־רינג. אויב מיר האָבן איצט אין אונדזער אָרגאַניזאַציע צענדליקער פרויען־ברענטשעס, איז דאָס א רעזולטאַט פון דער ארבעטער־רינג־שול־באַוועגונג. („אונדזער שול״, מאַי, 1931)

ביי א סך א"ר־שולן דערהויפּט אין דער מיטל־וועסט, עקסיסטירן פרויען־לייענקרייזן. לעצטנס זיינען פרויען־לייענקרייזן אָרגאַניזירט געוואָרן אויך ביי אייניקע ניו־יאָרקער א"ר־שולן, דער 11טער א"ר־שול־צוזאַמענפאָר אין 1939 האָט אָנגענומען וועגן זיי פאָלגנדיקע רעזאָלוציע: „דער צוזאַמענפאָר באַגריסט די גרינדונג פון פרויען־לייענקרייזן ביי די פאַרוואַלטונגען פון די ארבעטער־רינג־שולן. די דאָזיקע קרייזן וועלן זיכער פיל העלפן דער יידישער פרוי צו דערנענטערן זיך צו דער יידישער ליטעראַטור און דער יידישער קולטור בכלל. מיר פאָדערן אויף אַלע ארבעטער־רינג־שולן צו העלפן גרינדן אַזעלכע לייענקרייזן ביי זייערע פאַרוואַלטונגען." („קולטור און דערציאונג", מאַי, 1939).

9

שולביכער, פעדאַגאָגישע זשורנאַלן, קינדער־ליטעראַטור

די פראַגע פון לערן־און לייען־ביכער פאַר די שולן איז, אַזוי ווי די לערער־פראַגע, געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג אין סאַמע אָנהייב פון דער אַ״ר־שול־באַוועגונג. אין דער רעזאָלוציע וועגן שולן, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אויף דער 17טער אַ״ר־קאָנווענשאַן, האָט זיך שוין גערעדט וועגן שול־ליטעראַטור. אָבער יענע רעזאָלוציע איז געבליבן אויפן פּאַפּיר. עס האָבן דאַן שוין עקסיסטירט יידיש־סאָציאַליסטישע שולן, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן פון פאַרשיידענע בראַנטשעס פון אַ״ר, און אַט די שולן האָבן עס טאַקע געמאָנט אַן ענטפער אויף דער פראַגע פון טעקסטביכער און קינדער־ליטעראַטור. „אַ קאָמיטע פון דער פעטערסאָנער יידישער קינדערשול, לייענען מיר אין „פריינד״, אויגוסט, 1918, אין אַ באַריכט פון בילדונגס־קאָמיטעט, — האָט זיך צו זיי געווענדעט, אַז אין דער נעקסטער אויסגאַבע פון „פריינד״ זאָל אַריינגיין אַ יידישער טעקסטבוך פאַר די יידישע סאָציאַליסטישע קינדערשולן. דער פאַרטרעטער פון דער פעטערסאָנער קינדערשול האָט אָנגעדייט, אַז אויפן יידישן ביכערמאַרק זיינען דאָ דריי אַזעלכע טעקסטביכער, אָבער פון די איז בלויז דאָ איינער, מיט וועלכן די יידישע סאָציאַליסטישע שולן קענען זיך באַנוצן. די קאָמיטע פון פעטערסאָן האָט אויך אַפּעלירט, אַז אין יעדן נומער „פריינד״ זאָלן געדרוקט ווערן מעשהלעך פאַר קינדער, וואָס וועט העלפן מאַכן דעם זשורנאַל אָנציענד פאַר די פאַמיליעס פון די אַרבעטער־רינג־בראַנטשעס.״ (דער דאָזיקער וואונטש איז שפּעטער דערפילט געוואָרן, אָבער ערשט שפּעטער.) ווען די ערשטע אַ״ר־שולן זיינען געגרינדעט געוואָרן אין ניו יאָרק, האָט מען אין זיי גענוצט י. לעווינס „די נייע יידישע שול״, יהודה שטיינבערגס מעשהלעך און נחום יודס פאַבלען. אַ ביסל שפּעטער זיינען צוגעקומען די כרעסטאָמאַטיעס פון י. וואָהל און י. שטיינבוים און יעקב לעווינס „אָנפאַנגער״ אין זעקס ביכער. זיי זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן פון די פאַרפאַסערס אַליין. דער אַרבעטער־רינג־בילדונגס־קאָמיטעט האָט זיך געהאַט אָפּגעהאַלטן פון דרוקן אַליין טעקסטביכער. עס זיינען געווען צוויי אורזאַכן, פאַר וואָס ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן דערפון: א) ווייל ער האָט נישט געהאַט די נייטיקע פאָנדן און ב) ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַרויפצווינגען אויף די לערערס אָפיציעלע אַ״ר־טעקסט־ביכער. ער האָט געוואָלט זיי איבערלאָזן די פרייהייט פון אויס־

קלייב אין דעם פּרט. האָבן די לערערס באַנוצט די לערנביכער, וואָס זיי האָבן געפונען אויפן יידישן ביכערמאַרק. דאָס זיינען ס'רוב געווען טעקסטביכער און כרעסטאָמאַטיעס, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן אויף יענער זייט ים אָדער דאָ אין אַמעריקע — פאַר די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע און אַנדערע יידיש־וועלטלעכע שולן. ניט אַלע זיינען זיי געווען צוגעפּאַסט צו די באַדערפנישן און פאָדערונגען פון דער אַ"ר־שול.

די 20סטע אַ"ר־קאָנווענשאָן האָט נאָך, דעריבער, „באַאויפטראָגט די עדיור־קיישאָנעל־קאָמיטע צוזאַמענצושטעלן אַ קאָמיסיע, וועלכע זאָל איבערקוקן די אַלע לערנביכער פאַר קינדערשולן וואָס וועלן צו איר צוגעשטעלט ווערן, און העלפן מאָראַליש אַרויסצוגעבן די פון זיי, וואָס די קאָמיסיע מיט דער עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע וועלן געפינען פאַר די פּאַסיקסטע פאַר די אַ"ר־שולן". („פריינד", יוני־יולי, 1920)

פריער נאָך איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ קאָנקורס אויף אַן איינאַקטער, וואָס זאָל קאָנען געשפּילט ווערן פון די קינדער אין די אַ"ר־שולן. עס זיינען באַשטימט געוואָרן צוויי פרייזן: דער ערשטער 75 דאָלאַר און דער צווייטער — 35 דאָלאַר. דערביי איז געפּלאַנט געוואָרן, אַז „די יעניקע איינאַקטערס, וועלכע וועלן ניט קריגן דעם פּרייז, און וועלן זיין דרוקבאַר, זאָלן געדרוקט ווערן אין „פריינד" און מע זאָל די שרייבערס צאָלן, ווי געוויינטלעך, פון זייט, און אויף אַזאַ אופן העלפן שאַפן אַ געוויסע צאָל איינאַקטערס, וואָס וועלן קענען אויפגע־פירט ווערן פון די קינדער אין די אַ"ר־שולן." („פריינד", יאַנואַר־פעברואַר, 1920).

אָבער איינאַקטערס צום שפּילן זיינען געווען נישט גענוג. מען האָט געדאַרפט געבן די קינדער וואָס צו לייענען. האָט מען געמאַכט וועגן דעם אַ רעקאָמענדאַציע דער 20טער אַ"ר־קאָנווענשאָן, דער זעלביקער קאָנווענשאָן, וועלכע האָט באַטראַכט, ווי מיר האָבן געזען, די פראַגע וועגן לערנביכער פאַר די אַ"ר־שולן, און זי האָט „אָנערקענט, אַז כדי צו באַפרידיקן די גוואַלדיקע באַדערפניש און נויט פון די קינדער אין גוטן און צוגענגלעכן לעזע־מאַטעריאַל, איז אומבאַדינגט נייטיק צו האָבן אַ גוטן קינדער־זשורנאַל, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן דעם גייסט פון די אַ"ר־שולן און דערגאַנצן זייער דערציערישע אַרבעט". די קאָנווענשאָן האָט, דעריבער, „באַאויפטראָגט די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע אַזאַ קינדער־זשורנאַל אַרויסצוגעבן און באַשטימען דעם פּרייז פון אַ קאָפּיע אַזוי, אַז קיין דעפיציט פאַר דעם זשורנאַל זאָל ניט זיין." („פריינד", יוני־יולי, 1920). דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט אויסגעפירט דעם באַשלוס פון דער קאָנווענשאָן, און האָט אין יאָר 1921 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם מאָנאַטלעכן זשורנאַל „קינדערלאַנד" אונטער דער רעדאַקציע פון י. ב. ביילין, דעם דאַמאָלטיקן ביל־דונגס־דירעקטאָר, יעקב לעווין, י. שטיינבוים און דעם פאַרשטאָרבענעם י. ל. דראַגונסקי (דער פּרייז פון זשורנאַל איז געווען $1.50 אַ יאָר). „קינדערלאַנד"

האָט עקסיסטירט ביז 1923. אין 1923 האָט מען געוועז געפּלאַנט צו פאַר־אייניקן „קינדערלאַנד" מיטן „קינדער־זשורנאַל" פון שלום עליכם־פאָלקס־אינסטיטוט. פון דעם פּלאַן איז אָבער גאָרנישט נישט געוואָרן, און אָנשטאָט אַרויסצוגעבן ווייטער אַ ספּעציעלן קינדער־זשורנאַל האָט דער אָרגאַן פון אַ"ר „דער פריינד", איינגעפירט אין דעצעמבער, 1923, אַ קינדער־אָפּטיילונג. (די דאָזיקע אָפּטיילונג איז שפּעטער ליקווידירט געוואָרן, אָבער אין 1933 איז זי ווידער באַנייט געוואָרן — אונטער דער רעדאַקציע פון נפתלי גראָס.)

די פראַגע וועגן לייענביכער, ווי אויך וועגן לערנביכער, וואָס זאָלן באַ־פרידיקן די באַדערפענישן פון די אַ"ר־שולן, איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדענונג. דער צווייטער אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָר האָט אין 1921 „רעקאָמענדירט דעם בילדונגס־קאָמיטעט צו: 1) גרינדן אַן אייגענעם פאַרלאַג פאַר שולביכער און קינדער־ליטעראַטור. דער פאַרלאַג זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ געשעפטלעכן באַזיס. 2) דער פאַרלאַג זאָל אַרויסגעבן שולביכער פאַר אונדזערע שולן אין איינקלאַנג מיט די רעזולטאַטן, צו וועלכע עס וועט קומען די פּראָגראַם־קאָמיסיע. 3) אַלע אויסגאַבעס פון פאַרלאַג זאָלן רעדאַגירט ווערן פון אַ קאָלעגיום, אָדער פון אַן איינצעלנער פּערזאָן, וואָס זאָל דערווײלט ווערן פון דער פּראָגראַם־קאָמיסיע. די קאָמיסיעס קאָנען צוציען צו דער אַרבעט אויך זייטיקע מענטשן, ווען נייטיק." („פריינד", יוני־יולי, 1921)

דער צווייטער שול־צוזאַמענפאָר האָט, אחוץ דעם, רעקאָמענדירט אַרויס־צוגעבן אַ סעריע ביאָגראַפיעס פאַר קינדער. דער דריטער שול־צוזאַמענפאָר אין 1922 האָט אויך אָנגענומען וועגן דעם אַ רעזאָלוציע. זי האָט זיך געלייענט אַזוי: „דער צוזאַמענפאָר פאָדערט אויף די נאַציאָנאַלע שול־קאָמיסיע: 1) דורכצוקוקן די טעקסטביכער, וואָס האַלטן ביים דערשיינען אין נייע אויפ־לאַגעס, און וואָס וועלן איר צוגעשטעלט ווערן, — און גיט איר איבער צו באַשטימען, צי זיי זאָלן רעקאָמענדירט ווערן צו די שולן, צי ניט. 2) אַרויסצו־געבן אַ זאַמלונג לידער מיט נאָטן. 3) אַרויסצוגעבן אַ קאַטאַלאָג פון מעשיות פאַר דער אָנפאַנגשול. 4) איינפירן אין „פריינד" אַן אָפּטייל פאַר דערציאונג, וואָס זאָל ספּעציעל געווידמעט ווערן פאַר עלטערן. 5) אַרויסגעבן אַ באַוועגלעכן יידישן אַ"ב. 6) דער צוזאַמענפאָר באַנייט דעם באַשלוס פון לעצטן צוזאַמענ־פאָר אַרויסצוגעבן פאַסיקע ביאָגראַפיעס פאַר די קינדער".

דער זעלביקער צוזאַמענפאָר האָט רעקאָמענדירט: „1) די בעסטע מעשיות פון „קינדערלאַנד" זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן באַזונדער. 2) אין יעדן נומער „קינדערלאַנד" זאָל זיך געפינען כאָטש איין בעסערע אילוסטראַציע, וואָס זאָל, אויב מיגלעך, אָפּגעדרוקט ווערן אויף אַ באַזונדערן קאַרדאָן און צוגעגעבן ווערן אַלס אַ ביילאַגע צום זשורנאַל. 3) עס זאָלן אין „קינדערלאַנד" אַריינגיין מער אָריגינעלע מעשיות, עס זאָל האָבן מער אילוסטראַציעס, אָפּטערע גוטע ביאָ־

גראַפיעס און דערציילונגען פון אַמעריקאַנער לעבן. 4) מע זאָל פאָרן „קינדער־לאַנד" מאַכן אַ ניי שער־בלעטל" אאַז"וו."

אויך אַנדערע רעקאָמענדאַציעס זיינען געמאַכט געוואָרן פונעם דריטן שול־צוזאַמענפאָר, אַ שטייגער: 1) „די שול־קאָמיסיע ווערט באַאויפטראָגט, דורכן בילדונגס־קאָמיטעט, אַרויסצוגעבן דורך דעם יאָר איין ווערק פון אַ יידישן שרייבער, וואָס זאָל זיין פּאַסיק פאַר די עלטערע קינדער אין אונדזערע שולן. 2) די שולן ווערן אויפגעפאָדערט צו באַניצן זיך מיט דעם ווערק אין זייער אַרבעט. 3) דער צוזאַמענפאָר רעקאָמענדירט דער נאַציאָנאַלער שול־קאָמיסיע אויסצושרייבן די אַלע ביכער און זשורנאַלן פון אויסלאַנד, וואָס קענען באַנוצט ווערן אין אונדזערע שולן, און פונאַנדערשיקן צו איין קאָפּיע צו יעדער שול, אויף דעם חשבון פון דער שול. („פריינד", יוני־יולי, 1922)

קיין באַלדיקע רעזולטאַטן האָבן די אַלע רעזאָלוציעס ניט געבראַכט. דער בילדונגס־קאָמיטעט האָט זיך ניט געאיילט צו נעמען זיך פאַר סיסטעמאַטישער פאַרלאַגס־טעטיקייט אויפן געביט פון שול־ליטעראַטור. ער האָט זיך די ערשטע יאָרן באַנוגנט מיטן זשורנאַל „קינדערלאַנד", שפּעטער מיט דער קינדער־אַפּטייר־לונג אין „פריינד" און מיט קאָנקורסן אויף קינדער־פּיעסן (די פרייזן האָבן אין 1921 באַקומען י. קרעפּליאַק פאַר דעם איינאַקטער „דאָס גרינע יינגל" און י. מ. פלאַט פאַר „שמערל ליגנער").

אין די יאָרן 1924־1925 הייבט דער בילדונגס־קאָמיטעט אָן אַרויסצוגעבן אַ מאָנאַטלעכע קינדער־ביבליאָטעק, ווי אויך די ביאָגראַפיעס, וועגן וועלכע עס האָט זיך גערעדט אין די פריער געבראַכטע רעזאָלוציעס, — ביאָגראַפיעס פון פרייהייטס־קעמפער און פון סתם אַזוי היסטאָרישע פערזענלעכקייטן. די ערשטע נומערן פון דער אַ"ר־קינדער־ביבליאָטעק זיינען געווען איבערזעצונגען פון גאַרשינס צוויי דערציילונגען און י. אָפּאַטאָשוס „שרקע". אין דער סעריע ביאָגראַפיעס זיינען אַריין לעבנס־באַשרייבונגען פון מאַרקס, לאַסאַל, גאַריבאַלדי, בוקער ט. וואַשינגטאָן, זשאָרעס, משה מענדעלסאָן און אַנדערע.

אין דער זעלביקער צייט איז אַרויס אַ לידערבוך מיט נאָטן פאַר די שולן, און עס איז באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיסיע צוצוגרייטן אַ טעקסטבוך פאַר יידישער געשיכטע, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן ביי אַן אַנדער געלעגנהייט. דער רעזולטאַט פון דעם דאָזיקן באַשלוס איז געווען חיים שוים' „יידישע געשיכטע פאַר שול און פאָלק," באַנד 1 און 2. פון אַרויסגעבן אַנדערע טעקסט־ביכער האָט דער בילדונגס־קאָמיטעט נאָך אַלץ זיך אָפּגעהאַלטן, ער האָט אָבער געהאָלפן אַנדערע אַרויסצוגעבן און פאַרשפּרייטן זייערע לערנביכער, אויב זיי האָבן געהאַט זיין צושטימונג. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט ער מיטגעווירקט דער דערשיינונג פון ז. יעפּרויקינס און ח. בעזפּראָזוואַנים „אונדזער וואָרט", לייענבוך פאַר קלאַסן „ג" און „ד" (ניו־יאָרק, 1932) ח. בעזפּראָזוואַנים „אַרבעטסבוך פאַר יידישע געשיכטע" און „יידן אַ מאָל" (צווייטער טייל

פונעם „ארבעטסבוך״) ה. וואלאוויטשעס לידער מיט נאטן, ש. דובנאוס „יידישע געשיכטע פאר קינדער״, חיים שוים׳ „יום־טוב־בוך״.

מען האט זיך שוין באזארגט אויף אזא אופן מיט א געוויסער צאל טעקסט־ביכער. עס איז אבער געווען נאך אלץ א דוחק אין קינדער־און יוגנט־ליטעראטור. האבן דער א״ר־שול־צוזאמענפאר אין 1932 ווי אויך די וויטערדיקע שול־צוזאמענפארן געזוכט צו באוועגן דעם בילדונגס־קאמיטעט צו אנטוויקלען א ברייטערע טעטיקייט אויפן געביט פון קינדער־און־יוגנט־ביכער:

„דער צוזאמענפאר אנערקענט, אז בלויז דאן קאן מען דערווארטן, אז ביי די קינדער, וואס לערנען אין אונדזערע שולן, זאל פארבלייבן א צוגעבונדנקייט צו דער יידישער ליטעראטור און שפראך און צו דער יידישער קולטור בכלל, ווען נאכן פארענדיקן די שולן זאלן זיי פארזעצן צו בלייבן אין דער אטמאספער פון דער יידישער קולטור דורך לייענען יידישע ביכער. כדי דאס צו דערגרייכן, דארפן די קינדער נאך פון די ג א ר ע ר ש ט ע קלאסן צוגעוויינט ווערן צו לייענען יידישע ביכער. די אפווזנהייט פון א פאסיקער ליטעראטור פאר אונדזערע שולקינדער און שוליוגנט שטערט אפשר מער ווי אלע אנדערע אורזאכן דעם גרעסערן דערפאלג און די בעסערע רעזולטאטן פון דער יידישער שול. דעריבער האלט דער צוזאמענפאר פאר נייטיק נאך א מאל צו ציען די אויפמערקזאמקייט פון בילדונגס־קאמיטעט אויף דעם גרויסן מאנגל אין א קינדער־און יוגנט־ליטעראטור, באטראכט די אויסגאבע פון אזעלכע ביכער פאר דער דרינגענדסטער אויפגאבע פון אונדזער שול־באוועגונג, פאדערט אויף דעם בילדונגס־קאמיטעט, אן וויטערדיקע אפליינגעניש, דורכצופירן די באשלוסן פון די פריערדיקע צוזאמענפארן וועגן דער פראגע, ספעציעל פון לעצטן צוזאמענפאר. דערביי האלט דער צוזאמענפאר פאר נייטיק צו אונטערשטרייכן, אז עס דארפן ארויסגעגעבן ווערן ביכער, וואס זאלן זיין אנציענד לויט זייער אינהאלט, צוגעפאסט צו די אינטערעסן פון יידישע קינדער אין אמעריקע און צו זייער אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג.״

א ספעציעלע רעזאלוציע איז אנגענומען געווארן וועגן דער וויכטיקייט פון קינדער־פיעסן.

דער 6טער און אויך דער 7טער שול־צוזאמענפאר האט אנגעוויזן אויף דער נייטיקייט פון אן א״ר־קינדער־זשורנאל, און אין 1929 האט דער א״ר־לערערראט אין ניו־יארק אנגעהויבן ארויסצוגעבן, אונטער דער רעדאקציע פון נפתלי גראס, דעם „קינדערדרינג״, אבער מער ווי עטלעכע נומערן זיינען ניט ארויס... האט דער 9טער א״ר־שול־צוזאמענפאר אין 1935—אין זיין רעזאלוציע וועגן קינדער־ליטעראטור—ווידער א מאל רעקאמענדירט דעם בילדונגס־קאמיטעט ארויסצוגעבן א צווייוועכנטלעכע קינדער־צייטונג מיט נייס און ארטיקלען, אחוץ לידער און מעשיות („אונדזער שול״, מאי, 1935) די דאזיקע רעקאמענדאציע

א טייל פון די שולביכער און שולזשורנאַלן פון אַרבעטער־רינג

איז אָנגענומען געוואָרן ערשט אין 1937, ווען עס האָט אָנגעהויבן אַרויס־צוגיין מאָנאַטלעך „די קינדער־צייטונג", וועלכע ווערט געלייענט פון אַן ערך פיר טויזנט קינדער.

אין דעם זעלביקן יאָר 1937 איז, לויט דער איניציאַטיוו פון דעם בילדונגס־דירעקטאָר נ. כאַנין, געגרינדעט געוואָרן דער פאַרלאַג „קינדעררינג" וועלכער ווערט טעכניש געפירט פון י. קאַמינסקין. אין דעם דאָזיקן פאַרלאַג זיינען ביז איצט אַרויס מאַני לייבס „אַ מעשהלע אין גראַמען", אפרים אוווער־באַכס „דריי ריזן", מ. אַשעראַוויטשעס „קאַלאַמאַן וואַליש" (ביאָגראַפיע), שלום־עליכמס „דאָס מעסערל", יודל מאַרקס „אַלע מאַמעס זיינען שיין" (לויט מ. י. בערדיטשעווסקין), נ. גראָס' „דעבס" און „מעדעם", י. קאַמינסקיס „גייט אַ הינדעלע קיין בראָנזוויל", נ. כאַנינס „בערעלע", י. קרעפּליאַקס „שוואַרץ און ווייס", לאַזאַר וויינערס „כאָרן זינגען". כמעט אַלע אויסגאַבעס זיינען רייך אילוסטרירט, און זיי זיינען זייער גוט פאַרשפּרייט געוואָרן.

אין „קינדעררינג" זיינען אויך אַרויס ח. בעזם (בעזפּראָזוואַני) און ז. יעפּרויקינס „מיין שפּראַכבוך" און י. קאַמינסקיס „איך לערן זיך יידיש".

ביז 40 טויזנט עקזעמפּליאַרן זיינען פאַרקויפט געוואָרן פון די אַלע „קינדעררינג־אויסגאַבעס.

„קינדעררינג" האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן קינדער־און יוגנט־ביכער אויף אַ מער סיסטעמאַטישן אופן. אָבער אויך פריער האָט דער אַ"ר אַרויסגעגעבן ליטעראַטור פאַר קינדער. ס'איז גענוג צו דערמאָנען אַזעלכע ווערק, ווי נחום יודס „ליכטיקע מינוטן" (לידער), מאַני לייבס „וואונדער איבער וואונדער" (לידער און מעשהלעך), ב. וויינשטיינס „בילדער פון יידישן לעבן", י. שטיינבוימס „שפּילן פאַר קינדער", קינדער פּיעסן פון י. האָראָוויץ, אסתר שומיאַטשער, מענדל עלקין (לויט אָסקאַר וואַיילד), מיכל געלבאַרטס „מיר זינגען" (51 לידער מיט נאָטן) אאַז"וו.

צו דער שול־ליטעראַטור פון אַ"ר דאַרפן צוגעגעבן ווערן אויך די פאַרשיידענע פּעדאַגאָגישע אָרגאַנען, וואָס זיינען אין משך פון די לעצטע אָנדערט־האַלבן צענדליק יאָר אַרויסגעגעבן געוואָרן פונעם אַ"ר־בילדונגס־קאָמיטעט.

סוף 1924 האָט ער אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן דעם אַ"ר־שול־בולעטין." די ערשטע יאָרן איז ער אַרויסגעגעבן געוואָרן בלויז פאַר אינפאָרמאַציע וועגן דעם לעבן און טעטיקייט פון די שולן. אין 1927 האָט ער אָנגעהויבן דרוקן אַרטיקלען וועגן אַלגעמיינע פּעדאַגאָגישע פּראָגעס. עס האָט זיך אָבער געפילט, אַז דער „שול־בולעטין" האָט ניט צופרידנגעשטעלט די ברייטערע באַדערפנישן פון דער אַ"ר־שול־באַוועגונג. האָט דער נאַציאָנאַלער בילדונגס־קאָמיטעט אין יאָר 1931 באַשטימט אַרויסצוגעבן „אונדזער שול", אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל פאַר עלטערן און לערערס, כדי צו געבן אַ מיגלעכקייט די אַ"ר־לערערס און שולטוערס צו פאַרטיפן זיך אין די וויכטיקע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ

שייכות מיט דער דערציאונג פון די קינדער און מיט דער יידישער שול־באַ־וועגונג. אַנגעהויבן פון 1938 גייט „אונדזער שול" אַרויס אונטערן ברייטערן נאָמען „קולטור און דערציאונג". דער נאָמען איז געביטן געוואָרן מיטן ציל צו ווייזן, אַז דער זשורנאַל איז אויסן „צו באַדינען אַ ברייטן קרייז מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך מיט יידישע קולטור־פּראָבלעמען און מיט דעם יידיש־וועלטלעכן שולוועזן." צו גלייכער צייט איז געענדערט און פאַרגרעסערט געוואָרן אויך דער פאָרמאַט פונעם זשורנאַל. דערביי האָט די רעדאַקציע דערקלערט, אַז „די ענדערונגען זיינען געמאַכט געוואָרן כדי צו קאָנען אריינגעבן מער לייען־מאַטעריאַל און מיט דעם אַליין אויסברייטן און פאַרשטאַרקן דער ווערט פון זשורנאַל. ביז איצט האָבן אין „אונדזער שול" זיך געדרוקט כמעט נאָר פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען, וועלכע זיינען געווען וויכטיק און אינטערעסאַנט פאַר אונדזערע איבער הונדערט לערערס פון וועלטלעכע שולן. מיט דעם היינטיקן נומער הייבן מיר אָן דרוקן אַ סך לייען־מאַטעריאַל ניט נאָר פון ריין פּעדאַגאָגישן כאַראַקטער; מיר וועלן שטענדיק האָבן אין „קולטור און דערציאונג" אַרטיקלען איבער אַלגעמיינע קולטור־פּראָגעס, וואָס האָבן אַן אינטערעס פאַר ברייטערע יידישע קולטורשיכטן." („קולטור און דערציאונג", יאַנואַר, 1938)

אין 1939 האָט דער אַ"ר־בילדונגס־קאָמיטעט אונטער דער אויפזיכט פון אַ קאָמיסיע פון פּעדאַגאָגן־ראַט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אַ מאָנאַטלעכן „פּעדאַגאָגישן בולעטען", רעדאַגירט פון יודל מאַרק. זיין ציל איז צו זיין אַ וועגווייזער פאַר די לערערס אין פּראַקטישע פּעדאַגאָגישע אָנגעלעגנהייטן.

צו דער אַ"ר־שול־ליטעראַטור דאַרפן צוגערעכנט ווערן די הונדערטער און הונדערטער אַלמאַנאַכן, סואווענירן און יובילעי־זשורנאַלן, ווי אויך זאַמלונגען פון קינדער־קאָמפּאָזיציעס, וואָס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן און ווערן אַרויסגעגעבן פון די אַ"ר שולן שיר ניט אין יעדער שטאָט און אין יעדן שטעטל. דעם אויבנאָן צווישן זיי פאַרנעמען דאָס יערלעכע „אַ"ר־שולבוך", וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַלע שול־פאַרוואַלטונג אין ניו־יאָרק און דער יערלעכער אַלמאַנאַך „קינדעררינג" פון די אַ"ר־שולן אין פילאַדעלפיע. אחוץ דעם האָט די פילאַדעלפיער אַ"ר־שול־אָרגאַניזאַציע אין יאָר 1935, צום 15יאָריקן יובילעי פון די פילאַדעלפיער אַ"ר־שולן, אַרויסגעגעבן אַן אַלמאַנאַך, וואָס האָט גאָר אַ באַזונדערן ווערט. דאָס איז דער שול־אַלמאַנאַך, וואָס גיט אַן איבערבליק איבער דער געשיכטע און דעם צושטאַנד פון דער יידישער מאָדערנער שול אויף דער גאַנצער וועלט (פילאַדעלפיע, אַפּריל, 1935) און וואָס איז אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון פּ. געליבטערן, ד"ר ה. זשיטלאָווסקין, ה. נאָוואַקן, ש. ניגערן, פּ. סיימאָנען און ד"ר י. שאַצקין. זיין אינהאַלט: דער ערשטער פּרוואוו—ה. נאָוואַק. דער ערשטער פערטל יאָרהונדערט פון אונדזערע שולן—ד"ר ח. זשיטלאָווסקי. די יידישע וועלטלעכע שול (אַלגעמיינער איבער־

זיכט)—א. גאָלאָמב. די אַרבעטער־רינג־שולן (אויפקום און אַנטוויקלונג)—פּ. גליבטער. די פּראָגראַמאַטישע ענדערונגען אין די אַרבעטער־רינג־שולן — ח. בעזפּראָזוואַני. דער אידייאישער וועג פון די אַרבעטער־רינג־שולן — ז. יעפּרויקין. פּופצן יאָר אַרבעטער־רינג־שול־טעטיקייט אין פילאַדעלפיע — ה. סיגל. די אַרבעטער־רינג־שולן אין ניו־יאָרק — נ. חייט. די יידישע פאָלק־שולן — י. ענטין. דער שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט — ליפּע לעהרער. די יידישע קינדערשולן ביים אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן—ר. זאַלצמאַן. דער באָראָכאָוו־שול־וועזן אין אַמעריקע — מ. מענאַכאָוסקי, נ. מישקאָווסקי. די טאָראָנטער פּרץ־שולן — אוריה קאַצענעלנבאָגן. די י. ל. פּרץ־שול אין וויניפּעג — מ. קאָהן. די יידישע פאָלקשול אין מאָנטרעאָל — ש וויסמאַן. צו דער געשיכטע פון דער שול אין קאַלגאַרי (קאַנאַדאַ) — ש. ראַפּאַפּאָרט. וועגן יידישער קינדער־ליטעראַטור — ש. ניגער. די פּרויען אַרום דער אַרבעטער־רינג־שול־באַוועגונג — נ. כאַנין. די יידישע וועלטלעכע קעמפּס — לייבוש לעהרער. דער יידישער לערער־סעמינאַר — פּ. גינגאָלד. די יידישע שולן אין פּוילן (די ציש"אָ און איר שולוועזן) — ח. ש. קאַזדאַן. דער מאָדערנער יידישער שולוועזן אין ווילנע — גרשון פּלודערמאַכער. דאָס יידישע שולוועזן אין ראַטן־פאַרבאַנד — נ. קאַסטעליאַנסקי. די יידישע וועלטלעכע שול אין לעטלאַנד — ז. יעפּרויקין. דער קאַמף פאַר דער יידישער שול אין רומעניע. — מ. ר. דאָס יידישע שולוועזן אין ליטע — ב. ג. די יידישע שול־אָרגאַניזאַציע אין עסטלאַנד — ר. דובאָווסקי. די יידישע וועלטלעכע שול אין לאָנדאָן — א. יאָסעלסאָן. יידיש־לשון און יידיש־וועלטלעכע שול אין בעלגיע — ד. לעהרער. יידיש־וועלטלעכע שול־באַוועגונג אין אַרגענטינע — ש. וואַלד. די יידישע שול אויף דעם אינדזל קובא — י. א. פּינים. די יידישע שולן אין מעקסיקאָ — ש. צפת. די ערשטע יידישע וועלטלעכע שולן אין רוסלאַנד — נ. מישקאָווסקי. די יידישע שול־באַוועגונג איבער דער וועלט (איבערזיכט) — ד"ר ה. פראַנק. אונדזער יוגנט (עסייען פון מיטלשול תלמידים). אונדזער דאַנק — מ. שאַפּיראָ. שול־אַלמאַנאַך־קאָמיטעט (בילדער). ערן־אַלבאָם.

דאָס איז געווען דער ערשטער און ביז איצט — דער איינציקער פּרוּוו אויפצוזאַמלען אין איין אָרט באַריכטן, דערינערונגען און אָפּשאַצונגען וועגן אַלע טיפּן יידיש־וועלטלעכע שולן אין דער גאַנצער וועלט.

IO

אַלטע קעגנער און נייע פריינד

א.

אין פריערדיקע קאַפּיטלען זיינען דערמאָנט געוואָרן פאַלן פון ביטערער קעגנערשאַפט צו די שולן. מיר האָבן געזען, ווי דער ערשטער פּרוּוו צו גרינדן אַ יידיש־וועלטלעכע שול אין בראָנזוויל, דער פּרוּוו פון 1909, האָט זיך אויסגעלאָזן — מיט שטיינער אין די פענצטער. חסידים פון אַ שכנישער תלמוד־תורה האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט די פּיאָנערן פון דער מאָדערנער יידישער דערציאונג. און דאָס זיינען געווען ניט די איינציקע שטיינער אויפן וועג פון דער נייער שול. עס זיינען געווען נאָך אַזוינע שטערונגען. און נישט נאָר אין אָנהייב. ערשט דאָ ניט לאַנג, אין 1939, אויפן 11טן אַ״ר־שול־צוזאַמענפאָר, האָט נ. כאַנין, דער אַ״ר־בילדונגס־דירעקטאָר, דערציילט אין זיין באַריכט, אַז די אַ״ר־שול אין ניו־אָרלינס האָט זיך געמוזט שליסן — צוליב די אַטאַקעס פון פרומע יידן. נון, אין 1939 איז דאָס געווען שוין אַן אויסנאַמפאַל, עפּעס אַ שטיק גייסטיקער אַטאַוויזם. אָבער אַמאָליקע יאָרן זיינען די אַנטי־שול־אַרויסטרעטונגען מצד אָרטאָדאָקסישע יידן געווען אַן אָפּטע זאַך, דערהויפּט אין די קלענערע שטעט. ווי נאָר אַן אַ״ר־שול אָדער אַן אַנדער וועלטלעכע שול האָט זיך פאַרמאָסטן צו קאָנקורירן מיט דער תלמוד־תורה — האָבן די פירערס פון דער אָרטאָדאָקסיע, דער רב און די גבאים, אָנגעהויבן אַרויסצואַווייזן אַ ווידערשטאַנד, און עס האָבן זיך צעבראָכן ביטערע מחלוקתן. דער רב און די איבעריקע כלי־קודש זיינען נישט געווען די איינציקע קעגנער. פרומע און האַלב־פרומע עלטערן האָבן נישט געוואַרט ביז דער רב וועט פּסקנען, אַז די אַ״ר־שול איז טריף. זיי האָבן אַליין זי געפּסלט. „ווי נאָר זיי האָבן זיך אַרומגעזען״, דערציילט אַ שיקאַגאָר באַריכט־אָפּגעבער, „אַז אין דער אַ״ר־שול שמעקט מיט אפּיקורסות, אַז מען לערנט נאָר דאָרטן אַן היטלען און פון אַזעלכע ביכלעך, וואו עס איז ניטאָ קיין סימן פון קדיש, ליכט־בענטשן, ברכה זאָגן און אַז״וו — האָבן זיי גענומען צוריקציִען זייערע קדישימלעך און גן־עדן פאַרזאָרגערס״.[1] דאָס אייגענע איז געשען אין פילאַדעלפיע: „עלטערן האָבן אויסגעפונען, אַז מע לערנט אָן היטלען; אַז די יידישקייט פון די שולן איז ניט אַזוי ווי זיי האָבן דערוואַרט; מע לערנט ניט קיין עברי, דאַווענען, קדיש זאָגן, און באַזונדערס פעלט דאָרט דער זייער „וויכטיקער״ מאָמענט אין אַמעריקאַנער יידישן לעבן — דאָס צוגרייטן צו בר־מצוה. געבליבן אין די שולן

זיינען קינדער פון די עלטערן, ביי וועמען אונדזער פראגראם איז געווען אין איינקלאנג מיט זייערע אנשויאונגען".[2] און מע דארף נישט מיינען, אז פילא־דעלפיע אדער שיקאגא איז געווען אן אויסנאם. אויך אין מאנטרעאל, אין טאראנטא און אין אנדערע שטעט האט די וועלטלעכע שול געהאט אויסצושטיין געבראטענע ליידן — און טאקע דערפון, וואס די ארטאדאקסיע האט זי באַ־שולדיקט אין אפיקורסות, אין קאמוניזם און אין אלערליי אנדערע חטאים. „דער רעכטער צד האט זיך אפילו באנוצט מיטן מיטל פון חרם, אויסרופנדיק אין שול, יום־כיפור פאר נעילה, אז ווער עס וועט שיקן זיינע קינדער אין אונדזער שול, איז ערגער, ווי ער זאל זיי שיקן צו מיסיאנערן".[3] דאס איז געווען אין טאראנטא, קאנאדא, און אט ווי אן אלטער שולטוער, ל. מעלצער, באשרייבט א חרם אויף דער ערשטער וועלטלעכער יידישער שול אין מאנטרעאל, קאנאדא:
„דער שרייבער פון די שורות איז דאן געווען א געריכט־רעפארעטר פאר א טעגלעכער צייטונג. איין מאל אין א פרימארגן, זיץ איך אזוי אין געריכט ביי א פראצעס, און מיט שטורעם רייסט זיך אריין אין געריכט־צימער מיינער א חבר. „מיר מוזן גלייך לויפן אין נוסח האר"י־שול, מע גייט היינט ארייגלייגן אין חרם די שול. אפשר קען מען דאס פארמיידן!" שרייט צו מיר מיין חבר, „דו קענסט גוט רבי קאהאנען, באוועג אים ער זאל דאס ניט טאן". ווען מיר זיינען געקומען אין שול, איז די שול געווען געפאקט מיט יידן, אלע אנגעטאן אין טליתים. ליכט האבן געברענט און רבי קאהאן איז געשטאנען אויף דער בימע, לעבן אים א פאר פון זיינע אדיוטאנטן. פעך און שוועבל האט מען געגאסן אויף די „מיסיאנערן" וואס ווילן לערנען קעגן דער תורה, קעגן רעליגיע, מע זאל זיין בונטאווטשיקעס און סטרייקערס. און רבי קאהאן האט געענדיקט מיט דעם וואויל באקאנטן פסוק — „שקץ תשקצנו ותעב תעבנו כי חרם הוא" — זיינען אלע שטיל געווארן ווי אויף א בית־עולם".[4]

און נישט נאר אין אנהייב, ווען די א"ר־שולן זיינען געווען נאך א נייס, אויך א צייט שפעטער, ווען מען האט זיך שוין צוגעוויינט צו זיי, זיינען זיי אין א סך ערטער געווען נאך אלץ ווי א דארן אין אויג דער תלמוד־תורה. אזוי שפעט, ווי אין 1927, האט דער פארשטארבענער א. ליטוואק, אין זיין באגריי־סונג צום 7טן שול־צוזאמענפאר, דערציילט, אז — „אונדזער שול האט דאס יאר געהאט אויסצושטיין א גרויסן קאמף מצד די תלמוד־תורה און היברו סקולס, וועלכע האבן אין די קלענערע שטעט באקאטירט אונדזערע אונטער־נעמונגען, געהעצט די טאטעס קעגן אונדזערע שולן וועלכע זיי האבן אנגערופן „קאמוניסטישע נעסטן", וואו מע מאכט די קינדער פאר משומדים, און לײדער האבן זיך א סך טאטעס צוגעהערט צו דעם . . . דער שטארקסטער קאמף, וואס אונדזערע שולן האבן אויסצושטיין, דאס איז דער קאמף מיט די רבנים, האלבע ראבאים און אנדערע כלי־קודש, א קאמף פון דעם נייעם פרייען געדאנק קעגן דער אלטער פינצטערניש" („א"ר־שול־בולעטין", יוני־יולי, 1927).

די פרומע יידן האָבן זיך געשראָקן פאַר דער נייער שול, פאַר דעם נייעם וועג אין יידישער דערציאונג — און פון זייער שטאַנדפּונקט זיינען זיי אפשר געווען נישט גאָר אין גאַנצן אומגערעכט. חרמות און קללות זיינען מיאוסע מיטלעלטערלעכע מיטלען — געווים; אָבער דאָס עצם ניט־צופרידן־זיין מיט דעם נייעם סאָרט שולן איז, אויב מע וויל זיין אָביעקטיוו, ניט שווער צו פאַר־שטיין: די נייע שול איז געקומען מיט אַ נייער דערציאונגס־פילאָזאָפיע, מיט אַ נייעם קוק אויפן לעבן בכלל און אויפן יידישן לעבן בפרט. זי האָט אויסגע־שלאָסן אַלטע, שטאַרק אָנגענומענע לימודים און איינגעפירט נייע. דערצו איז זי געווען אַגרעסיוו. דער טראַדיציאָנעלער מלמד איז ביי איר פאַרהאַסט געווען; זי האָט אים גאַנץ פיין באַרעדט און — באַקעמפט. זי האָט די דורות אַלטע פעסטונג פון חדר און תלמוד־תורה אַטאַקירט פון דריי זייטן: א) פונעם שטאַנדפּונקט פון וועלטלעכקייט; ב) פונעם שטאַנדפּונקט פון סאָציאַליזם און ג) פונעם שטאַנדפּונקט פון דער מאָדערנער פּעדאַגאָגיק. זי האָט זיך געדאַרפט, דעריבער, ריכטן — און זי האָט זיך טאַקע געריכט — אויף אַ העפטיקן ווידער־שטאַנד מצד די רעליגיעז־קאָנסערוואַטיווע און סאָציאַל־אָפּגעשטאַנענע עלעמענטן.

דער אַנטאַגאָניזם צווישן דער מאָדערנער און דער אַלטער יידישער דערציאונג, אַז דאָס געראַנגל פון דורות, איז אומפאַרמיידלעך, און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס דאָס האָט נישט געלאָזן און לאָזט נישט דער נייער שול אויסצושפּרייטן איר ווירקונג צו ווייט איבער די גרענעצן פון די, מער אָדער ווינציקער, פּראָגרעסיווע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. אַ סך מער וואונדער — און אַ זיכערע דערגרייכונג — איז, וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט דער קאָנפליקט פאַרלוירן זיין שאַרפקייט.

אַ סך תלמוד־תורהס האָבן, וועלנדיק קאָנקורירן מיט דער נייער שול, אַריינגענומען יידיש, יידישע ליטעראַטור, דאָס יידישע ליד אין דער פּראָגראַם פון זייערע לימודים. אייניקע האָבן געפּרואווט אפילו איינפירן נייע, מער מאָדערנע, לערן־מעטאָדן. און אַז די ווירקונג, וואָס די וועלטלעכע יידישע דערציאונגס־סיסטעם, די יידישע און די העברעאישע, האָט דירעקט אָדער אומדירעקט געהאַט אויף די אָנשטאַלטן פונעם טראַדיציאָנעלן חינוך, — איז זיכער איינע פון אירע וויכטיקסטע אויפטואונגען. צו גלייכער צייט איז אַט דער איינפלוס פון דער נייער שול איינע פון די אורזאַכן, וואָס האָבן אָפּגע־שוואַכט די קעגנערשאַפט צו איר מצד דער אַלטער יידישקייט. מען האָט צו לאַנג נישט געקאָנט פאַרלייקענען אַז אינסטיטוציע, פון וועלכער מען האָט אַליין עפּעס געלערנט, מען האָט געמוזט צוגעבן, אַז זי האָט מעלות אויך, נישט נאָר חסרונות.

פון דער אַנדער זייט זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען אויך אין דער אַטמאָספער פון אונדזערע שולן. די אַ״ר־שול, אַזוי ווי אַנדערע טיפּן מאָדערנע

יידישע שולן, איז געוואָרן וואָס ווייטער אַלץ ווינציקער אַגרעסיוו און אַלץ ווינציקער פאַרביסן אין איר פאַרוואָרפן אַלע עלעמענטן פון היסטאָרישער יידישקייט. אַ געוויסער גראַד טאָלעראַנץ האָט ביי יידע צדדים אָנגעהויבן צו פאַרנעמען דאָס אָרט פונעם אַמאָליקן — רעליגיעזן און אַנטי־רעליגיעזן — פאַנאַטיזם. אין תלמוד־תורה־קרייזן האָט מען אין אַזאַ אָדער אַן אַנדער מאָס זיך אָנגעהויבן צו רעכענען מיט דער נייער שול, און זי, פון איר זייט, האָט אָנגעהויבן איינצוזען, אַז עפּעס איז דאָ אין דער אַלטפרענקישער תלמוד־תורה, וואָס האַלט צו איר צוגעבונדן אַ גרויסן טייל פון דער יידישער פאָלקסמאַסע, — און מען האָט גענומען זוכן אַן עקוויוואַלענט פון אָט דעם ע פּ ע ס . מען האָט, יעדנפאַלס, צוגעגעבן, אַז געוויסע עלעמענטן אין דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער קאָנען אָדער מאָדערניזירט ווערן, אָדער אויף אַן אַנדער אופן אויסגענוצט ווערן פאַר די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע צילן פון דער נייער דערציאונג. דער עיקר איז, וואָס עס איז אויסגעוועפּט געוואָרן די מורא, וועלכע איז געווען אַ מאָל, פאַר דער טראַדיציע פון פריערדיקע דורות — און אַזוי ווי די רעליגיעזע יידישע דערציאונגס־סיסטעם שטרעבט לעצטנס צוצופּאַסן זיך, אויב ניט צום גייסט, איז צו די דרויסנדיקע אומשטאַנדן פון אונדזער צייט, אַזוי ווייזט די נייע יידישע שול אַרויס אַ טענדענץ איינצוזאַפּן אין זיך די לעבנספּעאיקע ווערטן פון דער יידישער קולטור־ירושה.

אין דעם זשורנאַל „קולטור און דערציאונג" („אונדזער שול"), דעם אָפּי־ציעלן אָרגאַן פונעם בילדונגס־קאָמיטעט, ווערן לעצטנס, דיסקוטירט אַזוינע פראַגעס, ווי „תנך אין דער יידיש־וועלטלעכער שול" אד"גל. די נייע רעדאַקציע האָט איינגעפירט אַ נייס — ניט מורא צו האָבן פאַר נייסן. זי ווייס, אַז ענדערונגען זיינען ניט קיין נאָווינע אין דעם אַרבעטער־רינג־שול־לעבן. שרייבט זי: „יעדער איינציקער, וואָס קען אונדזער שול־באַוועגונג, וועט מוזן צוגעבן, אַז אין פאַרלויף פון די צוואַנציק יאָר זיינען מיר דורכגעגאַנגען אַ גרויסן מהלך." („קולטור און דערציאונג", מערץ, 1938, ז. 13). און אויב מיר זיינען ביז אַהער ניט געשטאַנען אויף איין אָרט, דאַרפן מיר איצט אודאי נישט זיין פאַרגליווערט. די א"ר־טענדענץ איז ניט צו איזאָלירן זיך פונעם אַלגעמיינעם יידישן לעבן, נאָר, פאַרקערט, זוכן עס צו באַאיינפלוסן פון אינעווייניק; אַזוי, אַז מען מיט זיך, לעצטנס, איינצושליסן די א"ר־שולן אין דעם אַלגעמיין־יידישן קהלה־בודזשעט דאָרט, וואו אַזאַ בודזשעט איז דאָ, און אין היפּשע עטלעכע שטעט: (אין דיטראָיט, קליוולאַנד, ראָטשעסטער, סיראַקיוז, עקראָן, פילאַדעלפיע, און אַנדערע) איז עס געלונגען". די באַמערקונג פון „קולטור און דערציאונג" איז ריכטיק: אין משך פון די צוויי צענדליק יאָר, וואָס די א"ר־שול עקסיס־טירט, זיינען מיר „דורכגעגאַנגען אַ גרויסן מהלך".

ב.

נישט נאָר די געשיכטע פון דעם דרויסנדיקן קאַמף, וואָס די אַ״ר־שולן האָבן געמוזט פירן, — פון דעם קאַמף מיט די חדרים און די תּלמוד־תּורהס, — אויך די געשיכטע פונעם געראַנגל, וואָס איז פאָרגעקומען אינעווייניק, ווייזט אונדז, אַז די אַ״ר־שולן זיינען אין פאַרלויף פון די צוויי צענדליק יאָר, וואָס זיי עקסיסטירן, דורכגעגאַנגען „אַ היפּשן מהלך״.

דער אינעווייניקסטער קאַמף איז אין משך פון די ערשטע צוועלף־דרייצן יאָר געפירט געוואָרן כמעט אָן אַן אויפהער. דאָך זיינען געווען מאָמענטן פון רעלאַטיוון שטילשטאַנד און מאָמענטן, ווען דער פייער פון מחלוקת האָט זיך נאָר באַזונדערס שטאַרק צעפלאַקערט. אויף אייניקע פון אָט די מאָמענטן איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן.

עס איז אַריבער קוים אַ יאָר נאָך דער 18טער קאָנווענשאָן, ווען עס איז צום ערשטן מאָל באַשלאָסן געוואָרן איינצופירן אַ שולאָפּצאָל און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די פּאַקטישע בויאונג פון די אַ״ר־שולן, — ערשט די קעגנער זיינען שוין ווידער דאָ. דאָס איז געווען אויף דער 19טער קאָנווענשאָן פון אַ״ר. עס איז פאָרגעשלאָגן געוואָרן אַ העכערונג פונעם שולטעקס, — אַ העכערונג פון 8 אויף 20 סענט אַ יאָר. עס איז אַחוץ דעם, פּראָיעקטירט געוואָרן אַ צוזאַמענפאַר פון די שולן, אויך אַ לערער־סעמינאַר. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די שולאַרבעט וואַקסט און שפּרייט זיך אויס. האָבן אירע קעגנער עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן — און האָבן ווידער געמאַכט קולות און גוואַלדן. דאָס מאָל האָבן זיי געטענהט, אַז די שולטוערס זאָלן שיר ניט האָבן פאַרפירט דעם אַ״ר. זיי האָבן געהאַט אָנגעהויבן מיט אַן אומשולדיקער רעזאָלוציע וועגן זונטיקשולן אויף ענגליש און אויף יידיש, איצט האָבן זיי שוין טעגלעכע שולן — און אַלע אויף יידיש. זיי האָבן געהאַט געערדט וועגן עפּעס אַ מין ראַדיקאַלע „חדרים״ (שולן), איצט פאַרמעסטן זיי זיך שוין אויף אַ „ישיבה״ (לערערקורהס) . . . צוויי לאַנגע און שטורמישע זיצונגען האָט די דיסקוסיע אָפּגענומען, אָבער — עס האָט נישט געהאָלפן. די קעגנער האָבן ניט אויסגע־פירט. זיי האָבן דערגרייכט נאָר איין זאַך: אין דער שול־רעזאָלוציע זיינען אין איינעם מיט יידישע שולן דערמאָנט געוואָרן אויך שולן אויף ענגליש. אין אַלע אַנדערע פּונקטן האָבן (מיט אַ מערהייט פון 68 קעגן 47) געזיגט די אָנהענגערס פון די שולן, און אַלע זייערע פאַרשלאָגן זיינען דורכגעגאַנגען.[5] עס איז אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„אַ) נעמענדיק אין אַכט, אַז עס איז אומבאַדינגט נייטיק דאָס אין אַלע אַ״ר־שולן איבערן גאַנצן לאַנד זאָל זיין אַן איינהייטלעכע פּראָגראַם, סיי וואָס אָנבאַלאַנגט די לימודים און סיי צו דער פאָרמע פון פאַרוואַלטונג, באַאויפ־טראָגט די 19טע יערלעכע קאָנווענשאָן די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע, דאָס אַזוי

שנעל ווי זי וועט דאָס נאָר געפינען פאַר פּאַסנד, זאָל גערופן ווערן אַ קאָנפערענץ פון אַלע עקסיסטירנדע שולן, און גרינדן אַן אַרבעטער־רינג־שולן־פאַרבאַנד. ב) דער בודזשעט פאַר די יידישע אַרבעטער־רינג־שולן זאָל פאַר דעם יאָר 1920, זיין 5 סענט אַ קוואַרטל פאַר יעדן מעמבער. אויפן רעפערענדום זאָלן זיין די סומען 4 און 5 סענט. מיט דיזן בודזשעט זאָל מען זיך באַנוצן: 1) צו אָרגאַניזירן נייע אַרבעטער־רינג־שולן; 2) אונטערשטיצן די עקסיסטירנדע אַרבעטער־רינג־שולן און אָרגאַניזירן קורסן צוצוגרייטן און אויסבילדן פּאַסנדע לערער פאַר די שולן און העלפן די שולן אַזעלכע לערער צו באַקומען. ג) די קאָנווענשאָן באַאויפטראָגט אויך די עדיוקיישאָנעל־קאָמיטע אויסצונוצן די אַרבעטער־רינג־שולן אַלס אַלגעמיינע בילדונגס־צענטערס".

די דאָזיקע רעזאָלוציע האָט געוויזן, אַז די אַ"ר־שול־טעטיקייט האַלט ניט נאָר אין באַפעסטיקן זיך, נאָר אויך אין אויסשפּרייטן זיך, און ווערן אַלץ מער פאַרצווייגט, אַלץ מער פאַרשיידנאַרטיק. דאָס האָט די שולקעגנער, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשאַפט קיין פאַרגעניגן, זיי האָבן זיך, אמת, געמוזט אונטערגעבן די אָפיציעלע באַשלוסן פון די אַ"ר־קאָנווענשאָנס, אָבער אין האַרצן זיינען זיי געבליבן פיינטלעך צו די שולן, און אין געוויסע פאַלן האָבן זיי זיך דערלויבט אַפילו צו סאַבאָטירן די שול־טעטיקייט. אַזוי, צום ביישפּיל, איז דער ערשטער אַ"ר־שול־צוזאַמענפאָר אין 1920 „כמעט אין גאַנצן פון זיי באַיקאָטירט געוואָרן: אויסער וואָס אויף דער דערעפענונג פונעם צוזאַמענפאָר זיינען געווען עטלעכע אָפיציעלע פאַרטרעטערס פונעם אַ"ר, איז ביי אַלע איבעריקע זיצונגען פונעם צוזאַמענפאָר קיינער פון דער פאַרוואַלטונג ניט געווען, אַחוץ דעם סעקרעטאַר און אַ מיטגליד פון דעם בילדונגס־קאָמיטעט . . . ניט פיל מער אויפמערקזאַמקייט איז געשענקט געוואָרן דער גאַנצער שול־באַוועגונג פונעם אַ"ר אין אַלע באַריכטן פון דער עקזעקוטיווע סיי אין דער פּרעסע, סיי אויף דער לעצטער קאָנווענשאָן. מען האָט דאָרט וועגן די שולן געפונען פאַר מיגלעך צו פאַרלירן בלויז אַ פּאָר צופעליקע אייליקע באַמערקונגען, אַזוי ווי מע וואָלט זיך מיט זיי געשעמט, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אַן אומגעזעצלעך קינד, וועגן וועמען עס איז בעסער וואָס ווייניקער צו דערמאָנען. געוויס, אַרויסטרעטן אָפן קעגן די שולן קאָן שוין איצט ניט קיינער פון די טוערס פון אַ"ר אָבער מיט זייער קאַלטקייט און מיט זייער ביטול, מיט זייער אָפענער גלייכגילטיקייט לייגן די טוערס גענוג שטיינער אויפן וועג פון דער אַנטוויקלונג פון דער אַ"ר־שול־באַוועגונג, וועלכע וואָלט ביי אַ מער סימפּאַטישער באַציאונג זיך צעוואַקסן ניט אין אַן ערך ברייטער." („פריינד", יוני־יולי, 1920).

אַ „סימפּאַטישע באַציאונג" צו די שולן האָט געפעלט אויך ביי דער פּרעסע, וואָס איז אָפיציעל אָנערקענט פון אַ"ר. דער דאָזיקער טייל פון דער פּרעסע, ספּעציעל דער „פאָרווערטס", האָט אַרויסגעוויזן צו די אַ"ר־שולן אַ שטאַרקע קעגנערשאַפט. די קעגנערשאַפט פון „פאָרווערטס" האָט געבראַכט דערצו, אַז

אויפן צווייטן א"ר־שול־צוזאמענפאר אין 1921, איז אנגענומען געווארן די פאלגנדיקע רעזאלוציע: „דער צוזאמענפאר דריקט אויס די אומצופרידנהייט, וואס די פרעסע, וואס ווערט אפיציעל אנערקענט פון אונדזערע קאנווענשאנס, גיט ניט קיין פלאץ פאר ארטיקלען, אין וועלכע די יידישע ארבעטער זאלן קאנען אויפגעקלערט ווערן וועגן די אמתע צילן און דער ארבעט פון די א"ר־שולן. דער צוזאמענפאר רעקאמענדירט דער 21טער קאנווענשאן אנצונעמען מיט־לען, אז די פרעסע, וואס ווערט פון דער קאנווענשאן אפיציעל אנערקענט, זאל זיך אויף ווייטער ניט פיינטלעך באציען צו דער גאנצער א"ר־בילדונגס־טעטיקייט און באזונדערס צו דער א"ר־שול־ארבעט." („פריינד", יוני־יולי, 1921).

דאס איז געווען אין 1921. אבער נישט נאר דאן איז אין און ארום דעם א"ר נישט געווען קיין איינשטימיקייט מכח די שולן. זי האט געפעלט אויך שפעטער . . . אט איז א פראטאקאל פון די זיצונגען פון די נאציאנאלע דירעק־טארן אין 1923, ווערט דארט פארצייכנט אזא מין דיסקוסיע: „יאנאס: די שולן זיינען אי א צירונג פאר דעם א"ר, אי א שווערע אויפגאבע. אין דער טיפעניש פון מיין הארצן פיל איך אלע מאל, אז די אויפגאבע איז ניט פאר אונדזערע כוחות. מען גיט איבער טייל מאל די דערציאונג פון קינדער אין די הענט פון שאוויניסטן. מיר ליידן שוין אזוי פיל פון שאוויניזם. לאמיר בעסער די זאך לאזן ווי זי איז און ניט אנמאכן קיין טומל. איוועגסקי: מע קען זיין פאר די שולן, אדער קעגן. אבער אזוי לאנג ווי די שולן זיינען אן א"ר־אינסטיטוציע, דארפן זיי פארוואלט ווערן ריכטיק. קיין עקזעקוטיוו־מיטגליד האט קיין רעכט ניט זיך אויסצושפרעכן קעגן די שולן. ווייל די ראלע פון אן עקזעקוטיווע איז אויסצופירן די מאנדאטן פון דער קאנווענשאן. זיינע פערזענלעכע מיינונגען קען קיינער ניט ארויסזאגן אלס מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע. עטינגער: מיך קען מען ניט חושד זיין, אז איך בין קעגן דער עקזעקוטיווע. אבער איך זאג, אז אין דער פראגע פון שולן, ווייזט ארויס די עקזעקוטיווע א שוואכקייט. ביי אונדז אין פילאדעלפיע, זיינען די שולן א טייל פון דער א"ר־טעטיקייט. לויט מיין דערפארונג קען איך זאגן, אז די לערערס פרעדיקן נישט קיין שאוויניזם". („פריינד", סעפטעמבער, 1923).

מען האט זיך געמוזט כסדר פארענטפערן, כסדר שיצן זיך קעגן דער באַ־שולדיקונג אין שאוויניזם, — דער פאפולערסטער פון אלע באשולדיקונגען. האבן די פארענטפערונגען געהאלפן? ניין! עס איז אריבער נאר איין חודש נאך דעם ווי די פראטאקאלן, וואס מיר האבן נאר וואס ציטירט, זיינען פאר־עפנטלעכט געווארן, — און „דער פריינד" האט ווידער א מאל געפונען פאר נייטיק צו ענטפערן אויף די טענות פון די קעגנער. אין א ספעציעלן לייט־ארטיקל האט די רעדאקציע פון „פריינד" געשריבן: „דער נייער לערניאר האט זיך אנגעהויבן. אונדזערע א"ר־שולן סיי די אלטע, וואס עקסיסטירן שוין

פון פריער, און סיי די נייע, וואָס האָבן זיך ערשט אָרגאַניזירט, זײַנען אַפּן. אונדזערע ברענטשעס האָבן זיי געגרינדעט פאַר אונדזערע קינדער, פאַר זייער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג אַלס מענטשן, אַלס אַרבעטער און אַלס יידן. זייער אויפגאַבע איז צו באַקענען אונדזערע קינדער מיט דעם לעבן און שטרעבן פון זייערע עלטערן, מיט זייער שפּראַך און ליטעראַטור, מיט זייער געשיכטע און קולטור און בכלל מיט דעם לעבן און קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס. זייער ציל איז אָפּצושאַפן די טויטע וואַנט, וואָס שטייט צווישן אונדז און אונדזערע קינדער און וואָס פאַראורזאַכט די משונהדיקסטע טראַגעדיעס. עס איז ניט אמת, אַז מיר מאַכן די קינדער פאַר „גרינע" און צעקאַליעטשען זייער ענגליש. עס איז גראַד פאַרקערט. מיר ווילן, אַז בשעת דאָס קינד רעדט ענגליש, זאָל דאָס ריידן אַ ריינעם ענגליש, און בשעת עס רעדט יידיש זאָל עס ריידן, אָדער שרייבן, אַ ריינעם יידיש. עס איז ניט אמת, אַז אונדזער צוועק איז איינצור־צאַמען אונדזערע קינדער אין אונדזערע געטאָס. פאַרקערט: מיר ווילן זיי אַרויסרייסן פון דער ענגער תלמוד־תורה־אַטמאָספער אין אַן אָפענער ברייטער וועלט. מיר ווילן, ווי ווייט עס איז נאָר מיגלעך, אַנטוויקלען ביי זיי אַלע געזונטע חושים פאַר שיינקייט, אמת און גערעכטיקייט. עס איז ניט אמת, אַז מיר דערציען אונדזערע קינדער אין די אַ"ר־שולן אין אַ שאָוויניסטישן גייסט. פאַר־קערט: אין אונדזערע שולן ווישן מיר אָפּ פון אונדזערע קינדער דעם שאָווי־ניסטישן איינפלוס פון דער פּאַבליק־סקול און איר פיינטלעכן גייסט צו די שענסטע אידעאַלן פון דעם אַרבעטער־קלאַס." (אָקטאָבער, 1923).

אַזאַ דערקלערונג האָט געמאַכט דער אָרגאַן פון אַ"ר, אָבער די קעגנער פון די שולן האָבן די דערקלערונג נישט אָנגענומען. זיי זײַנען געבליבן ביי זייער טענה, אַז די פירערס פון די אַ"ר־שולן זײַנען שאָוויניסטן. און נאָך אין 1925, אויף איינער פון די זיצונגען פון דער אַ"ר־קאָנוועגשאַן, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען, איז דער פאַרשטאָרבענער מאיר לאָנדאָן אַרויס מיט זיין אַלטן געשריי, אַז „די אַרבעט פון די שולן איז נישט צוגעפּאַסט צו אַמעריקאַנער אומשטאַנדן. מיר מוזן זיך אַליין אַמעריקאַניזירן און ניט מאַכן אונדזערע קינדער פאַר גרינהאָרנס. די אימיגראַציע איז געסטאָפּט, (האָט זיך אָפּגעשטעלט) און דעריבער מוזן מיר צופּאַסן אונדזער טעטיקייט, לויט די באַדערפענישן פון דעם אַמעריקאַנער יונגן דור. מע דאַרף אפשר האָבן מוט צו ריידן וועגן דעם, אָבער איך בין פּערזענלעך ניט אָפּהענגיק פון קיינעם, און דעריבער קען איך אַרויסזאָגן מיין מיינונג אָפן. לאָזט זיך נישט פאַרשלעפּן פון שאָוויניס־טישע פראַזן, גיט אייערע קינדער אַ ריכטיקע אַמעריקאַנער בילדונג אין סאָ־ציאַליסטישן גייסט" אאַז"וו.

מאיר לאָנדאָן איז געווען אַן איינפלוסרייכע פּערזאָן, און מען האָט געמוזט אָפּשלאָגן זיינע טענות. האָט נ. כאַנין דערקלערט: „יידישע אימיגראַנטן שיקן זייערע קינדער אין די תלמוד־תורהס, און כדי אָפּצוציען די קינדער פון די

תלמוד־תורהס האָבן מיר געגרינדעט די אַ״ר־שולן. די יידישע שפּראַך ווערט דאָ אין אַמעריקע אַלץ מער אַנטוויקלט, אפילו תלמוד־תורהס זיינען געווען געצוואונגען אַריינצונעמען אין זייערע לימודים יידיש״ אאַז״וו, אאַז״וו. („פריינד״, יוני־יולי, 1925). אויף די אַלטע קלאַץ־קשיות האָט מען געמוזט געבן אַלטע תירוצים. מען האָט געמוזט איינשטילן די קעגנער.

אָבער ווער ווייס, צי זיי וואָלטן שטילער געוואָרן, ווען זיי זאָלן ניט האָבן דערפילט אַן אַנדער געפאַר, אַ גרעסערע און אַן עכטערע. כ׳מיין די שפּאַלטונג־געפאַר, וואָס איז געקומען פון „לינקס״. זי האָט געדראָט אַלע „רעכטע״, — סיי די פריינד, סיי די פיינט פון דער אַ״ר־שול: איז זייער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און זייער אַלעמענס ענערגיע ביסלעכוויז פאַרשלונגען געוואָרן פונעם אַנטקעגנשטעלן זיך די „לינקע״. דאָס איז קלאָר געוואָרן דערהויפּט נאָך דער שפּאַלטונג פון 1926. (זע קאַפּיטל „וואוקס״) כמעט אַלע ניו־יאָרקער שולן זיינען, ווי מיר ווייסן, אָפּגעריסן געוואָרן פון אַ״ר. דער אָרדן האָט פאַרלוירן איינע פון זיינע אָנגעזעענסטע געזעלשאַפטלעכע פּאָזיציעס. אין קאָן איז געשטאַנען דער פּרעסטיזש פון גאַנצן אַרבעטער־רינג, נישט נאָר פון דער אַ״ר־שול־באַוועגונג. איז דער אינעווייניקסטער ברוגז צווישן די אָנהענגערס און די קעגנער פון די שולן טיילוויז אַזוי ווי פאַרגעסן געוואָרן, און אַלע, חסידים פון די שולן און ניט קיין חסידים, האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט אימפּעט אין דער שולאַרבעט און געזוכט מיט אַלע כוחות צוריק צו געווינען, וואָס דער אָרדן האָט געהאַט פאַרלוירן . . . די פאַראייניקטע און פאַרשטאַרקטע אַרבעט האָט געגעבן, ווי מיר ווייסן, רעזולטאַטן, און פון די 83 שולן אין 1926 זיינען אין אַ יאָר אַרום געוואָרן 103, אין 1928 — 105, אין 1929 — 109, אין 1930 — 110 . . .

אין אַן איבערבליק, וואָס פּ. געליבטער, דער פאַרשטאָרבענער בילדונגס־דירעקטאָר פון אַ״ר, האָט געמאַכט אין 1929, איז געשטאַנען: „ . . . די שפּאַלטונג, וואָס די „לינקע״ האָבן פאַראורזאַכט אין די רייען פון אַ״ר, דער קאַמף, וואָס די „לינקע״ האָבן אויף אונדז אַרויפגעצוואונגען, האָט, סוף־כל־סוף, געבראַכט געווינטשטע רעזולטאַטן: אָנשטאָט צעשפּליטערונג און פאַרניכטונג, האָט דער קאַמף פון די „לינקע״ אַריינגעבראַכט מער לעבן, מער באַגייסטערונג און מער גלויבן אין דער יידישער אַרבעטער־רינג־שול.״ („פריינד״, דעצעמבער, 1929). עס איז געווען מער באַגייסטערונג, מער אייניקייט, — און דערפאַר אויך גרעסערע אויפטואונגען.

ג.

און וואָלט די דאָזיקע טענדענץ, די טענדענץ פון וואוקס ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, — וואָלט די קעגנערשאַפט צו די שולן מצד דעם עלטערן און אַ טייל

ייִנגערן דור ג ע נ אָ ס ן זיך ביסלעכווייז אפשר אויסגעוועפּט, און עס וואָלט, ענדלעך, געגומען אַ סוף צו דער מאָנאָטאָנער שול־דעבאַטע אין און אַרום דעם אַ״ר . . . ווייסן מיר דאָך, אַז „קיין זאַך איז נישט אַזוי דערפֿאָלגרייך ווי דערפֿאָלג״, — און דער בעסטער ענטפֿער צו אַלע קעגנער פֿון די שולן און צו אַלע סקעפּטיקער, איז אַלע מאָל געווען: אָט זעט איר דאָך! די שולן געדייען, וואַקסן און מערן זיך!

אָבער דער קריזיס פֿון 1929, דער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס איז געוואָרן אַלץ שאַרפֿער און שאַרפֿער, האָט אויף אַ צייט פֿאַרהאַלטן די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פֿון די אַ״ר־שולן. זייער צאָל איז נאָכן אויסברוך פֿונעם קריזיס, אין משך פֿון עטלעכע יאָר ניט גרעסער, נאָר, פֿאַרקערט, גאָר קלענער געוואָרן, אויך די צאָל קינדער האָט זיך פֿאַרמינערט, און די פֿינאַנציעלע לאַגע פֿון די שולן איז געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. דאָס האָט נישט אָפּגעקילט דעם ענטוזיאַזם פֿון די איבערגעבליבענע שולטוערס, אָבער די קעגנער, די, וואָס זיינען אויף אַ צייט געווען אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן ווידער אָנגעפֿאַנגען צו ריידן, און ווי נאָר אַ שול האָט זיך ערגעץ וואו געשלאָסן, זיינען זיי גלייך אַרוים מיט דעם באַרימטן „אַי טאָלד יו סאָו״ („וואָס האָב איך אייך געזאָגט?״) און ווידער האָבן זיי אויף אַלע אופֿנים געזוכט אָפּצושלאָגן די פֿליגלען ביי די שולטוערס.

אין „פֿריינד״ האָבן זיך גענומען ווייזן בריוועלעך פֿול מיט ספֿקות וועגן דעם אויפֿטו פֿון די שולן. די רעדאַקציע פֿון „פֿאָרווערטס״, וועלכע האָט געהאַט אָפּגעשטעלט איר קריטיק אויף דער ייִדישער שול, האָט דערפֿילט, אַז עס איז אַ פּאַסיקער מאָמענט צו שטעלן ווידער אַ מאָל אויף דער טאָג־אָרדענונג די פֿראַגע (אָדער די אָפּגעפֿרעגטקייט) פֿון דער ייִדישער שול־און קולטור־באַוועגונג. און אין 1931, — אַקוראַט אין דעם יאָר, ווען די אַ״ר־שולן זיינען געוואָרן „בר־מצוה״, — האָט זיך ווידער אַ מאָל צעפֿלאַקערט אַרום זיי אַ קריג. זייער לאַגע איז אַזוי אויך געווען שווער מחמת דעם קריזיס, וואָס האָט נישט אָפּגעלאָזן. זיי האָבן מער ווי אַלע מאָל זיך געניייטיקט אין שטיצע און אין דערמוטיקונג. אָבער אַנשטאָט צו ווערן געמוטיקט און געשטיצט זיינען זיי העפֿטיק קריטיקירט געוואָרן. זייערע אָפּגעשוואַכטע פּאָזיציעס האָבן, ווי עס פֿירט זיך, צוגעצויגן צו זיך דעם קעגנער. איצט, האָט ער געטראַכט, איז ווידער אַ מאָל געקומען זיין צייט . . . און דער „פֿאָרווערטס״ האָט געעפֿנט אַ דעבאַטע וועגן די שולן!

נאָך צוועלף יאָר עקסיסטענץ, וואוקס און אַנטוויקלונג — איז די אַ״ר־שול ווידער אַ מאָל געשטעלט געוואָרן צו דיסקוסיע, — צו וואָס דאַרף מען שולן? מען האָט טאַקע געלאָזן אויך שרייבן פֿאַר די שולן — געוויס, דער אַ״ר איז צו מעכטיק, אַז מע זאָל זיינער אַ וויכטיקער אינסטיטוציע נישט לאָזן זיך שיצן קעגן שאַרפֿער קריטיק. אָבער דאָס אַליין, וואָס עס וועלן געשטעלט ווערן די

אלטע קשיות און עס וועלן אויפגעוועקט ווערן די אייביקע ספקות, דאָס אליין, וואָס מע וועט ווידער אַ מאָל אַרוים מיט טענות און מענות אין נאָמען פון אַמעריקע, אין נאָמען פון פּראַקטישקייט, — דאָס אליין וועט צעטומלען די מוחות פון די נייטראַלע עלעמענטן און אפשר אויך אָפּקילן די ענטוזיאַסטן. און אין משך פון צוויי חדשים צייט האָבן זיך אויף די שפּאַלטן פון „פאָרווערטס" — איינער נאָך דעם אַנדערן, — געוויזן די דעבאַטאַנטן.

געעפנט די דעבאַטע און געשלאָסן זי האָט דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", אב. קאַהאַן. געעפנט האָט ער זי מיט אַן אַרטיקל, וואָס האָט געהייסן: „יידישע אימיגראַנטן און זייערע אַמעריקאַנער קינדער" — אַן אַרטיקל, וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין צוויי נומערן „פאָרווערטס" (פון 21סטן און 28סטן פעברואַר, 1931), גאַנצע פיר אַרטיקלען אין פיר נומערן „פאָרווערטס" (פון 18טן, 21סטן, 22סטן און 25סטן אַפּריל, 1931) האָט פאַרנומען אב. קאַהאַנס „שלוסוואָרט אין דער דעבאַטע וועגן די יידישע שולן". דאָס „שלוסוואָרט" האָט זיך, אגב, אָנגעהויבן דרוקן אין „פאָרווערטס" פּונקט אין דעם טאָג, ווען עס האָט זיך געעפנט די א"ר־שול־קאָנפערענץ פון 1931 (אין דעם יאָר איז צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס פאַרגעקומען ניט קיין נאַציאָנאַלער שול־צוזאַמענפאָר, נאָר אַ קאָנפערענץ פון די שולן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ניו־יאָרק און די אַרומיקע שטאָטן). דער הויפּט געדאַנק פון די אַרטיקלען איז געווען, אַז די א"ר־שולן זיינען פאַרן אָרדן אַן איבעריקע און נאָך ערגער — אַ שעדלעכע לאַסט. קיינער דאַרף זיי נישט האָבן — אַ גרויסע, גרויסע מאַיאָריטעט פון די מעמבערס (מיטגלידער), ביי אַכציק־ניינציק פּראָצענט, זיינען קעגנער פון די שולן, — אי, ווי עקסיסטירן זיי? איז דער תירוץ: „די קנאַפּע הונדערט לערערס, וועלכע האָבן אַ פּראָפעסיאָנעלן אינטערעס אין די שולן און אויך אַנדערע נאָענטע פריינד פון די שולן, זיינען אָרגאַניזירט און טעטיק, ווערענד די גרויסע מיטגלידערשאַפט איז אין באַצוג צו דער פראַגע ניט אָרגאַניזירט און פּאַסיוו. אַ קליינע צאָל פון די מעמבערס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער טעטיקייט אַרום די שולן און פילע פון זיי האָבן אַן אויפריכטיקע וואַרעמע סימפּאַטיע צו זיי. דער עיקר אָבער איז דער ממשותדיקער אינטערעס פון די לערערס און פון אַ געוויסער צאָל טוערס, וועלכע געפינען אין די שולן אַ קעגנשטאַנד פאַר קהלשער טעטיקייט. אַ צייטפאַרטרייב, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ גייסטיקן פאַרגעניגן. אין געוויסע פאַלן איז דאָס אָבער הויפּטזעכלעך פאַרבונדן מיט „אַרבעטער־רינג־פּאָליטיקס". די הונדערט לערערס זיינען הונדערט פליסיקע אַגיטאַטאָרס פאַר די שולן", ווי איינער פון די עלטסטע אַרבעטער־רינג־מיטגלידער האָט זיך אויסגעדריקט. עס אַגיטירן פאַר די שולן אויך אַנדערע שולטוערס. מיט דעם פּראָפעסיאָנעלן שול־אינטערעס זיינען צונויפגעקניפּט געוויסע אַנדערע אינטערעסן. צוזאַמען בילדעט זיך אַ גוט אָרגאַניזירטע אַקטיווע מאַכט, וועלכע אַרבעט קרעפטיק, ווערענד דער קעגנערשער צד איז אומ־

אָרגאַניזירט, גלייכגילטיק און מאַכטלאָז.״ אַט אַזוי איז דערקלערט געוואָרן דער אויפקום, די עקסיסטענץ און די אַנטוויקלונג פון דער אַ״ר־שול־באַוועגונג.

די אַ״ר־שול־קאָנפערענץ, וועלכע איז גראָד דאַן פאָרגעקומען, האָט רעאַגירט אויף אַט דעם אַרויסטריט קעגן די שולן מיט גרויס ווירדע און שטאָלץ, ווי מיר וועלן באַלד זען. פריער אָבער איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דעם כאַראַקטער און די גרונטמאָטיוון פון דער עצם דעבאַטע.

עס האָבן אָנטייל גענומען אין איר ביי אַ צוויי צענדליק פאַרשיידענע פערזאָנען: „פאָרווערטס״־מיטאַרבעטער, פירערס פון אַ״ר, — לערערס, יוניאָן־טוערס, אויך יידן פון אַ גאַנץ יאָר. עס האָבן אחוץ דעם, געפירט אַ פּאַראַלעלע דעבאַטע אין „פאָרווערטס״ „שטימען פון פאָלק״. פון „פאָרווערטס״ האָט זיך די דיסקוסיע, אַגב, אַריבערגעטראָגן אין „וועקער״, אין דער „פרייער אַרבעטער־שטימע״. אויך אַנדערע טעגלעכע יידישע ציימונגען, אחוץ דעם „פאָר־ווערטס״, האָבן אין איר אָנטייל גענומען. עס זיינען געבראַכט געוואָרן פאַר־שיידענע פאַקטן און עס זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פאַרשיידענע מיינונגען, אָבער די גרונט־אידייען פון דער גאַנצער דעבאַטע זיינען אויסגעדריקט געוואָרן, פון איין זייט, אין די אַרטיקלען פון אב. קאַהאַן, און פון דער אַנדער זייט, אין דעם ענטפער, וואָס אים האָט געגעבן נ. כאַנין, וועלכער איז געוועזן דאַן פרעזי־דענט פון אַ״ר. עס איז, דעריבער, גענוג צו ציטירן די מער כאַראַקטעריסטישע שטעלונג פון זייערע ביידנס אַרטיקלען.

וועגן דעם וויכטיקסטן פונקט אין דער פּראָגראַם פון די אַ״ר־שולן — דעם לימוד פון יידיש — האָט אב. קאַהאַן געשריבן: „ווי וויים די יידישע שפּראַך איז אין שטאַנד צו שפּילן די ראָלע פון צוזאַמענברענגען עלטערן און קינדער נעענטער איינע צו די אַנדערע, איז דאָס די יידיש, וואָס דער טאַטע און מאַמע ריידן אין שטוב, די נאַטירלעכע יידיש, וועלכע איז זייער היימישע מוטערשפּראַך און נים דער לשון, וואָס מע לערנט אין די שולן. די דאָזיקע שול־יידיש איז אַ קינסטלעכע בוך־יידיש, וואָס איז פרעמד נים נאָר דעם אַמעריקאַנער שילער נאָר אויך זיינע עלטערן״. („פאָרווערטס״ פון 21סטן פעברואַר, 1931)

האָט אים דער פרעזידענט פון אַ״ר געענטפערט מיט אַ פראַגע: „וואָס מיינט געגאָסע קאַהאַן מיט די ווערטער: „די היימישע מוטערשפּראַך?״ די שפּראַך, וועלכע מען האָט גערעדט אין ווילנע אָדער אין מינסק מיט דרייסיק אָדער פערציק יאָר צוריק? דענקט געגאָסע קאַהאַן, אַז עס איז מיגלעך צו האַלטן אַ שפּראַך פאַרגליווערט, אַז זי זאָל נים ענדערן איר פאָרמע, נים באַ־רייכערן איר אינהאַלט אין פאַרלויף פון פערציק יאָר? איך שטעל זיך פאָר, ווי געגאָסע קאַהאַן וואָלט פון מיר געלאַכט, ווען איך וואָלט געזאָגט, אַז די איינציקע שפּראַך, וועלכע איז אָנערקענט ביי די רוסן, איז די שפּראַך, אויף וועלכער מען האָט גערעדט איידער פושקין האָט פון רוסיש געשאַפן אַ מאָדערנע און

רייכע שפּראַך. אָדער וואָלט נישט אויסגעקומען מאָדנע, ווען איך וואָלט געזאָגט, אַז איך אָנערקען נאָר די רוסישע שפּראַך, וועלכע ווערט גערעדט פון דעם אָפּגעשטאַנענעם רוסישן פּויער אין דאָרף, און אַז דער רוסיש, וועלכער ווערט געברויכט פון אינטעליגענטע רוסן, אָדער דער רוסיש, אויף וועלכן עס האָבן געשריבן טאָלסטאָי, טורגעניעוו און דאָסטאָיעווסקי, איז ניט די שפּראַך פון די רוסישע עלטערן, טאַטעס און מאַמעס, נאָר אַ „שול־רוסיש”, אַ „קינסט־לעכער בוך־רוסיש”. און וואָלט איך דען געווען גערעכט, ווען איך וואָלט נישט געוואָלט אָנערקענען די איצטיקע ענגלישע שפּראַך און וואָלט זיך געהאַלטן ביי יענעם אָרעמען ענגליש, וואָס איז אין אַמעריקע געברויכט געוואָרן אין דער צייט פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן, אָדער איידער אַמעריקע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ זעלבשטענדיקער מלוכה און עס האָט זיך גענומען אַנטוויקלען אַ זעלבשטענדיק אַמעריקאַנער פאָלק? דאָס זעלבע איז אויך מיט יידיש. ס'איז געווען אַ צייט, ווען יידיש איז געווען די שפּראַך פון די פּראָסטע פאָלקס־מאַסן. די פאָלקסמאַסן האָבן דאַמאָלט יידיש ווייניק געלייענט, ווייל עס איז ניט געווען וואָס צו לייענען. יידיש איז דאַמאָלט באַשטאַנען פון אַ באַגרענעצטער צאָל ווערטער, וועלכע האָבן געדינט נאָר אַלס אַ מיטל אויף ווי ניט איז זיך צוזאַמענצורעדן. יענע צייט איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן. נאָך מענדעלין און פּרצן, נאָך שלום־עליכמען און שלום אַשן, אריינגערעכנט די בעלעטריסטישע ליטעראַטור פון די נייע יידישע שרייבער און אַפילו די ראָמאַנען פון די טעג־לעכע צייטונגען אין אַמעריקע, איז אונדזער שפּראַך ניט בערך רייכער געוואָרן. און אַפילו דער דורכשניטלעכער פאָלקסמענטש, וועלכער האָט די אייבנדער־מאָנטע שרייבער ניט געלייענט, האָט געמוזט באַאיינפלוסט ווערן פון די „וואָס האָבן זיי יאָ געלייענט, און זיין געברויך פון ווערטער איז איצט אַ סך גרעסער. מיט איין וואָרט, יידיש איז נישט דאָס לשון, אויף וועלכן עס האָבן גערעדט אונדזערע טאַטעס, מאַמעס, זיידעס און באָבעס מיט דרייסיק אָדער פערציק יאָר צוריק, אין ווילנע אָדער אין מינסק.”

אויף אַב. קאַהאַנס טענה, אַז די קינדער פון די יידישע אימיגראַנטן ריידן ניט קיין יידיש, האָט נ. כאַנין געענטפערט: „מיר פירן אַ פאַרצווייגטע שול־באַוועגונג צווישן אונדזערע קינדער דאָ אין לאַנד ניט צוליב דעם, ווייל מיר זיינען איבערצייגט, אַז מיר וועלן קאָנען אויף אונדזערע קינדער ארויפצווינגען יידיש. מיר ווילן ניט צווינגען די קינדער, אַז זיי זאָלן אין זייער טעגלעכן געברויך אַנטזאָגן זיך פון דער ענגלישער שפּראַך און ריידן יידיש. אפשר, געוויסע קאַהאַן, זיינען אייך באַקאַנט היימען, וואו קינדער באַציען זיך מיט פאַראַכטונג צו דער יידישער צייטונג, צו דעם יידישן בוך און צו דער יידישער שפּראַך, וועלכע ווערט געלייענט און געברויכט פון זייערע עלטערן? אָבער פון וואַנען קומט עס? עס קומט פון דעם, וואָס מיר האָבן קיין מאָל ביי יענע קינדער ניט געפּרואווט ארויסרופן קיין רעספּעקט צו דער שפּראַך און דער

ליטעראַטור פון זייערע עלטערן. איך ווייס ניט, צי די קינדער, וואָס גייען אין די וועלטלעכע יידישע שולן, אין די אַרבעטער־רינג אָדער אין די שלום־עליכם־שולן, וועלן זיך אויסלערנען ריידן פליסיק זייער טאַטנס און מאַמעס יידיש. אָבער איין זאַך ווייס איך, אַז זיי באַציען זיך מיט רעספּעקט צו דעם יידישן ביכערשראַנק, אין וועלכן עס ליגט דער גייסטיקער אוצר, די קולטור פון זייערע עלטערן. זיי באַציען זיך מיט רעספּעקט צו דער שפּראַך, וואָס די עלטערן געברויכן, און צו דער צייטונג, וואָס זיי לייענען. אין דעם זין טוען אונדזערע שולן אויף אַן אומגעהויער גרויסע זאַך. דאָס איז אַ וויכטיקער טייל פון דער פאַרשטענדעניש, וואָס האָט אַזאַ גרויסן ווערט אין די באַציאונגען צווישן די אימיגראַנטן־עלטערן און די אַמעריקאַנער געבוירענע קינדער."

וועגן די קשיות, וואָס אַב. קאַהאַן און זיינע אָנהענגערס האָבן געפרעגט וועגן די שולן פונעם שטאַנדפּונקט פון אַמעריקאַניזאַציע, האָט נ. כאַנין געמאַכט די פאָלגנדיקע באַמערקונגען: „אין אייערע אַרטיקלען און געשפּרעכן וועגן יידיש, גענ. קאַהאַן, האַלט איר אין איין טענהען, אַז „מיר דאַרפן זיך אַמעריקאַניזירן". וואָס מיינט דאָס וואָרט „אַמעריקאַניזירן זיך?" ווען אונדזערע קינדער גייען אין אַן אַרבעטער־רינג־שול, זיינען זיי ניט אַמעריקאַני־זירט, נאָר ווען זיי שטייען לעבן אַ קענדי־סטאָר, טאַנצן מיט די פּיסלעך אָדער זינגען און פּייפן „רעד האָט מאַמאַ", צי „יו אַר דרײַווינג מי קרעיזי", זיינען זיי שוין יע אַמעריקאַניזירט? מיר דאַרפן זיך ניט זאָרגן פאַר דעם אַמעריקאַ־ניזם פון אונדזער קינד. אָפט מאָל דאַכט זיך אונדז, אַז אונדזער קינד איז שוין צו פיל אַמעריקאַניזירט, אַז דאָס ביליקע פון דעם אַמעריקאַנער לעבן האָט זיך צו אונדזער קינד צוגעקלעפּט אַ סך שטאַרקער, ווי צו די אַמעריקאַנער קינדער, וועמענס אור־עלטערן זיינען אַהער געקומען אויף דעם „מעי־פלאָוער". אין אונדזערע שולן מאַכן מיר אויך אונדזערע קינדער אַמעריקאַניש. אָבער מיר לערנען זיי צו ליבן די אַמעריקע פון דעבסן און לינקאָלן, די אַמעריקע פון אידעאַליזם".

און נישט וועלנדיק איבערלאָזן דעם איינדרוק, אַז דער הויפּטמאָטיוו פון די אַ"ר־שולן איז נאָך אַלץ רעספּעקט צו די עלטערן און מער גאָרנישט, האָט „דער פּרעזידענט" פון אַ"ר צוגעגעבן: „מיר יידישיסטן, האָבן נאָך אַן אור־זאַך צו לערנען דאָס קינד יידיש. איך וויל, אַז די שפּראַך, אויף וועלכער איך רעד, אויף וועלכער עס ריידן די גרויסע יידישע פאָלקסמאַסן אפילו דאָ אין אַמעריקע, אַז די שפּראַך זאָל אין לעבן פאַרגעזעצט ווערן, באַרייכערט ווערן. מיר קאָנען ניט זיין גלייכגילטיק און וואַרטן און האָפן, אַז אָט־אָט וועלן מיר אונטערגיין. קיינער וויל נישט שטאַרבן. יעדער איינצלנער מענטש פּונקט ווי יעדע געזעלשאַפט, ראַנגלט זיך מיטן טויט. איך ווייס, אַז די אָביעקטיווע אומשטאַנדן, די אויסווייניקסטע לעבנס־באַדינגונגען זיינען פאַר אונדזער שפּראַך דאָ אין לאַנד ניט קיין גינסטיקע. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז מיר דאַרפן זיך

ניט ראַנגלען, אַז מיר דאַרפן ניט פּרואוון באַזייטיקן אָדער אָפּשוואַכן די ווירקונג פון יענע אומגינסטיקע אומשטאַנדן, וועלכע רינגלען אונדז אַרום.״
(„פאָרווערטס״ פון 7טן מערץ, 1931).

נ. כאַנינס ענטפער, ווי אויך די ענטפערס פון דעם פאַרשטאַרבענעם א. ליטוואַק און אַנדערע, האָבן געפירט דערצו, אַז די רעזולטאַטן פון דער דעבאַטע זיינען געווען פונקט פאַרקערטע, ווי די, וועלכע אירע איניציאַטאָרס האָבן דערוואַרט. אַנשטאָט אָפּצושוואַכן די פּאָזיציעס פון דער א״ר־שול, האָט זי זיי פאַרשטאַרקט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז א. ליטוואַק איז גערעכט געווען, ווען ער האָט זיין דעבאַטע־אַרטיקל אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „עס איז גוט, וואָס דער „פאָרווערטס״ האָט די דעבאַטע געעפנט. אדרבה, זאָל די פראַגע אַ מאָל אויסגעדראָשן ווערן אין דער ברייטער עפנטלעכקייט. אונדזערע שולן זיינען שוין אַזוי איינגעוואָרצלט, אַז קיין קריטיק, ווי שאַרף זי זאָל ניט זיין, קאָן זיי פון באָדן ניט אַרויסרייסן. וואָלט זיי אַזוי דער עקאָנאָמישער קריזיס ניט געשאַדט, ווי די דעבאַטע וועט זיי ניט שאַדן. קעגנער וועט זי געבן מוט, דערפאַר אָבער וועט זי אָנהענגער צוגעבן פאַרעקשנטע איבערגעבנקייט. און דער ברייטער עולם, וואָס איז ביז אַהער געווען קאַלט צו דער גאַנצער זאַך, וועט לייענען די אַרטיקלען פאַר און קעגן — און ער וועט זיך פאַראינטערעסירן״ („פאָרווערטס״ 9טער אַפּריל, 1931). דאָס איז געווען א. ליטוואַקס פאָרויסזעונג — און ער האָט נעטראָפן. מע זעט עס, ווען מען לייענט דעם באַריכט פון דער א״ר־שול־קאָנפערענץ, וואָס איז גראָד דאַן פאָרגעקומען אין ניו־יאָרק. דער פאָרזיצער פון אַרבעטער־רינג, נ. כאַנין, האָט אין זיין באַגריסונג דערקלערט: „איך האָב ניט מורא פאַר דער דעבאַטע וועגן די יידישע שולן, ווייל אויף דער זייט פון די, וועלכע ריידן פאַר די שולן, שטייט אַן אָפּפערוויליקע גרופּע מענטשן, וועלכע גלייבט אין דער זאַך, וועלכע האָבן אידעאַליזם .. . אויף מאָרגן נאָך דער דעבאַטע וועלן די קעגנער בלייבן ביי די אַרטיקלען. מיר וועלן בלייבן ביי דער שולאַרבעט און ביי די שולן. און דערפאַר, און נאָר דערפאַר, בין איך דער רואיקסטער מענטש אין דער גאַנצער דעבאַטע. אומרואיק דאַרף זיין דער, וועלכער וויל עפּעס קריגן און קען דאָס ניט קריגן. רואיק קען זיין דער, וועלכער האָט שוין דאָס געקראָגן. אונדזער אַרבעט מיינט אָפּט מאָל גיין קעגן שטראָם, און ווען איר וועט קוקן אויף דער אַרבעט מיט די ברילן פון פּראַקטישקייט, מעגט איר זיך בעסער באַשעפטיקן מיט אַן אַנדער זאַך אָבער זיגן זיגט אָפּט ניט די פּראַקטישקייט פון היינט, נאָר דער ווייטער בליק אויפן מאָרגן״. („אונדזער שול״, מאַי, 1931) אין דעם זעלבן גייסט האָט גערעדט דער פאַרשטאָרבענער שריפטשטעלער און אַרבעטער־פירער א. ליטוואַק: „די שול אונדזערע, האָט ער געזאָגט, איז געקומען צו פאַרבלייבן. דעבאַטעס און אַטאַקעס וועלן זי ניט פאַרניכטן. היינטיק יאָר איז אַ שלעכט יאָר, דאַרפן מיר אַרבעטן מיט מער אָנשטרענגונג,

מיט אַלע כחות. זאָל דער צוזאַמענפאַר טאָן פּרוכטבאַרע אַרבעט. מיט אַרבעט וועלן מיר ענטפערן אויף דער דעבאַטע וועגן די שולן. מיר דאַרפן אַזוי פלייסיק אַרבעטן, אַז מיר זאָלן ווערן נאָך אַ גרעסערער כח אין דעם געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן. יעמאָלט וועלן אונדזערע שונאים מוזן ווערן אונדזערע גוטע פריינד.״ (דאָרט)

פ. געליבטער, דער פאַרשטאַרבענער בילדונגס־דירעקטאָר פון א״ר האָט, ענטפערנדיק די קעגנער פון די שולן, אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, וואָס אויך אַנדערע אימיגראַנטישע פאָלקסגרופּעס „אין אַמעריקע האָבן געבויט און בויען פרעמדשפּראַכיקע״ שולן פאַר זייערע קינדער. אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, פאַר־זיצער פון פעדאַגאָגן־ראַט און וועטעראַן פון יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט, האָט אויפן צוזאַמענפאַר דערקלערט:

„די קעגנער פון די יידישע שולן אין דעם לאַנד ווייסן ניט גענוג קלאָר וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. זיי ווייסן ניט, אַז דורך אויפהאַלטן די יידישע שפּראַך וויל מען די יידן פון אַמעריקע דערנענטערן צו זייערע ברידער פון מזרח־אייראָפּע און פון די פיל אַנדערע לענדער, איבער וועלכע יידיש־רייִדנדיקע יידן זיינען צעשפּרייט. זיי ווייסן נישט, אַז יידיש איז היינט־צו־טאָג די שפּראַך פון בערך דריי פערטל פון אונדזער פאָלק און אַז קענען יידיש הייסט קענען צונויפריידן זיך מיט אַט דעם גרויסן טייל פון אונדזער פאָלק. זיי ווייסן נישט, אַז יידיש איז פאַר אַ יידן אַן אוניווערסאַלע שפּראַך, אַז מיט יידיש קען מען דורכ־וואַנדערן די גאַנצע וועלט און צונויפריידן זיך מיט אייגענע ברידער. זאָל אַ ייד רייזן איבער פראַנקרייך, בעלגיע, האָלאַנד, איטאַליע, די באַלקאַנישע מדינות, טערקיי, אַפילו כינע און יאַפּאַן, געפינט ער דאָרטן יידיש־רייִדנדיקע יידן, ביי וועלכע ער וועט זיך געפינען היימיש און דורך זיי, ווען נייטיק, קענען קומען אין אַ פאַרבינדונג מיט די פעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן״.

דער צוזאַמענפאַר, ווען ער האָט זיך געשלאָסן, האָט אָנגענומען אַ שאַרפע פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״ פאַר זיין פרואוו צו שטערן די שולאַרבעט.

אויך דער לערער־פאַרבאַנד פון די א״ר־שולן האָט אָנגענומען אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע קעגן דעם גייסט, אין וועלכן די דעבאַטע איז געפירט געוואָרן.

כמעט אין דער זעלביקער צייט, אין מיטן מאַי, 1931, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן א״ר־שול־צוזאַמענפאַר אין מיטל־וועסט, — און אויך ער האָט זיך אָפּגערופן אויף די אַטאַקעס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף די א״ר־שולן.

צי האָבן די דאָזיקע אַלע דערקלערונגען געווירקט אויך אויף די קעגנער פון די א״ר־שולן אָדער נאָר אויף די גוטע פריינד, — אַלץ איינס איז מער קיין אָפענער קאַמף קעגן די א״ר־שולן מצד די פירערס און דער פרעסע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג נישט געפירט געוואָרן. די א״ר־שול איז, סוף־כל־סוף, אָנערקענט געוואָרן פון אַלעמען ווי אַ וויכטיקע א״ר־אינסטיטוציע וואָס

דאַרף געשטיצט ווערן פון אַלע די, וואָס זיי איז טייער די טעטיקייט פונעם אַרבעטער־אָרדן, און אָנגעהויבן פון 1936 איז אין זונטיקדיקן „פאָרווערטס" איינגעפירט געוואָרן אַ שטענדיקע אָפּטיילונג: קולטור־און שול־טעטיקייט פון א"ר, געפירט פון נ. כאַנין. די פּאָסיטיווע באַציאונג פון „פאָרווערטס" צו די א"ר־שולן האָט זיך שטאַרק געענדערט צום בעסערן, און ווען עס איז אין ניו־יאָרק אָפּגעריכט געוואָרן דער 20־יאָריקער יובילײ פון די א"ר־שולן, איז אין „פאָרווערטס" פאַרעפנטלעכט געוואָרן דער פאָלגנדיקער לייט־אַרטיקל:

„היינט, שבת אָוונט, קומט פאָר די פייערונג פון דעם 20 יאָריקן יובילײ פון די אַרבעטער־רינג־שולן; און די פירערס און טוערס פון דער שול־באַוועגונג פילן זיך, נאַטירלעך, יום־טובדיק. דאָס איז אָבער ניט נאָר זייערער אַ יום־טוב, און ניט נאָר אַ יום־טוב פאַר דעם גאַנצן אַרבעטער־רינג; נאָר ס'איז אויך אין אַ גרויסער מאָס אַ יום־טוב פאַר דער יידישער קולטורעלער וועלט בכלל. פאַר די 20 יאָר שול־אַרבעט האָט דער אַרבעטער־רינג אויפגעבויט אַ גרויסע נעץ פון 149 שולן, וואו אַכט טויזנט יידישע קינדער קריגן אַ יידישע און סאָציאַליסטישע דערציאונג. דורך די שולן באַקענען זיך די קינדער מיט דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, מיט דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, מיט דעם איצטיקן יידישן לעבן, מיט די שווערע יידישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס מאַטערן די יידן און אויך די פּראָגרעסיווע קרייזן איבער דער גאַנצער וועלט. און אַט די וויכטיקע קולטור־געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונג האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די אומדערמידלעכע טוערס פון דער שול־באַוועגונג, וואָס שאַנעווען ניט קיין צייט, קיין כחות און קיין געלט אויפצוהאַלטן און צו פאַרשפּרייטן די באַוועגונג, וואָס אַנטוויקלט זיך אין זייער שווערע, זייער אומגינסטיקע אומשטאַנדן, אויף דעם האַרטן באָדן פון דער אַמעריקאַנער ווירקלעכקייט, וואָס פאַרשמעלצט פרעמדע קולטורן אין איר ריזיקן, מעכטיקן „שמעלץ־טאָפּ". די שולן זיינען געוואָרן ניט נאָר אַ צווייטע היים פאַר די עלטערן, פאַר די דערוואַקסענע בכלל. דאָרטן, אין די שולן, ווערן דורכגעפירט אָפּען־פאָרומס, לעקציעס, לייענקרייזן און פאַרשיידענע אַנדערע קולטור־געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען. די שולן זיינען אַזוי געוואָרן אַ צענטער, וואו עס זאַמלען זיך אונדזערע בעסערע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע קרעפטן. זיי זיינען דעריבער מער ווי שולן. דאָס זיינען פאַר אונדז אויך גייסטיקע און סאָציאַליסטישע פעסטונגען.

די היינטיקע פייערונג פון דעם 20 יאָריקן יובילײ פון די אַרבעטער־רינג־שולן איז דעריבער אונדזער אַלעמענס אַ יום־טוב. ס'איז אַ יידישער יום־טוב און אַ סאָציאַליסטישער יום־טוב. און דער „פאָרווערטס" שיקט דעריבער פונעם גאַנצן האַרצן זיין וואַרעמסטע באַגריסונג צו די אַלע, וואָס פייערן היינט דעם יום־טוב און ווינטשט זיי אויף ווייטער וואָס אַ גרעסערן דערפאָלג אין זייער ניצלעכער, וויכטיקער אַרבעט פון דערציען אַ יידישן און סאָציאַליסטישן דור."

(„פאָרווערטס" פון 4טן מערץ, 1939).

II

אַ קורצער סך-הכל

אַז איבערבליק איבער די 20 יאָר אַ"ר־שול־טעטיקייט ווייזט אונדז, אַז נישט געקוקט אויף דער קעגנערשאַפט פון אינעוויייניק און פון דרויסן און נישט געקוקט אויף אַלע אַנדערע אומגינסטיקע תנאים, האָט די ענערגיע, די איבערגעבנקייט, די איינגעשפּאַרטקייט, דער אידעאַליזם פון שולטוערס און לערערס זייער אַ סך אויפגעטאָן.

קיין אַקטיווע אינעווייניקסטע קעגנערשאַפט צו די שולן איז מער נישטאָ, אויך די שטערונגען פון דרויסן זיינען נישט אין ערך קלענער, ווי זיי זיינען געווען אין אָנהייב.

די אַ"ר־שול האָט זיך באַפעסטיקט, און איר ווירקונג איז לאַנג שוין אַרויס פון די גרענעצן פון דער אַ"ר־מיטגלידערשאַפט. די אַ"ר־שול פאַרנעמט אַן אָנגעזען אָרט אין דער וועלט פון דער מאָדערנער יידישער דערציאונג.

די אַ"ר־שול איז צו גלייכער צייט געוואָרן דער אויסגאַנג־פּונקט און דער אָנהייב פון אַ יידיש־סאָציאַליסטישער יוגנט־באַוועגונג, אויך אַ צענטער פון בילדונג פאַר דערוואַקסענע.

די פּעדאַגאָגישע און אַלגעמיינע ליטעראַרישע אָרגאַנען פון דער אַ"ר־שול, אירע לערן־און לייען־ביכער, אירע העכערע קורסן און אירע עפנטלעכע פייער־לעכע אַרויסטרעטונגען זיינען לאַנג שוין געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פון דער אַלגעמיינער ליטעראַרישער און אַלגעמיין־קולטורעלער טעטיקייט אויף דער אַמעריקאַנער יידישער גאַס. די טוערס, פירערס און לערערס פון דער אַ"ר־שול שטייען אין די פאָדערשטע רייען פונעם קאַמף פאַר די יידישע קולטור־פּאָזיציעס דאָ אין לאַנד.

די אַ"ר־שול איז געוואַקסן און האָט זיך אַנטוויקלט אין איינעם מיטן גאַנצן אָרדן. אַזוי ווי ער אַליין, איז זי אויך געוואָרן אַלץ נעענטער און נעענטער צום אינעווייניקסטן יידישן לעבן; דערביי איז זי זיכער געווען איינע פון די כחות, וואָס האָבן אים גופא געהאָלפן פאַרנעמען זיין איצטיקן חשובן אָרט אין דער יידישער וועלט.

עס ווערט אונדז קלאָר דער מהלך, וואָס די אַ"ר־שול האָט אין משך פון איר בערך קורצער עקסיסטענץ באַוויזן דורכצוגיין, ווען מיר באַקענען זיך מיט דעם לייטמאָטיוו פון איר פּראָגראַם און פּראָפּאַגאַנדע אין די ערשטע — און אין די שפּעטערדיקע יאָרן. אין אָנהייב איז איר הויפּטפּלאַזונג געווען:

„דאָס יידישע אַרבעטער־קינד דעם יידישן אַרבעטער־קלאַס". שפּעטער איז צוגעקומען אַ צווייטע, אַ פּילזייטיקערע מאָטאָ: „דאָס יידישע קינד דעם יידישן פאָלק". דערביי איז פאַרשטאַנען געוואָרן, אַז די צוויי מאָטיוון שליסן נישט אויס איינס דאָס אַנדערע. געהערן צום יידישן אַרבעטער־קלאַס מיינט געהערן אויך ממילא צום יידישן פאָלק. דער קלאַסן־שטאַנדפּונקט ווערט נישט מער באַטראַכט ווי אַ סתירה צום נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט, ווען ער ווערט ריכטיק אויסגעטייטשט. די אַ"ר־שול און די בילדונג־און קולטור־טעטיקייט, וואָס איז אין און דורך איר געפירט געוואָרן, האָט טאַקע מיטגעווירקט דערצו, אַז ער זאָל ניט אַזוי איינזייטיק אויסגעטייטשט ווערן, ווי ער איז אויסגעטייטשט געוואָרן אַ מאָל. די אַנטוויקלונג פון דער אַ"ר־שול איז אויף דעם אופן געווען אי אַ רעזולטאַט, אי אַן אורזאַך דערפון, וואָס די מיטגלידערשאַפט פון אָרדן האָט איר פּראָגרעסיוו־סאָציאַלן אַני־מאמין אַלץ מער און מער פאַרבונדן מיט פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלע שטרעבונגען פונעם גאַנצן יידישן פאָלק.

די אַ"ר־שול־באַוועגונג איז אַלץ יידישער געוואָרן, — דאָס איז איין אַלגעמיינע טענדענץ פון איר אַנטוויקלונג; די צווייטע אַלגעמיינע טענדענץ איז, וואָס זי ווערט, וואָס ווייטער אַלץ מער און מער אַמעריקאַניש.

מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האָבן אַ סך געגלייבט, אַז עס איז שווער און כמעט אוממיגלעך צו זיין גלייכצייטיק אי יידיש, אי אַמעריקאַניש, אַזוי ווי עס איז געווען נאָך דאַן פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז עס איז אַ זינד צו פאַראייניקן סאָציאַליזם מיט יידישקייט. ביידע פאָראורטיילן זיינען אויס־געוועפּט געוואָרן. און די זעלביקע אַ"ר־שול, וואָס איז געוואָרן אַלץ יידישער, איז געוואָרן אויך אַמעריקאַנישער ווי זי איז געווען אַ מאָל. איר עצם יידישקייט האָט אין זיך איינגעזאַפּט דעם גייסט פון דער נייער היים — און דאָס איז ניט דער גייסט פון אַמאָליקע אימיגראַנטן. דער ייד אין אַמעריקע איז נישט מער קיין „גרינער"; זיינע הי־דערצויגענע קינדער זיינען עס אודאי נישט. און אַזוי ווי זיי האָבן שוין אויך קינדער, באַדינען אָפט שוין די אַ"ר־שולן, אַזוי ווי אַנדערע יידישע שולן, די קינדער פון דורכויס אַמעריקאַניזירטע אָדער אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע עלטערן . . . דאָס גופא האָט געמוזט ענדערן — און וועט נאָך מער מוזן ענדערן — די אַטמאָספער פון דער אַ"ר־שול, מאַכנדיק זי אַלץ ווייניקער „אימיגראַנטיש" און אַלץ מער אַמעריקאַניש. דערצו קומט נאָך צו דער פאַקט, וואָס מיר האָבן איצט אַמעריקאַנער־געבוירענע (און בכלל אַמעריקאַניזירטע יידן) צווישן די לערערס און די טוערס, נישט נאָר צווישן די עלטערן און די קינדער.

דאָס עפנט פאַר דער אַ"ר־שול נייע מיגלעכקייטן; דאָס שאַפט אָבער אויך נייע פּראָבלעמען און שטעלט פאַר איר נייע אויפגאַבעס.

צווישן עלטערן, וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין אַמעריקע און ריידן נאָר ענגליש, קאָן מען נישט פירן קיין אַגיטאַציע פאַר יידישער דערציאונג

אויף דעם זעלביקן אופן, ווי מען האָט זי געפירט צווישן אימיגראַנטישע עלטערן. דאָס איינגענע איז מיט די קינדער, וואָס קומען פון אַמעריקאַניזירטע יידישע היימען. די דאָזיקע קינדער איז פרעמד דער קלאַנג פון דער יידישער שפּראַך, זיי האָבן אויך קיין שייכות ניט צום יידישן לעבנס־שטייגער, — און מע קאָן מיט זיי נישט לערנען אַזוי, ווי מע לערנט מיט קינדער, וואָס קומען פון היימען, וואו מען הערט ריידן יידיש און מע זעט די אַדער יענע פאָרמען פון יידישקייט.

די צאָל פון א״ר־שול־קינדער, וואָס זייערע עלטערן זיינען דאָ־הי געבוירן געוואָרן, ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער (אין אַ סך שטעט זיינען די דאָזיקע קינדער שיר ניט 60 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל תּלמידים און תּלמידות פון דער א״ר־שול). ווערט מען צוליב דעם, וואָס די א״ר־שול ווערט אַמעריקאַ־נישער, מוזן אַריינטראָגן גרויסע ענדערונגען אין דעם מעטאָד פון לערנען, אַזוי ווי מען האָט געמוזט ענדערן די פּראָגראַם פון די לימודים צוליב דעם, וואָס די א״ר־שול איז געוואָרן יידישער. אָן אָנצוהערעניש אויף ענדערונגען אין די מעטאָדן פון פּראָפּאַגאַנדע האָבן מיר אין אַ דערקלערונג פון נ. כאַנין אויף דעם צענטן שול־צוזאַמענפאָר וועגן דער נייטווענדיקייט פון פּראָפּאַגאַנדע אויף ענגליש. „מיר זיינען געוויינט געוואָרן (לייענען מיר אין דער רעזאָלוציע) צו פירן אונדזער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע דורך די יידישע ציימונגען. היינט איז דאָס ניט גענוג. אין אונדזערע שולן פאַנגט אָן צו גיין אַ גרויער פּראָצענט קינדער פון יידיש־אַמעריקאַנער־געבוירענע עלטערן. מע דאַרף אין יעדער שטאָט צוקו־מען צו דער ענגלישער ציימונג און זען אַז דאָרטן זאָל מען דרוקן אונדזערע אויפרופן און נאָטיצן. מע דאַרף אַרויסגעבן ענגלישע ליפלעטס און די מאַטאַ דאַרף ביי אונדז איצט ווערן: פירן אַ פּראָפּאַגאַנדע אין דער ענגלישער שפּראַך פאַר דער יידיש־וועלטלעכער דערציאונג. וואָס פריער מיר וועלן דאָס טאָן, אַלץ בעסער וועלן מיר אַריינדרינגען אין די היימען פון די עלטערן, וואָס זיינען געבוירן אין אַמעריקע.״ („קולטור און דערציאונג״, מאַי, 1939)

אָבער נישט נאָר אין דער פּראָפּאַגאַנדע, אויך אין די מעטאָדן און אין דער עצם פּראָגראַם פון די לימודים האָט מען געמוזט שוין אָנהייבן זיך צו רעכענען מיט די קינדער פון אַמעריקאַנער געבוירענע עלטערן, — ווי דאָס ווייזט די נייע פּראָגראַם פון יידיש, וואָס איז באַשטעטיקט געוואָרן פונעם זעלביקן שול־צוזאַמענפאָר אין 1939.

אַ ווייטערדיקע צופּאַסונג פון דער פּראָגראַם און דער מעטאָדיק צום אַמעריקאַנעם יידישן לעבן, וואָס האַלט זיך אין איין ענדערן, דאָס איז איין גרויסע פּראָבלעם, וואָס שטייט פאַר דער א״ר־שול.

אַ צווייטע פּראָבלעם איז — די לערערשאַפט און די פאַרוואַלטונג. זיי ביידע זיינען פאָרמירט געוואָרן אין דער סביבה פון דעם ערשטן און דעם צווייטן דור. איצט מוזן זיי זיך צופּאַסן צום דריטן דור, צום דור פון אַמעריקאַנער

געבוירענע, וואָס ווייזט זיך אויף אונדזער דערציאונגס־אַרענע. סיי דעם לערער, סיי דעם פּאַרוואַלטער איז ניט גאָר שווער אַנגעקומען צו ווערן יידישער, ווען די אַ"ר־שול האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צום יידישן לעבן און צו דער יידישער קולטור־ירושה. אַ שווערן און אַ מער קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון צופּאַסונג וועלן זיי מוזן דורכמאַכן איצט, ווען די אַ"ר־שול ווערט אַמעריקאַנישער. זיי וועלן אַליין זיך מוזן ענדערן, — און זיי וועלן מוזן לאָזן אָרט אין זייערע רייען פאַר יינגערע כחות, פאַר לערערס און פאַרוואַלטערס, וואָס זיינען דאָ אין לאַנד אויפגעצויגן געוואָרן און וואָס זיי איז, דעריבער, לייכטער זיך אויפצורייידן מיטן צווייטן דור עלטערן און דריטן דור קינדער.

אין איינעם מיט די לערערס און די פּאַרוואַלטערס (און אין איינעם מיט די מעטאָדן פון די לימודים) וועט זיך מוזן ביסלעכווייז בייטן אויך די לערן־לייען־און אויפקלערונגס־ליטעראַטור פון דער אַ"ר־שול. די גאַנצע אַטמאָספער אין און אַרום דער שול וועט מוזן ווערן — און זי ווערט שוין ביסלעכווייז ווינציקער אַלט־היימיש־אימיגראַנטיש און מער יידיש־אַמעריקאַניש.

אויך די פינאַנסירונג־סיסטעם פון דער אַ"ר־שול וועט נישט בלייבן, ווי עס ווייזט, אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי איז ביז אַהער געווען. שוין איצט זיינען דאָ אַ"ר־שולן, וואָס אַ טייל פון זייערע הוצאות ווערן געדעקט פונעם אָרטיקן „וועלפעיר באָארד", און איינע פון די נאָענטסטע אויפגאַבעס איז צו זען, אַז די צאָל פון אַזעלכע שולן זאָל ווערן גרעסער און אַז פון די אָרטיקע יידישע קהלה־קאַסעס זאָלן אַסיגנירט ווערן פאַר זיי אַלץ מער אַדעקוואַטע סומעס.

דאָס וואָלט לייכטער געמאַכט, פון איין זייט, דעם מאַטעריעלן יאָך פון די שולן, איבערלאָזנדיק די טוערס און די לערערס מער צייט, אויך מער ענערגיע, פאַר אינעווייניקסטע אויסבעסערונגען, און פון דער אַנדער זייט וואָלט עס מער נאָך באַפעסטיקט די פּאָזיציע פון דער אַ"ר־שול אינעם אַלגעמיין־יידישן לעבן. אגב, וואָלט דאָס איינשליסן די אַ"ר־שולן אינעם אַלגעמיין יידישן קהלה־בודזשעט געקאָנט אפשר אויך מיגלעך מאַכן מיט דער צייט אַ גרעסערע דערנענטערונג צווישן זיי און אַנדערע טיפּן יידישע שולן.

מיט פּאַראייניקטע כחות וואָלט די מאָדערנע יידישע דערציאונג געקאָנט אפשר אָנהייבן בויען, וואָס די רעליגיעזע יידישע דערציאונג בויט שוין לאַנג — גאַנצע יידישע שולן . . . אויך דאָס איז איינע פון די אויפגאַבעס, וואָס שטייען פאַר אונדזער שול־באַוועגונג. מיט אַלע אירע כחות מוז זי שטרעבן צו אַנטוויקלען זיך אין דער טיף, נישט נאָר, ווי עס איז ביז אַהער געווען, אין דער ברייט. זי מוז ווערן בעסער, אויב זי וויל ווערן גרעסער.

דער פּעריאָד פון קאַמף פאַר אָנערקענונג און עקסיסטענץ איז צו ענד. דאָס, וואָס די אַ"ר־שול און די מאָדערנע יידישע שול בכלל מוז איצט טאָן, איז — קעמפן פאַר יידיש־דערציערישער קוואַליטעט.. וואָס בעסער די שולן וועלן ווערן, אַלץ גרעסער וועט זיין זייער צאָל — און זייער ווירקונג.



אין צענטער זיצט דער פּאָרזיצער ד"ר ב. האָפמאַן (צביון). רעכטס פון אים: נ. כאַנין, (בילדונגס-דירעקטאָר); י. פּאָרטנאָי; ז. ליבין; נ. חייט, (סעקרעטאַר פון דער צענטראַלער שול-פאַרוואַלטונג). לינקס פון פּאָרזיצער זיצן: ר. בלאַק, (וויצע-פּאָרזיצער); וו. עדלין, ז. יעפּרויקין, (דירעקטאָר פון דער מיטלשול); ס. וויגער, (פאַרטרעטער פון שטאָטישן קאָמיטעט).

נאָטיצן

צו קאַפּיטל 1

[1] ס. מ. גינזבורג: „מינזאווישעע" פּעטראָגראַד, 1923, ז. 115, אויך יו. געסען: „איסטאָריאַ יעווריעוו וו' ראָסיאי", סאַנקט-פּעטערבורג, 1914, ז. 65.

[2] ס. מ. גינזבורג: מינזאווישעע, ז. 115.

[3] ד"ר י. צינבערג: די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן, פאַרלאַג — „טאָמאַר", ווילנע, 1937, אַכטער באַנד, צווייט בוך, ז. 63.

[4] דאָרט, באַנד 5, ז. 332. אויך מאַקס עריק: עטיודן צו דער געשיכטע פון דער השכלה, מינסק, 1934, ז. 143.

[5] ישראל וויינלעז: אַריינפיר צו יוסף פּערלס יידישע „כתבים", ביבליאָטעק פון איוואָ, ווילנע, 1937, זז. XI, XVII.

[6] י. מ. טשעריקאָווער: „איסטאָריאַ ראַספּראָסטראַנעניאַ פּראָסוויעשטשעניאַ סרעדי יעווריעוו", פּעטערבורג, 1912, באַנד 1, זז. 169-219.

[7] ציטירט לויט מ. עריקס און א. ראָזענצווייגס „געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט", קיעוו, 1935, ז. 148.

[8] יידישע ביבליאָטעק, וואַרשע, 1890.

[9] יעקב דינעזאָן אין „הויז-פריינד", 1888, ז. 3.

[10] „יידישע פאָלקס-ביבליאָטעק" I, ז. 423.

[11] „דער יידישער וועקער", רעדאַגירט פון מ. ל. ליליענבלום, אָדעס, 1887, ז. 117.

[12] „פּיסמאָ אָ סטאַראָם אי נאָוואָם יעווריעיסטוועׂ", ז. 130.

[13] „דער יוד", 1902, נומער 25.

[14] י. ל. . . : „נאַציאָנאַלע ערציאונג," דאָרט, נומער 28.

[15] ציטירט לויט קלמן מרמרן: „דער ערשטער פּרואוו צו פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם צווישן יידן" אין „דעם האַמער", מערץ, 1937.

[16] ד"ר ח. זשיטלאָווסקי: זכרונות פון מיין לעבן, באַנד 1, ז. 13.

[17] היסטאָרישע שריפטן פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, באַנד 3, ז. 203.

[18] ד"ר ח. זשיטלאָווסקי: געזאַמלטע שריפטן, באַנד 6, ז. 55.

[19] א. ראָזין (בן אדיר) אין „צוקונפט", ניו-יאָרק, מערץ, 1936, ז. 134.

[20] מ. איוועצנסקי: דאָרט, ז. 147.

[21] זשיטלאָווסקי-זאַמלבוך, וואַרשע, 1929, ז. 22.

[22] ד"ר חיים זשיטלאָווסקי: געזאַמלטע שריפטן, באַנד 5, ז. 50.

[23] ש. דובנאָוו: „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום" (רוסיש), זז. 125, 127, 130, 134.

[24] ה. ערליך אין „25 יאָר", זאַמלבוך, וואַרשע, 1922, ז. 8.

[25] היסטאָרישע שריפטן פון ייוואָ, באַנד 3, ז. 625.

[26] שול-אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935, ז. 338, זע אויך יאָרבוך פון שלום-עליכם-פאָלקס-אינסטיטוט, 1928. דאָרט גיט מישקאָווסקי אָן דאָס יאָר 1898 פאַרן גרינדונגס-יאָר פון דער מירער שול און דאָס יאָר 1900 — פאַר דעם יאָר, ווען די נעסוויזשער שול איז געגרינדעט געוואָרן.

[27] דאָרט, זייט 339.

[28] דאָרט, ז. 343-347.

[29] דאָרט, ז. 20.

[30] ז. רייזען: „די מאָדערנע יידישע שול-באַוועגונג", „שול-פנקס", ווילנע, 1924, ז. 8.

[31] צו דער געשיכטע פון דעם מאָדערנעם שולוועזן אין פוילן, זאַמלבוך, וואַרשע, 1938, ז. 16.

[32] ציטירט לויט ה. ש. קאַזדאַן: „דער בונד און אונדזער שול-באַוועגונג", „נייע פאָלקס-צייטונג", אויסגאַבע צום 40 יאָריקן יובל פון „בונד", וואַרשע, 1937. זע אויך ג. פלודערמאַכער: „אַ וויכטיקע היסטאָרישע דאַטע" אין „ליטעראַרישע בלעטער", 20סטן אַפּריל, 1937.

[33] לאה רויטקאָפ: „מיין לערער דוד הערמאַן", אין „שולוועגן", וואַרשע, יאַנואַר, 1938.

[34] ש. ניגער: וועגן יידישער קינדער-ליטעראַטור. שול-אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935.

[35] ש. באַסטאָמסקי אין „שולפריינד", וואַרשע, דעצעמבער, 1938.

צו קאַפּיטל 2

[1] מ. דושקין: דזשואיש עדיוקיישאַן אין ניו-יאָרק סיטי, ניו-יאָרק, 1918, זז. 40, 45.

[2] דאָרט, ז. 33, זע אויך ל. סילווערס אַרטיקל אין „קולטור און דערציאונג", ניו-יאָרק, מערץ, 1939.

[3] יאָרבוך פון אַמאַפּטייל פון ייוואָ, 1938, ז. 130.

[4] דושקין, ז. 48.

[5] ב. פעלזענטהאל: יידישעס שולוועזען אין אמעריקא (דייטש), שיקאגא, 1866.

[6] דארט.

[7] רבי יחיאל ליפמאן מישקין: „די ערשטע יידישע שולע אין שיקאגא" „אינדריטשעס יום-טוב שריפטן", שיקאגא, 1939.

[8] ד"ר חיים זשיטלאווסקי: „געזאמלטע שריפטן", באנד 5, ז. 62.

[9] ש. ניגער: „ד"ר חיים זשיטלאווסקי און אונדזער שול", אין „אונדזער שול", ניו-יארק, 1936.

[10] „דאס נייע לעבן", ניו-יארק, יולי, 1909.

[11] יארבוך פון שלום-עליכם פאלק-אינסטיטוט, ניו-יארק, 1929, זז. 13-14.

[12] „פאלק-שולן בוך", מאנטרעאל, 1934, ז. 28.

[13] ציטירט לויט דער אויסגאבע פון 1917, זז. 211-212.

[14] צביון: די ערשטע ארבעטער-רינג-שול", „דער פריינד", יאנואר, 1939.

[15] „דער פריינד", אויגוסט, 1912.

[16] יואל ענטין: „די יידישע פאלקשול, „שול-אלמאנאך", פילאדעלפיע, 1935. זז. 119-120.

[17] פרץ-שול-בוך, מאנטרעאל, 1938, ז. 29.

צו קאפיטל 3

[1] קאנראד בערקאווסקי: סאציאליסטישע קינדערשול „פריינד", ניו-יארק, אקטא-בער 1911. אויך א. ש. זאקס: די געשיכטע פון ארבעטער-רינג II, ז. 506, און נ. חייט, פילאדעלפיער שול-אלמאנאך, 1935, ז. 113.

[2] א. ש. זאקס: „אונדזער יוגנט און דער א"ר", „דער פריינד", מאי, 1912.

[3] ר. אבראמאוויטש: מיינע ערשטע 20 יאר אין „בונד", „פארווערטס" פון 26סטן יאנואר, 1939.

[4] זשורנאל צום 10 יאריקן יובילײ פון אמאלגאמייטעד, א"ר-שול 3, ניו-יארק, 1937.

[5] שול-אלמאנאך, פילאדעלפיע, 1935, ז. 113.

[6] „דער יידישער סאציאליסט", שיקאגא, פון 1טן מאי, 1915.

[7] „דער פריינד", יאנואר, 1929. ווי עס שטייט אין „פריינד", זאל עס האבן געשען אין 1913, אבער דאס איז געווים א דרוקפעלער. דער צווייטער צוזאמענפאר פון דער יידישער סאציאליסטישער פעדעראציע וועגן וועלכער עס רעדט זיך, איז פארגעקומען ניט אין 1913, נאר אין 1915. זע אויך „יידישער סאציאליסט" פון 15טן יוני, 1915.

[8] שולבוך, טאָראָנטאָ, 1936, ז. 13.

[9] שול-אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935, ז. 120.

[10] א. גאָלדבערג אין „אונדזער שול", ניו-יאָרק ,פעברואַר, 1934, ז. 41.

[11] „אונדזער וואָרט", סאָציאַליסטיש-טעריטאָריאַליסטישע מאָנאַטשריפט, ניו-יאָרק, יאַנואַר, 1918.

[12] שולבוך, טאָראָנטאָ, 1936, ז. 39.

צו קאַפּיטל 4

[1] ח. טאַטאַרסקי אין „סואווענירן פון שיקאַגער אַ"ר", 1922, ז. 21.

[2] א. ש. זאַקס: „די געשיכטע פון אַ"ר" II, ז. 444.

[3] שול-אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935, ז. 114.

[4] סואווניר-זשורנאַל פון אַמאַלגאַמייטעד אַ"ר-שול, ניו-יאָרק, 1937, ז. 5.

[5] דאָרט.

[6] „דער פריינד", מאַי, 1915, ז. 90.

[7] דאָרט, ז. 10.

[8] ציטירט לויט א. ש. זאַקס „געשיכטע פון אַ"ר" II, ז. 509.

[9] ל. לעהרער: „די מאָדערנע יידישע שול", ז. 52, אויך 84-85.

[10] די אַרבעטער-רינג-שול, אַן ענטפער אויף פראַגן און אויסזעצונגען, וואָס ווערן געמאַכט קעגן די אַ"ר-שולן, אַרויסגעגעבן פון דער נאַציאָנאַלער עדיוקיישאָנעל-קאָמיטע פון אַ"ר, ניו-יאָרק.

[11] זע ז. יעפרויקין: „דער אידייאישער וועג פון אונדזער שול", „קולטור און דערציאונג", מאַי, 1939.

[12] א. ש. זאַקס: „די געשיכטע פון אַ"ר" II, ז. 515.

[13] ה. א. מיללער: „טהי סקול ענד טהי אימיגראַנט", קליוולענד, אָ., 1916, זז. 31-33, אויך 53.

[14] „אָור רעישיעל ענד נעשאָנעל מיינאָריטיס", עדיטעד ביי פ. י. בראַון ענד י. ס. רוסעק, ניו-יאָרק, 1937, ז. 600.

צו קאַפּיטל 5

[1] שול-אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935, ז. 114-115.

[2] י. פײַנערמאַנס דערינערונגען אין „פרײַנד״, יאַנואַר, 1929, אויך „פרײַנד״, פעברואַר, 1919, ז. 45, און סעפּטעמבער, 1919, ז. 42.

[3] יעקב לעווין: „די יידישע אַ״ר-שול״, 1920, זז. 7-8.

[4] סואווענירן פון שיקאַגער אַ״ר, 1922, ז. 22.

[5] שול-אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935, ז. 102 און ווייטער. דערביי איז צו באַמערקן, אַז די ציפער פון פ. געליבטערס דיאַגראַמען שטימען ניט אַלע מאָל מיט די ציפער וואָס זיינען אָנגעגעבן אין די פאַרשיידענע באַריכטן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „פרײַנד״ (זע צום ביישפּיל, יעקב לעווינס באַריכט אין „פרײַנד״ פון יאַנואַר, 1921).

[6] שול-אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, ז. 116.

[7] דאָרט, ז. 31.

[8] לויט ז. יעפרויקין אין „פאָרווערטס״ פון 1טן מאַי, 1939. לויט פ. געליבטער (אין פילאַדעלפיער שול-אַלמאַנאַך, 1935, ז. 34) מאַכט אויס די דירעקטע סובסידיע פונעם בילדונגס-קאָמיטעט אַרום 16-18 פּראָצענט און אין איינעם מיט אַנדערע אויס-גאַבעס אַרום 24 פּראָצענט פון די הוצאות פון אַלע שולן.

[9] ז. יעפרויקין אין „פאָרווערטס״, דאָרט.

[10] פ. געליבטער אין פילאַדעלפיער שול-אַלמאַנאַך, דאָרט.

צו קאַפּיטל 6

[1] א. ש. זאַקס: די געשיכטע פון אַ״ר, II, ז. 515.

[2] די יידישע אַרבעטער-רינג-שול, איר ציל און פּראָגראַם; ווי אַזוי אַ שול צו עפענען און אָנצופירן, צונויפגעשטעלט פון יעקב לעווין, אַרויסגעגעבן פון דעם בילדונגס-קאָמיטעט פון אַ״ר, ניו-יאָרק, 1920, זז. 69.

[3] שול-אַלמאַנאַך, פילאַדעלפיע, 1935, ז. 95.

[4] ח. בעז (בעזפּראָזוואַני) דאָרט, ז. 68. אויך „אונדזער שול״, פעברואַר, 1934 ז. 30.

[5] ח. בעז: שול-אַלמאַנאַך, ז. 70.

[6] א. ש. זאַקס: די געשיכטע פון אַ״ר, II, ז. 519.

[7] דאָרט.

[8] דאָרט.

[9] ה. בעז: „די פראגראמאטישע ענדערונגען . . .” שול-אלמאנאך, פילאדעלפיע, 1935, זז. 71-77.

[10] דארט, ז. 84.

[11] דארט, ז. 85.

צו קאפיטל 7

[1] ב. חייט אין שול-אלמאנאך, פילאדעלפיע, 1935, זז. 115-116.

צו קאפיטל 10

[1] סאוועניר פון שיקאגער א״ר, 1923, ז. 28.

[2] שול-אלמאנאך, פילאדעלפיע, 1935, ז. 102.

[3] שולבוך, טאראנטא, 1936, ז. 11.

[4] „אונדזער שול”, פעברואר, 1934, ז. 44.

[5] שולבוך, טאראנטא, 1936, ז. 11.

אַלגעמיינער זוכצעטל

א.

אַדעסער לערער-באַראַטונג (1913) — 21
„איך לערן זיך יידיש" (ט"ב) — 189
„אונדזער וואָרט" (כר') — 187
„אונדזער נייע שול" (כר') — 18
„אונדזער שול" (זש') — 189
אויסשטעלונגען (זע: שול-אויסשטעלונגען)
„אימיגראַנטן" (נאָוועלע) — 32
איינאַקטערס — 185
אַלומני-קלובן — 169-164
„אַנפאַנגער" (ל"ב) — 184
אַרבעטס-בוך פאַר יידישע געשיכטע—187
אַרקעסטערס — 169

ב.

בודזשעט (זע: שול-בודזשעט)
בונדיזם (בונדיסטן) — 10, 13, 14, 15, 19, 20, 34, 43, 44, 46, 47, 48, 54
ביאָגראַפיעס (לימוד) — 125
ביכער פאַר קינדער (זע: שולביכער)
בראָנזווילער שול (אַ"ר) — 85, 86, 87
ברענטשעס (אַ"ר)
1, 2, 3, 4, 6, 8, —ז' 41
18 — ז' 51
20, 24, 39, 43, 75, 101 — ז' 41
293 — ז' 51

ג.

געשיכטע לימוד — 117, 118, 124, 125, 126 127, 128, 134, 135, (זע אויך: מיטלשול)
„גרינינקע ביימעלעך" (זש') — 21

ד.

„דערציאונג" (זש') — 174

ה.

האַרלעמער שול (אַ"ר) — 84, 85, 96, 109, 110, 142, 155, 169, 180, 181
הילף-אַקציעס — 162, 163
העכערע קורסן (אַ"ר) — 153-160
העברעאיש (לימוד) — 39, 40, (זע אויך: מיטלשול)
העברעאישער עלעמענט — 117, 130

וו.

„וואַרהייט" (ט"צ) — 32
וויליאַמסבורגער שול (אַ"ר) — 84, 85, 86
ווילנער לערער-קאָנפערענץ (1907) — 19

ז.

זומער-קאָלאָניעס (זע: קעמפּ)
זשורנאַלן (זע: שולזשורנאַלן)

ט.

טאַנצגרופּעס — 169
טשערנאָוויצער קאָנפערענץ — 18

י.

יאַנג-סוירקל ליג — זע: יוגנט קלובן
יובל-פייערונגען (אַר"ש) — 101, 121

יוגנט-קלובן — 164-167
„יוד״; דער (וו״ב) — 8
יום-טובים — 115, 135, 170
„יונגע סאָציאַליסטן״ (צ״ש) — 42
„יידן אַמאָל״ (ט״ב) — 187
„יידישע וואָרט״ (כר׳) — 18
יידישע כרעסטאָמאַטיע — 18
יידיש-לימוד (זע אויך: מיטלשול)— 125, 126, 131, 132, 133, 134
יידישער לערער-סעמינאַר — 156, 158
„יידישער סאָציאַליסט״ (צ״ש) — 47
יידישע סאָציאַליסטישע שולן — 48
יידישע פרייע שולן — 54
„יידישע שפּראַך״ (דאָס ערשטע לערנבוך אין אַמעריקע) — 39

כ.

כאָרן — (זע: קינדערכאָרן)
כרעסטאָמאַטיע פאַר דערוואַקסענע — 18

כּ.

כּללים פון דער רוסישער רעגירונג (1914) — 21

ל.

ליטעראַטור — לימוד (אר״ש) — 125, 131, 134 (זע אויך: מיטלשול)
ליענביכער (זע: שולביכער)
לייענקרייזן — 183
לעגענדעס (לימוד) — 116, 124, 125
לערנביכער (זע: שולביכער)
לערער-זשורנאַלן — 174
לערער-פאַרבאַנד (אַ״ר) — 175-178, 207
לערער-פאַרזיכערונג — 178
לערער-קאָנפערענץ — אר״ש (1924) — 118
לערערקורסן (זע: העכערע קורסן)
לעקציעס — 170

מ.

מאַטיוון (פאַר אַן אר״ש) — 70-77
מיטלשול (אַ״ר) — 142-153, 170
„מיין שפּראַכבוך״ (ט״ב) — 189
מוטערקלובן — 179, 182
„מוטערשפּראַך״ (כר׳) — 18
מעשהלעך פאַרלאַג — 21
מפיצי-השכלה — 8, 18, 21

נ.

נאַציאָנאַל ראַדיקאַלע שולן (ערשטע שול) — 39

ס.

סאָנדעי-סקולס (סאָציאַליסטישע) — 41, 42, 43, 44, 45, 46, 47, 48, 52
סאָציאַלע דערציאונג — 128
סאָציאַליסטן-טעריטאָריאַליסטן (זע אויך: ציוניסטן-סאָציאַליסטן) — 30, 34, 38, 39, 48, 51, 54
סאָציאַליסטישע פעדעראַציע (יידישע) — 47, 48, 49, 50
סיימיסטן — 15, 43, 44

ע.

עלטערן-פאַראיינען — 179, 181, 182
ערשטע אר״ש — 84-89
ערשטע וועלטלעך-רעליגיעזע שולן
מזרח-אייראָפּע — 4
אַמעריקע: 23, 24, 25
ערשטע יידיש-וועלטלעכע שולן
מזרח-אייראָפּע: 16, 17, 19, 20, 21
אין אַמעריקע: 30, 31, 32, 39, 40, 48, 49, 51, 84
ערשטע לערערס אין די יידיש-וועלטלעכע שולן: מזרח-אייראָפּע: 16, 17, 18, 19, 20, 21
אין אַמעריקע: 30, 31, 32, 39, 40, 51, 48, 49, 84
ערשטע פאַרלאַגן פאַר קינדערביכער — 21
ערשטע לערנבוך (אַמעריקע) — 39
ערשטע שול-קאָנפערענצן (אַ״ר) — 81, 82, 87

פ.

פועלי-ציון — 15, 29, 30, 34, 39, 43, 77
פעדאַגאָגישער בולעטען (א"ר) — 190
פראָגראַם (אר"ש) — 107-113, 117, 119-124, 126, 128, 129, 130, 131, 132, 133, 135-139

פּ.

פּאַרוואַלטונגען — 94, 179
פּאַרשול-בילדונג (זע: קינדער-גאָרטנס)
„פּאַרווערטס" (ט"צ) — 27, 35, 197, 198, 201-208
„פון יידישן קוואַל" (כר') — 39
„פרייהייט" (ט"צ) — 91
„פריינד" (ט"צ) — 17

צ.

צאָל שולן (אר"ש) — 89
צאָל תלמידים (אר"ש) — 90
ציוניסטן סאָציאַליסטן (זע אויך: סאָציאַליסטן טעריטאָריאַליסטן און פועלי-ציון) — 15, 29, 30, 28, 44

ק.

קאָנווענשאָנס (א"ר)
10טע — 35, 52
13טע — 53
14טע — 53
15טע — 53, 54, 55, 56, 57
16טע — 1, 64, 65, 66, 67, 68, 81
17טע — 71, 81, 184
18טע — 82, 108
19טע — 70, 111, 155, 196
20סטע — 71, 76, 110, 155, 173, 179, 185
21סטע — 156, 168
22סטע — 75
25סטע — 73, 94, 116, 199
27סטע — 165, 168, 171
35סטע — 102, 167, 173
37סטע — 169
קאָנצערטן — 170
קולטור-צענטערס — 180, 181
„קולטור און דערציאונג (זש') — 190
קורסן פאַר דערוואַקסענע — 170
קינדער-ביבליאָטעק — 187
קינדער-גאָרטנס — 140-142
„קינדער-זשורנאַל" (שעפ"א) — 186
קינדערזשורנאַלן — 185, 188
קינדערכאָרן — 169
„קינדערלאַנד" (זש') — 185, 186, 187
„קינדערצייטונג" (זש') — 189
קינדער-קאָנפערענצן — 173
קינדערקלובן — 161-164
קינדעררינג (פג') — 189
קינדעררינג (זש') — 188
קינסטלערישע אָוונטן — 170
קעמפּס — 170-172

ר.

רעפערענדומס — (זע: שול-רעפערענדומס)

ש.

שול-אַלמאַנאַך (פילאַדעלפיער) — 101, 190, 191
שול-אויסשטעלונגען — 172-173
„שול און היים" (זש') — 174
שולבודזשעט (א"ר) — 102, 103, 104, 105, 106
שול-בולעטען (א"ר) — 189
שולביכער — 184, 185, 186, 187, 188, 189
שולשטייער (א"ר) — 101, 102

שולזשורנאַלן (אַלמאַנאַכן, סאוועניִרן)— 190
שול-ליטעראַטור (זע: שולביכער)
שלום-עליכם-פאָלקשולן (אָנהייב) — 40
שולן פון ברענטשעס (אַ"ר) — 50-51
שול-רעפערענדומס (אַ"ר) — 82, 83, 84
שפּאַלטונג אין די אַר"ש — 90-100, 119, 124, 171, 178, 200
שול-צוזאַמענפאָרן (אַ"ר) — 173-174
1טער — 111, 112, 115, 117, 120, 197
2טער — 111, 117, 152, 174, 186, 198
3טער — 90, 91, 117, 143, 157, 162, 174, 186, 187
4טער — 174
5טער — 94
6טער — 94, 96, 97, 98, 117, 118
7טער — 118, 147, 158, 188
8טער — 124, 125, 126, 127, 128, 165, 171, 182
9טער — 128, 147, 159, 171, 188
10טער — 128, 129, 130, 140, 141, 147, 151, 168, 172, 173
11טער — 131, 134, 135, 140, 141, 142, 152, 159, 211
פון די מזרח-שטאַטן (יאָר 1931) — 206, 207
פון די מזרח-שטאַטן (יאָר 1932) — 166, 188

ת.

תלמוד-תורה און די אַר"ש — 192-195

קירצונגען

אַ"ר — אַרבעטער-רינג
אַר"ש — אַרבעטער-רינג-שולן
בר' — ברענטש
וו"ב — וואָכנבלאַט
זש' — זשורנאַל
ט"ב — טעקסטביכער
ט"צ — טעגלעכע ציטונג
כר' — כרעסטאָמאַטיע
ל"ב — לייענבוך
פג' — פאַרלאַג
צ"ש — צייטשריפט
שעפ"א — שלום-עליכם-פאָלקס-אינסטיטוט

זוכצעטל פון נעמען

א.

אַב (באַראַ-פּאַרק) — 97
אַבראַמאָוויטש, ש. י.
(מענדעלי) — 5
אַבראַמאָוויטש, ר. — 41
אַבראַמאָוויטש, ל. — 71
אָוערבאַך, אפרים — 189
אַחד-העם — 8, 18
אייבראַמס, ד. — 53
איווענסקי, מ. — 157, 198
אַלגין, מ. — 18, 156
אַנ—סקי, ש. — 9
אָסטראָווסקי, ב.—51, 95, 118, 147, 171
אסתר — 20
אַפּאַטאָשו, י. — 187
אַקסענפעלד, ישראל — 4
אַש, שלום — 108
אַשעראָוויטש, מ. — 189

ב.

באַסיין, לייבע (זע: לעאָן עלבע)
באַקאַל, מ. 48, 79, 154
בוכוואַלד — 156
בורגין, ה. — 156, 157
ביבער — 48
ביילין י. ב. — 51, 118, 157, 185
בירנבוים, מ. — 18, 20, 21
בלאַק (האַרלעם) — 97
בלאַק, ר. — 93, 171
בלעכמאַן, מ. — 93
בעז, ח. (בעזפּראָזוואַני) — 114, 128, 129
160, 187, 189, 191
בעזין, מ. — 74
בעקין, ל. — 181
בער, ד. — 17
בערקאָוויסי — 42
בראַמבערג, א. — 51
ברוזעל — 16
ברעסלער, ג. — 96, 147

ג.

גאָלאָמב, א. — 16, 191
גאָלדבלום, ח. (קישינעווסקי)—30, 31, 32
גאָלדמאַן, א. ל. — 51, 84, 86, 143
גאָרדין, יעקב — 28
גאַרשין — 187
גוזמאַן — 55
גילינסקי, ש. — 20
גינגאָלד, פּ. — 191
גינזבורג — 55, 56
גלאָבוס ד"ר — 39
גלאַנץ, א. — 68, 69
געלבאַרט, מיכל — 189
געבינער, ב — 95
געליבטער, פּ.—79, 80, 89, 94, 100,123,
128, 166, 170, 182, 190, 191, 200, 207
געלפּאַר, ל.— 96
גראַבאַרד, ב. — 147
גראָס, נפתלי — 186, 187, 189

ד.

דאַראָשקין, י. — 96
דובאָווסקי, ר. — 191
דובנאָוו, שמעון — 8, 13, 14, 18, 188
דינעזאָן, יעקב — 7
דראַגונסקי, י. ל. — 185
דראַפּקין, ס. — 53, 55

ה.

האפמאן, ב. ד"ר — (זע: צביון, ב.)
האמבורג, הערץ — 5
הארָאוויץ, י. — 189
הארקאווי, א. — 156, 207
הורוויץ, חיים חייקל — 4
הורוויץ, ש. (זאלקעס) — 18, 118
הירש, יעקב — 3
הערמאן, דוד — 19, 21

ו.

וואהל, י. — 184
וואלאָוויטש, ה. — 188
וואלד, ש. — 191
וואלינסקי, א. — 93
וויינבערג, י. — 53, 55, 56
וויינער, לאזאר — 189
ווייסמאן, ש. — 191
וויקטאר, ל. — 47
וויינשטיין, ב. — 189
וולאדעק, ב. — 47

ז.

זאלצמאן, ר.—53, 55, 56, 98, 191
זאקס, א. ש. — 64, 69, 156, 157
זשיטלאָווסקי, חיים, ד"ר—10, 11, 12, 15, 27, 28, 29, 38, 39, 53, 55, 56, 57, 60, 93, 123, 190, 191

ח.

חייט, נ. — 47, 53, 74, 84, 96, 191
חפץ, י. ד"ר — 118

י.

יאנאס — 198
יאפע, יהודה ד"ר — 97, 157
יוד, נחום — 110, 184, 189
יאסעלסאן, א. — 191
יעפרויקין, ז. — 74, 89, 95, 98, 113, 121, 128, 135, 147, 160, 163, 164, 175, 176, 187, 189, 191
יפה, אידא — 95, 128
ישורין, יעפים — 15, 55, 56

כ.

כאנין, נ. — 48, 49, 73, 89, 93, 97, 105, 123, 128, 189, 191, 192, 199, 203, 204, 205, 206, 208, 211,

ל.

לאנדאן, מאיר — 52, 73, 78, 199
ליואנס, יודזשין — 42
ליאוו, מ. — 157
ליבערמאן, אהרן — 9
ליבערמאן, חיים — 39, 40
ליטוואק, א. — 97, 98, 119, 128, 181, 193, 206
ליטווין, א. — 57, 58, 59, 60, 61, 62, 63, 74, 108
ליליענטאל, מאקס ד"ר — 5, 24
ליעסין, אברהם — 9, 10, 11, 12, 15, 27, 35, 36, 37, 75, 76, 121
לעהרער, ד. — 191
לעהרער, לייבוש — 156, 157, 160
לעהרער, ליפע — 191
לעווין, יעקב — 18, 20, 48, 61, 73, 77, 84, 91, 92, 93, 96, 107, 108, 109, 112, 113, 143, 145, 154, 156, 157, 171, 184, 185
לעווינסאן, יצחק-בער — 3, 4, 5

לעפין, מענדל — 4
לערנער, שבתי — 31

מ.

מאַטענקאַ, י. — 51
מאַי, ז. — 55
מאָהלער, א. ד"ר — 160
מאַנושעוויטש, אָשר — 88
מאַני לייב — 189
מאַרק, יודל — 128, 131, 160, 189, 190
מונוויִיז, מ. — 64
מילנער, חנה — 95
מישקאָוסקי, נח — 16, 17, 191
מעלצער, ל. — 39, 193
מענאַכאָווסקי, מ. — 191
מענדעלסאָן, י. 129
מענדעלסאָן, משה — 3, 5
מעריסאָן ד"ר — 28
מרמר, קלמן — 143, 157

נ.

נאָוואַק, ה. — 39, 190
ניגער, ש. — 156, 157, 160, 190, 191
נעגין, י. — 96

ס.

סאָוועצקי — 55, 56
סאַלוצקי, האַננאַ — 108
סאַלוצקי, י. ב. — 49
סאָשינסקי — 55
סיגל, ה. — 191
סילווערבערג, ס. ד"ר — 53, 55, 56
סיימאָן, פ. — 190
סירקין, נ. ד"ר — 37, 74
סמיט, א. — 64

ע.

עהרנרייך, ה. — 39
עטינגער, ז. 198
עלבע, לעאָן — 39, 40
עלסבערג, ש. ד"ר — 39
עלקין, מענדל — 189
ענטין, יואל — 32, 38, 39, 51, 191
עפּשטיין ,אב. — 53, 55, 56, 108
עפּשטיין, שכנא — 47, 48
ערליך, ה. — 14

פּ.

פּופּקאַ, ה. — 15
פּינים, י. א. — 191
פּלאַט, י. מ. — 187
פּלודערמאַכער, גרשון — 18, 191
פּערל, יוסף — 4
פּרץ, י. ל. — 6, 11, 12, 18, 20

פֿ.

פֿאַגעלמאַן, ל. ד"ר — 160
פֿיינערמאַן, נ. — 47, 52, 55, 56, 67
84, 93, 108
פֿעלזענטאַל, ב. — 24
פֿראַנק, ה. ד"ר — 191

צ.

צביון (האָפּמאַן) ב. ד"ר — 35, 45, 46,
48, 52, 84, 156
צוקער, א. — 93
צוקערמאַן, ברוך — 39
צפת, ש. — 191
צעדערבוים, א. — 5

ק.

קאָברין, לעאָן — 32, 34
קאַהאַן, אב. — 202, 203, 204, 205
קאַהאַן, וו. — 55, 56
קאַהן, חייקע — 48
קאַהן, מ. — 191
קאָהן (קאַליפאָרניע) — 55, 56
קאַזדאַן, ח. ש. — 191
קאַלדאָווסקי, ל. — 51
קאַלעצקי, סאָפיע — 19
קאַמאַי, י. — 48
קאַמינסקי, י. — 189
קאַמענעצקי, נ. — 96
קאַנטאָראָוויטש, חיים — 95, 118, 147
קאַסטעליאַנסקי, נ. — 191
קאָסאָווער, מ. — 160
קאַספע ד"ר — 156
קאַצענעלנבאָגען, אוריה — 191
קופערשטיין, וויערא — 20
קישינעווסקי, ח. — זע: גאָלדבלום ח.
קלעצקין, ב. — 21
קראַנץ, פיליפ — 69
קרעמער, דזשעני — 48
קרעפליאַק, י. — 187, 189

ר.

ראָגאָף, ה. — 156, 157
ראַטשיין, מ. — 64
ראַפּאַלאָווסקי, א. — 47, 53, 64
ראַפּאָפּאָרט, ש. ז.—זע : אַנ—סקי, ש.
ראַפּאָפּאָרט, ש. — 191
רייזען, אברהם — 16, 18
רייזען, זלמן — 15, 18
ריינוויין, א. — 51

ש.

שאַפּיראָ, מ. — 96, 97, 191
שאַצקי, י. ד"ר — 118, 160, 190
שטיינבוים, י.—96, 143, 184, 185, 189
שטיינבערג, יהודה — 110, 184
שויס, חיים — 118, 157, 187, 188
שומיאַטשער, אסתר — 189
שומערט מר"ס — 157
שיפּער, א. — 62
שלום-עליכם — 189
שלעגער, א. — 31
שפּיטאַלניק, ל. — 48
שעלובסקי, מ. — 48
שער, ז. — 46, 52, 53, 55, 56
שערעשעווסקי, ז. זע : שער, ז.
שקליאַר — 96